STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00198

DI LIDER FUN MAYNE LIDER

Melech Ravitch

Permanent preservation of this book was made possible by
The Steven Goldstein Family
in memory of
their Grandparents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די לידער פון מיינע לידער

די לידער פון מיינע לידער

מלך ראוויטש

א כינוס — אויפגעקליבן פון דרייצן זאמלונגען

1909 ☆ ☆ ☆ ☆ ☆ ☆ ☆ ☆ ☆ ☆ ☆ ☆ ☆ ☆ ☆ 1954

ארויסגעגעבן פון מ. ראוויטש בוך קאמיטעט ביי דער
יידישער פאלקס ביבליאטעק אין מאנטרעאל

MELECH RAVITCH:

THE SONGS OF MY SONGS, 1909-1954

PUBLISHED BY M. RAVITCH BOOK COMMITTEE
AT THE JEWISH PUBLIC LIBRARY, MONTREAL
1 9 5 4

4499 ESPLANADE AVENUE, or: BOOK CENTRE, 4629 PARK AVENUE

אַלע
אילוסטראַציעס
פון
יאָסל בערגנער

די
דרייצן
זאַמלונגען:

א. אויף דער שוועל . . .
ב. אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט
ג. רואינענגראָז
ד. ספּינאָזאַ
ה. פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן
ו. נאַקעטע לידער
ז. די פיר זייטן פון מיין וועלט
ח. בלוט אויף דער פאָן
ט. קאָנטינענטן און אָקעאַנען
י. לידער און באַלאַדן פון די לעצטע דריי פיר יאָר
יא. 67 לידער און באַלאַדן
יב. די קרוינונג פון אַ יונגן יידישן דיכטער אין אַמעריקע
יג. נייע לידער און פּאָעמעס

אַ באַגלייטוואָרט

און אָט ליגן זיי פאַר דעם מחבר די פינפט־האַלבן הונדערט געדרוקטע זייטן מיט דעם סך הכל — אין קורצע און אין לאַנגע שורות — פון דעם האַרץ און מוח פון זיין לעבן. אין צווייטן צענדליק פון זיינע יאָרן האָט ער אָט די שורות אָנגעהויבן צו שרייבן און ער שרייבט זיי נאָך ביים אָנהויב פון זיבעטן צענדליק, ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל אים אַליין נישט פאָרקומען. אדרבא גיט אַ קוק אויף זייט 113, טאַקע פון אָט דעם בוך.

עס איז שוין דאָס צווייטע מאָל, וואָס איך גיב אַרויס אַזאַ מין פּאָעטישן סך הכל. דער ערשטער איז דערשינען אין יאָר 1922, האָט אַרומגענומען זעקס זאַמלונגען. האָט זיך גערופן „דער קרן פון אַ ל ע מיינע לידער". די כוונה פון דעם מחבר איז דעמאָלט געווען מער קיין לירישע לידער נישט צו שרייבן. און מיט אַ יאָר פריער, אין דער הקדמה צו די „נאַקעטע לידער", האָט ער זיין כוונה באַגרינדעט: די יידישע ליטעראַטור — מיין גורל — דאַרף מענטשן און ווערק און נישט לידער און פּאָעטן... ער האָט אַלעמאָל געשטעלט די טאַט העכער ווי דאָס וואָרט.

* * *

צוויי־דריי יאָר איידער דעם צונויפשטעלן אָט די איינזאַמלונג איז צוגעגרייט געוואָרן אַ מאַנוסקריפּט פון אַ זעלבסט־אַנטאָלאָגיע, אונטער דעם נאָמען „איך האָב געזוכט גאָט". זי איז אין אַ גרויסער מאָס אינטעגרירט געוואָרן אין אָט דעם בוך און וועט ממילא שוין מער נישט דערשיינען. ס'ווילט זיך עס פאַרצייכענען — סתם אַזוי.

* * *

„זיגזאַגן איבער דער וועלט" האָט געדאַרפט הייסן אַ סעריע ביכער מיט רייזע־באַשרייבונגען פון דעם מחבר, וואָס דער ווילנער פאַרלאַג „טאַמאַר" האָט געזאָלט אַרויסגעבן, קנאַפּ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. „זיגזאַגן איבער אַ יידישער נשמה" האָט אפשר געדאַרפט אָנגערופן ווערן דאָס בוך. מיט אַ ליד פון ליבע צו דער מוטער הייבט זיך עס אָן — און מיט אַ ליד פון ליבע צום גייסטיקן פאָטער פון אונדז אַלע, היינטיקע יידישע דיכטער, ענדיקט זיך עס.

און דאַצווישן זענען זיגזאַגן — זיגזאַגן. זיגזאַגן מיט אַ גליענדיקער בענקשאַפט צו אַ יסוד־ליניע, אַ יידישער ליניע אין העלענישע קרייזן...

* * *

און אָט בלעטער איך און איך בלעטער און אַזש שרעק נעמט מיך אַרום:
— — אַזויפיל טרויער, אַזויפיל צער, אַזויפיל טראַגיזם. כמעט נאָר טרויער, נאָר צער, נאָר טראַגיק. זאָל דאָס מעגלעך זיין, אַז עס גייט אויך מיר, פּונקט ווי עס איז געגאַנגען י. י. זינגערן /1893—1944/, מיט וועלכן עס האָט מיך

פאַרבונדן אַ לאַנג-יעריקע, דינאַמישע, און אָפט שטאַרק קאָנטראַווערזאַלע, פריינטשאַפט? מיר — דעם שטענדיקן „אָפּטימיסט״? ער — זינגער — האָט מיר אַמאָל אין אַ עת צרה געענטפערט, ווען איך האָב אים געטרייסט און גע־מוטיקט, כהאי לישנא: — וואָס זאָל איך טון, וואָס זאָל איך טון, אַז דאָס גליק פיל איך אינגאַנצן נישט, און דאָס אומגליק פיל איך אַזוי שטאַרק...

און דאָך איז נישט נאָר מיין נאַטור — אויב איך האָב אַזאַ נאַטור — שולדיק אין דעם דאָמינירנדיקן טראַגישן טאָן פון דעם בוך. עס איז נאָר דאָ און דאָרט באַזוימט, ווי אַמאָל אַ וואָלקן, מיט אַ דינעם, העלערן שטראַל. נישט מיין נאַטור, נאָר די צייט. נישט דאָס בילד, נאָר די רעמען...

אדרבא, לאָמיר גיין פון בוך צו בוך און מיט עטלעכע ווערטער ביי יעדן זיך אָפּשטעלן:

* * *

„אויף דער שוועל״ — איז אַ ביכל פון אַ קינד כמעט. און די צייט, פיר־פינף יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. גאַליציאַנישע און ווינערישע זאַרג-לאָזע סענטימענטן — דער טאָן.

„אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט״ — ערשטע אינערלעכע אומרו, ערשטע אויסערלעכע אומרו. אין הינטערגרונט די באַלקאַנישע מלחמות, די ערשטע וויטע דונערן פון ערשטן וועלט־קריג. אין דער פאָרם, אַ שטרעבן צו באַפרייען זיך פון דער השפעה פון מיין גרויסן פריינט און לערער שמואל יעקב אימבער ז״ל.

„רואינענגראָז״ הייסט אַזוי, ווייל ווען איך בין צוריקגעקומען אין מיין שטעטל נאָך די צעשטערונגען בשעת דער ערשטער וועלט מלחמה, האָב איך, שטאָט אַ באַרג רואינען, געפונען ממש אַ גרינעם, זאַפטיקן דזשונגל פון גראָז אויף אָט די רואינען... די זאַמלונג פול מיט נאַאיוון גלויבן אין מענטש. „דער מענטש איז גוט!״ האָט געהייסן דאָס ערשטע גרויסע קריגס-בוך — געשריבן פון לעאָנהאַרד פראַנק. שטימונגען איסייאישע, אור־קריסטלעכע, וועגעטאַרישע.

„ספינאָזאַ״ — גייסטיקע פאַרמירונג. אינערלעכע קאָנסאָלידאַציע. זוכן אַן עיר מקלט פון טרייסט אין דער צייט פון די דריי יאָר מיליטער־דינסט 1915—1918. נישט „מיין גאָט״ איז ספינאָזאַ — נאָר מיין מענטש. אַזוי פון 1916 אָן. כאָטש נישט יעדעס וואָרט זיינס לאָזט זיך איינרעמען אין יעדער צייט — און אוודאי נישט אין אונדזער יידישער צייט.

„פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן״ — זאָלן כאַראַקטעריזירט ווערן מיט אַ פראַגמענט פון זייער אייגענער הקדמה: דאָס גייסטלאָזע בוך פון גשמיות. די אָרגיע פון דעם אמת. געשריבן אָן הומאָר — אַ בוך פון איידער געלעכטער. /אגב, ווערן די לידער — זייטן 75־86 — געדרוקט אָן אינטערפּונקציע און ווי פּראָזע — אַן עקספּערימענט צוגעפּאַסט צו יענער צייט/.

פון „נאַקעטע לידער" זאָל אויך ציטירט ווערן פון זייער אייגענער הק-דמה: אין אָט די נאַקעטע לידער בין איך גאַנץ... מיין פיבער און מיין רו. אָפּטימיזם און פעסימיזם. באַציאונג צו וועלט און צו יחידים. געוויסן און האַרץ. סאַדיזם, נזירות, גלויבן אין דער רעוואָלוציע, אפילו קעגן ספּינאָזאַ. מיין באַגער איז גליק — מיין גליק און דיין גליק. אין די לידער בין איך נאַקעט, נאַקעטער, סקאַלפּירט.

„די פיר זייטן פון מיין וועלט" האָבן געהאַט אַ לאַנגע הקדמה. אָט איז אַ קליינער פראַגמענט:

„געזאַנג צום מענטשלעכן קערפּער" — די לעצטע בליטן פון דעם אָפּ-געדאַרטן בוים פון מיין אָפּטימיזם... אַזוי האָב איך אַמאָל געגלויבט אין דעם מענטש... דער גלויבן וועט ווידערקומען... „געזאַנג צו דער זון" — איז דאָס געזאַנג צו דער איינציקער, און דערוויל דענקבאַרער און לאָגישער, פאָרם פון גאָט... דורך די שורות פון דעם „געזאַנג פון האַס און ליבע צום יידישן פאָלק" — ציט דער ליכטיקער שטראָם פון מיין יידישן גלויבן, אַז דעם יידישן פאָלק וועט עס זיין באַשערט צו זיין דאָס ערשטע אַנטפּלעקטע, די ערשטע פאַרמענטשטע עדה פון דער וועלט. דווקא דאָס געזאַנג פון האַס און ליבע איז די אָפּטימיסטישסטע זייט פון די פיר זייטן פון מיין וועלט. דער מענטשלע-כער „משפּט איבערן טויט" — איז אַ קעגנשטיק צום געזאַנג צו דער זון. געשריבן מיט מענטשלעכער, נאַרישער שרעק פאַרן טויט, אָבער אָן אַ שאָטן פון פעסימיזם.

„בלוט אויף דער פאָן" — איז אַ „פּאָליטישער" אני מאמין פון איינעם, וואָס האַלט, אַז אַ בעלעטריסט טאָר זיך בשום אופן מיט קיין שום פּאַרטיי, און אונטער קיין שום באַדינגונגען קיינמאָל נישט בינדן. אַזאַ בינדונג מוז זיין אַ מעזאַליאַנס פון דעם מאָמענט פון הרי את אָן... דער פּראָבלעם פון הומאַני-טאַריזירונג פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז אין צענטער פון דער דאָ-זיקער זאַך.

„קאָנטינענטן און אָקעאַנען" — איז אַ רעזולטאַט פון ווייטע וועלט-רייזעס. דאָמינירן דאָרט דיליידן פון דער פּאַרביקער, גרויסער מאַיאָריטעט פון דער מענטשהייט און אירע קאַמפן מיט דער ווייסער מינאָריטעט, אין אַלע ווינקלען וועלט. די זאַכן זענען בעיקר געשריבן געוואָרן אין די ערשטע יאָרן פון שריי-ענדיקן, דראָענדיקן היטלער און שווייגנדיקער וועלט... די לידער זענען פול מיט אַנונגען /שפּעטער אַזוי מוראדיק וואָר-געוואָרענע/ פון דעם דריטן יידישן חורבן. פון דער הקדמה: בשעת איך שיק אָט דאָס בוך צום דרוק /1937/, ליגן אין אַלע ווינקלען וועלט קאַנאָנען, ווי הינט אויף קייטן און וואַרטשען, אַז מען זאָל זיי שוין אָפּלאָזן, עס זאָל שוין וואָס גיכער ווערן נאַכט... טראַגיש אַרויסצולאָזן אַ בוך מיט אַ הומאַניטאַרער אָריענטאַציע אין דער איצטיקער וועלט. אַרויסלאָזן אַזאַ יידיש בוך איז אפילו אַביסל טראַגי-קאָמיש... /ווי אונדז, ווי — און איז עס דען אַנדערש היינט אין 1954 ?.../

„לידער און באַלאַדן" זענען דערשינען אין מיטן צווייטן וועלט־קריג. אָבער נאָך נישט אין מיטן דער טאָטאַלער יידן־פאַרניכטונג. בשעת דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן, האָב איך די גאַנצע צייט נאָך קאָרעספּאָנדירט מיט מײַן מאַמען, וואָס איז אין יאָר 1942 פאַרברענט געוואָרן אין בעלזשעץ. אָבער איך בין געווען דרײַטויזנט מייל ווייט פון איר, און צווישן אונדז דער אַטלאַנטיק, און זי אין אָפענעם פּיסק פון מולך. דאַרף מען זיך נאָך מתנצל זײַן פאַר דער טראַגישער דערדריקטקייט פון אָט די זאַכן?

„67 לידער" האָט אַ קליינע הקדמה. אָט זענען אַ פּאָר ווערטער פון איר: דאָס בוך איז אַ שפּיגל פון אַ יידישער נשמה, אין אַ צופּעליק געראָטעוועטן גוף, אין די זעקס שווערסטע גורל־יאָרן פון ייד און מענטש, אין די זעקס יאָרטויזנטער זינט דעם תנ"ך־ישן אדם הראשון. די לידער אַנטהאַלטן נישט קיין געשלאָסענעם יידישן סיסטעם פון אַ וועלט־באַנעמונג אין דער מיט פון 20טן יאָרהונדערט, נייערט בלויז די גליענדיקע בענקשאַפט צו אַזאַ סיסטעם. דעריבער די סתירות. אויף אומוועגן גיי איך, כאָטש דעם ווע ג פיל איך אזוי שטאַרק. זײַן אנונג איז דאָ אין סאַמע ערשטן ליד פון דער זאַמלונג.

„די קרוינונג פון אַ יונגן יידישן דיכטער אין אַמעריקע" — אַ פּאָעמע אין דרײַצן קאַפּיטלען — איז געשריבן געוואָרן אין די יאָרן 1948—1953. אין דעם „אמר המחבר" זאָגט זיך עס דאָרט:

אַן אויסגעבענקטע מענטש־געשטאַלט, ייד־געשטאַלט אין גרעסטן, דעצי־דירנדיקן יידישן כמות־צענטער פון דער ערד איז דער אינהאַלט פון דער פּאָעמע. אַ גילגול פון אַלע מײַנע בענקשאַפטן צום אויסגעחלומטן. אַ פּאַר־הײַנטיקטער גילגול פון אַמאָל־אַמאָליקן משיח, פון חסידישן צדיק. טיף אין דער נאַטור פון מענטש ליגט עס צו געבן אידייען אין סימבאָלן. אין די יאָרן 1933—1945 איז צעשטערט געוואָרן אַ האַלב יידיש פאָלק — — — און — וועט אונטערגיין גייסטיק דאָס יידנטום אין אַמעריקע, וועט אונטערגיין סוף־כל־סוף — גוף און גייסט — דער ייד אין מדינת ישראל; וועט אונטערגיין אויף לאַנג, לאַנג דער ייד פון דער בימה פון דער מענטשהייט, וועט אונטערגיין סוף כל סוף, דער מענטש פון דער במה פון דעם פּלאַנעט, וועט אונטערגיין דער זינען פון באַשאַף אויף דער ערד, וועט אונטערגיין דער זינען פון דעם זון־קרײַזן פון דער ערד אין איר אַרביטע, וועט אונטערגיין דאָס ליכט פון דער זון...

„נײַע לידער און פּאָעמען" רופט זיך די דרײַצנטע און לעצטע סעריע אין אָט דעם כינוס פון איין מחבר. פאַרהאַנען דיכטער, וואָס לידער־שרײַבן איז בײַ זיי אַ טעגלעכע רוטין. פאַרהאַנען אַנדערע; אָט ווי זיי זענען, וואָס לי־דער קומען זעלטן צו זיי, שווער; דאָ אַ שורה, דאָרט אַ סטראָף. אַן אַנדערש מאָל אָבער קומען צו זיי לידער אין כוואַליעס גאַנצע. דער מחבר פון דעם

בוך געהערט צום צווייטן מין. זענען טאַקע אין דעם כינוס פאַרהאַנען יאָרן אײַנגאַנצן לידער-לידיקע, אַנדערע איבערפולע. און ווידער און ווידער און ווידער — אויך אין דער לעצטער סעריע — צער און אנונגען — שוין נאָך, צען יאָר נאָך דעם דריטן יידישן חורבן. צער פאַר אונדזער וועלט, דער הפקרדיקער, הערלעכער ירושה — מיר מענטש; און צער פאַר ייד און יידיש־קייט און יידישן שטייגער, וואָס דאָס איז פאָרם; און יידישן זינען און שליחות, וואָס דאָס איז אינהאַלט. פאָרם — אונדזער ירושה. אינהאַלט — אונדזער צוואה! אידייען וועגן אַ צווייטן תנ"ך, וואָס האָבן בעיקר אָט די יאָרן אויסגע־פילט, זענען אין עסייען אַרויסגעבראַכט געוואָרן, אוודאי; אָבער זיי האָבן אויך דרוכגעדרונגען די לידער אויף אַלערליי אופנים. בעיקר אין די לעצטע דריי סעריעס פון דעם כינוס.

* * *

פאַרהאַנען לידער־שרייבער, וואָס רירן זיך מער קיינמאָל נישט צו צו איינ-מאָל פאַרפאַסטע דיכטונגען. אַנדערע קענען נישט לייענען אַן אייגענע זאַך אָן אַ פעדער; האַלטן אין איין „בעסערן" — אָפטמאָל פאַקטיש ערגער־מאַכן. דער מחבר פון דעם בוך געהערט צו אָט דעם צווייטן מין. און דעריבער: כמעט קיין איין זאַך, וואָס דערשיינט אין דעם בוך איז נישט אָן ענדערונגען. אַנדערע זענען אין דער פאָרם שוין ממש נישט צום דערקענען מער. אָבער נאָר אין דער פאָרם. קיינמאָל איז דער מהות פון אַ ליד נישט געענדערט געוואָרן. נאָר די קלײדער זענען געביטן געוואָרן — און, ווי געזאָגט, אָפטמאָל אויף ערגערע... די נשמות און גופים זענען געבליבן די זעלבע פון זייער ערשטן טאָג אָן.

* * *

דער מחבר באַדויערט נישט קיין איינציק ליד, וואָס ער האָט ווען עס איז אין זיין לעבן געשריבן. ער האָט זיי קיינמאָל נישט געשריבן, ווייל ער האָט זיי געוואָלט שרייבן — נאָר ווייל ער האָט זיי געמוזט שרייבן, צוליב אינער־לעכן צוואַנג. אָט אַזוי שלעכט, אָדער ווייניקער שלעכט ווי זיי זענען, אַלע זיינע לידער זענען לעגאַלע קינדער פון דעם פאַר-פאַלק — זיין קאָפּ און זיין האַרץ. און אויב דאָס, אָדער דאָס אַנדערע ליד איז היינט נישט מער אמת, איז עס געוועזן אמת, ווען עס איז געשריבן געוואָרן. דריקט עס אויס אַ יחידיש געפיל, איינגערעמט אין זיין צייט, און אַמאָל אויך אַ קאָלעקטיוו געפיל. אויך לידער זענען דאָקומענטן... און דאָקומענטן, נישט נאָר טאָרן זיי נישט צע־שטערט ווערן, נאָר זיי דאַרפן אויך עקספּאָנירט ווערן. מיר זענען באַזונדערס מרמז אויף דעם ליד „יידיש!" /זייט 114/. אַ טראַציק ליד פון אַ טראַציקער צייט, ווען ערשטע טאָג-שולעס אין יידיש זענען אויפגעקומען; ווען יידיש איז געגאַנגען זינגענדיק און קעמפנדיק מיט זיבן-מײלן-שריט אַרויף. אויך העב־רעאיש איז דעמאָלט געווען מיליטאַנטיש ביז גאָר. צו מיין שטענדיקער גליענדיקער ליבע צו העברעאיש — ליידער ווייניק גירסא דינקותא געהאַט — האָט עס קיין שייכות נישט. איך בין — למשל — קיינמאָל נישט נכשל געוואָרן

מיט דעם פֿאַנעטישן אויסלייג פֿון די העברעאיזמען; אדרבא, עס שטאַרק באַ־קעמפֿט, מחמת דער העברעאישער עלעמענט איז די נאַטירלעכע בריק צווישן די צוויי לעבעדיקע גרויס־לשונות פֿון יידישן פֿאָלק. דווקא ווייל מען דערמאָנט מיר אָפֿט דאָס ליד ווי אַ יוגנט-ממזר, נעם איך עס, אָפּן פֿאַר דער וועלט, אויף די הענט. עס איז אַ לעגאַל קינד פֿון אַ הערלעכער, יוגנטלעכער, גלויביקער צייט! אַ גוט יידיש קינד! און דאָס איז אויך שייך צו אַנדערע לידער אין דער זאַמלונג — וואָס ווענדן זיך אויף דעם, אָדער אויף יענעם אופֿן — דעם, אָדער יענעם שאַקירן; באַזונדערס די לידער, ווו גידופֿים דאָמינירן. אויך אַנטי־קלעריקאַלע, אַנטי־קלער־לידער. דער מאָדנער צופֿאַל האָט געוואָלט, אַז די אַנטיקלעריקאַלסטע פּאָעמע „האָס און ליבע צום יידישן פֿאָלק", איז צום ערשטן מאָל דערשינען אונטער דער מיטרעדאַקציע פֿון דעם טיף-פֿרומען, הויך־טאַלעראַנטן גרויסן ייד, הלל צייטלין הי"ד.

די וועלט קען אָדער דיאַלעקטיש פֿאַרשטאַנען ווערן, אָדער אינגאַנצן נישט. און די יידישע וועלט איז נישט קיין אויסנאַם.

* * *

און אַט זענען מיר ביים סוף פֿון אַט דער לענגלעכער הקדמה. און אַזוי ווי דאָס גאַנצע בוך רופֿט זיך מיט דעם, לכאורה בלויז, געוואַגטן נאָמען „די לידער פֿון מיינע לידער" — וואָלטן מיר אפֿשר אויך די הקדמה געדאַרפֿט אָנרופֿן „די הקדמה פֿון הקדמות"... און מיר וואָלטן עס אפֿשר געטון, ווען די שטימונג וואָלט גרינגער געווען — די אייגענע, און די יידישע און די וועלט־שטימונג. איז זי אָבער נישט.

אַכט פֿון די זאַמלונגען זענען בשעתם באַגלייט געוואָרן מיט הקדמות. מיר האָבן — ווערלנדיק וואָס מער אין דעם סך הכל־בוך געבן די אָריגינאַל־שטימונגען פֿון זייער צייט — ציטירט לרוב פֿון די הקדמות זייערע. מיר האָבן אויך פֿאַר יעדער זאַמלונג געגעבן אַ קאָפּיע פֿון דער הילע, אין וועלכער זי איז דערשינען.

אין דער הקדמה צו די „נאַקעטע לידער" איז געשריבן געוואָרן: אין אַט די לידער בין איך נאַקעט, נאַקעטער, סקאַלפּירט... און מיר וואָלטן אויך דאָס באַגלייטוואָרט געקענט פֿאַרענדיקן אייגנטלעך מיט די זעלבע ווערטער. און דאָך — בלעטערנדיק דאָס פֿאַרענדיקטע בוך — באַמערקן מיר אַ געוויסע איינגעהאַלטנקייט. פֿאָרט און נאָך אַלץ אַ געוויסע איינגעהאַלטנקייט אין דער רעדאַקציע. מסתמא איז די עלטער עס גורם... ובכן האָבן מיר דאָ אַ רעכט צו שרייבן נאָר: נאַקעט און נאַקעטער — — אָבער נישט „סקאַלפּירט".

מיר האָבן, אגב, איבערגעלאָזן אַלע ווידמונגען און אפֿילו איינִיקע נייע צוגעגעבן. אויך די נעמען אין טעקסט פֿון די לידער זענען אַלע איבערגעלאָזן געוואָרן, ווי זיי זענען געווען. אויב באַציאונגען האָבן זיך געביטן מיט דער

די „קאָנטינענטן און אָקעאַנען" האָבן מיר באַגלייט מיט ווערטער וועגן קאַנאַנען, וואָס ליגן און וואַרטשען ווי הינט אויף קייטן אין אַלע ווינקלען וועלט און וואַרטן, אַז עס זאָל וואָס גיכער ווערן נאַכט און מען זאָל זיי שוין וואָס גיכער אָפּלאָזן... איצט וואָלטן מיר יענע ווערטער געקענט פּאַראַפראַזירן און רעדן וועגן מאָנסטער־אָדלערס מיט אַטאָמישע באָמבעס אין די מוראַדיקע קרומע שנאָבלען...

נאָר ווי מיר שרייבן די ווערטער — און עס איז אַ פאַרכמאַרעטער פרי־מאָרגן — גיט פּלוצלונג די זון אַ וואָרף אַ זשמעניע שטראַלן איבער דער וועלט — אָט ווי אַ זייער אַ זשמעניע קערנער... און אַ קערנדל פון אָט די שטראַלן האָט דערגרייכט אויך מיין פענצטער און דאָס פענצטערל פון מיין נשמה, מיין געמיט — און עס איז מיר געוואָרן האָפּערדיק.

און מיט אַ האָפּערדיק געמיט — אין מענטשלעכן זינען און אין יידישן זינען — געזעגענען מיר זיך מיט דעם דאָזיקן בוך, וואָס האָט אַזויפיל צער־פאַרטונקלטע זייטן, און לאָזן עס ארויס אויף דער וועלט.

ארויס אויף דער וועלט — איבער דער שוועל פון מיין שטוב! איבער דער זעלבער שוועל — איבער וועלכער דער מחבר פון דעם בוך וועט בקרוב אויך אַריבער, און אוועק אויף אַ לאַנגער נסיעה קיין מדינת ישראל.

מ. ר.

מאָנטרעאָל, 14טער יולי 1954.

באַמערקונגען:

מיר בעטן אַנטשולדיקונג פאַר דרוקגרייזן און אומשטימיקייטן אין דער אָרטאָגראַפיע. אייַלעניש האָט עס גורם געווען. אויך ווייל דאָס בוך האָט זיך געזעצט פון אויסגאַבעס פון פאַרשידענע צייטן. וועט איר דעריבער דאָ געפינען אַמאָל „אונז" און אַמאָל „אונדז"; אַמאָל „פענסטער" און אַמאָל „פענצטער"; אַמאָל „טון" און אַמאָל „טאָן" אַמאָל „בלוי" און אַמאָל „בלאָ". זייט אונדז מוחל! זאָל דאָס זיין דאָס איינציקע, פאַר וועלכן איר זאָלט אונדז דאַרפן מוחל זיין אין דער דאָזיקער זאַמלונג...

* * *

צוליב דעם, וואָס עס דערשיינט, ווי אַן אינטעגראַלער צוגאָב צו דעם בוך, אַ מ. ראַוויטש־ביבליאָגראַפיע — צוזאַמענגעשטעלט דורך יעפים ישורין — ווערט אין דעם בוך נישט געגעבן די געוויינטלעכע רשימה „ביכער פון זעלבן מחבר". טעכנישע מניעות זענען גורם אַ פאַרשפּעטיקונג אין דערשיינען פון דער ביבליאָגראַפיע. זי וועט ארויס ווי אַ באַזונדערע צוגאָב־בראָשורע, און וועט זיין געבונדן מיט דעם בוך, נאָר אין אַ טייל פון דער אויפלאַגע. די בי־בליאָגראַפיע וועט זיין דערגענצט דורך וואָלף אָסטרעגער.

ר ח ל א י י ז ע נ ב ע ר ג

טראָג איך צו מיט געטריישאַפט ביזן סוף

דאָס לידערבוך פון מיין לעבן.

מ. ר.



אויף דער שוועל...

יוגנט־פּאָעזיעס. פיר סעריעס: ...פון מיין היים, ...פון יוגנט-טרוים און ליבע, ...פון מענטשנס זעעלן און מענטשס הערצער, ...פון אָפּוועגן. געשריבן אין די יאָרן 1909—1911, אַרויסגעגעבן אין יאָר 1912. לעמבערג, פאַרלאַג ש. לעווין. 64 זייטן. צוגעגעבן ביים סוף פון אָפּקלייב אַ שותפת־ליד, וואָס באַלאַנגט צו יענער תקופה.

פּ י ע ט א

צו דיין ווייפול שטילן פּנים,
מאַמע מיינע, מאַמע,
הויב איך אויף די הענט און ווער
אַליין אין צער פאַרשטיינערט.

אין פּנים דיינעם לייען איך
אַ בוך פון נעכט פול בענקשאַפט,
אַ בוך פון טעג, פון טריבע —
אויף יעדן בלאַט אַזויפיל ליבע.

אַ גאָט, אַ גאָט! איך בין איר זון,
אין האַרץ ביי מיר — איר בענקשאַפט, בלוט און לעבן;
אַ שטאַרק מיך גאָט! און גיב אויך מיר
די שיינע כוחות, וואָס האָסט איר געגעבן.

1909

ט ר י ט   א י ן   ש נ י י

די שוואַרצע אויגן אויפגעמאַכט,
ביזט אויפגעוואַכט; אין ווייסער טראַכט
איז שוין די וועלט געקליידט געווען.
דאָס פענצטער דיינס געווען איז צעבליט
מיט בלומען — און דו האָסט דורך זיי דערזען
אַ לאַנגע שורה ווייסע טריט.

איך ווייס, דיין האַרץ איז נישט פאַרמאַכט
צו אַ סוד פון איינזאַמע שריט אין אַ נאַכט,
און כאָטש דו האָסט ליב אַן אַנדערן — דאָך לאַנג
וועט ליכטיק בלייבן, ווי אַ חלום-ליד,
ביי דיר אין האַרץ און אין האַרצנס געדאַנק
מיין איינזאַם-וייטע שורה טריט.

1910,

מיינע לאַכנדיקע אויגן

מיינע לאַכנדיקע אויגן,
גלויבט דעם לאַכן, מיינט ס׳איז מיין,
ווייסט נישט, אַז דאָס לאַכט אין זיי נאָר
זייער יונגער אויגן-שיין.

מיינע לאַכנדיקע אויגן,
וועכטער אויף מיין האַרצנס שוועל,
לאָזן קיינמאָל נישט דעם טרויער
אויף די שוועלן פון מיין זעל.

מיינע לאַכנדיקע אויגן
זענען ווי אַ קינדער־פּאָר.
שפּילט איך, שפּילט איך מיט די קינדער
נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר.

1910

מיין האַרץ איז אין מיין לעבן

מיין האַרץ איז אין מיין לעבן,
מיין לעבן אין מיינע לידער,
כ׳האָב ביידע דיר געגעבן,
מיין לעבן און מיינע לידער.

האָסט ביידע בלינד גענומען,
און אָפּגעבראָכן, ווי בלומען,
איצט שמאַכט מיין לעבן אין שטילן פאַרגייען,
און מיינע לידער אין דיין נישט־פאַרשטייען.

1911

צו א. מ. פ. (אברהם משה פוקס)

הײַנט פֿרי בין איך אויפֿגעשטאַנען,
געקומען איז װײַפֿול דערמאַנען,
און דיך האָט דער ים שוין געטראָגן.

און זעסטו די ווילדע כוואַליעס יאָגן,
זאָלן זײ פֿון מײַנע אײנזאַמע טעג דיר זאָגן,
וואָס איך האָב אין זײ אַזוי פֿיל געשוויגן.

און אַז דער ים וועט זיך ווילדער וויגן,
דאַן זאָלסטו אין זײַן צעשטורעמטן ניגון
מײַן פֿרײַנטשאַפֿט הערן ברויזנדיק זינגען.

און אַז די האָריזאָנטן־רינגען
ניי-לעבן דיר וועלן אַנטקעגנברענגען,
און דער לעצטער ים-ווינט וועט אין פּנים דיר בלאָזן —

פֿאַרגעס נישט, אַז דו האָסט מיך אײנזאַם דאָ געלאָזן.

1911

איך האָב אײַך אַלע ליב

איך האָב אײַך ליב, אײַך אַלע, אַלע מענטשן־קינדער,
מענטשן־קינדער — אָ, איך האָב אײַך האָלד;
אין גרויע אויגנס טיפֿן זע נשמות איך ווי ליליעס,
אין גרויע קליידער זע איך אײַנגעוועבטע פּעדים גאָלד.

איך האָב אײַך ליב, אײַך אַלע, אַלע מיט אַ קינדערישן גלויבן,
און וועל שוין אַזוי האָבן ליב אײַך ביז׳ן טויט —
כאָטש פֿלאָגן פֿלאָגט איר מיך — און כאָטש מיט טרערן
מוז איך עסן צוליב אײַך מײַן טעגלעך ברויט.

1911

ש. י. אימבער און מלך ראַוויטש

דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן דורך מ. ר. אין יאָר 1911. עס איז אויסגעבעסערט געוואָרן דורך שמואל יעקב אימבער הי״ד (1889—1941) און איז דערשינען אין דער וואָכנשריפט „דער יידישער אַרבעטער" לעמבערג, דעם 19טן יאַנואַר 1912, אונטערגעשריבן — ווי אויבן.

דיכטער מיר

אין אונדז די האַרצענסגוטסקייט פון דער וועלט פאַריינט,
אין אונדז דער ים פון טרערן, וואָס די וועלט באַוויינט —
מיר זענען קינדער פון דעם שמערץ,
מיר זענען קינדער פון דעם שמערץ.

מיר גייען צו די זונען, אַך — די זונען מאַכן בלינד!
אין אונדז די שענסטע, ריינסטע, די איין-פאַרגעסונג-זינד —
מיר זענען קינדער פון דעם ליכט,
מיר זענען קינדער פון דעם ליכט.

און אונדזער בליק די שענסטע הערצער צו זיך ציט,
טאָ רייסן מיר די רויזן אין דער העלסטער פראַכט צעבליט —
מיר זענען קינדער פון דער פראַכט,
מיר זענען קינדער פון דער פראַכט.

און ווען אין שטילע אָוונט-שעהן דערמאָנט זיך אונדז אַ בלום —
דערמאָנט זיך דאָס פאַרבליען אויך — און, אַך, מיר וויינען לאַנג און שטום —
מיר זענען קינדער פון געוויין,
מיר זענען קינדער פון געוויין.

און ווען אין שטילע אָוונט-שעהן דערמאָנט זיך אונדז אַ דאָרן,
באַהאַלטן מיר דעם דאָרן-געדאַנק מיט פרייד אין האַרץ, ווי דער נשמהס קאָרן—
מיר זענען קינדער פון דעם האַרץ,
מיר זענען קינדער פון דעם האַרץ.

און כאָטש מיר וויסן: מענטשן-זין אַנטפליען פון זינדן לאַנג געטון,
דערמאָנען הויך מיר אונדז'רע זינד, און רויבן זיך די אָוונט-רו —
מיר זענען קינדער פון דער זעל,
מיר זענען קינדער פון דער זעל.

אין יענע טיפע, אָפגרונט-שטילע שעהן פון דער נאַכט,
דערוועקט זיך אונדזער ליד און שפרייט די פליגל אויס און וואַכט —
מיר זענען קינדער פון געזאַנג,
מיר זענען קינדער פון געזאַנג.

INTER ARMA

א זאַמעלבוך לוריק

רעדאַגירט פון

שמואל יעקב אימבער.

ביישטייערן פון אימבער ש. י. גרינבערג א. צ.

מעסטעל י. קעניגסבערג ד. ראַייס ס.

דרוקט ביי אין קעסבנעורוא. ב. רידר. ווען בחין.

1918

אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט

אַ זאַמלונג פון פופציק לידער. געשריבן אין די יאָרן 1912—1914. די זאַמלונג איז געווען אויסגעזעצט, פאַרטיק צום דערשיינען אין לעמבערג, 1914. צוליב דעם אויסברוך פון דער מלחמה איז זי נישט געדרוקט געוואָרן, דער זאַץ ערגעץ פאַרפאַלן. 17 פון די לידער זענען אַריין אין דער זאַמלונג: INTER ARMA ווין, מאַי 1918. רעדאַגירט שמואל יעקב אימבער — באַטייליקטע: שמואל יעקב אימבער, אורי צבי גרינבערג, יעקב מעסטעל, דוד קעניגסבערג און דער מחבר.

תפילה פון אַ נײַנצניעריקן

גיב מיר דאָס וווּנדערלעכע גרויסע ליכט,
וואָס זאָל מיר שײַנען פון דײַן שכינה אויבן,
וואָס זאָל מיר מאַכן העל מײַנע שוואַרצע נעכט,
גיב מיר דעם גלויבן.

ווײַל גלויבן איז די זון. — און מיט דער הילף פון שטראַלן האָט
דאָס גאַנצע לעבן פון דער טיפעניש זיך אויפגעהויבן.
גיב מיר דאָס העלסטע פון דײַנע ליכט — גאָט:
גלויבן.

1912

★

אײן טאָג אָן דיר

פאַר פאַניען

אײן טאָג אָן דיר איז אַ טאָג אָן ליכט,
און צוויי זענען שוואַרצער טויט.
מײַן האַרץ פאַרגייט אין טיפער נויט
און רוט נישט איבער די נעכט.
מיט אַלע אָדערן רינט מײַן בלוט,
פון טיפסטן האַרצן קוואַלט עס הייס,
איך זאָג עס דיר,
ווייס,
אַז צו דײַנע אָדערן קוואַלט עס, מײַן בלוט.
אָ, גיי נישט, די וווּנד פון מײַן האַרץ באַשווערט!
נאָך וועט קוואַלן דאָס בלוט פון דעם קוואַל,
ווען דו וועסט ווײַט זײַן טויזנט מייל —
און וועט זיך פאַרגיסן איבער דער ערד.

1913

★

ליד

קום שטורעם!
מײַן האַרץ איז ווידער ווילד.

מײַן האַרץ איז ווידער גרייט —
מײַן פרייד —

קום נאַכט!
מײַן האַרץ איז לאַנג שוין קלוג,
מײַן האַרץ איז לאַנג שוין גרייט —
מײַן פרייד —

רייס אויס די רו —
שטורעם, שטורעם!
כ'בין קלוג, בין איבערקלוג,
און מאַך די אויגן צו—
און הויך געלעכטער ציט
ווי שטורעמווינט
אדורך
מײַן ווילד געמיט.

1913

אַ נאַכט ביי אַ פענצטער אין ווין

און אונטער מיר פיל שווארצע גאַסן,
און איבער מיר ביליאָנען שטערן;
די נאַכט איז קיל און אין מיר זינגט און זינגט
אַ ליד פון ניי געבוירן־ווערן.

און אונטער מיר פיל שווארצע תהומות,
און איבער מיר אומקלאָרע וועגן;
כ'גיי אַ נייעם גאָט, אַ נייעם לעבן
און אַ נייעם טויט אַנטקעגן.

1913

אינערלעכע שטימען

— ווייטער, ווייטער, ווייטער — פאָרויס אויף דעם שווערן דיכטערוועג!
דו וועסט דערגרייכן, דו וועסט דערגרייכן,

אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט

און זייענדיק אויף די איינזאַמע הייכן
וועסטו הערן שטימען — הונדערט, טויזנט, צען טויזנט שטימען,
פון די, וואָס זענען צו דיר ארויף געקומען
צו לויפן און צו רופן: — אַ אונזער העלד, אַ לידער־העלד!
און פאַר יעדן איינעם פון זיי וועסטו
זיין אַ צענטויזנטסטל וועלט — — —

— פאַרוואָרף, פאַרוואָרף, פאַרוואָרף — דעם שיכורן טרוים,
גיי בעסער אַראָפּ צו די שטילע נשמות, נשמות ווי טויבן,
איין איינציקע פון זיי וועסטו זיך אויסקלויבן,
און דו וועסט פאַר איר ווערן איין איינציקער שטערן,
אַז דו וועסט פשוט רעדן — וועט זי אַ תפילה הערן,
און פשוט, און נישט ווי מען רעדט צו אַ העלד,
נאָר ווי אַ שוועסטער צו אַ ברודער, וועט זי זאָגן צו דיר:
דו ביזט מיין וועלט, מיין גאַנצע, גאַנצע וועלט — — —

1913

★

בלוט

איבער דיינע לידער שוועבט רויטע שיין,
אַ יעדעס דריטע וואָרט: בלוט.
בלוט?
איז עס דען נישט דער אָטעם
פון אַלע לעבנס?
דאָס האַרץ פון אַלע ווייען?
און מיין שרעק איז עס,
מיין אייביקע שרעק.

בלאַסע קינדער זענען איינגעשלאָפן,
דריימאָל — שדי — פול מיט פחד
לאַנג און דין געצויגן —
דאָך האָבן אין מיטן דער נאַכט זיי
אויפגעריסן די גרויסע אויגן:
מאַ — מע!

1913

גלויבן און ליבע

נישט איך גלויב אין דיר און נישט איך האָף צו דיר,
ווייל גלויבן איז ווילד און האָפן איז בלינד —
נישט אזוי — שווייגנדיק ליכט דו,
גאָט?

אָבער מיין ליבע צו דיר, אַ גאָט,
וואַכט אויף אין די נעכט,
און איך הויב אויף ווי אַ שאָל מיינע הענט
צו דיר — און אַ זיסער ריח נעמט מיך ארום,
ווי בשמים וואָלטן צו דיר אין דער שאָל
פון מיינע הענט געברענט.

און עס ווילט זיך מיר אויפשטיין און צוגיין צום אַלמער,
וואָס ווי דער הימל מיט שטערן — איז פול
מיט דעם ליכט פון דיין אות,
און עס ווילט זיך וויינען מיט ליבע און מיט בענקשאַפט צו דיר,
אזוי ווי מיינע זיידעס האָבן געוויינט צו חצות.

נישט איך גלויב אין דיר און נישט איך האָף צו דיר,
ווייל גלויבן איז ווילד און האָפן איז בלינד —
נאָר איך האָב דיך ליב,
ווייל אין דיינע מלבושים שמעק איך אייביקע ליבע,
ווי אין אַ מאַמעס מלבושים
אַ קינד.

1913

שופטים ח׳, — יח—כא

מאַך אויף ספר שופטים, ח — יח—כא,
און עס וועט אַ בליץ טאָן אויף דיר, ווי אַ חלף,
די שארפע, שווערע שווערט
פון גדעון דעם שופט, פון גדעון דעם האַר,
און וועסט הערן דומפיק פון זיין געדיכטער באָרד
זיין הייזעריק קול, אָט אזוי — וואָרט אין וואָרט:

אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט

— איך וואָלט אייך געשאָנקען דאָס לעבן, נאָר איר
האָט אין תבור פאַרגאָסן מיינע ברידערס בלוטן,
מיינע לייבלעכע ברידערס בלוטן,
און איך מוז זיי איצט וואַרפן
אויף אייערע קעפּ.
און מיין גאָט איז נקמה,
און נקמה מיין גאָט.
און צייט איז בלוט אין צייט פון מלחמה!
קום יתר, מיין זון, קום נענטער מיין בכור,
קום, הייליק דיין יונגע שווערט,
הויב זי אויף און צוק און גיב צוריק
דיינע פעטערס בלוט גיב צוריק
דער ערד.

און יתר, דער יונג, האָט געקוקט און געקוקט
דאָ אויף זבח און צלמנע, אויף די מלכי מדין,
און דאָ אויף זיין פאָטער דעם שופט,
און יתר האָט זיין שווערט נישט געצוקט.

האָבן זיך די מלכי מדין צעלאַכט
כאַ — כאַ און כאַ — כאַ און כאַ — כאַ
אַזש דער טאָג איז פון שרעק אַנטלאָפן
און ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט —
כאַ־כאַ קום אתה ופגע —
פאָטער, שטיי אויף, שטיי אויף און שפּאַלט,
מיט דיין זיכערער האַנט און טו עס באַלד —
ווייל — געלעכטער אַן אַ זייט —
טייער און בלוטיק איז אויך אונדזער צייט!
אזוי ווי דער מאַן, אזוי איז זיין קראַפט,
און יתר, דיין יונג איז אַ קינד נאָך און שלאָף
נאָך זיין האַנט,
אַ קינד איז נאָך יתר בן גדעון.

1913

מ ו ט ע ר

אין זילבערן װײסע, שטראַלנדיקע קינדהײטס-טעג,
פלעגסטו — אַ, צאַרטע פרוי — אָפט אױפצורײסן
די טיר פון קינדער-שטוב, און אין דײן יונג געמיט אונדז װײזן
אַ זילבער־װעלט; און פלעגסט אונדז, קינדער, נעמען אױף אַ װײטן װעג,
און שפּילן זיך מיט אונדז און לאַכן װי אַ זילבער־גלעקל —
יונגע מוטער —

שױן לאַנג אױס קינד, מײן יוגנט לעשט שױן אױך, מיט ליבע רײך
און װײטאָג. די שאָטנס ציען זיך שױן לענגער אױס און זינקען;
די ערשטע, זילבער־פעדים אין די שלײפן דײנע — מוטער — װינקען.
שױן זינגט װער אַ פאַרנאַכטנליד, פאַרבענקט און פון יענער זײט טײך —
זאָרגנפולע מוטער —

פול מיט מידער בענקשאַפט װאַרטסטו אױף מײן יונגער מענלעכקײט,
מײנע אָרעמס זאָלן שטאַרקן זיך און זאָלן זיך צו די באַדערפטיקע שטרעקן.
װי בײ ליכט-בענטשן װעסטו די מידע אױגן מיט די הענט פאַרדעקן,
און לאַנגזאַם, זיכער גײן — שטאָלץ פון זין, פון דרײ באַגלײט —
אַלטע מוטער —

1914

ט ע אָ ד אָ ר ה ע ר צ ל

עס איז געװען אין אײנער
פון דײן נשמהס העלע נעכט,
האָט אַ פלאַם געטאָן אין דײנע אָדערן עפּיס אַזאַ מאָדנע ליכטיקײט,
און נײַנצנהונדערט יאָר אײן שטיק דורכזיכטיקײט,
און צװעלף מיליאָנען הערצער װי לײבלעכע ברידער-שװעסטער נאָענט.
עס איז דער חלום אין דער פינצטערניש געװען אַזױ קלאָר,
און האָט מיט אַלע זיבן רעגנבױגן־פאַרבן אױפגעפלאַמט,
װי דאָס צוגעזאָגטע לאַנד,
װאָס איז אין פערציקסטן יאָר
פון דער מדבר־װאַנדערונג פאַר משהס בליק געלעגן,
און אױפגעשטאַנען ביזטו אין דער נאַכט,

אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט

דער חלל פון דער שטוב אַליין האָט נאָך געאָטעמט נאַכטיק טיף,
און האָסט ביים שיין פון אַן איינזאָם ליכט
געשריבן און געשריבן לייכטנדיקע בריוו,
טרויעריק ווי יאָרצייטליכט און פלאַקערדיק ווי זיי.
צו באַקענטע און אויך צו נישט באַקענטע
און צו אינגאַנצן פרעמדע,
צו די געטרייע, און צו די וואָס זענען נאָך נישט דעם פאָלק געטריי,
און צו די פרייע, און צו די, וואָס זענען נאָך נישט פריי.
און עס איז אַוועק אַ חודש, צוויי און דריי —
און ס׳האָט דער טרוים, וואָס איז געווען אַזוי קלאָר,
אָנגעהויבן ווערן וואָר —
און ווי מחנות פון שוואַלבן אין האַלבן אַפּריל
האָבן אָנגעהויבן זיי צו דיר צו קומען:
יידן טונקעלע, פון דרום-זון פאַרברענט,
און זענען ווי דאָרפסלייט אין שטאָט פאַרשעמט
געפאַלן אין דיינע אָרעמס און געקושט דיינע הענט —
ברודער געפונענער!
און געקומען זענען יידן פון דער צפון-זון געבלייכט,
און ציטערדיק דיין שטוב דערגרייכט —
איז שוין די צייט?
און יענע פון מזרחס שווערט געשניטן,
האָבן לאַנגע חדשים הונגער געליטן,
און טעגלאַנג געוואַרט ביי דער שוועל פון דיין שטוב,
און זענען שוין נישט מער אַוועק צוריק,
און האָבן באַקומען ביי דיר אַ ברויט
און אַ בריוו
פון דיין האַנט, און אַ קאַרט אויף אַ שיף,
און מיט אַ דאַנק און געזאַנג האָבן זיי
דעם שטורמישן ים זיך פאַרטרויט.

1914



Jüdischer Buch- und Kunstverlag Max Hickel in Brünn.

ר ו א י נ ע נ ג ר אָ ז

אַ זאַמלונג פון איין און פערציק לידער, געשריבן אין די יאָרן 1914—אָנהויב 1917. דערשינען אין ווין אין פאַרלאַג מאַקס היקל, אין יאָר 1917, 48 זייטן. די גראַפישע אויסשטאַטונג און די הילע פון אוריאל בירנבוים.

שער פון שיר

דער טורעם פון מיין חלום גלאַנצט אין דער זון,
און איך — ביי זיין טונקעלן טויער;
שפּעט נישט פון מיין טיף און לאַך נישט פון מיין טרויער,
און טרעט איבער מיין שוועל.

דער טורעם פון מיין חלום — ערגעץ הויך אין אַ לאַנד,
ווו דער הימל איז בלוי-גאָלדן אויסגעשפּאַנט,
אָטעמט רו אריין אין נשמה און אין בלוט —
טרעט אַריבער מיין שוועל,
קום אריין אין מיין מיט.

דער טורעם פון מיין חלום קלינגט אויף אַלע פּרי,
און נישט מיט געבעטן, נאָר מיט לויב-ליד, געזאַנג.
עס קען נישט דאָס בעטן — מיין לאַנד, דאָרטן הויך,
עס קען נאָר דעם לויב און דעם דאַנק.
זינגען די ברכות-געזענג
אין דער ברייט און דער לענג
פון מיין לאַנד,
און דער הימל איז בלוי-גאָלדן אויסגעשפּאַנט
און ס'איז דאָרט מער הימל ווי ערד.

דער טורעם פון מיין חלום גלאַנצט אין דער זון,
און איך בין אַ בעטלער נאָר אויף זיין שוועל,
קלינגען די מטבעות אין דעם בעטלערס שאַל,
זיי קלינגען רררריזאר און זיי קלינגען רררריזאַן:
פאַריבערגייער קום אריין אַמאָל,
קום אריין!

1915

אויפזינגט דער גייסט

אַ לייכט, אַ לייכט, אַ, דריימאָל לייכט!
און מיך האָט קיינער נאָך נישט דערגרייכט!

פון מיינע לענדן נעם די גורט,
און נעם דעם מאַנטל פון מיין לייב,
איצט — די סאַנדאַלן פון די פיס!

אָ לייכט, אָ לייכט, אָ, דריימאָל לייכט!
אָ זע, ווי גרינג איך שליידער
איך דען די קליידער? אַלץ אַוועק! — וואָס דאַרף
היינט?

אָ גייסט, אָ גייסט, אָ, דריימאָל גייסט!
אַט איז דאָס העמד! ניין — וואַרט נאָך, וואַרט!
אַט זענען קניען, אַט די הענט!
נעם! נעם דאָס גאַנצע לייב!

אָ, זע — איך בלייב,
אָ — זע — איך — בלייב —
בין לויטער גייסט —

און זע — איך טאַנץ, בין לויטער גליק —

און איצטער הויב ארויף דיין בליק —
וועסט זען אַנטטאַנצן מיך אין גליק,
אַנטפליי'ן —

דו ווייסט עס נישט?
איך בין דאָך איינער פון גאָטס זין — —

1917

אַלוועלט-ליד

ווידמונג: פאַר אוריאל בירנבוים

אָ, וונדערלעך, וונדערלעך, וונדערלעך מיר,
ווי אַלצדינג איז נאָענט — אַט ריר
איך עס אָן מיט די הענט.
מיט אָפענע אויגן — דער שטערן הויך —
און מיט טריט, וואָס איז פלי,
פלי איך און טרעט —

דורך זון-העלע גאַסן פון הייליקע שטעט —
געדענקסטו די קינדהייט — געדענקסטו דעם שימער
פון הייליקע שטעט?

אַ, וווּנדערלעך, וווּנדער אויף וווּנדער געשעט,
מיט אָפענע אויגן פלי-גיי איך צוריק
טויזנט דריי־טויזנט, פיר־טויזנט יאָר —
אַ, גרויסע ירושה, אַ גאַנצע וועלט!
געדענקסטו די זון פון פאַר אברמ'ס געצעלט,
ווען מלאכים זענען געקומען צו אים —

אַ, וווּנדערלעך, וווּנדערלעך, וווּנדערלעך היינט,
יאָרטויזנטער קומט, לאָמיר טאַנצן פאַרייִנט —
קומט טייכן, קומט דערפער, קומט הייליקע שטעט —
אַנטלייבט איז דער גייסט —
און פאַרגייסטיקט דאָס לייב —
און דערהערט, דערהערט, דערהערט דאָס געבעט —

און גרויס איז דער גאַסט, דער גאַסט צווישן אונדז,
מיט אַלץ איז ער, און אַלץ איז מיט אים,
אלהים,
הושענא — אַלצדינג איז פריי, איז פריי —
אלהי.

1917

✶

פ אַ ר ב ר י ד ע ר ו נ ג

— — און אונדזערע נשמות, פראָסטע נשמות,
ווי די נשמות פוןביימער אין וואַלד,
וואָס וואַקסן אין שאָטן, וואָס וואַקסן צו דער זון;

— — און אונדזערע אָרעמס שטרעקן זיך און שטרעקן,
ווי פליגל ביים ערשטן, הייליקן וועקן
פון זייער געהיימער קראַפט.

— — און זיין זענען מיר — די ריזן אין גייסט.

די לידער פון מײנע לידער

מיר זענען די ריזן, וואָס זענען שוין גרייט
צו קוילערן העכער, נאָך העכער די ערד.

— — און מיר וואַרטן אויפן רוף, אויפן רוף פון גאָט.
און דאַן וועלן מיר אויסשטרעקן אונדזערע הענט,
און וועלן זיי אָנשפּאַרן אָן די ווענט
פון דער ערד —

און מיר וועלן קוילערן, קוילערן שווער,
ביז מיר וועלן ברענגען זי אויף אַזאַ אָרט,
ווו כוואַליעס פון ליכט לייכטן אייביק פאַרט,
ווו דאָס געטלעכע וואָרט
ציט זיך קלאַנגפול אין אייביקן אָטעם.

1916

איסיים — — מיר דור — וואָס קומט אָן — — אַ הימן

ווער דאַרף באַלדאַכימען פון זייד איבער בעטן באַשלאָגן מיט גאָלד?
און — אײַזערנע, פּשוטע בעטן — ווער דאַרף דען?
גוט איז די הייליקע ערד — גוט גענוג,
און די ביינער — ווער פילט דען די אייגענע ביינער?

ווער דאַרף דען די גילדערנע בעכערס, די ווײַנען, וואָס פינקלען,
און אפילו דאָס ברויט, דאָס פּשוטע, שוואַרצע, ווער דאַרף דען?
די קאָרע פון ביימער — גענוג —
און הונגער אין לייב — ווער פילט דען דאָס לייב און דעם הונגער?

ווער דאַרף דען די אורעאָלן פון כבוד, דעם שם און די לאורען?
און אפילו די שטילע באַוווּנדערונג: אַ גאון — — ווער דאַרף דען?
אַלץ איז יהוה — און מענטשן? נישטאָ גאָר קיין מענטשן.

ווער דאַרף די פּאַלאַצן, די שיפן, די אַלע כיבודים?
סאידן — בלוט איבער זיי צו פאַרגיסן?

אָ, בעסער איז דאָך און הייליקער נאָך —
ערגעץ אַמאָל, אין אַ ווינקל פון נאַכט און פון וועלט,
אַ רגע פון רו און פון חלום פון שטילן.

און איינמאָל אין יאָר אין אַ יום טוב אַ פּעניץ פון קאָרע, אַ סעודה,
נאָר תמיד מיט גאָט — אַ האַרץ פול מיט גאָט,
און אַ נשמה, וואָס זאָט מיט געבענטשטער רו —

אַ, מיר פירן שוין היינט,
שוין היינט,
אַזאַ ליכטיקע וועלט —
מיר — דור, וואָס קומט אָן — —

1915

★

דאָס ליד פון ווערן

איך בין נאָך שוים, איך בין נאָך טרוים,
איך בין נאָך נעפּל און קרייז און קרייז,
איך בין נאָך נעפּל און ווער, און ווער,
איך בין נאָך שטיל וואַסער און קריסטאַליזיר
דעם גאָט־געדאַנק אין מיר.

אַ טרעט נישט אַריין אין מיין נעפּל-קרייז,
נאָך נישט!
איך בין אַזוי יונג נאָך — זע, ווי איך רייס,
איך דאַרף נאָך רו,
און אין דער רו — נאָך טרוים.
וואַרף נאָך נישט די שטיינער — דיינע שאַרפע רייד
אויף מיינע וואַסערנס פרימאָרגן-פרייד.

איך בין נאָך אַ נעפּל און קרייז נאָך און קרייז,
איך בין אַ נעפּל נאָך — און ווער נאָך און ווער,
און מיינע לידער קרייזן מיט מיט מיר,
קרייזן מיט —
און מיט יעדן קרייז און מיט יעדן אָטעם
קומט זיי צו אַ טראָפּן
בלוט.

1915

שטומע אײַנווילִיקונג

איך בין ווי די שטיינער אויף שטאָטישע גאַסן,
און קענסט אויף מיר טרעטן — וויפיל דיר זיך גלוסט,
און שווייגן וועל איך, ווי די שטיינער שווייגן,
און וועל נישט טראַכטן קיין שלעכטס וועגן דיר,
ווי די שטיינער — אַ פריינט.

איך בין ווי די שטיינער אויף שטאָטישע גאַסן,
זעקסטהאַלבן פוס לאַנג, און איין פוס די הויך — —
ווילסט אפשר בויען אַ מקדש פאַר שלום,
אַ מקדש מיט טורעמס, מיט שטילע — ווי גייסט —
זעקסטהאַלבן פוס לאַנג און איין פוס די הויך
בין איך —
בוי־זשע מיך אַריין אויך
ווי אַ טרעפּ צו דיין מקדש אַרויף.

1915

ש ט ו מ ע ה ס כ מ ה

(ו ו אַ ר י אַ נ ט)

איך בין ווי די שטיינער אין די גאַסן־ראַגן,
און קענסט אויף מיר טרעטן — וויפיל נאָר דו ווילסט,
און שווייגן וועל איך, ווי די שטיינער שוויגן,
און אפילו נישט קלערן קיין שלעכטס איבער דיר.
קלערן דען שטיינער — מיין פריינט?

איך בין ווי די שטיינער אין די גאַסן־ראַגן,
זעקסטהאַלבן פוס לאַנג און איינס־אַ־האַלב ברייט,
זאָג — ווילסט אפשר אויפבויען אַ בית-המקדש
פאַר שלום און שטילקייט און אייביקייט,
אַ מקדש מיט טורעמס מיט הויכע, וואָס שטייען
באַלויכטן מיט גייסט און שיינען מיט טרייסט —
ווילסט אפשר בויען?

נעם מיך און טעסע און מאַך
פון מיר נאָך אַ טרעפּ צו דיין מקדש מאַך —
זעקסטהאַלבן פוס לאַנג, איינ־אַ־האַלב ברייט און אַ האַלבן
און לייג מיך אוועק און וועסט זען, פוס דיק
איך וועל ליגן שטיל און פלאַך,
און מען וועט אויף מיר טרעטן אַהין און צוריק
און איך וועל שטראַלן פון גליק.

1917

✶

אָ, ווו זאָל איך גיין...

אָ — ווו זאָל איך גיין — עס איז בלוט אומעטום,
אָ — ווו זאָל איך גיין — עס איז גאָלד אומעטום,
און אומעטום צופיל ליכט.

און מיינע הענט זענען הענט ווי פון בלינדע,
אָ — ווער וועט מיך פירן ביי מיינע הענט
אַנטקעגן דער רו?

און מיין געדאַנק איז אַ שטומער געדאַנק,
קען קומען און וואַרטן ביי פרעמדע טירן,
און ציטערן און פרירן.

אָ— ווו זאָל' מיר גיין — עס איז בלוט אומעטום,
אָ — ווו זאָל' מיר גיין — עס איז גאָלד אומעטום,
און אומעטום צופיל ליכט.

אָ — ווו זאָל' מיר גיין — מיר בלינדע, מיר שטומע,
מיט אונדזער בענקשאַפט — מיט אונדזער אומעט,
אין אָט אַ דער וועלט, וואָס איז בלוט אומעטום,
וואָס איז גאָלד אומעטום,
און אומעטום צופיל ליכט.

1916

נאָר זעלטן, זעלטן און נאָר פאַרנאַכט

נאָר זעלטן, זעלטן און נאָר פאַרנאַכט
הויב איך אַפיר דעם פאַרקלערטן בליק
אויף הויכע פענצטערס צעגליטער פּראַכט,
און ס׳טרינקט דאָס געטלעכע אָוונט-ליד
מיין אָטעמענדיק געמיט.

נאָר זעלטן, זעלטן און נאָר פאַרנאַכט
הויבט אויף זיך צום הימל אַ הייליקער דאַנק
אין די צעגליטע פענצטערס גוואַנג,
און אויף די נפשות נידערט אַראָפּ
שוועבנדיק לויטערער גייסט.

און נאָר פאַרנאַכט, און נאָר זעלטן, זעלטן,
בלאָזט שטילער ווינט-שטויס פון אָטעמענדיקער טרייסט
דורך מיינע פאַרקלערטע וועלטן.

1915

✶

פון די: לידער פון די קנעכט

א

און אַז מיר מאַרשירן אין דער זון —
די זון איז דאָך אייערע — האַרץ — אַליין,
איז טיפע נאַכט אויף אונדזער האַרץ,
און נאַכט-פראָסט ציט צוזאַמען אונדזער זעל,
נאַכט אויף אונדזער האַרץ —
נאַכט —
איר זעט, נאָר וואָס ווייסט איר דערפון!

און ווען מיר ליגן ווי געקאָסעט אין דער נאַכט,
די נאַכט איז אונדזער — מיר קנעכט — אַליין,
דעמאָלט לעבט די וועלט אין אונדזער האַרץ,
און כאָטש ס׳איז קאַלטע נאַכט — דאָך לאָזט
אין אונדזערע זעלן אָפּ דער פראָסט

אין דער זון, דער זון
פון חצות.
נישט איר זעט אונדז — און
וואָס קענט איר — האַרן — וויסן דערפון!

1915

ב

און פשוטער קען עפּיס זיין, ווי מיין נשמה?
און אומשולדיקער ווי איר באַנג פאַרלאַנגען
און טיפער ווי איר מידקייט.

און פשוטער קען נישט מער זיין, ווי ס'איז מיין חלום
פון טיפער רו. און ווייט און ברייט ארום מיר — שלום,
און פרילינג בליט.

און היים און ווייב און קינד און פריינט און בלויע פענצטער צוויי,
און אַלע וועגט מיט אַלמערס אַלטע ספרים,
און אַלע ספרים פול מיט בלויער ליבע
און מיט גרינער רו.

קען פשוטער דען עפּיס זיין, ווי ס'איז מיין בענקשאַפט?
קען אומשולדיקער עפּיס זיין, ווי ס'איז מיין שטיל פאַרלאַנגען?
קען ביטער־האַרטער עפּיס זיין, ווי ס'איז מיין מזל?

1916

די קאַלירן פון דער שנאה

זי הויבט זיך אָן מיט אַ גרינלעך־רויטן טומאַן,
די שנאה,
און וועבט זיך אריין אין אונדזער טון און רוען,
און אונדזער נשמה אָטעמט זי איין,
טאָג איין און טאָג אויס, ווי דער גוף — דאָס ברויט.

שפּעטער איז זי אַ שלייער, אַ גרינלעך־רויטער,
די שנאה,

און איז שוין בלענדנדיקע היל פון אונדזער טון און רוען,
און אונדזערע טריטן הויבן אָן צו בלאָנקען,
ווי טריטן פון בלינדע.

שפּעטער נאָך ווערט זי אַ גרינלעך־רויטע קופּער־קייט,
די שנאה,
און זי קלימפּערט צאַרנדיק אין דעם געקווייִלטן קאָפּ,
און אונדזערע פינגער הויבן אָן זיך קרימען,
ווי פינגער פון חולה נופל קראַנקע.

צום סוף ברענט זי אין געהירן, ווי שמעלץ־אויוון הייס,
די שנאה,
ווייס־גליט פון מוראדיקער היץ איר גרינלעך־רויטער פלאַם,
און ריחות, ווי פון ברענענדיקן פלייש, פון אירע פייער־צונגען;
און נאָר די נאַסע, שוואַרצע בית הקברות־ערד
קען קילער מאַכן.

און דעריבער — לייג צו באַצייטנס אָן אויער
צום אָנקומען פון דער נאַכט —
דאָרט גייען שוין אום די ביינאַכטיקע וואַכן
און שרייען אַריין אין דער נאַכט:
היט זיך פאַר פייער — היט!

1915

★

קצבים, שוחטים און אַ מאַדאָננע

פון דער סעריע:
וועגעטאַריש עוואַנגעליום

ווידמונג: פאַר יעקב פונקעלשטיין־ראָזנער, מיט הייליקן דאַנק פאַר באַקערן מיך צום וועגעטאַריזם.

די האַקמעסערס ליגן גרייט,
דריישפּיציק און שאַרף,
די קלעצער טריפן נאָך מיט נעכטיקן בלוט.

פאַרטאָג,
ווען די בלויע הימל־שטויב־שפרייענדיקע ראָסע,
האָט אַלע מידע אויף די גאַסן געקושט,
האָבן זיך אין שעכטהויז שוין לאַנג
די חלפים געגליטשט
איבער אויסגעצויגענע העלדזער,
איבער אָדערן, ווי באַרגקוואַלן,
מיט בלוט אָנגעקוואַלן,
איבער העלדזער פון לעמער,
מיט גרויסע אויגן,
פאַרוווּנדערטע,
מיט ווייסע פעלן,
סאַמעטענע, ציטערנדיקע.

די האַקמעסערס ליגן גרייט,
אַ שווערער, רויט־טריפנדיקער וואָגן
איז צו דער יאַטקע־קראָם פאַרפאָרן.
עס פאָכען די פערד
מיט זיילן פאַרע,
אַ יונגער קצב ליגט זינגגענדיק
אין העלן מאָרגן אויף באַרג יונגען פלייש,
און דורך דער טיר פון דער יאַטקע־קראָם
שימערן רויט־הויטיק
מוסקולאַרנע הענט אפיר פון בלוטיקע אָרבל —
יונגע קצבים.

די האַקמעסער טוען אַ בלאַנק,
די זעגן אַ קוויטש,
עס האַמערן הענט
און עס ברילט געזאַנג.
און עס שטעלט זיך אַ לוסטיקער טאָג,
האַקמעסערס האַקן, עס שניידן די זעגן,
שטיק ארויף און שטיק אַראָפּ — ווענן
טאַנצנדיק די שאָלן פון דער רויטער וואָג —
ברוסטן, ריפּנשטיקער, קעפּ און פיס.

און װען דער שוחט האָט שױן װידער
פאַרן פריִען שלאָפן־גײן, כמעט פאַרנאַכט,
זײַן חלף דורכגעצױגן דורך אַ האָר
און זי אין דער לופט צעהאַקט און זיך עפּיס פאַרטראַכט —
איז —

אין דער יונגער מאַדאַנעס שטוב
שױן װײַס געדעקט געשטאַנען,
באַלױכטן מיט אַ גליצערדיקן זשיראַנדאָל,
זעכצן לאָמפּן צו דרײַ ליכט אין צאָל,
דער שװערער, דעמבענער טיש
אױף זײַנע אַכט דעמבענע פֿיס.

און צוועלף פּאָר יונגע, לייכטנדיקע אויגן
האָבן געשטראַלט און געבליצט אַהער און אַהין
אין אַ שנעלן שמועס,
און עס האָבן געפּלעמלט די ווייסע ציין
פון רויטע ליפּן ארויס
און צוריק אין רויטע ליפּן אַריין.

/ווייל היינט פאַרטאָג,
ווען די בלויע, הימלשטויב-שפּרייענדיקע ראָסע,
האָט אַלע מידע אויף די גאַסן געקושט,
האָבן זיך אין שעכטהויז שוין לאַנג
די חלפים געגליטשט
איבער אויסגעצויגענע העלדזער —/

און אין דעם בלענד־ליכט האָט ער,
איינער פון די צוועלף,
דערזען
אירע סאַמעטענע פינגער זינגענדיק און טאַנצנדיק
איבער דעם ווייסן טעלער,
און אירע אויגן שמייכלען לעמער־מילד.
אַ — אירע פינגער — געטלעך געפלעכט
צווישן זילבערנע הענטלעך
פון גאָפּעלעך, לעפּעלעך, מעסערס —
און דערצו אזוי פאַרנעפּלט
פון ווייסלעכן דאַמף, וואָס גייט אויף
פון אַן אויפגעשניטענער ראָזלעכער צונג
פון אַ מילדן קינד פון אַ קו —

ער האָט זיך פאַרליבט,
ביזן האַרץ, ביזן האַלדז,
ער האָט זי אין שמועס באַלד פאַרגליכן צו אַלץ
שענסטע אויף אַלע גאָטס וועלטן —
ער האָט זי אפילו פאַרגליכן צו דער מאַדאָננע,
וואָס אַז זי פלעגט גיין צווישן גראָזן,
פלעגן זיי אָנהויבן אָטעמען ווי לעמעלעך
און איר נאָכלויפן —

און ווען דער שוחט האָט פאַרטאָג, ביים ראָזן ליכט פון
דער מאָרגן־זון,
די שעכטהויז-שוועל ווידער באַטרעטן —
איז ערשט דעמאָלט דער פאַרליבטער מיד איינגעדרעמלט,
און אין זיין חלום האָבן נאָכאַנאַנד געפלעמלט —
זילבערנע זאַנגען פון פינגער —
און פון ווייטע, פאַרחלומטע ווייטן —
ווידערקלאַנגען פון אַ ליד פון אַ הימלישן זינגער —

1916

★

א י ו ו אַ ן

אפילו קיין מאַמע האָט נישט געוויינט,
ווען ער איז אַוועק צו סאָלדאַטן — ווייל ער,
ווייל איוואַן האָט נישט מער קיין מאַמען געהאַט.
אַ שוועסטער, אַ דינסט אין ווייטער שטאָט,
האָט אַמאָל ביי אַ שכן אָנגעפרעגט
אין אַ בריוו, געשריבן מיט אַ פרעמדער האַנט —
אַט אזוי זיך — גלאַט,
און מער האָט שוין קיינער קיינמאָל נישט געפרעגט,
ווייל מער האָט ער קיינעם נישט געהאַט.

און געוועזן איז ער אַזאַ קאַמעראַד,
וואָס טיילט זיך מיט יעדן מיט זיין ביסן ברויט,
נאָר טיילט זיך מיט קיינעם נישט מיט זיין נויט —
וואָס איז גרויס געוועזן און הייליק געזוען,
ווען ער האָט ביינאַכט אַמאָל שטיל אָפגעזיפצט:
באָזשע מוי — באָזשענקאָ —

אַז ער איז געפאָרן מיט טויזנטער צוגלייך,
צום שלאַכטפעלד ארויס מיט דער באַן,
דער דאָזיקער קנעכט איוואַן,
און אַלע זענען געגאַנגען מיט טענץ,
מיט קושן באַקושט, באַהאַנגען מיט קרענץ,
איז ער געבליבן גרוי ווי זיין נויט,

און האָט געציטערט ווי די ביימער ביינאַכט,
כאָטש ער האָט פון גאָרנישט אַזיד געטראַכט,
אפילו נישט פון טויט.

און די ערשטע קויל האָט אים באַלד געבראַכט
דעם טויט — און ער האָט די בלויע אויגן פאַרמאַכט
מיט אַ זיפץ, ווי אַלעמאָל צום שלאָף —
באָזשע מוי, באָזשענקא —
ניינצן יאָר זיין בלוט.

און אַז ער האָט די אויגן נישט אויפגעמאַכט מער,
האָט מען אים אריינגעלייגט אין דער ערד
צוזאַמען מיט אַנדערע איוואַנעס און זיינע ניינצן יאָר.

און אַז ער איז געלעגן שוין שטיל און טיף,
איז אָנגעקומען זיין שוועסטערס בריוו,
געשריבן מיט פרעמדע הענט,
צום גענעראַל פון דעם רעגימענט
און געפרעגט אויף אונדזער איוואַנען —
נאָר איוואַנען זענען דאָ אַסך אין רעגימענט.

איז דער בריוו געפלויגן פון טיש צו טיש —
און איבערגעגאַנגען פון הענט צו הענט,
ביז מען האָט אים סוף-סוף אין אַן אויוון פאַרברענט.

און פאַרגעסן איז אויף אייביק געוואָרן —
אַ הויכער בלוי־אויגיקער קנעכט,
און געפרעגט האָט שוין קיינער נישט מער,
אויך די שוועסטער נישט מער.

און דאָס ליד? דאָס ליד איז נישט קיין ליד,
דאָס ליד איז אַ טרער,
אַ לעצטע טרער נאָך איוואַנען.

1916

ס פ י נ אָ ז אַ

פּאָעטישער פּרווו אין פיר ציקלען: דער מענטש; דאָס ווערק; די שפּין; קטרת. געשריבן אין די יאָרן 1916—1918. דערשינען: די ערשטע אויסגאַבע — 70 זייטן — אין פאַרלאַג פון מאַקס היקל, ווין-ברין, 1918. — — די צווייטע, פאַר־ענדערטע אויסגאַבע — פאַרלאַג „דער קוואַל“, ווין, אָפּטיילונג „קריטיק“, 1921, 82 זייטן, 6 אילוסטראַציעס.

1632, 24/11 — 1677, 22/2

יאָר טויזנטזעקסהונדערטדרייסיק און צוויי
אויף דעם קריסטלעכן קאַלענדאַר;
פאַרלעש אַלע ליכטער אויף דיין אלטאַר —
זאָל אַ רגע זיין שטילע טונקלקייט איבער דיר —
באַלד וועט שימערן דער שימער, דיין אייביקע ציר,
דאָס קראַנקע ייִנגל געבוירן אין דיר:
ברוך בר מיכאל עספּינאָזאַ.

יאָר זעכצנהונדערטזיבעציק און זיבן
אויף דעם קריסטלעכן קאַלענדאַר;
פאַרלעש אויך דו אַלע ליכט אויף דיין אלטאַר —
אין דיין צוויי און צוואַנציקסטן פעברואַר
איז איבערגעגאַנגען פון גוף צו גייסט,
אַזוי שטיל ווי אַ ליכט און אַזוי אָן שום צער,
בענעדיקט דע ספּינאָזאַ.

*

ליד פון זיין יוגנט, פון דער הפקרדיקער נאַכט פאַרן חרם

אַ שוואַרץ-קינצלער בין איך, נו וואַרף איך מיט וועלטן,
אַ לייבן-צוימער און די ווילדע קעפּ
פאַלגן אויף די קלעפּ
פון מיינע שאַרפע בייטשן.
נאָר אין שווארצע נעכט בין איך שוואַכער ווי אַ קינד,
און שוואַכער נאָך ווי אַ זאַנג אינעם ווינט.
יהוה.

און אין רעגן-נעכט, בליץ-דורכגעצוקט,
ווען די שווערע שיפן פון אַמסטערדאַם
קרעכצן און הוליען אין האַפן ביים ברעג פון ים,
פאַלט אום מיין גייסט, אַ קראַנקער הונט.
פון מענטשן פאַרטריבן, פאַרמשפט פון דיר,
און ווי דער הונט, וואָס לעשט אויס זיך, פאַרעקט,
ליגט מיין נשמה אויסגעשטרעקט.
יהוה.

די לידער פון מיינע לידער

ווייל דאָס בלוט איז פאַרסמט, די נשמה אַנטפּלאַמט,
און די פליגל נאָך געפּענטעט מיט דיינע שטריק,
און שווערער נעפּל פאַרנעפּלט נאָך דעם בליק,
ווייל קווער דורך דער ברוסט פון מיין יונגן לעבן
איז די שווערקייט פון דיין גוף געלעגן,
יהוה.

אַ שוואַרץ־קינצלער בין איך, נו שנייד איך די קייטן־שלעסער
מיט אַ פאַרבאָרגן־באַהאַלטענעם מעסער.
און אין אַזאַ נאַכט, ווען די בליצן, בליצן,
און די מאַסט־ביימער קרעכצן יללות־געזענג,
און די מאַטראָסן הוליען אין שענק,
און די גרויסע שול, דאָס יידישע האַרץ אין אַמסטערדאַמס ברוסט,
ליידיקט זיך אויס און פאַר שרעק שטייט עס פּוסט,
האָב איך געלאָזט מיינע פיילן קריצן,
און פאַרביסן געזונגען מיין פרייהייטס געזאַנג,
און באַפרייט מיך, באַפרייט מיך פון די פינעף טורעמס
פון דער תּפיסה פון דיין דת — יהוה.

איך בין אין שלאָקס־רעגנס ווילדן גאַנג,
אַנטלאָפן געוואָרן — ווי פון אייגענעם בלוט —
הערסט? — טראָפּ — טרעפּ — טריפּ — שרעקלעך קלינגען מיינע טריט,
דורך דער נאַכט, וואָס דונער־שרייט און בליצן־שפּייט;
נאָר טיף אין דער נאַכט איז אַ לייכט־טורעם — פאַר מיר,
און דער שאָטן מיינער איז שוין הינטער מיר,
און דער סימן פון ניי־לעבן לייכט זיך אין האַרץ,
און פליגלען וואַקסן אָן מיינע פיס,
אַזוי ווי אַמאָל אָן די פיס פון לוט — יהוה.

איך וויל מער דיין מילך נישט, און וויל נישט דיין האָניק,
און וויל נישט דיין שוועבל, דיין פעך און דיין האָס,
און וויל נישט די קייטן און וויל נישט די טורעמס,
די פינעף טורעמס פון דיין תּפיסה, דיין דת.

1916

דער חרם

שווער און מוטנע ווי בליי ליגט אויף די אַמסטערדאַמער גאַסן
שפּעטזומערדיקער נעפּל,
די גאַסן זענען פול מיט באַלעגאַלעס, און זיי שרייען,
מישן זיך די קללות מיט שווערע, פערדישע שריט.
אַ בייטש גיט אַלעמאָל אַ שניט
די געדיכטע לופט און מען זעט שוין באַלד גאַרנישט אין מראַק.

ערגעץ אויף אַ יידישן הויף פאַלן צו די קראַם־לעדן, ווערן פאַריגלט מיט
אַ שווערן האַק.
נאָך ערגעץ און נאָך ערגעץ — די גאַנצע יידן־שטאָט —
און אומעטום אין דרויסן שטייען שוין און וואַרטן,
מיט שוואַרצע, זיידענע טיכלעך אויף די קעפּ,
יידישע ווייבער און יידישע טעכטער.
ערגעץ טיף אין נעפּל רופט אַ שמש:
— אין שול אַריין! — — —
און נאָכן רוף — דריי האַלצערנע האַמער־קלעפּ.
און איינע פון די ווייבער גיט אַ שריי ארויף צום פענסטער פון אַן ערשטן שטאָק:
— סאַלאַמאָן, סאַלאַמאָן, גאָט גערעכטער,
מיר'ן פאַרזוימען אין שול צו ספּינאָזאַס מפּלה.

די איינזאַמע יידנשטאָט ווערט איינזאַמער, יום־כיפּורדיקער, פוסטער:
קאָפּ אויף קאָפּ איז שוין אין שול, שוואַרצע ליכט, געיאָמער, געשריי,
געפּליסטער:
דע עספּינאָזאַ, נאַר, משוגענער, ברוך, ארור, וואַרפט אים צו די משוגענע הינט,
בענעדיקטע, טריפנער שאַרבן, גזלן, שטאַרבן, גיהנום, שלאַג, שינד, בינד —
איי טאַטע זיסער, אַזאַ מין שפּיי אין פּנים,
— עבֿרה גוררת עבֿרה —
(ציטערט פון אַלטן כעס דער סוחר סאַלאַמאָן מאַרטעירא).

קוויטשעט אַ יידל: זע, ער גייט, ער איז דאָ, ער, אַליין, אַ נאַ, זע — איי!
לאָז מיך, לאָמיך אים טון דער ערשטער אַ שפּיי! — —
יונגע בריסט פון יידישע טעכטער וואַרפן זיך פון שרעק, מאַמעס וויינען —
— נישט אמת! — גיט מען אַ געשריי, און נאָך אַמאָל דערזעלבער: איי —
עס פאַלן פּעטש פון אַלע זייטן —
— קיין פּתרון פון קיין בייזן חלום — ווו — וואָס — ווער?

פלוצלונג שרייט חנן, דער שמש, הייזעריק, אזש די הענגלייכטער הויבן אָן
צו ברומען:

— ער — וועט — אפילו — היינט — נישט — קומען. —

ווי פון זיך אַליין גיט זיך אַ צעפּראַל דער ארון־קודש, אַלץ ווערט אַנטשוויגן.
— ת—קי—עה! — האָט דער ראש הקהל מיט פאַרגלייזטע אויגן אויסגעשריגן.
דער שופר גיט אַ לאַנגן קרעכץ,
און ס׳ענטפערט אים אַ זיפץ פון דער קהילה,
און מיט אַ הייזעריקן קול הויבט אָן דער שוחט און בעל־תפילה:
(די מענער שעלטן מיט, די ווייבער וויינען און די קינדער שרייען)
— זעקס טאָג אין אב ה׳תט״ז — —

1916

די ווערטער פון חרם

— זעקס טאָג אין אב ה׳תט״ז,
אין פיר און צוואַנציקסטן לעבנס־יאָר
פון ברוך בר רב מיכאל דע — עספּינאָזא,
האָבן מיר נאָך לאַנגע ספקות באַוויזן קלאָר און געפונען וואָר
דעם שווערן חשד,
וואָס יעדער פון אונז האָט ממילא שוין לאַנג אין דער שטיל אין זיין
הארץ געהאַט,
נאָר מיר האָבן געטון און געהאַנדלט פרום, ווי עס הייסט אונז דער
הייליקער דת,
און צווײמאָל געוואָרט פיר פינצטערע וואָכן,
און איצטער, און סוף כל סוף ארויסגעשפּראָכן
איבער זיין טמא קאָפּ אזוי:
ב״ה,
און אין נאָמען פון זיין קהלה קדושה,
בפני פון אַלע תרי״ג מצוות,
פאַר — שאָל — טן זאָל ער זיין, אזוי ווי ר׳איז אצינד פאַרקלאָגט
פאַר זיינע פינצטערע מעשים,
און די קללה, וואָס מיר האָבן איבער אים ארויסגעזאָגט,
זאָל האָבן אַזאַ כוח, ווי די ווערטער פון יהושע בן נון

איבער דער אונטערגייענדיקער זון
און איבער די מויערן פון יריחו.
בייטאָג לאָמיר אים שעלטן בייטאָג, און ביינאַכט לאָמיר אים שעלטן ביינאַכט,
אין דער פרי, ווייל ער איז אָן אַ ברכה אויפגעוואַכט,
אין דער נאַכט, ווייל ער איז אָן אַ קריאַת שמע אין זיין פינצטערער רו געגאַנגען.
און פאַרשאָלטן — ווען ער גייט ארויס פון שטוב,

און ווען ער קערט
זיך אום צוריק אין זיין פאַרשאָלטענער שלאַנגען־נעסט.
נישט מיר וועלן קיינמאָל אים מוחל זיין און גאָטס מחילה וועט אים
זיין פאַרווערט
ממילא; ניין, אדרבה, כביכולס צאָרן וועט זיך הויבן העכער און הויך,
און סוף כל סוף וועט ער אים שטייניקן מיט אונזערע קללות,
און צוגעבן נאָך שטיינער פון אַ יעדן פון זיין פעסטונגס־טורעם
פון די חומש־ספרים.

זײַן שם װעט האָבן אַזאַ קיום װי אין װאַסער-שטראָמען — פֿײַער־פֿלאַמען,
און װי אַ צװײַגל, אַ פֿאַרפֿױלטס װעט ער אָפּגעשניטן װערן פֿון די
צװעלעף שטאַמען —
און אין דעם זכות װעט משיח קומען במהירה בימינו —
איר אָבער, קהילה קדושה, איר לעבט מיט גאָטס הײליקן נאָמען — — —
און ס׳האָט דאָס גאַנצע פֿאָלק געענטפֿערט:
אמן, אמן, אמן!

און ס׳איז אַ ראָד פֿון קעלט ארום אים געװאָרן דערפֿון,
ארום דעם, װאָס האָט קײן ײדישן נאָמען פֿון דעמאָלט נישט מער,
נאָר: מיכאל דע ספּינאָזאס פֿאַרשאָלטענער זון —
און דאָס ראָד איז געװען ד׳ אמות אײנזאַמקײט.
און זינט דעמאָלט איז ער נישט מער דורך הײנטיקן טאָג געגאַנגען,
נאָר דורך דער אײביקײט,
און איז געװען אײנגאַנצן ער אלײן,
בענעדיקטוס
דער באַפֿרײַער פֿון אַלע מענטשן,
און אַלע מענטשן דערװײַל קעגן אים.

1916

★

ר ײ ַ נ ס ב ו ר ג

די פֿענצטער אָפֿן,
צװײ זײַלן ליכט,
שװימען װײַט אַװעק אין דעם ים פֿון דער נאַכט,
אױף דער שטילער פֿלאַך פֿון אַ פּוסטן דאָרפֿסװעג.
די בײמער שלאָפֿן,
און די שטערן װאַכן
אױף זײער שטילן, אומענדלעכן גאַנג.
און אַ גײסט איז װאַך און ברענט און פֿאַרברענט
זיך אלײן אױף אַ קלײנעם מזבח
פֿאַר דער גרױסער װעלט.
עס ציטערט דעם רײַנסבורגער חכמס שאָטן
אױף אַלע פֿיר װײַסע װענט.

און פון אַלע פיר ווינקלען ווייעט
די לעצטע דערקענונג מיט איר האַרבן ריח.

און נאָר גלחיש־רבנישע פיילן,
שריפט נאָך שריפט,
מיט קללות אָנגעזשאַרעט, אָנגעטריפט מיט גיפט,
פייפנדיק איילן
דורך דער שטילער נאַכט,
וואַרף נאָך וואַרף,
און שטעלן זיך אויס ווי אַ שפּיציקער פּלויט
אַרום אַ שטילן הויז אין דעם גוטן, האָלענדישן דאָרף,
אַז דער פייער זאָל פאַר מורא נישט קיין שטיקל ברויט
דערלאַנגען דעם חכם,
און ער זאָל שוין מער לעבעדיק נישט אַרויס פון דאָרט,
דער, וואָס זיין קעניגרייך איז געדאַנק,
און זיין אַרמיי איז וואָרט,
און אירע וואָפן,
זענען גוטע הענט, וואָס זענען אייביק אָפן;
און זיין טראָן איז חכמה,
און שלום דורך גוטסקייט, און גוטסקייט דורך ליבע
איז זיין פונדאַמענט.

✶

ו ו י ז י ע

אַזוי כוואַליעט ער גוואַלטיק דער ווילן אין מיר
צו דער צייט פון דע עספּינאָזאַ —
צו קומען אַמאָל — פּונקט ווי ס׳וואָלט געווען היינט,
אַזוי — אַזש ביינאַכט בלייבט שטיל מיט אַמאָל
דאָס בלוט אין מיין האַרץ,
און אויך די נשמה — שטיל; און פּלוצלונג האָרכט אויף זי, שרייט אויס,
און קערט זיך אום מיט בליץ־שנעלע שריט,
גייט ווייט, ווייט צוריק, אַריין אין דער מיט
פון זעכצנהונדערט־זיבעציק־צוויי.

...דאָס אָרט איז זיין וואַן־דער־האַג,
דאָס לשון אַלט־האָלענדיש,

די לידער פון מיינע לידער

רעדער פון שווערע וועגענער קלאַפּן מיט אַ מאָדנע־האָלצערנעם געקנאַק,
די שטאָט ארום איז גרויס און ענג, דיקע מויערן,
אויף די גאַסן־שטיינער זענען אַנדערע, ריזן־גרויסע —
פרי, פאַרטאָג, זעלטן גייט אַ מענטש; וועגענער פאָרן.

...און פון אַ הויז,
פון יענער זייט גאַס, גייט אַן איינזאַמער מאַן ארויס;
זיין פנים איז טונקל-בלאַס,
נאָך טונקל־בלאַסער אין דער פאַרטאָגיקער גאַס,
קראַנקע אַקסלען, ס׳הענגען איבער זיי די שווארצע האָר,
אַ לאַנגער פעלערינע־מאַנטל און אַ גרויסער הוט.

און עס זעצט מיין האַרץ — בוך־בוך-בוך, ווי אין אַ מיל רוישט אין קאָפּ דאָס בלוט

מיט ווילדע שלעג; די הענט זענען קאַלט —
און די נשמה גייט אַנטקעגן אַלץ, אַנטקעגן — —
איך טראַכט: די שטאָט איז וואַן־דער־האָג,
יאָר זעכצנהונדערט-זיבעציק־צוויי,
ווייטע רעדער קלאַפּן מיט אַ מאָדנעם געקנאַק,
דער מאַן האָט שווארצע, גוטע אויגן,
קומט נענטער און נענטער, כ׳הער שוין ווי עס קלאַפּן זיינע שיך,
איך זע שוין דאָס גלאַנצן פון די אָרימע זילבערנע שנאָלן.

...כ׳וועל מיך איינבויגן, קושן דעם זוים פון זיין קלייד,
אויף די קניען פאַלן —
ער גייט — — —
הויבט לאַכנדיק אויף דעם גרויסן הוט,
איך וואונדער מיך און איך וואונדער מיך נאָך און מער,
איך זע דאָס לאַכן — נאָר דער גאַנג, וואָס איך הער
איז דער גאַנג פון מיין אייגענעם בלוט — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

...לבנה־ליכט גליצערט שטיל אויף מיין שויב.

1917

דער טויט

מיט הענט מיט ענערגישע, האמערס, העק און זעגן
איז דיין ווילן געגאַנגען פאַרויס
אויף אַלע שטעגן און אויף אַלע וועגן
פון דיין שטיל און באַשיידן און איינזאַם לעבן.

אָנגעצייכנט איז געווען ביז לעצטן שריט דער גאַנג,
פאַרויס איז געגאַנגען געדאַנק
און געטראָגן דאָס וועגווייזער־ליכט.

מיט הענט מיט ענערגישע, האמערס, העק און זעגן
געגאַנגען איז דער ווילן דעם ציל אַנטקעגן,
זינגענדיק און זיכער, ווי זומערדיקער רעגן.

און אַט איז אַ צייכן און ער זאָגט קלאָר:
דער סוף פון דעם חכמס וועג
פיר און פערציק יאָר
און אַכט און אַכציק טעג.
און אַט שטייט שוין ביים ראַנד
און עס וואַרט שוין
דער טויט —
און ער נייגט זיך פאַר דעם חכם גאַלאַנט —
און דערלאַנגט אויף אַ זילבערנער טאַץ
דאָס וואַסער, דאָס זאַלץ און דאָס ברויט
און די שליסלען פון דער שטאָט
פון טויט —
און פאַרבעט
זיין גענאַד:
אַ, באַטרעט
די גאַסטפריינטלעכע שוועלן — —

און דער חכם האָט איינגעוויליקט,
און געענטפערט מיט אַ שמייכל,
און זיך אויך פאַרבויגן גאַלאַנט,
און האָט דערלאַנגט די האַנט
דעם טויט.

װיזיע פון זײן לעצטן טאָג

אויף װײטע גאַסן פון שטילן האָאַג
איז געשטאַנען די װינטער־נאָכמיטאָג־זון,
און ס׳האָט אויף די קלויסטערס געלויכטן דערפון
דער שנײ אויף די גרינע, די קופּערנע דעכער.

אויף װײטע גאַסן פון דעם שטילן האאג
האָט אויפגעלויכטן אין די פענצטער דער צער
פון אָרימע שטיבלעך, פון פישער־משפחות.
ס׳איז אונטערגעגאַנגען די זון פרי־פאַרנאַכט.
און אויף דער גאַס פּאַװיליאָענס־גראַכט
איז אונטערגעגאַנגען די זון פון דעם לעבן,
פון דעם אײנזאַמסטן מאַן פון דער שטאָט װאַן־דער־האאג.
פאַרפרילינג שטאַרבן זײ אַלעמאָל, די געשטאָרבענע פון לאַנג,
די שטילע, װאָס זענען לונגען־קראַנק.

און ס׳האָבן דערלײכטערט צו הײליקער װעספּער,
די קלויסטער־גלאָקן געזונגען באַגליקט:
דעם לעס—טע—רערס אָ—טעם דער—שטיקט שוין, דער—שטיקט — —
האָט אײן גלאָק צו דער צװײטער געקלונגען,
ס׳האָט דער שמש הײנט פרײַלעכער: אין שול אַרײַן — —
צו מנחה־צײַט אויף די גאַסן געזונגען
אין דער פאַרהאַװעטער ייִדן־שטאָט.

נאָר פון דעם געשריבענעם בוך אויפן טיש,
אין דעם בוידעם־שטיבל בײַם מאַלער װאַן־דער־ספּײַק,
אויף דער גאַס פּאַװיליאָענס־גראַכט,
איז הײנט פאַרנאַכט
פון אַ שטראַלן־נעפּל אויפגעגאַ׳ן
אַ שטילער מאַן
און אַ בוך אויפן טיש האָט זיך אויפגעמאַכט,
און אין דער זעלבער רגע האָט פאַרמאַכט
די אויגן זײַנע דער מאַן אויפן בעט — —

און דער שטילער מאַן פון בוך אַרויס האָט געעפנט די שװערע טיר
פון האַלצערנעם באַלקאָן,
און האָט זיך געװענדעט צו אַלע פיר

וועלט-ווינטן: — וועלט איך זאָג דיר אָן — —
און די וועלט האָט געענטפערט: — איך בין נאָך נישט גרייט —

און ער איז פאַרשוווּנדן אויף אַלע פיר ווינטן,
צו וואַרטן אויף זיין צייט.

1918

טעאָלאָגיש-פּאָליטישער טראַקטאַט

אין אָנהויב איז געווען דער גייסט,
און פון גייסט איז געוואָרן וואָרט,
און פון איין וואָרט — כוואַליעס פון וואָרט,
כוואַליעס פון פליגל־וואָרט, כוואַליעס פון קלוגן-וואָרט,
און זיי זענען געוואָרן דאָס בוך פון די ביכער,
און האָבן צעגאָסן זיך איבער דער ערד — — —

און אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט
אַמאָל צוריק צו דעם קוואַל,
האָבן עקדישן, שלאַנגען — דערווייל
דעם קוואַל שוין פאַרגיפט.

ביזטו געקומען צו רייניקן דעם קוואַל
מיט דיין דערהויבענער טעאָלאָגיש־פּאָליטישער שריפט.
און ווידער זענען ארויס פון דעם קוואַל,
איבער דער ערד צוריק,
וואַסערן קלאָרע ווי אַ קלאָרער בליק,
און ווידער אויפגעקלערט
דאָס בוך פון די ביכער דעם מענטש אויף דער ערד.

און ווי עס גייט אויף אַ פרימאָרגן־שטערן
אָנצוזאָגן דעם טאָג דער ערד —
און לעבט אזוי לאַנג, ביז אומעטום ווערט
טאָג אויפן הימל, טאָג איבער ערד,
אזוי איז געגאַנגען צום ליכט די טאַט
פון דיין דערהויבענעם טראַקטאַט.

אונ ס׳זענען די מענער פון דת, די נביאים,
געקומען דיר דאַנקען פאַר נייעם קיום,
און אַרויסגעפלויגן פון פאַרוויקלטע נעצן
זענען ספרים פאַריונגטע מיט באַנייטע דינים,
און ניי־פאַרשטאַנענע געזעצן,
און זענען ווידער־געוואָרן,
אַזוי ווי אין סיון די פעלדער פון קאָרן.

נאָר איבער דיר אַליין, דעם מאַן פון קלאָרן טראַקטאַט,
האָט אַ וויג זיך געטון אַ שטורעם און אַ געווירבל פון צאָרן
פון ברומענדיק־שווערע קירכנגלאָקן־הערצער,
און תוכחה־קללות האָבן געוועבט און געשפונען
אַ פאַל־נעץ פאַר דיינע זיכערע טריט.
זיי האָבן זיך אָנגעזעצט אויף דיין קלאָרן גייסט,
וואָס האָט פון גאָטס אייגענער האַנט זיך געשפייזט,
און האָבן זיך אָנגעזעצט אויף דיין קראַנקן בלוט,
פאַרמשפט אויף אַ יונגן טויט,
וואָס אָרעם געלעבט האָט פון מילך און פון ברויט
פאַר פיר האָלענדישע פרוטות אַ טאָג.

★

ד י   ב ר י ו ו

עס איז געווען אַ צייט פון פעסט און טויט,
פון בלייערנע, שווערע קוילן,
פון שוואַרצן, בייכער־רייסנדיקן שרויט,
פון שטורקאַצן אין פייכטע, פינצטערע קעלערס
און קלויסטערס, און פון בייגער־ברעכנדיקער פיין
פון אומשולדיק־באַשולדיקטע,
און פון שייטער־הויפנס, וואָס ברענען איינזאַם
אין די נעכט אַריין.

און ס׳איז געווען אַ צייט
פון חונפים, קייזער־הויף־חכמים,
וואָס האָבן צלמים,
וואָס טראָגן קיינמאָל קיין שום בליאונג נישט,
אין די בייטן פון דעם גייסט געזעצט,

וואָס האָבן פאַרמעט אין שוואַרצער פאַרב גענעצט
און אויסגעצויגן אים אויף אַלע בלויע הימלען
צו פאַרשטעלן דאָס ליכט.

איז דעמאָלט ווי א רואה ואינו נראה
דיין קלוגע האַנט געוועזן,
און איינגעהילט האָט זיך דיין חכמה
אין דער נאַכט פון נאָמענלאָזיקייט.
און אויסגעלעבט האָט זיך דיין ליכט
און דיין געבענטשטע טיף,
אין לאַנגע, שטילע און אומענדלעך קלוגע בריוו
צו היינריך אָלדענבורג, סימאָן דע ווריז,
צו לודוויג מייער און אפילו אַלבערט בורג,
אי האַרציק, אי מענטשלעך,
אי שטאָלץ, אי גאַלאַנט,
אי וויסנשאַפטלעך פּרעציז.

נאָר געשען איז אַזוי,
אַז אַלץ, וואָס דו האָסט געטון אין היינט,
און אַלץ וואָס דו האָסט גערעדט צו פריינט —
און צו זיי
אין בריוו געשריבן,
איז אזוי פשוט — ווי צווייmאָל-צוויי
אין דער אייביקייט געבליבן.

*

די געאָמעטרישע פאָרם פון דער עטיק

נישט דיין טיפע איינזאַמקייט איז עס געווען,
און נישט דער אומענדלעכער צער פון דיין בליק,
און אפשר אויך נישט דיין אומענדלעכע רו —
נישט דאָס האָט געבויט די הויכע, לייכטע בריק
פאַר מיין נשמהס שטילן, נאַכטיקן וואַנדל
אין דיין לאַנד אַריין, ספינאָזאַ.

און דאָס וואָס האָט מיך גאַנץ געשלאָסן אין דיין כישוף־קרייז
מיט אַזאַ מין בלינדער מאַכט,

די לידער פֿון מײַנע לידער

אַז טײַלמאָל גיי איך אין דער נאַכט אַרויס,
בלינד, זוכנדיק דאָס שטילע הויז
אין האַאַג אויף דער פּאַוויליאָענס־גראַכט,
ערגעץ ווו אין דער אומענדלעכער נאַכט —

און דאָס וואָס מײַן נשמה טיף געמאַכט האָט ווי אַ תהום,
וואָס לעכצט נאָך לויטערער ליבע אומענדלעכער —
איז געווען אָפּטמאָל נישט מער ווי אַ פּשוטער אַקסיאָם,
אַ לערנזאַץ, צוגאָב, צי באַווײַז,
אַ משל מיט אַ ליניע, אַ משל מיט אַ קרײַז,
אָדער דײַן אײביק משל וועגן דער סומע פֿון דרײַ־עק־ווינקלען:

אָ, ווי האָט דאָס אַלץ מײַן מיד געוואָרענעם גײַסט דערוועקט;
געווען איז ער אויסגעשעפּט,
און האָט זיך שוין אויף אַלע פֿיר געשלעפּט,
ווי אין אַ שווערן חלום־קאָשמאַר —

און דו האָסט דאָך אַזוי לײַכט,
מיט ליניעס, פּונקטן, דרײַעקן און קרײַזן,
באַווײַזן מיט אופֿנים אַלערליי,
אַז די גוטסקייט איז פֿרײַ,
פֿרײַ, פֿרײַ, פֿרײַ,
זי דאַרף זיך נישט בייגן צו קיין האַרן פֿון קיין הימל, פֿון קיין לאַנד,
די גוטסקייט איז — פֿאַרשטאַנד,
און ווער עס וויל נישט גלויבן — ווײַל
ר'איז נאָך נישט רײַף און גוט — דער זאָל אַ קוק טאָן אין דער עטיק,
פֿינפֿטער טייל.

גאָרנישט מער; די פֿאָרם איז עס געווען, די פֿאָרם, וואָס האָט מיך אויפֿגעוועקט,
און כ'האָב די ערשטע העלפֿט פֿון לעבן מײַנעם פֿון מיר אָפּגעזעגט,
און כ'בין געקומען אין דײַן לאַנד אַרײַן
דער צען־מיליאָנען־ערשטער זײַן.

1917

די איינטיילונג פון דער עטיק

לייכט איז דער וועג, וואָס פירט אין דער הויך
דעם באַפליגלטן גייסט מיט באַפליגלטן וואָרט.
דער אוויר כוואַליעט און ארויף און ארויף,
און לייכטע שוועבן די געדאַנקען.
און העכער אַביסל איז ריין די וועלט,
ווי אין ערשטן טאָג נאָך דעם מבול.
און דער גייסט איז די טויב —
פליט אין זיגזאַגן — אַ פאַל און אַ הויב —
דורך ראיות ארויף און ראיות אַראָפּ —
און די צענטע — אייביק ארויף.
און עס פליגלט די טויב — ארויף, ארויף —
נישט מער פאַל און הויב, נאָר לויטער הויב —
און איבער דעם אוויר, וואָס ליכטיק־בלאָ,
שוועבט אַ בלאַט אַראָפּ — אָט איז עס דאָ —
אַ גרינער פלאַטער אין לויטער בלאָ.
און די טויב גיט אַ פלי —
האַלט אין שנאָבל דאָס בלאַט —
זי האָט אַ באַגעגעניש מיט גאָט געהאַט —
און זי טראָגט איצט דאָס בלאַט, דאָס איילבירט־בלאַט —
און איר פלי איז איצט שנעל ווי דער פלי פון אַ פייל —
און זי ברענגט דיר אַ ראיה אין בליק־געאייל,
און די ראיה איז בלאָ
און אין בלאָ
איינגעהילט דער סוד,
אַז גאָט
איז דאָ,
און וואו ער איז דאָ.
די עטיק — ערשטער און צווייטער טייל.

און דאָ נעמט דער נביא זיינע פליגלען אַראָפּ,
בינדט אַרום די לענדן אַ גאַרט,
אויפן לייב אַן אָפּן העמד,
אויפן קאָפּ, ווי די טרעגערס — אַ טוך,
ווי אַלע טרעגערס פון אַמסטערדאַם,
אויף די שווערע שיפן ביים ברעג פון ים —

ער שרייבט איצט ווייטער זיין עטיק, זיין בוך.
ער נעמט איצט אַראָפּ פון זיין שיף געדאַנקען,
וואָס ער האָט געבראַכט פון הימל צו דער ערד,
עס איז אַ גרויסע רגע פון ווערן און עס ווערט
גאָט איצטער מענטש און מענטש ווערט גאָט —
און ער ברענגט די געדאַנקען איצט אין שטאָט.
ער האָט געשפּאַנט צו זיין וואָגן די לאָגיק און זי גייט
ווי מוראדיק שווערע פערד אַ פּאָר,
וואָס גייען דאָגמאַטישע שריט —
זייער רימענוואַרק איז זייער פּשוטע שפּראַך —
יובל מענטש אין שטאָט.
שטיי אויף, גיי אַנטקעגן, גייסט אַנטקעגן — גאָט —
נעם דאָס בוך אין האַנט, לייען און צייל:
די עטיק — דריטער, פערטער, פינפטער טייל,

אַמאָר דעי אינטעלעקטואַליס.

1916

די עטיק — ערשטער טייל

אומענדלעכע אויסשפּרייטונג, אייביקער געדאַנק,
איין וואָרט: סובסטאַנץ —
אין אַלע טיילן — אומענדלעך גאַנץ,
גאָט.
אין אַלע שטערן לייכט ער אָן שיעור,
אין אַלע אויגן לייכט זיך זיין שיין,
מיט אַלע זאַכן רירט ער דיך אָן,
אין אַלע אָדערן פּולסירט ער אין דיר,
דיין יעדן אָטעם אָטעמט ער איין,
און יעדעס וואָרט דיינס אָטעמט ער אויס.
ער פילט אין דיר דיין יעדן ריר,
וווינט אין אַלע ווינקלען פון דיין הויז.
אין יעדער פרייד זינגט ער הויך מיט דיר,
און ער וויינט מיט דיר אין דיין יעדן צער.
און נישט נאָר מיט דיר —

ער וואַקסט מיט יעדן גראָז אין דער הייך,
ער וויאַנעט מיט יעדן בלאַט אויף דער ערד.
אין אַלע טייכן זינגט זיין געזאַנג,
אין אַלע כוואַליעס פון ים
שטורעמט זיין שטורעם,
און אין מדבר אפילו,
אין גאַנצן מדבר צהאַמען
און אין יעדן איינציקן קערנדל פון זאַמד —
און ער פלאַמט
אין יעדן דינעם צינגל פון אַלע וועלטנס פלאַמען,
און צישן די פלאַמען — צישט דורך זיי גאָט ווי אַ שלאַנג.
ער הוזשעט בייטאָג דורך די מאַרקן אין שטעט,
און ציטערט אין יעדן שטילסטן געבעט,
צו גאָט — —
גאָט צו גאָט — —
אין נאַכט־פאַרטראַנקענע דערפער.
זיינס איז דאָס ערשטע געשריי פון יעדן געבוירענעם קינד,
זיינער איז דער קרעכץ פון דער פרוי, וואָס געווינט,
זיינער איז דער זיפץ פון דעם גוסס,
און דער גוסס איז אויך ער אַליין — און דאָס טויטן־בעט.
ער וועט
אַליין גיין אין דיר פון דער וועלט,
ווי ער איז אַליין געקומען אין דיר.

1916

ספינאָזאַ און דו

קענסט אויך דיינע בענקשאַפטן שניידן אַזוי,
ווי די שניטערס שניידן דאָס קאָרן אויפן פעלד?
קענסט אויך דיינע בענקשאַפטן ברענען אַזוי,
ווי די פּאַסטוכער ברענען דאָס שטרוי אויפן פעלד?
ביזטו האַר פון דיין וועלט.

קענסט אויך פון דיין איינזאַמקייט טרינקען אַזוי,
ווי דער שניטער טרינקט אין דער מיטאָג־זון?

קענסט אויך דײַן געװײן דו פֿאַרשטילן אַזױ,
װי עס פֿאַרשטילט איר פֿליג די שפּין?
איז דײַן די זון.

און אױפֿהױבן קענסטו דעם קאָפּ אין דער הױך,
װען די שלאַנג פֿון דעם טױט נאָגט שאַרף אין דײַן ברוסט?
קענסט אױך רעדן שטיל, רעדן טיף, רעדן גוט,
און קײנעם נישט זאָגן צומאָל װער דו ביזט?
ביזטו גרױס.

אָבער די בענקשאַפֿטן הענגען אָן דיר,
װי קײטן אָן פֿיס פֿון די שיפֿער־קנעכט,
און די אײנזאַמקײט שטיקט דיך, געװײן איז אין דיר,
אין די טעג און די נעכט,
און כאָטש קײנער שענקט דיר נישט קײן געהער,
בעטסטו דיך בײַ אַלעמען: איך בין דער און דער...
װער ביזטו דען?

1918

פֿאַרצװײפֿלונג און פֿאַל

די נאַכט איז גרױס, גרעסער דער שטורם, נאָך גרעסער דער ים,
און די פֿאַרצװײפֿלונג איז אָן אַ ברעג,
די אָדערן אױף די הענט פֿון דעם גײַסט זענען געשפּאַנט און בלױ,
די שיף פֿון גליק און פֿון רו גײט אונטער —
װײַז נאָך אַ װוּנדער
לעצטער אָנשפּאַר אין דער לעצטער שעה.

נאָך אַ רגע,
נאָך אײן רגע האַלט אױס
אָנשפּאַר, געלענדער פֿון גײַסט.

די מאַסטן ברעכן זיך שױן פֿון שטורעם,
און די הערצער שפּרינגען
פֿון שרעק.

פון די לעצטע אָטעמס פון פאַרסאַפּעטע לונגען
טראָגט זיך אַ זינגען —

איך ברענג נאָך ארויס איין וואָרט:
נאָך איין ווייל — —
און שפּעטער זינג איך:

אל
מלך נאמן שמע —

1916

הונדערטער יאָרן, אויטאַ-דאַ-פעען —

הונדערטער יאָרן, אויטאַ-דאַ־פעען,
ברענען צווישן דיר און מיר,
גייסט אָן אַ שיעור —
ווער זעט דיין גלאַנץ — ווער קען דיך גאַנץ?

הונדערטער יאָרן, און דיין געוואַלטיק שווייגן,
ליגן ווי לייבן צווישן דיר און אונז —
ווער זעט דיך גאַנץ? ווער קען דיין גלאַנץ?

הונדערטער יאָרן —
אָבער מיט יעדן יאָר,
וואַקסט דיין געדאַנק מיט רייכער, שטילער מאַכט,
מיט דער קראַפט פון אַ בארג־קוואַל און קיינמאָל נישט מיד,
אייביק — זינג אויף:
איינס — צוויי — פיר — אַכט.
ווי ס׳ציטערניש אין דעם האַרץ פון דער ערד
האָט ער מיט קראַפט זיך אָנגענומען,
און איז שוין אזוי נאָענט צו דער אויבערפלאַך געקומען,
אַז אַלע, אַלע פילן שוין דעם גאַנג,
און די נשמות הערן אַ געזאַנג:

ס׳דאַרף קומען, וועט קומען, מוז קומען אַמאָל,
אין דרייהונדערט אָדער דרייטויזנט יאָר,
און דאָס ליכט וועט זיין דאָ אומעטום, אומעטום,

און קיינער וועט נישט וויסן ווי ס׳געשעט, ווי עס ווערט;
איין גרויסע זונבלום וועט זיין די ערד,
און זי וועט בליען, בליען, בליען
אויף דרייטויזנט יאָר, אָדער דריי מיליאָנען.

1918

★

ר ו

שטורעם, שטורעם!
שטורעם!
האַלט איין דיין אָטעם — לייג איין דיינע פליגלען,
פאַרמאַכט דיין מהות איז אויף זיבן ריגלען,
פאַרמאַכט ווי דאָס לייב,
דאָס איינגעשרומפּענע מוטערלייב,
פון פרויען פול בלוט און פול תאווה,
וואָס קענען קיינעם נישט האָבן ליב —
נאָר זיך.

און מיינע טויערן וואַרטן אויף דיר,
מיינע אַלע פיר טויערן —
אין מזרח און מערב און דרום און צפון —
געעפנטע אַלע פיר,
אינעם שטילן גליען פון דער מיטאָג־זון —
רו דו,
אומענדלעכע רו!
מוטער פון פרילינגען אַלע,
און אין זיי — פון אַלע בליטן,
מוטער פון זאַנגען, וואָס ווערן געשניטן —
מוטער פון שוואַנגערע פרויען אַלע,
מוטער פון גייסט,
מוטער פון טרייסט,
מוטער פון זון — וואָס אויסגעלייזט
וועט ווערן די וועלט דורך אים.
טרעט שטיל מיט דיינע מוטערלעכע שריט —

און קום אין מיין איינזאַמען גאָרטנס מיט,
מיט דער גרינער צווייג פון רו אין דיין האַנט —
און פאַרזעץ זי דאָרטן,
אין דער פאַרבענקטער ערד פון מיין גאָרטן —
און וואַקסן וועט זי,
און וועט ווערן בוים —
און זיין נאָמען רו —
רו דו,
דו רו,
רו,
דו.

1917

אין ליכט

אזוי ווי דער עפּלבוים שטייט אין דער זון,
פאַרפרי נאָך אן אָסיען־נאַכט,
פאַרקלערט און פאַרוויקלט אין שטראַלן־שלייפן,
אין ראָסע־טרערן,
אריינגעטון גאַנץ אין זיין צייטיק־ווערן —
שטיי איך אין דיין ליכט.

אזוי ווי דער עפּלבוים זינגט יעדן מאָרגן,
זיינע בלעטער זשומען און זיינע פּירות שמעקן —
און ער מיניעט זיך שטיל מיט גינגאָלדענע פלעקן —
און ציטערט פון רייפן גלוסט,
אזוי צייטיק איך אין דעם ליכט פון דיין וואָרט.

איז דער בוים געשטאַנען דעם גאַנצן טאָג
אין ליכט — און ס׳איז אָוונט געוואָרן —
און רויט איז פאַרגאַנגען די זון,
און דער בוים האָט געשימערט רויט־גאָלדן דערפון —
און נישט מער פאַרגאַנגען איז גאָלדענע שיין
פון זיינע פּירות.
אויף זייער מערב־זייט

איז איבערגעבליבן רויטגאָלדנקייט.

ס׳איז איבערגעבליבן פון דעם ליכט פון דיינע רייד
אַ גאָלדענער שימער אין מיין נשמהס קלייד —
און פון דיינע ביכער — דער צייטנשטויב —
הויבט זיך אויף — ווען איך עפן זיי,
און ער שימערט גאָלדן־קלאַנגיק
שפּעטער אויף מיינע לידער אַראָפּ
און אָנגעזאַפּט מיט ליכט איז דער שטויב,
אַ ראַסע פון ליכט
אויף מיינע לידערס אומענדלעכן לויב
צו דיר.

1917

★

קאַטעגאָריש ליד

און דו געוואַלטיקער, האַר פון יאַרטויזנטער,
געזעצגעבער, קריצער אין שטיינערנע לוחות,
פאַרשטייניקער דו,
מאַן מיט גינגאָלדענע הערנער־שטראַלן,
גרונטפעסטיקער פון די כוהנים׳ס יחוס —
טרעט אָפּ — די צייט האָט צעבראָכן דיינע לוחות.

און דו געקרייציקטער, בלוט־טריפנדיקער,
מיט דער שטראַלן־גלאָריע און דער דערנער־קרוין,
וועלט־פאַרשלעפּערער, מענטשהייטס־פאַרטרוימער,
רחמים־בעטער מיט דינע הענט פול מיט זיסן גאָלד —
און ביטער־זויער־טרוקענעם בלוט,
בלייב הענגען דאָרט אויבן — דיר איז דאָך אַ צלם האָלד.

און איך בין ווייטער געגאַנגען,
ווייטער אַ האַלבע ערד,
און העכער מיט זעכצן־מאָל־הונדערט יאָר,
ביז צו דער קוזניע פון גייסט,
דאָרט האָט מען מיט לאַגישע האַמערס געפּריוועט

דאָס מענטשלעכע האַרץ,
געזעגט עס מיט ווערטערס שפּיציקע קאַנטן,
און מיט שנייד־דיאַמאַנטן,
דורכזיכטיק קלאָרע געדאַנקען.
דאָ האָב איך באַשטעלט מיר אַ שטאָלערנע קייט,
וואָס פאַראַנקערט איינעם אין דער אייביקייט.
זי ציט מיט אַ זיכערן, שנייד־גלייכן וועג,
פון זיך ארויס, פון דער טיפסטער טיף,
און ברענגט צו זיך צוריק, צו דער העכסטער הייך.
און איז אזוי פאַרביסן ספּעקולאַטיוו,
און דאָך אזוי פּשוט, מענטשלעך, טיף,
מענטשלעך, טיף.

1918

✶

באַשערט איז מיר אפשר —

באַשערט איז מיר אפשר אַ לייכטער צו זיין
פאַר מיין דור,
אַ וועגווייזער אפשר צעקרייצט אויף אַ וועג,
אויף דעם אומענדלעכן וועג צו גאָט —
דו אָבער ביזט דאָס ליכט פון מיין ליכט,
דער לייכטער פון מיינע אייגענע נעכט.

ס'איז אפשר באַשערט צו מיין נאָמען אַ קלאַנג,
וואָס קלינגט אַריבער אַ קבר נאָך לאַנג,
און צו די אָרימע פּרוטות פון מיין גייסט
איז אפשר באַשערט אַ גרעסערער ווערט —

דיין נאָמענס קלאַנג
קלינגט אָבער אין מיר און ציטערט לאַנג,
ווי דער קלאַנג
פון גאָלד'נעם האַלענדישן דרייער־גילדן
אין אויער פון אָרימען פישער ביים ברעג פון ים,
ווייל ס'הונגערן די קינדער — געדאַנקען מיינע.

דו רייכער, דו גוטער מאַן,
ברוך דו — ברכה דו פון אונז אָרימע אַלע.

באַשערט איז מיר אפשר אַ לייכטער צו זיין,
וואָס לייכטן וועט ווייטער קיין מזרח צו —
צו דיין שוועל האָסטו אין מיין פינסטערער נאַכט
ליכט פאַר מיר ארויסגעבראַכט
און געלאָזן אָנצינדן מיין קנויט,
און דערלאַנגט מיר אַ לאָבונג פון דעם ברויט
פון דיין נשמה.

און אזוי האָב איך ווייטער שוין גיין געקענט
מיט דעם ליכט אין די הענט,
אַנידערצושטעלן מיך ערגעץ ווו
אויף דעם ווייטן וועג קיין מזרח צו.

1918

פ ר ע ה י ס ט אָ ר י ש ע ל אַ נ ד ש אַ פ ט ן

זעקס פון די זאַכן זענען דערשינען אין דעם „קרן פון אַלע מיינע לידער״, אין וואַרשע, אין יאָר 1922. די גאַנצע זאַמלונג פון 23 לידער איז דערשינען אין פאַרלאַג „קולטור ליגע״, וואַרשע, 1924. 56 זייטן. די ווידמונג אויפן בוך האָט זיך געלייענט: משה בערגנער־הררי, 1892—1921, געשטאָרבן פון אייגענעם ווילן. ווילדע גראָזן אויף אַ פאַרגעסן קבר פון אַ ווילד לעבן. זיין יינגערער ברודער אין בלוט.

דער אדם און זיין יאַהווע

דער אדם האָט געוווינט ביים ברעג פון דער זייט : אויף אַ נאַסן פעלזן-באַרג : און פון יענער זייט פון ווייטן בלויען ים : האָט יאהווע זיינער געוווינט : און אָפט האָט זיך געמאַכט : ביינאַכט : אַז די אָוונט-וואָלקנס האָבן זיך פאַרצויגן : האָט אדמ׳ס יא—הא—ווע : אַ זילבערווייסער : קיילעכדיקער שטילער : פּאַמעלעך זיך באַוויזן : אויפגעזעצט זיך אויפן ווינט : און אַרויפגעפלויגן אויפן הימל : און האָט געשמייכלט זעענדיק ווי אדם ליגט : מיט זיינע ווייבער און מיט זיינע קינדער שלאָפנדיק : און ווי אַ שוואַרצער חזיר אַז ער גראָבט די ערד מיט זיינע שפּיצן־ציינער : האָט געכראַפּעט אדם גראָבנדיק זיך דורך דער נאַכט ✶ און פלוצלונג כאַפּט זיך אויף : פון זיינע ווייבער — איינע : און זי וועקט אים : קום — אדם — איבער מיר : די מילך אין מיינע בריסטן איז שוין אויסגעטרוקנט : און זי ציט אים און זי לעקט ביי אדמ׳ען די הענט : און ער ווערט בייז און גיט אַ ריס די הענט : און רייבט מיט זיי דעם שלאָף פון ד׳אויגן אויס ✶ און ווי ער עפנט זיינע אויגן ברייט : גיט ער הויך אַ לאַך אַרויס : זיין יאה—ווע האָט ער איבער זיך דערזען : ווי ער וואַכט : מיט שטילער ליבע איבער אים מסתמא שוין אַ האַלבע נאַכט : ווי אַ גוטער הונט מיט אַ קיילעכדיקן ווייסן פּנים ✶ האָט זיך אדם אויפגעשטעלט ביים ברעג : און צוגעלייגט די הענט צום שוואַרצן האַרט־באַוואקסן ברייטן מויל : ווי אַ האָרן ווי אַ קורצן : און אַ געשריי געטון : יא — הא — ווע — — : און האָט זיך פריידיק אויף זיין גאַנצן קול צעלאַכט ✶ און אַז די ווייבער און די קינדער האָבן אינעם שלאָף דעם האַרס געשריי דערהערט : זענען זיי פון די געלעגערס אויפגעשטאַנען און געבוקט זיך צו דער ראָסע־קילער ערד : אָבער ס׳האָבן זיך די זייגנדיקע אויף אַ קול צעשריגן : און זיך געוואָרפן בייז און געזוכט אווו די ציצן פון די מאַמעס ליגן : און די מאַמעס ציצן זענען איצט צו דער ערד געהאָנגען : פאַרכטיקע פאַר יאהווע : און יאהווע האָט געשמייכלט מיט אַ מילדן קילן שטילן זילבער-זיסן שמייכל : וואָס האָט זיך אין די ווינקלען פון זיין ברייטן ווייסן מויל באַוויזן : און האָט געקוקט, געקוקט : ביז ער האָט דאָס פּנים זיך מיט אַ וואָלקנדל פאַרשטעלט ✶

1920

✶

דעם אדמס מאַמע

דעם אדמס מאַמע איז געוואָרן אַלט : איז בייטאָג געלעגן נאַקעט אין דער זון : און געמרוקעט אין דער וואַרעמקייט : און ס׳איז די פּרוכנע קאָרע־הויט פון

איר אויסגעדאַרטן קנאָכן־שטאַם : געווען פול מיט קריכנדיקע ווערעם : און אַז זי האָט אדמן : איר פלייש און בלוט : דערזען : ווי ער קומט פון ווילדן געיעג : האָט זי : פריער פאר די קליינע קינדער : אויפגעכאַפּט זיך : מיט אַ הונגעריק געפרעג : מאַמען עסן דו געברענגט : האָבן זיך אין אדמס בייזע ווייבער : פון אַזעלכע מיני רייד : אויפגעקאָכט די הונגעריקע בלוטן : ווי קומט זי : וואָס גיט זי אים : וואָס פיגרט זי שוין נישט : מיר געבן אַלץ וואָס אדם וויל : ווען אדם וויל : און וואָס מיר האָבן : אויף זיך און אין אונדז : ביז טיף אין בויך ✶ און אדם איז אַליין : פון ווייבערס רייד און מידקייט : אַריין אין צאָרן : און אַזש רויט און בלוי געוואָרן : און געשפּיגן : האָט ער צו דער קאָרע פון דער מאַמעס פּרצוף : גיי שוין ליגן : דאַרע הויט : גיי ליגן ✶

1920

✶

דער מאַמעס טויט און אדמס ליבע

דעם אדמס מאַמע איז געווען אַלט : און ווינטער איז געווען : איז זי געלעגן צווישן אַלטע אויסגעקראָכ'נע ציגן־פעלן : און האָט געדרעוועט אין אַ הונגער־צער : איר רוקן איז געווען ווי אַ דאַרער ווערבע־בוים אויף צוויי געבראָכן : און אויך די ווייסע האָר שוין אויסגעקראָכן : פון צעפּאַלנדיקער הויט : און נאָר די אויגלעך זענען שוואַרץ געבליבן : און געשטעקט אין שאַרבן : שוואַרצע זשוקעס־רוקנס : אין פוילע האַרבסט־בלעטער איינגעפרעסן : און האַרטער ווינטער האָט געקניט איבער דער וועלט : טאָג־איין : נאַכט ־ אויס : און אדמס יונגסטע ווייב האָט צוגעשלעפּט צו זיך אַלע יונגע ציגן־פעלן : פאַר איר וואַרעם טאָג-און נאַכט געלעגער : ווייל זי האָט איר לייב געהאַלטן שטענדיק הייס : ווייל אדם האָט אין איר געפונען שטאַרק געפעלן : און האָט געכלינעט צו דער זאַטער ווייכער וואַרעם פון איר בויך ✶ איינמאָל האָט ער זיך אין וואַלד פאַרזוימט : און איז געקומען קאַלט און כמורנע אין דער מיטן שוואַרצער נאַכט : האָט ער אויף דער שוועל אַ וואָרף געטון : די פאַרפרוירענע ציגען : וואָס ער האָט טויט אין וואַלד געפונען : ווייל די לעבעדיקע האָט דער פראָסט דערדושעט : און צום געלעגער פון זיין יונגער איז ער צו : און פון זיין פאַרפרוירענער באָרד : האָט עס זיך ארויסגעקרושעט : דו : רוק דיך : לאָז ליגן : יאָ : האָט זי געענטפערט שטיל : און אירע אויגן האָבן גרין געגליט : האָט אדם דורכגעבליקט דורך זיי : ביז צום טיפן אינגעווייד פון איר ווייכגעפּאַלדעוועטן פעטן שמאָלן שטערן : ציטערט זי אויף גיך : ווי די שוועסטער־ווייבער האָבן איר בייטאָג געהייסן : דיין מאַמע איז אַ שלעכטע

אַלטע : פרעסט און פרעסט : און האָט מיך היינט בייטאָג געשלאָגן : מיך דיין הייסע : אָט אָ דאָ אין בויך אַריין : דעקט זי אויף איר בויך : און אדם בייגט זיך מיט זיין קולאַק צו : אָ : גיט זי אַ קוויטש פון קעלט : און שטויסט די צוגעוואָקסענע האַנט אַוועק : קענסט זי דאָך פון דאַנעט טראָגן : איצט : און באַגראָבן היינט ביי נאַכט : און קום צו מיר : מיר : גיסט אים אָפּ איר אָטעם נאַכטיק הייס און זויער : בלוט וואָס קאָכט זיך : הייסער מיינער : דו ✶ און ס׳איז אים איינגעגאַנגען אינ׳ם האַמערנדיקן מוח : האָט ער גענומען ביי די פיס זיין מוטער : און האָט זי איינגעוויקלט : אין די אויסגעקראָכענע פעלן : פון די ציגן : האָט זי פול רציחה און פול שרעקן אויפגעשריגן און געשפיגן : אָבער אדם האָט נישט איינמאָל שוין אַ לעבעדיקן שעפּס געטראָגן : וואָס איז געווען שטאַרקער ווי זיין מאַמע : און באַהאָרנט : האָט ער זי מיט לייכטיקייט ארויס און ווייט אַוועקגעטראָגן : דאַן שטעלט ער זי אַוועק : און זאָגט איר : שטיי : וואַרט : און מיט אַ האַק פון שטיין האָט ער גענומען האַקן : אַ קבר אינם האַרטן שניי : און אַז דער דנאָ פון קבר האָט דערגרייכט די ערד : הילט ער די מאַמען וואַרעם איין אין אירע ציגן־פעלן : בינדט דעם קאָפּ אַרום און נעמט ארום די פיס : איצט מאַמע זאָגט ער : און זיין קול איז שטיל : גיי ליגן : האָט זי געדעוועט : איך : דיך : געהאַט : געבוירן : און דורך דער פעל האָט זי דאָס דאַרע לאַפּקעלע אַפּירגעשטעקט : און אַ גלעט געטון : אדמקע : זענען ערשטע טרערן אויף זיין האַרטער באָרד געפאַלן און געפרוירן : האָט ער געזאַלצנס מיט דער צונג געלעקט : און נישט געוווסט : אַז אין דער רגע : האָט ער : דאָס געווין אויף דער וועלט געבוירן : האָט ער די מאַמע צוגעדעקט מיט שניי : און געבליבן איז ער שטיין : און האָט זיך צוגעהערט : צום געוויין : פון צווישן שניי און ערד : ביז עס איז פאַרשוויגן : אין דער טיף : און אדם איז אַנטלאָפן ✶ און פאַרסאַפּעט איז ער צוגעפאַלן צום געלעגער פון זיין זיסער : לאָז ליגן : האָט זי דערשראָקן אויפגעמאַכט איר נאַכטיק־הייסע שויס :

און אדם האָט זיך אויסגעשטרעקט אויף איר אין זיין גאַנצער גרויס ✶

1920

✶

דער אדם און זיין שכן

דער אדם האָט געוווינט ביים ברעג פון ים : אויף אַ באַרג אַ שטיינערנעם אַ נאַקעטן : און אויף אַ צווייטן באַרג : נידריקער און ווייטער פונעם ים : האָט געוווינט זיין שכן : יעדן אָוונט פלעגט אים אדם פון זיין פעלז דערזען : זען זיין רויטן קודלע־קאָפּ : זען אים וואַלגערן אין בלוט און לייב און אין געשריי :

װײַל שלאָגן זײַנע װײַבער און פּאַסעװען די קינדער ׃ פלעגט דער שכן יעדן טאָג נאָך זונענאונטערגאַנג ׃ און געהאַט האָט ער אַ גאַנצע סטאַדע — מער אַסך װי אדם ✶ אײנמאָל האָט אים אדם אין אַ װאַלד באַגעגנט ׃ שפּעטער זומער האָט שוין קאַלט גערעגנט ׃ אדם איז אַרומגעקראָכן אין די פעלזן־שפּאַרעס און גענישטערט ׃ נאָך יונגע נאַסע אָדלערלעך ׃ פאַר זײַן ייִנגסטן װײַב ׃ װאָס האָט אים יונגע צװײ געװוינען ׃ און דער שכן האָט מיט זיך געהאַט אַ קרוג פון רויטן שטײן ׃ און אדם האָט געהאַט מיט זיך אַ קויש פון ים־גראָז ׃ קוקט ער, קוקט זיך צו צום קרוג פון שכן און ס׳איז אים װוילגעפעלן ׃ ער װעט אים — טראַכט ער — פאַר זײַן זיסטן װײַב אַנידערשטעלן ׃ פול מיט

װאַסער פון אַ זיסן קװאַל ׃ און פאַרמישט מיט בלוט פון אָפּגעדרייטע אָדלער־קעפּלעך ׃ האָט ער געגאַרט זיך מיט זײַן שכן דורכצובײַטן ׃ מיטן קויש און מיטן קרוג ׃ אַ שטויס אַהין ׃ אַ ברום אַהער — דער שכן װיל נישט ׃ גיט ער אים אַ נעם בײַ זײַנע זײַטן און װיל אַ שלײדער טון ׃ און גליצערט אַלץ נאָך מיט די אויגן צו דעם קרוג ׃ װײַל נישט צום שלאָגן זיך איז אים יענעם טאָג געװוען ׃ און פלוצלונג האָט אַ פויסט מיט אַ שטײן װי אַ פײַער־פלאַם צו אים אַ יאָג געטון ׃ און ר׳האָט זיך אויף אַ יעמערלעכן קול צעשריגן ׃ און ער האָט אַלץ פאַרגעסן — און געבליבן ליגן ✶ און ס׳האָט זיך אים װער װײסט װי לאַנג אַ נאַכט אַרום דעם קאָפּ געדרײט ׃ מיט בלוט און װײ געמישט געמישט ׃ ביז ר׳האָט זיך פלוצלונג אַלץ דערמאָנט ׃ ער מאַכט די אויגן אויף

און ס'מאַכט זיך אויף נאָך איינס : און אויפן פּנים רינען ריטשקעס פּעלעכעס פון קאַפּ : און בלוט און רעגן־וואַסער : און זיי רינען אים אין מויל אַריין : און ער שלינגט זיי און ער טראַכט : און אַט אַ דאַכט זיך אים : אַז ס'גייט אויף אים אַרויף מיט אויגן מיט אויגאַנעס גרויסע : די גאַנצע נאַכט : און אַ מורא איז ביי אים אין האַרצן אויסגעבראַכן : האָט ער געוואָלט אַוועק : נאָר פאַר שרעק איז ער אויף אַלע פיר געקראָכן : אַרום זיך — — און ר'האָט געטראַכט געטראַכט : ווער וועט מיר העלפן : כ'האָב מורא פאַר מיין שכן : און פון אַ ווינקל הימל האָט אַ בליץ געטון אַ קרומער פּאַס מיט ליכט : און ווי אַ שטאַרקע האַנט האָט עס אים אויפגעריכט : פון דר'ערד : און ר'איז אַהיימגעלאָפן : און לויפנדיק האָט ער געקלערט געקלערט געקלערט : כ'וועל בעטן בעטן ביי מיין יאַהווע : כ'וועל בעטן, בעטן ✶

1920

✶

דעם אדמס געבעט

און אדם האָט געבויט און האָט געבונדן : בוים צו בוים און צווייג צו צווייג : און האָט געמאַכט און געמאַכט : און עס איז געוועזן אַזאַ מין שיף : און האָט אַראָפּגעשליידערט זי אין ים אַריין : צוהאַלטנדיק ביי אַ צווייגן־שטריק : און ס'איז די שיף געשטאַנען אויפן וואַסער : און ס'האָט זיך אדם אַזש פאַר פרייד פאַרכלינעט : ר'האָט אַ רוף געטון די ווייבער און די קינדער — און האָט זיי ווידער באַלד פאַרטריבן : ר'האָט געוואָלט אַליין זיין מיט זיין יאַהווע און איז אַליין געבליבן : און אויף יענער זייט פון ים — זיין יאַהווע ✶ פאַר דער נאַכט נאָך זונען־זינקען : האָט ער אַ לויף געטון צום ווייב צום יינגסטן : זעט ער ווי די יונגע צווי ליגן זויגנדיק פון ביידע ציצן : האָט ער זיך הינטער אַ בוים איינגעבויגן : געבליבן זיצן : און וואַרטן — — ביז זיי זענען אַלע איינגעשלאָפן : איצט קומט ער צו : נעמט די יונגע פון דער מאַמעס זייט : און בינדט זיי שטילערהייט : מיט אַ ווייכער צווייג : עפנט זייער מאַמע אויף די אויגן ברייטער ברייטער : זיי לייכטן אַזש : און פלוצלונג : ווי אַ לאַנגער ווינט : האָט זי זיך לאַנג צעשריגן : האָט אדם איר אַ טריט געגעבן אין אויסגעשוואַנגערט ווייכן בויך : שווייג : און ס'האָט אים מיט די יונגע פלינק אַ טראָג געטון צום ברעג : און ר'האָט זיי באַלד פונקט ווי אַ שטיין אַ וואָרף אַוועק : געטון אין סאַמע מיטן ים אַריין : און ווי אַ שטיק פאַרזונקען און דערטרונקען זענען זיי : מיט זייער רויטן לייב : קוויטשעדיק געוויין : און זייער מאַמעס אַנגסטגעשריי ✶ און

אדם האָט אַצינד געקלערט אַזוי : יאַהווע וועט זאַט זיין — יאַהווע וועט גוט זיין : ווי אדם ווי איך ווען אדם איז זאַט : און ער האָט זיך פון פעלז אַראָפּגע־גליטשט אויף געצווייג און געבלאַט : אין וואַסער אַריין : און זיך ארויפגעזעצט אויף זיין צווייגן ־ שיף ✶ ווינטשטיל איז דער ים געלעגן : און נאָר די ערשטע שטערן האָבן אויף זיין פלאַך געציטערט : און אדם האָט גערודערט און גערודערט : מיט נאַקעטע דרענגער אַלץ ווייטער און ווייטער : אַלץ נענטער און נענטער : צו יאַהווע ✶ און ער האָט נישט געוווסט : אַז יענע נאַכט געוועזן איז אַזאַ מין נאַכט : ווען יאַ—האַ—ווע באַווייזט זיך נישט ✶

1920

✶

דעם אדאמס טויט

און אדם איז געשווומען און געשווומען : און די כוואַליעס האָבן אים געשטויסן און געשטויסן : פעלז — אויס פעלז : ברעג — אויס ברעג : אַלץ איז אַוועק : און אדם האָט געקלערט נאָר איין זאַך — ווי ער וועט בעטן ביי זיין יאַהווע : ער וועט בעטן אַז יאַהווע זאָל דעם שכן : צעברעכן מיט זיין דונער אָט אַזוי ווי ער האָט היינט געבראָכן : די צווייגן פאַר זיין שיף : און אַז יאַהווע וועט עס טון וועט דעמאָלט ער אליין : אדם נעמען דעם שכנס קרוג פון רויטן שטיין : און אָנפילן מיט רויטן בלוט פון זיין זיסן ווייב : ארויסצאַפּן עס פון איר לעבעדיק לייב : און עס אריינגיסן גלייך צו יאַהאווע אין מויל אריין : ווען ער וועט זיין אַמאָל גאַנץ נידעריק ביים ראַנד פון ים : און יאַהאווע מוז האָבן ליב — ליבערשט ווי אַלץ : דאָס זיסע בלוט פון ווייבער : אַזוי האָט ער געקלערט — און ס'האָט געשטויסן אים דער ים געשטויסן : און ער האָט אויפגעהערט : צו רודערן און האָט געקלערט געקלערט ✶ נאַכט איז איבער ים געפאַלן : און פלוצלונג הויבט די שיף זיך אָן צו דרייען : און די נאַכט ווערט שוואַרץ און שוואַרצער : ווי צוויי נעכט אויף אַמאָל : און דאָס וואַסער אונטן שוואַרצער נאָך און נאָך געדיכטער : און יאַהווע קומט נישט צו אדם און אדם קומט נישט צו יאַהווע : האָט אדם אינגאַנצן אָפּגעלאָזט די רודערס פון דער שיף : האָט זיך אויפגעשטעלט און געטון אַ רוף : יאַהווע ענטפערט נישט : און ס'האָט אַ ווינט זיך אויפגעהויבן : ערגעץ אין די פינסטערנישן אויבן : און ערגעץ אין די טיפענישן אונטן : די שטערן האָבן זיך געלאָשן און געלאָשן : ביז נאָר איין שטערן איז געבליבן אויבן און איינער אונטן : און דער איינציקער האָט געוווּנקען : געוואונקען : זיך געטרונקען און אונטערגעטונקען : אויבן און אונטן : און די כוואַליעס האָבן געשוימט און אדם האָט געציטערט : האָט ער זיך אַ

ריס געטון און פול מיט דומפיקער שרעק : וואָס האָט געקלאַפּט אין אים ווי מיט שטיינערנע קלעפּ : האָט ער צום שוואַרצן חלל — אפשר ים : אפשר הימל : אפשר ברעג : אַ געשריי געטון : יאָ—האָ—ווע ביזטו דאָ : ווו ביזטו : און דער ווילדער ווינט האָט זיך אַ ריס געטון אויף אדמען און מיט אַ קאַלטן קוויטש : האָט ער אים אריינגעבייטשט אין פּנים : האָ—או—או—או : או—או ✶

1920

✶

וואַסערשלאַנגען

די גראָזן־גרילן האָבן אויפגעהערט : צו שפּילן זייער ציטערדיק געשוויפּ־טשעריי : זשאַבעס האָבן אָפּגעבראָכן דאָס געשריי : אין גרינע קוואַקנדיקע וואַסערן : און איבער די הימלען האָבן זיך פון מערב און פון מזרח : צוויי נעכט פינצטערע געשפּאַרט : נאַכט פון מערב נאַכט פון מזרח : די סאָווע האָט אַין קוויטש ארויסגעלאָזט : איז געפאַלן ווי אַ שטיין אַראָפּ : און אָפּגעגאָסן האָט עס מיט אַ בליאַסק די נאַכט : דעם באַרגשטיין האָט עס אויפגעשפּאַלטן : קרושענדיק האָט ער זיך מיט אַ לאַנגען דונער : באַרג־אַראָפּ געשיט : און פון יענער זייט באַרג האָט זיך דער ים געוויגט מיט שווערע כוואַליעס : באַרג אויף טאָל אָפּ : געשפּריצט האָט ער אַריבער שווערע טראָפּנס ✶ די כוואַליעס האָבן אַנגעפּולט די רזשיקעס : און געפלויגן זענען זיי מיט אַ געקוויטש : איבער אַלע ברעגעס : ריס-איין ריס-אויס : זשאַבעס זענען מחנות-ווייז ארויס פון בלאָטע־לעכער : האָבן אויסגעצויגן זייערע לאַנגע פיס : ווי גרויסע שפּינען : און מיט אַ פלינקען שפּרונג : אויף די צווייגן פון אַ ליגנדיקן בוים ארויף : וואָס דאָס וואַסער האָט פון אָרט געריררט : און אַז אָפּגעגאָסן האָט עס מיט אַ בליאַסק די נאַכט : זענען זיי אויף זייַנע צווייגן : ווי די טרויעריקע פייגל אינם הארבסט : געזעסן פאַרזונקען אין שווייגן ✶ אַ פערד האָט עס געוואָרפן מיט אַ ריס פון די פיס : האָט עס אויף די רייסנדיקע בלאָטע־מוטנע כוואַליעס אויסגעשטרעקט : שווימענדיק דאָס שווערע לייב : און געהירזשעט טויב : אָבער ערגעץ ביי אַ הויכן ברעג : ביי אַ קוואַר־געוואָרפענעם בוים : האָט עס פאַריסן אים דעם קאָפּ אין דער הייך : און אַז אָפּגעגאָסן האָט עס מיט אַ בליאַסק די נאַכט : איז זיין לאַנגע מאָרדע אויסגעשטרעקט געוועזן צו דער הימל-הייך : ביז דעם ברעג האָט עס אַ ריס געגעבן : ערד און ביימער כוואַליעס שטיינער האָבן : אין דער טיף דאָס פערד באַגראָבן ✶ און אינם לאַך אין ברעג האָט עס געכאַרכלט מיט אַ לאַנגען אָטעם : אין אַ נעסט פון גראָע שלאַנגען : און אַז אָפּגעגאָסן האָט עס מיט אַ בליאַסק די נאַכט : האָבן שלאַנגען־קעפּ געריסן

זיך אַרויף־אַרויס ׃ ווי די קאַרעניעס פון אַ בוים אַן אויסגעריסענעם און קאָפּאַראָפּ־געקערטן ׃ און די צעצווייגטע צונגען האָבן זיי אַרויסגעשטעקט ׃ און האָבן זיך אַרומגעוויקלט אַרום הויכע גראָבע שטאַמען ׃ און די לאַנגע בייכער האָבן זיי פון הונגער פון צעצונדענעם געפּאַליעוועט ׃ און האָבן אַלעמאָל אַ האלבן לאַנגען לייב אויף דער כאַרכלענדיקער וואסער־פלאַך ׃ מיט צעעפענטע פּיסקעס אַנידערגעלייגט ׃ שטראָם־אויף ׃ און די כוואַליעס האָבן שרייענדיקע לעמער און פּאַר שרעק געפיגרטע האָזן ׃ אין די מײַלער זיי אַריינגעגאָסן ✶

1920

✶

וואַלד ברענט

אויפגעעטעמט האָט דער טענענבוים ׃ נאָך די ווייסע בליץ־זיגזאַקן ׃ און ברייטער האָט ער זיך צעצווייגט ׃ און אין אים איז נאָך געווען שטילער דראָזש ׃ נאָך די שווערע דונערן ׃ אָבער אין די טרוקן דושנע וואָלקן ׃ האָט עס נאָך פון צייט צו צייט געצוקט ׃ און פלוצלונג ׃ ווי אַ בוהיי ׃ גרייט און ווילד צום שטויסן מיט די הערנער ׃ האָט דער טענענבוים אַזש אַנגעבוקט זיין האַרטן קאַרק ׃ אַזוי האָט עס מיט אים פון אַלע זייטן אויפּאַמאָל געטון אַ ריס ׃ און מיט אַ שאַרפן שפּאַלט ׃ פאַלט ׃ זיין אייגענער קאָפּ צו זיינע אייגענע קאַרעניעס־פיס ׃ האָט מיטאַמאָל פון האַרצן אים אַ זעץ געטון ׃ דאָס ליכט פון אַלע זיינע זונען-הייסע טעג ׃ און מיט אַמאָל איז עס אַראָפּ ׃ אויסגעלאַשן ווי אַ פאַלנדיקער הימל־שטיין ׃ אָבער דורך די אויסגעבראָכענע געהילצן ׃ האָבן פייערצונגען זיך אַרויסגעשטרעקט און זיך אַן האַלץ געריבן ✶ דער פאַרנאַכ־טיקער ווינט ׃ וואָס איז דעם דונער נאָכגעפלויגן ׃ ווי די שוואַלב דעם יאַסטריב ׃ האָט דאָס פייער שוין אין פּיסק אַריינגעכאַפּט ׃ און עס אַראָפּגעוואָרפן צו דעם צווייטן טענענבוים ׃ רירט עס זיך צוערשט קוים קוים ׃ דאַן וואַקסט עס ׃ שפּרינגט און ווי אַ וועווערקע גרויס און פלינק ׃ פון צווייג צו צווייג און בוים צו בוים ׃ און אַראָפּ ׃ טאָל אַראָפּ ׃ און באַרג־אַרויף ׃ צו די קעמפּעס הויכן גראָז ✶ איז צווישן די אַנדרימלטע חיות פונם וואַלד ׃ געוואָרן אַ בהלה ׃ און מיט אַן אויסטערלישער מויל־יללה ׃ האָט דאָס יונגוואַרג אויסגעצויגן אַלע העלזער ✶ דער ערשטער איז געווען דער פלינקער האָז ׃ וואָס האָט געוווינט ביים ברעג פון וואַלד ׃ און דאָס פייער איז אים נאָכגעלאָפן אינם הויכן גראָז ׃ און נאָך אים דער שלאַנקפוס הערש ׃ מחנות פוקסן און די וועלף מיט דינע באָקעס ׃ און די בערן האָבן געוואַלטשעט זייער שווער-ברוין לייב פּאַרויס ׃ און דאָס יונגוואַרג דאָס פאַרלאָזטע האָט געריסן זיך מיט קולות און

געביסן זיך : האָבן די געפליגלטע מיט פאַזורקעס געריסן : און די מילעכזייגנ־
דיקע האָבן מיט די שארפע ווייסע ציין געביסן : מיט כלערליי העזיות : האָבן
אַלע מינים חיות : זיך געטראָגן דורכאיינאַנד : בראַנד : בראַנד : און די
סטאַדעס סעמפּעס האָבן זייערע פליגלען אויפגעהויבן : הויך און העכער איבערן
גליענדיקן לאַנד : און געסקריפּעט מיט די קרומע שנאָבלען : ווי האָלץ וואָס
טרעשטשעט אינם פייער : און געוואָרפן מיט די פליגלען איבערן ברענענדיקן
לאַנד : דורכאיינאַנד און איבעראיינאַנד : בראַנד : ווו וועלן מיר רוען היינט
נאַכט : עס ברענט די נאַכט : די נאַכט ברענט : דער וואַלד ברענט : בראַנד :
ברראַ — אַ — אַ — נד ✶

1920

✶

שטאַרבנדיקער הערש

פרילינג : שפרינגט די וועלט : ריטשקעס היפּערן ווי יונגע ציגן : פון די
שנייבאַדעקטע בערג אַפיר : דעם פראָסט פון לאַנגע נעכט האָט עס געטון אַ
שאַרפן ריר פון אָרט : און אין זיינע טאַיענדיקע ביינער קנאַקט עס פון דער
זון : סע ברעכן ברעקלען אָפּ און פאַלן שטיינער פון זיין פעלזן־לייב : און
שפרינגען אונטער שפּרינג־אויף און שפרינג־אָפּ : ביז צו די טאָלן אַראָפּ ✶
צוזאַמענגעצויגן : האָט דער ציטערנדיקער באַרג־הערש זיינע דינע פיס : אויף
אַ שפּיץ פון אַ פעלזן־פירשפרונג : און פון זיינע צעשראָקענע אויגן : שפרינגען
זיינע בליקן אַראָפּ אויף דער וועלט : פלינקערע ווי זיינע פיס : אויסגעצויגן
האָט ער זיין באַהאָרנטן קאָפּ : ווי צוויי יונגע גאָלע אויסגעצווייגטע ביימער :
פרישע פון פאַרפרילינג ✶ און אין דער זון : הויך אין די פעלזן : איבער זיינע
הערנער : האָט זיך האַרב געקרושעט דער באַרג : נאָך דעם ווינטער־פראָסט־
שלאָף : און ס'האָט אַ שטיין אַ קאַנטיקער זיך אַ ריס געטון : האָט ער דעם
רעכטן הערשענעם האָרען מיט זיך אַראָפּגעריסן : און זיין מאָרדע צוגעדושעט :
צו דעם פעלזן־פירשפרונג : און מיט אַ לעצטן ווייַשפרונג : האָט עס דעם הערש
אַראָפּגעשאָסן : ווי אַ סעמפּ : באַרג־אַראָפּ : ווו ס'איז רוישנדיק : דער פרילינג־
שוואַנגערער טייך געפלויגן באַרג אַראָפּ : און געבליבן איז ער ליגן אויף אַ
שוואָרצער : וואַסער־איינגעצוימטער : מאָכבאַדעקטער פלאַך ✶ פאַך : פאַך :
כליפּ : זיגט אַ שנירל דין און רויט פון זיין ווייצעוואָלגערטן קאָפּ : זאַמד־אַראָפּ :
צו די וואַסערן צו ✶ האָט באַלד די פגרים־קראָ : אָפּגעזוכט זיין לעצטע
הערשענע פרילינג־רגע אַזש אַדאָ : און פריוונדיק זיין הערשן־שטאַרבן : אַ
שנאָבל־האַק געטון אין רויטן שלאַפן שאַרבן : ציק : האָט ער מיט אַ שוואַכן

זיפץ דעם לעצטן האָרן אַ דריי געטון פון רעכטס אויף לינקס : און האָט זיך מיט אַ קילן ציטער אין דער זון : אויסגעמאַטערט : האָט די קראָ מיט שרעק אויפגעפלאַטערט : און אין קראָעשע קרומע קרייזן איבער אים געשוועבט : שרייענדיק פאַרצווייפלט : קראַ קראַ : ער : לעבט נאָך : ער : קראַ קראַ ✶

1920

נאַקעטע לידער

89 לידער, איינגעטיילט אין 9 ציקלען: א. געזאַנג פון געזאַנגען; ב. די נויט; ג. שטאַרבן; ד. פרויען נשמה; ה. ליבע פון יחידים; ו. נאַקעטע דיכטער נשמה; ז. לעסטערערס לידער; ח. אין שטורעם; ט. וועגעטאַריש עוואַנגעליום. — — פאַרלאַג „דער קוואַל”, ווין — קאָאָפּעראַטיווע אָפּטיילונג „קריטיק”, 1921. 192 זייטן. — די הילע: לינאָלעאום־שניט פון מחבר.

וואָס איז דער דיכטער?

וואָס איז דער דיכטער?
ווער סע וויל דער ענטפערט צו דער זאַך און שטיל:
איינער זינגט אויף!
דער בייזער אָבער שפּייט.

און איך זאָג דיר אַזוי:

וואָס איז דער דיכטער —
אַ שווערער ווייַן אין דער נאַכט פֿון דער וועלט,
די לעצטע שיכור־טרייסט פֿון אַ פֿאַרלאָזטער, אַלטער מוטער;
זי לייענט זיינע וווּנדערלעכע מעשיות,
לייענט די פֿאַרגעלטע לידער־בענד און די ראָמאַנען,
צעשאָטן פֿון מאָל־שטויב, און שטויבן אויף דערמאָנען, דערמאָנען.

ער איז — — דער זונהס פֿינקלדיקער, שלאַנקער האָפֿנונגס־כוס,
פֿול פֿרישער ליבע, יונג און יעדנפֿאַלס אַזוי,
ווי ס'איז געווען און קומט שוין קיינמאָל מער נישט אויס.

דעם דיכטערס פֿעלדער — — זענען ערי־מקלט
פֿאַר געוועזענע וועלט־באַגליקער,
זיי וויינען אין דעם שאָטן פֿון זיין גאָרטנס בלעטער,
און קומענדיק צו זיך הויבן זיי, פֿול צער, אויף די האַק: גערדאַנק,
און האַקן ווילדע, און שווערע שטיקער;
שטיק ביי שטיק, פֿון די געשניצטע מעכטיקע זיילן, טרויס־באַלאַסטן,
וואָס זענען אויך אַמאָל געוועזן מאַסטן,
אויף די שיפֿן פֿון דעם ים פֿון זייער וועלטנליבע.

וואָס איז דער דיכטער —
דער וועלטס געוויסן!
שפּרינגט אום ביינאַכט אויף בלעכערנע דעכער,
וואָס לייכטן זיך אין ווייסן ליכט,
שלייכט זיך אריין אין די מערמעלנע געמעכער
פֿון דעם זינדיקן געשלעכט,
רייסט פּלוצלינג אויף די טירן, אַז דער ווינט ציט דורך די שטיבער,
האַקט זיי ווידער צו. —
דער שלעפֿער וואַלגערט זיך אויף זיידנצייג.

זעצט אויף זיך, און צינדט אָן אַ ליכט,
און הערט זיך איין — —
אַך — וואָס קאָן דאָס זיין?
ווער גייט אין מיינע שטיבער אויס און איין?
ווער מאַכט די טירן מיינע אויף און צו? —

וואָס איז דער דיכטער —
דער וועלטן־שופט!
ציט איין די ברעמען, פאַרבייסט די ליפּן,
שניידט אויף דער וועלטס נשמה אויף אַלע אירע פּרטים,
און שפּרעכט געוואַלדיקע משפּטים,
וואָס שפּרעכן — — יעדן פריי:

פאַלשע רבנים, רוצחים גלחים,
ציניקער אָנגעפּרעסענע,
אָנגעגאָסענע מיט בלוט און זנות,
ביז
צו די בלוטריפּנדיקע פאַרכאַפּער פון מלוכות;
גנבים און גזלנים מיט לעדערנע פּנימער און טרוקענע הענט,
מיט קליינע און קעצישע אויגן,
און יענע וואָס האָבן געשענדט און געברענט,
אָפּנאַרערס, מכשפים, בלוטזויגערס און תלינים.
ווייל, ווייל — — — אַלע זענען משוגעים.
און נאָר — איינעם פייניקט ער און משפּט ער,
פרעגט אויס מיט אַלע ברענענדיקסטע שאלות,
און פאַרקינדיקט מיט געוואַלטיקן התפּעלות:
שולדיק!
און דאָס איז ער אַליין.

וואָס איז דער דיכטער —
די פרייד פון דער וועלט!
שטייט אויף באַגינען־טאָג און לאַכט,
ווילדע שלאַנגען־קנייטשן וואַרפן זיך אין די ווינקלען פון זיין מויל,
משוגעת־פרייד־שוים איז אויף זיינע ווייסע שורות ציין,
די פרויען פון דער פרייד פאַרשטייט ער,
און אין דער נאַכט שטרעקט אויס די בוגרת איר לייב צו זיין הייסן בלוט,
אַז זי רופט
דעם תליון פון איר מיידלשאַפט.

וואָס איז דער דיכטער,
רעוואָלוציע!
דאָס שטומע מויל פון דעם גראָען פאָלק מאַכט זיך אויף — אין זיין ליד,
און שרייט:
און די מלכים, וואָס הערן דאָס געשריי אין די נעכט פון משפט,
לאָדן אויף זייער גוזינד אויף פערד און אַנטפליען,
אַזוי ווי חיות אין וואַלד,
ווען די שרפה וואַלגערט זיך נענטער, און נענטער,
ברעכנדיק אין רויטן כעס אוראַלטע בוימער.

וואָס איז דער דיכטער —
אַ וואָרעם, וואָס איז שטיל צונאַנדגעקאָרטשעט,
ווען דעם נאַקעטן לעבנס בלוט-גאָס רינט,
דורך דעם לאַבירינט
פון זיינע אונטעראיבערערדישע דרכים,
דורך וואַכע נעכט און דורך טונקעלע טעג,
ער איז פאַרשטיינערט איינגעשרומפן און פאַרקלערט,
ליגט איינגעצויגן אויף דער ערד,
און הערט
זיך איין מיט שרעק צו יעדן שריט, וואָס קאָן זיין זיין טויט.

וואָס איז דער דיכטער?
ווער סע וויל, דער ענטפערט צו דער זאַך און שטיל;
איינער זינגט אויף,
דער בייזער אָבער שפּייט.
און איך האָב דיר געזאָגט דעם נאַקעטיקן אמת.

1919

✶

שטילרויזנליד

ווידמונג: פאַר מיין מאַמען, מיין ווייב, מיין טאָכטער

אין גאָרטן האָב איך אַ רויז געזען,
איינזאַם בליענדיק, גליענדיק רויט,
צו אָונט, צו מאָרגן, צום הימל פליענדיק,
האָט זי מתפלל געווען מיט איר ריח.

אין גאָרטן בין איך פאַרליבט געווען,
איינזאַם בליענדיק האַרציק־גליענדיק,
צו אָונט צו מאָרגן צום הימל פליענדיק
האָב איך מיין יוגנטס ליבע געזען.

דריי טעג האָב איך אַ רויז געזען
דריי נעכט האָב איך צון איר געבענקט.
איינזאַם בליענדיק, גליענדיק רויט
האָט זיך די רויז צו די בינען פאַרשענקט.

און ס'איז געשען אויף דעם פערטן טאָג,
האָט אָפגעבליט און פאַרבליט די פראַכט.
און אין דערזועלבער, זילבערנער נאַכט
איז נאַקעט געוואָרן דער רויזן־צווייג.

אויך דו געליבטע, מוטער פון מיין קינד,
אויך דו האָסט איינמאָל אַזוי געבליט,
אין זונשיין געגילדט זיך, אין אָונט געגליט;
געליבטע מוטער פון מיין קינד.

און זאָג היינט תפילה אין זילבערנער נאַכט,
ווייל ס'איז דיין בליונג און גליונג דערפילט.
כ'האָב בליען געזען אַ רויז אין איר פראַכט,
כ'האָב זי שטאַרבן געזען בענקשאַפט־געשטילט.

און וויין מיט מיר היינט אין זילבערנער נאַכט,
צווישן די ביימער אויף אַ גאָרטן־באַנק,
אינמיטן דער נאַכט, אויף פאַרבליטער פראַכט,
צווישן די ביימער, וואָס וויגן זיך באַנג.

1919

דאָס לעצטע ליבעסליד

ווידמונג: פאַר ש. י. אימבער, דעם ליבע־פּולן
פירער דורך די יאָרן פון מיין ערשטער דיכטער־יוגנט.

סע נאַקעטן די ביימער פון דער ליבע שוין,
נאָך זומערטעג, נאָך טעג פון שטורעם,

און אין די צייטיקע פּירות טאַקט דער וואָרעם,
טאַקט.

די ביימער נאַקעטן, סע פאַלט דאָס בלעטערוואַרק,
און אַנדערע טרוימען, אַנדערע באַגערן ווערן;
באַלד וועלן אויפגיין ווינטערדיקע, קאַלטע שטערן,
הויך.

וואָס איז געווען, איז שוין פאַרגאַנגען און פאַרביי,
סע איז געוועזן שיין און האָט זיין וויטן וועג גענומען,
שענער — ווייל עס וועט נישט קיינמאָל קומען,
מער.

1918

ק י נ ד

אין אַן אָסיען־פאַרנאַכט
שוין קיל און בין־השמשותדיק אין מיינע שטיבער,
צינד איך אָן אַ ליכט, און לעז די לידער פון מיינע פריינט.
קלאַפּט עמעץ אָן, גיי איך און עפן.
— אָ, דו מיין ליבער!
ער אָבער זעצט זיך אַקעגנאיבער,
שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָןביידע הענט;
בלאָזט אויס דאָס ליכט.
דערווייל איז געוואָרן טיפע פינסטערניש.

— דו, זאָגט ער,
וואָס האָט דיר אַ ווייב געטויגט,
אַז זי זאָל האָבן דיר אַ קינד אַ קראַנקס?
עס איז דאָך קראַנק, זיינע ביינדאַלעך זענען אזוי שמאָל;
און אַז עס לאַכט שוין יאָ אַמאָל, אַמאָל,
געפעלט מיר נישט זיין לאַכן...
אָט אַזאַ קליינס, לאַז עס נאָר איבער אויף איין מינוט
אויף אַ טיש, פאַלט עס אַראָפּ,
און אָט פון דעם קליינעם, בלאָנדן קאָפּ,

קאָן גיין אַ גאַנצער בעקן בלוט.
און טאָמער פאַרקילט זיך עס, אַט אַזאַ קליינס,
קען עס דען אויסהאַלטן פערציק גראַד היץ?
איין טאָג, אפשר —

ביינאַכט וועט עס דיר רעדן פון פיבער,
וועסט רייסן די הויט פון דיין לייב דיר פאַר צער —
און פלוצלונג בלייבט דאָס הערצעלע שטיין —



איז אַלץ אַריבער,
אַט אַזאַ קליינס ווערט באַלד ווי פאַרמעט געל;
און די תכריכימלעך — —
די גאַנץ קליינענקע תכריכימלעך — —

1917,

★

טרערן

ווידמונג: פאַר מיין דוד קעניגסבערג

איך וויין נישט קיינמאָל —
מיין לעבן איז מיר נישט קיין גרייצער ווערט,

דיינס —איך נישט, געליבטער פריינט.
מענער לעבן אַן געוויין, טרעטן האַרט אויף האַרטער ערד.
אָבער —
ווען מיין קינד אין וויג בעטלט אויס ביי מיר מיין פרעמדן בליק,
און חנעוודיקע גריבעלעך הנדלען זיך אין זיין בלאַסן פּנימל,
גיט עס מיך אַ ווילדן ריס
און ווי אַ בלוט־שטראָם גייט אַ טרערן־שטראָם —
ווי פון אַ פעלדזן — — גלייך פון האַרץ ארויס.

יאָ, איך וויין, וויין יאָ,
אָבער זעלטן — —
מיין לעבן איז מיר נישט קיין גרייצער ווערט,
אזוי פיל אויך — די גאַנצע ערד.
אָבער —
ווען אַ יתום־קינד, מיט דינע קאַלטע הענט,
בעטלט ביי מיר אויס אַביסל צוקערוואַרק —
און ווי איך דערלאַנג עס אים
זע איך, ווי עס קלערט דאָס קינד:
וועט ער טאַקע — וועט ער נישט —
וואָס איז ער מער? — גוט, צי קאַרג?
און די דינע הענטלעך ציטערן אזוי שטאַרק
אין אַזאַ מין אָרעם גליק
פון אַביסל צוקערוואַרק — —
גיט עס מיט מיין פולן האַרץ אַ וואַרף
צו דער הוילער ערד, ווי מיט אַ שווערן זאַק.
און ווי אַ בלוט-שטראָם גיט אַ טרערן־שטראָם אַ גאָס —
און — צון אַ מויער צוגעשפּאַרט —
הויב איך וויינען אַן און וויין
אויף אָט דעם ביסל קינדיש גליק פון אַ ביסל צוקערוואַרק,
אַן בושה — און אין מיטן מאַרק,
אָט ווי איך וואָלט קיין מאַן גאַרנישט געווען.

1919

אַקעגנאיבער פון מיין פענסטער

אקעגנאיבער פון מיין פענסטער, וווינט אַ פרידלעך הויזגעזינד,
טיש און שטולן זענען ווייס, לערנט הויך אַ פלייסיק קינד;
אַקעגנאיבער פון מיין פענסטער וווינט די רו,
און פרילינג איז —
און ערגעץ — אין אַ קעלערשטוב טרערט די נעץ פון אַלטע ציגל,
קוקט מיט גרינע אויגן פון די ווענט,
שטרעקט אויס אומזיכטבאַרע הענט,
און עמיץ ליגט דאָרט, דושעט זיך אין קראַנקן הוסט.

אַקעגנאיבער פון מיין פענסטער איז אַ שוואַלבן־נעסט,
אויסגעקלעפּט און אויסגעבעט, און האַלט זיך אין אַ ווינקל פעסט,
און יונגע צוויטשערן: מוטר... מוטר... טר...

און מוטער הויך אין אוויר פליט אום פריי,
און פרילינג איז —
און ערגעץ אין אַ יאַטקע הענגען שטיקער טריפנדיק פון בלוט,
און אין דער מיט
שטייט אַ בייזער מאַן, און ציט אַראָפּ אַ פעל
פון טויטן לאַם; עס הענגט אַראָפּ אויף ווייסע הינטערשטע פיס.

און איך, —
איך האָב געגעסן זאַלץ און ברויט,
און האָב געשריבן אויף אַ ווייסן בלאַט
אַ ליד פון רו און גליק.
און מיינע בלוטן זענען רויק, מיין נשמה זאַט,
און נאָר דער גייסט איז ניכטער, ווי אַ דיכטער־דענקמאָל אין
דער זון,
וואָס שטייט פאַרשטיינערט, ערנסט, מאַנענדיק און שטום.

אַקעגנאיבער פון מיין פענסטער, אויף דעם בלאָען האָריזאָנט, איז
דאָ אַ פרידלעך דאָרף,
און ערגעץ דאָרט אין דאָרף טראָגט אויס אַן אַכצניעריקע
דעם ניינטן חודש שוין אַ קינד,
און וואָרט געבראָכן אויף די קומענדיקע טעג,
און גערן וואָלט זי מיט אַ זעג

נאַקעטע לידער

צעזעגט די בלוטנדיקע פּרוכט פון נעכטלעכער און
ליידנשאַפטלעכער ליבע.

1917

★

איך האָב געזען אַ פרוי

ווידמונג: פאַר מיין ערשטן פריינד א. מ. פוקס

איך האָב געזען אַ פרוי ביינאַכט אַמאָל,
אונטער די שוואַרצע בריקן פון דער גרויסער שטאָט.

פאַרקויפן ליבע ביליקע פאַר אָרימע מענער,
וואָס זייערע פרויען זענען טויט, און זיבן קינדער וויינען אין דער היים.

געקלעפּט האָבן די ברוסטן אירע געל און הענגענדיק אָן די אַקסלס דאַרע צווייגן,
ווי די אַסיענבלעטער פון אַ ליפּע־בוים.

די לידער פון מיינע לידער

און האָבן ווי די ליפּע-בלעטער אין דער נאַכט געציטערט,
פּילנדיק שוין קילע, אָסיענדיקע ערד.

און ס׳זענען אירע ציין אפּירגעשטאַנען,
דורכזיכטיק, דורך דינע ליפּנס קראַנקער הויט,
און דורך די שיטער־דינע האָר פון דער נאַכטלעכער פריזור,
איז דער שאַרבן פונם קאָפּ דייטלעך שאַרף אַפּירגעשטאַנען.

און אויף די ליפּן האָט זי שוין פון לאַנג געהאַט
דעם זיסלעך־זויער־רויטן שוימיקן געשמאַק פון טויט,
און אַכט-און־דרייסיק פיבער שטענדיק אין דער נאַכט,
און דינע פרעסנדיקע דראָטן אין דער ברוסט.

און כ׳האָב געזען דאָס פייער אינם אויג פון אירע געסט;
היינט אָטעמט נאָך דער שאַרבן, רירט זיך דער סקעלעט,
און ס׳איז די שויס נאָך אַכט־און־דרייסיק פיבער־הייס,
און מאָרגן וועט זי קאַלט זיין אויף איר פאַרוואַנצטן בעט.

און כ׳האָב באַטראַכט דאָס פייער אינם אויג פון אירע געסט,
וואָס זיי׳רע פרויען זענען טויט און זיבן קינדער ווײנען אין דער היים,
און כ׳האָב געקלערט פון דעם, פון גאָט געפּאַרמטן ליים,
און פון דעם רוח-אלוהים, וואָס האַלט עס אויף סקעלעטן פעסט.

1918

✶

ווען שוואַנגערע פרויען וויינען ביינאַכט

ווען שוואַנגערע פרויען וויינען ביינאַכט,
אויפגעשראָקן אינמיטן שלאָף,
וויינט גאָט מיט זיי.

הויבט ער זיך אויף פון זיין בלוי, געטלעך בעט,
וואַנדערט ער דורך זיין חלל ביינאַכט,
לעשט ער די שטערן אויס
אין זיין געטלעכן הויז,
און וועקט די ווייסע מלאכים אויף,
אַז זיי זאָלן שטילע תפילה טון.

ווען שוואַנגערע פרויען ווײנען בײנאַכט,
גײט איבער דער וועלט, גײט אַ ווײטער רוף און רופט,
איבערן גאַנצן חלל פון עק ביז עק:
מו—טער,
מו—טער!

אויסגעקילט לאַנג שוין גאָטס בלוי, געטלעך בעט,
און ער וואַנדערט דורך זײנע רוימען אין דער נאַכט,
און אַלע אָפּגרונטן גענײצן טיף,
און די מלאכים טוען תפילה שטיל;
און גאָט זעט די אָפּגרונטן, און ער ברומט און ער שטומט,
און עס שרעקט אים — וואָס האָט ער דאָ אויפגעטאָן? —
און ער הערט פון דער טיף,
דעם אָפּהילך פון רוף,
און דאָס כליפּען פון וואָרימע בלוטן
אין נאַכטיקן אויפשרײ פון שוואַנגערע פרויען.

1917

★

די פאַרשטוויסענע צו די אָרימע

איר האָט אַ ווײב, אַ טאַטן, אַ שטוב און אַ קינד,
און האָט אַן אײגן בעט,
און ווײס געזעצט,
און אויף אײער קעך שטײט אַ טאָפּ פון בלעך,
און פײער ברענט אונטער אײער קעך.
און אַז ס'איז אײך אומעטיק אין שטוב אַלײן,
קענט איר אויף אַ שעה צו אַ שכן גײן.

און אויך מיר האָבן ווײבער, דאָך אונדזער ווײב,
פאַרקויפט אין די נעכט דאָס צעמוטשעטע לײב,
און אַז עס ווערט אונז געבוירן אַ קינד
דערטרענקען מיר עס אין וואַסער, וואָס רינט,
אָדער לאָזן עס ליגן אין נאַכט, רעגן, ווינט.
און ווערן מיר קראַנק, ווערן מיר, ווי דאָס פי,

מיט טשיפּערן אויסנומערירט,
און אין פּערשטאַטשפּיטאַל אַרײַן אָפּגעפּירט.
און טאָמער גיט טויט נאָר אַ שאַרפּערן בלאָז,
נעמט מען פון אונז שוין באַצײַטנס די מאָס — —
בײַם לעבעדיקן לײַב.

1917

פּראָלאָג צום װעגעטאַרישן עװאַנגעליום

פון דער אומענדלעכער ליבע צו פרײַהײַט,
קום איך באַפרײַען דיך, קרעאַטור!
דײַנע אויסגעשטרעקטע, אויסגעשאָכטענע העלזער,װאָס הענגען פון אַ װאָגן,
װען זײַנע רעדער שלאָגן
טאַנצנדיק אויף שטעטישע שטײנער, און בלוט הענגט פון די װײַסע
לאַנגע לעמער־האָר.

פון דער אומענדלעכער ליבע צו פרײַהײַט,
קום איך באַפרײַען דיך, קרעאַטור!
לעב אויס דעם צער פון דײַן לעבן, לעב אויס דײַן נויט,
און אַז קומען װעט דער טויט צו דיר, זאָל ער זײַן דײַן אײגענער טויט,
װאָס גײט ער מיך אָן!

נאָר שטרעק מיר נישט אַנטקעגן דײַן װילנלאָזן האַלז,
און שטרעק מיר נישט אַנטקעגן דעם זיך ברעכנדיקן בליק,
אַז איך זאָל אים אויפשנײַדן מיט דעם שטאָלשניט פון מײַן
מענטשלעכער קולטור,
און אים צעבײַסן מיט די ציין פון פּאַר צענטויזנט יאָר;
װער פרײַנט, װאָס ביזט די שװעסטער פון מײַן נויט!

פון דער אומענדלעכער ליבע צו פרײַהײַט,
קום איך באַפרײַען דיך, קרעאַטור!

1916

פ ע ר ד

זיי זענען געגאַנגען אַכצן יאָר,
און האָבן געצויגן שווערע לאַסט,
און זענען געווען אַן אָרים פּאָר
פאַרגעסענע, איינזאַמע פערד.

און זענען געשטאַנען אַכצן יאָר
אין שטויביקן שטאַל מיט דער שטיינערנער בריק,
און שטויב איז געפאַלן אויף זייערע האָר,
וואָס האָבן פאַרלוירן די גלאַנציקע פאַרב.

און האָבן געליטן אַכצן יאָר
פון בייטשן, וואָס קאַרטשען צוזאַמען די הויט.
און האָבן זיך ערלעך פאַרדינט דאָס שטרוי
פון נאַכטמאָל און פון מיטאָגברויט.

און זענען געשטאַנען איינמאָל ביינאַכט,
רעגנצענעצט און קעלטצענאָגט;
האָט צוגעטוליעט דעם טרויעריקן קאָפּ,
דאָס עלטערע פערד, און הוסט־געזאָגט:

מיד בין איך ברודער, זע שווייגנדיק אָט,
גיי איך מיט דיר שוין יאָר אַכצן אַצינד,
די קניען ציטערן, צייט איז צו רון —
די הויט ווערט פאַרשלאַפּט, די אויגן בלינד.

און זענען געשטאַנען איינמאָל ביינאַכט;
צוויי איינזאַמע פערד אויף דער ווייטער ערד. —
און ס'האָט זייער האַר זיך געדונגען אין שענק
מיט אַ פערשטאָט־קצב פון פערד.

און האָט געגעבן תקיעת־כף,
און אָפּגעשאַצט די געניטע ווערט,
פון איינזאַמע, טרויעריקע פערד,
אויף דער ווייטער ערד.

און האָט זיך באַדונגען צומאָרגנס נאָך,
אין לעצטן גאַנג מיט די פערד צום וואַלד.

דאָס לעצטע פירל צו פירן מיט זיי,
און זיי צו געזעגענען קאַלט.

זיי זענען געגאַנגען ווי אַכצן יאָר,
און איבער זיי האָט די בייטש געקנאַלט,
און האָבן געפירט פאַר די ווינטער־טעג,
אַ שווערן וואָגן האָלץ פון דעם וואַלד.

און אַז זיי זענען געקומען פון וואַלד, —
היינט איז נישט געווען מער קיין מיטאָגברויט — —

און טרויעריק האָבן זיי ווייטער געפירט,
צום שלאַכטהויז די מידע, די אייגענע הויט.

און אַז זיי האָבן דערשפּירט דאָס בלוט,
האָבן געציטערט צוויי ברידער פערד,
און האָבן געטוליעט די לאַנגע קעפּ,
און האָבן צום בלוט זיך איינגעהערט.

און אַז מען האָט פון זיי אויסגעטון
דעם האַלז־יאָך פון מיפולע אַכצן יאָר,

האָט מען געזען די שוואַרצע הויט
מיט אויסגעקראַכענע האָר.

און אַז זיי האָבן געוואַלגערט אין בלוט זיך
באַלד אויף דער שטיינערנער שלאַכטהויז־בריק
האָט ווילד געקלונגען דער אייזערנער קלאַפּ
פון פּאַדקאָוועס אויף דער שטיינערנער בריק,

און האָט דערמאָנט זייער שריט פון אַמאָל,
אויף שטיינערנע גאַסן דורך אַכצן יאָר,
וואָס ס׳איז געגאַנגען אָטמענדיק שווער
איבער דער ווייטער איינזאַמער ערד,
אַ פּאָר אָרימע פערד.

1919

טויטע קינדער

ווידמונג: אין דאַנקבאַרער דערמאָנונג פון 6טן יוני 1919
פּאַר אברהם זיינפעלד

עפּעס אַנדערש איז דער טויט,
ווי אַן אויסגעשטרעקטער מאַן אויף אַ הויכן קאַטאַפאַלק,
און ווי פיר געוואַלטיק זשאַרנדיקע, ווייסע ליכט,
און ווי גלאָקן, וועלכע קלינגען און צעשניידן מיט דער קלאָג
טיטן-דורך דעם וואָכעדיקן גראָען טאָג.

דער טויט, דאָס איז דאָס קינדערשע געזאַנג,
געזונגען אויף אַ ווייטן וועג, וואָס ציט
דורך האַרבסטיקע, זון־זינגענדיקע, לעצטע גרינע לאָנקעס זיך,
ביי מאַרוסיאַ־מאַרוסיענקאָס, דער דריי־יעריקערס לויה.
איוואַש, בלאָנד און באָרוועס, און בלויקעפּיק טראָגט פאָרויס דעם צלם,
איוואַש איז געוועזן מאַרוסיאַ-מאַרוסיענקאָס פריינט,
און האַנוסיאַ, בלאָנד און באָרוועס, טראָגט פאָרויס דאָס הילצערן־טרומנעלע,
און די קינדער זינגען, זינגען,
איבער האַרבסט־זון־זינגענדיקע, לעצטע גרינע לאָנקעס.
און אַז זיי האָבן ביז צום טויער צוגעטראָגן

מאַרוסיאַ־מאַרוסיענקאָס הילצערן טרומנעלע,
האָט דער אַלטער קברן עס גענומען און געזאָגט:
איך וועל עס שוין אַליין באַגראָבן,
איך דאַרף אייך קינדער מער נישט האָבן,
און האָט גענומען גראָבן נאָענט נעבן פּלויט;
דאָס איז דער טויט.

עפּעס אַנדערש איז דער טויט, ווי אַ פרוי, וואָס ליגט אַן אויסגעשטרעקטע אויף דער הוילער ערד,
און ווי די ליכט צוקאַפּנס, ווען פלאַמען בויגן זיך ביי יעדן עפן פון דער טיר,
און ווי די ווייבער, וועלכע קלאָגן וואַסער־יאָמער טרערן־וואַסער,
און ווי דער מאַן, וואָס שטייט אַן איינזאַמער, פאַרווינטער, בלאַסער,
און ווי די קינדערלעך, וואָס רייסן מיט די קולות איין די הימלען.

דער טויט, דאָס איז אַ מת פון אַ קינד, אַ זיבנטאָגיקס,
אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט,
פאַרשלאָגן אין אַ קעסטל, וואָס איז אַכצן צאָל די לענג,
און געטראָגן פון אַן אַלטער, פרומער באָבע
איבער פעלדער, ביז ארויס צום שטילן בית-הקברות,
ווו דער רעגן קלינגט אויף די מצבות
זיינע האַרבסטיקע געזענג.
דער טויט דאָס איז אַ מת, פון אַ קינד, אַ זיבנטאָגיקס,
אין דער נאַסער, קאַלטער ערד פאַרשאַרט.
און אַז די באָבע איז אַהיימגעקומען, האָט מען זי שוין אָפּגעוואַרט
מיט אַ וואַרעם גלעזל קאַווע און מיט זאַפטיק־שוואַרצן ברויט —
דאָס איז דער טויט.

1918

די משפחה ראַוויטש

און אַז דו ביזט יונג געווען,
מוטער מיינע;
ווער קאָן דאָס פאַרשטיין, פאַרוואָס דו ביזט מיין מוטער,
דו, און נישט קיין אַנדערע פרוי,
און פאַרוואָס ס'איז אַזאַ ווילדער צער
דיך צו דערמאָנען.

און צו געדענקען יענע נעכט אָן שלאָף,
ווען דער צער פון קינדער־האָבן האָט אין דיין לייב געשטויסן,
און ווען דער שריי פלעגט גיין דורך אַלע העלבאַלאַכטענע שטיבער,
וווּ דאָס הויז־געזינד פלעגט וואַך־זיין וואַרטנדיק פול שרעק.
די האַלבע שטאָט איז אויף־געוועז, און דריי דאָקטוירים,
און די ניינציק־יאָרן־אַלטע באָבע שיינדל.
און אַז פאַרטאָג האָט דער רב געקלאַפּט צום בעלזער אַ דעפּעשע:
הינדע בת בלימה געווינט, בעט רחמים!
האָט שוין באַלד געוויינט אַן אַ סוף
מיט דיר אין קימפּעט אונזער דריטער ברודער.
מזל־טוב!
ווער פאַרשטייט דאָס מזל פון אַ נייגעבוירן קינד,
וואָס וואַקסט פונאַנדער ווי אַ זונבלום אין דער זון,
פריי צו אַלע ווינטן און צו אַלע נעכט.
היינט זענען מיר שוין גרויס,
אַלע דריי,
מיט מזלות אַלערליי,
ווער אויף דער ערד, ווער אונטער דער ערד.

מוטער,
דורך דיינע האָר גלאַנצט עס היינט ווייס,
אַ יעדע פון זיי איז אַ סימן
פון אַ נאַכט פול צער־וואַרטן
אויף אַ ווייסן טאָג אין פענסטער.
ווידער איז נאַכט,
איך קען דיך,
ביי אַ פענסטער שטייסטו שטאַר;
ווי אַ שוואַלב שלאָגט אַן זיך אַן דער שויב דער געפאַנגענער צער,
אויף די פענסטער טריפט דער אַסיען קאַלט,
ארום די קוימענס פון אָפּגעבּרענטע הייזער וואָיעט, ווי אַן איינזאַמער הונט
דער שטעטלדיקער ווינט.
דער טאַטע איז אַלט, מיד, זאָגט ער:
— הינדזיע גיי שוין שלאָפן, גיי, דאַרפסט דאָך אויפשטיין פרי.
גייט ער פּריוון, צי די טירן זענען צו
און פאַרלעשט די ליכט.
און נאָר אַן אָפּגעריסן בלעכשטיק קלאַפּט אין דאַך

אַלע עטלעכע מינוט,
ווי דעם גרויסן זייגערס פון דער שרעק פון דער גאַנצער וועלט
איז דאָס קלאַפּן,
און ווילד לויפט אום אין שטוב דעם טאַטנס מידע, ערשטע כראָפּען.
מיר אָבער, די זין, די דערוואַקסענע
וואָגלען אויף דער ווייטער וועלט:
ווער אויף דער ערד, ווער אונטער דער ערד.

1921

שוין פראַוועט דער לעצטער וואָרעם זיין סעודה

שוין פּראַוועט דער לעצטער, שוואַרצער וואָרעם
אויף מיינע זיידעס ווייסן רוקן־ביין
זיין איינזאַמע סעודה —
און זאָרגפול שטרעקט ער אויס די דינע הערנער זיינע:
אָ, וואָס וועט ווערן מיט זיין אונטערערדיש לעבן,
וואָס וועט דער האַר פון אַלע וועלטן ווייטער געבן?

שוין איז מיין פּאָטערס שוואַרצער קאָפּ
געוואָרן גרוי אינגאַנצן,
זילבערן גלאַנצן
זיינע אָסיענדיקע טעג;
ווייל גאָלדן גלאַנצט דער אָסיענגאָרטן,
איידער רויער שטורמווינט טרעסעט אָפּ זיין פאַרביקע דערמאָנונג
ווילדוואַיענדיק ביינאַכט אַזוי:
דו שטאַרבנדיקער קלער פון טויט און גאָרנישט מער — —

מיין פּאָטערס מידן נאַקן
בויגט דער האַרבסט,
דער העקער איז שוין גרייט אים האַקן.

מיינע זיידעס ביינער זענען זיך צעפאַלן,
מיין פּאָטערס קאָפּ,
בייגט נענטער זיך צו דער ערד אַראָפּ.
און איך —

איך בין מיט מיינע קינדערלעך אין גאָרטן היינט אַרומגעגאַנגען,
און האָב געקלערט פון לעבנס, וועלכע זענען איינגעגאַנגען.

און אָוונט איז געוואָרן, איינזאַם איז מיר
מיט מיינע קינדער אויף דער וועלט.
און כ׳בין אַהיים-געגאַנגען.

און אויף די טונקעלע, דריי־שטאָקיקע טרעפּ
האָב איך די איינזאַמע יתומים מיינע
אויפגעהויבן צום האַרץ
און געקושט אין די גאָלדענע קעפּ.

1921

דער עגאָצענטריקער

גאָט, דער שאַפער, האָט געשאַפן
מיך אוודאי ווי עס קער,
פעלן פעלט מיר גאָרנישט,
גאָרנישט האָב איך מער;
וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט
ווייס איך נישט;
נאָר מענלעכקייט האָט ער מיר נישט געשפּאָרט -
פרעג ביי מיינע ווייבער!

דער ווילדער שריט פון מיינע פיס
שרייט פון שריט צו שריט:
טו, זיי, ווער, מוז!
אָן מיינע שווערע הענט ברענט ווילן.

וועלט, אומענדלעך וייב פון מיין אומענדלעך ווערן,
זיי מיט מיר, ליג מיט מיר!
צום קאַלטן פענסטער גיי איך צו, צו קילן
דעם פאַרכמאַרעטן שטורעם-שטערן.
נאַכט, קעלט, ווינט —

אויב עפּעס דאַרף ווערן, זאָל עס ווערן
גרויס —

מיט מיר. —
אַ, ווי גלויב איך אין מיר,
אַ, ווי האָב איך מיך ליב.

1919

★

ג ע װ ו י ס ן

אזוי ווי אַ הונט פאַר דעם הינטשלעגערס שלינג,
אַנטלויף איך פלינק
פאַר מיין אייגן געוויסן.
די אויערן איינגעצויגן — דער גוף אויסגעצויגן
מיט אַלע פיר איבער דער גאַפנדיקער שטאָט,
ביז אין די שמאָלע געסלעך, ביז צווישן צוויי הויכע מויערן.
דאָ בלייב איך ליגן און סאָפּע שווער
און ציטער מיט זעלבסט־באַדויערן,
און קלער:
ע ר
וועט נישט קענען אריין צווישן די אַ מויערן.

און פּלוצלונג דערלאַנגט עס אַ ריס ביים האַלדז —
אַ סווישטש אין די אויערן —
פאַרלוירן — פאַרלוירן
אַלץ.
נאָך איינמאָל גיב איך הויך אַ שריי — נאָך דעם ריס —
און ליג שוין צו דעם הינטשלעגערס פיס;
ליג רויק צו פיסן
פון מיין אייגן געוויסן.

דער מוח האַמערט פון שרעק, פונקען פליען פאַר די אויגן —
אוי — ווי וואָלט איך גערן מיך נאָך איינמאָל אויסגעצויגן
מיט אַלע פיר איבער דער שטאָט — —
דער הינטשלעגער —
איצט זע איך, וואָס איך האָב אזוי אָפט געהערט,
האַלט אַן אייזערנעם האַמער, דאָס הינטישע תלינים־שווערט —
דער שאַרבן אויף מיין מוח איז פון ווייכן קנאָכן —

וועט ווערן ווי אַ שערבעלע אַ דינס צעבראָכן —
און מוח וועט שפּריצן פון מײַנע אויגן־לעכער.
און שטיל ליג איך צו פיסן
און לעק מיט הכנעה
די שטיוול פון מײַן אייגן געוויסן.

1919

ח ל ף

נעם דיך צוזאַמען;
האָב מוט!
און זאָג:
„מײַן מוטער האָב איך פון מײַן טיר ליבהאַרציק, מיט
כבוד אָפּגעשטויסן,
צו מײַן ווײַב האָב איך געזאָגט: ביזט אַלט, אָפּגעלעבט;
מײַנע קינדער האָב איך איבערגעלאָזט אין זוניקע טעג אין
טונקעלע שטיבער,
לעכער האָב איך געגראָבן אונטער די פיס,
די באָרוועסע, גלוביקע, וואַנדערער־פיס פון מײַנע בעסטע פרײַנט.
פליש פון סאַמעט־פיסיקע קעלבער האָב איך מיט אַ
גרויסן זשעסט
באַשטעלט בײַ אַ קעלנער אין אַ קאַפע-הויז;
ווײַל איך האַלט פון גוטע קעסט —
און געפרעסן האָב איך עס מיט ווײַסער חלה,
בשעת גאַסן־קינדער האָבן צוגעטוליעט בלויע פּנימלעך
צו די רעגנ־נאַסע, גרויסע שויבן
און געקוקט.
אָרימע אַרבעטער־מיידלעך האָב איך אַנגעהויבן
אָבער גוט באַצאָלט.
און איך בין געגאַנגען דעם וועג פון אַ דיכטער פון פרייד
און פון דער ליבע צו אַלע קרעאַטורן,
פון קלוגשאַפט, סאָציאַליזם און וועלט-גליק".

— ווי קאָן איך דיר דאָס אַלעס גלויבן?
— אוודאי קאָנסטו! פאַר אַזעלכע מיני זינדן שטראָפט דאָך נישט

קיין שום געזעץ פון מערב און פון מזרח —
און פון די עשרת־הדברות איז נישט אָנגערירט קיין אלף!
אָבער ס׳איז אַ חלף, חלף —
אַט אַזאַ, וואָס שניידט אַ האָר אין לופט,
און מען דאַרף, אוי דאַרף מען שניידן די נשמה מיט אַ חלף...

1919

★

מאַניפעסט צו די גראַפאָמאַנען

ווער סע קען נישט מיטגיין, דער איז קראַנק,
און ווער ס׳איז קראַנק, דער זאָל עס אונז, געזונטע זאָגן,
זאָל אויפזעצן זיך אויף אַ וואָגן,
און זאָל פאָרן דורך זיינע קראַנקע יאָרן.

ווער סע קען נישט מיטגיין, זאָל זיך נישט פּלאָנטערן פאַר די פיס,
דער זאָל נישט וויינען, זאָל נישט סאָפּען,
אַז ס׳זאָל דאָס האַרץ דאָס קראַנקע אין אים קלאַפּן,
דער זאָל עס אונז געזונטע זאָגן,
זאָל אויפזעצן זיך אויף אַ וואָגן,
און דער זאָל פאָרן דורך זיינע קראַנקע יאָרן.

ווייל ס׳איז די צייט געגליכן צו אַ וועג,
פון צווישן צווי גוואַלדאָווע, אייביקע שטעט,
וואָס איינע פון זיי איז דער עבר,
און איינע איז דער עתיד.
און אונזער מחנה איז געגליכן צו דעם דור פון היינט;
און מיר געזונטע קלערן שאַרף און קלערן קלאָר,
און אונזער צייט געדויערט העכסטנס צוואַנציק יאָר,
און מיר זענען מחויב דאָך פאַר אונזער דור,
מקריב זיך צו זיין.
און ווער סע קען נישט מיטגיין דער איז קראַנק,
דער זאָל נישט רעדן און נישט וויינען באַנג,
און אונז נישט שטערן לאַנג,
זאָל אויפזעצן זיך אויף דער פור און פאָרן
דורך זיינע קראַנקע יאָרן.

נאַקעטע לידער

מיר מענער אָבער, ווילן איינגעשפּאַנטע גיין און ווילן ציען,
און נישט שפּאָרן ווילן מיר קיין מיען,
מיר ווען קעמפן און געווינען
מיט דעם כּלי־זין פון געזונטע פינעף זינען.

1920

★

דאָס איינזאַמע ליד פון מיין לעבן

צו זינגען מיט אַ מאָנאָטאָנעם ציגיינערישן סטעפּ־ניגון

ווידמונג: לייב קוויטקאָ׳ן — אַ ווייטער גרוס

צווישן לויטער קראַנקע איינער אַ געזונטער זיין,
איז, זאָג איך דיר, אַ ווילדע, אַזאַ ווילדע פּיין.
צווישן לויטער וויינענדיקע איינער לאַכן
קער צו די אויסטערלישע זאַכן.
צווישן לויטער קלאָגנדיקע איינער זינגען,
אַז די פּויקן־טאַצן זאָלן אַזש פּלאַצן,
און די זילבערנע קנעפּ זאָלן קלינגען.

נערוון טאַנצן אַ טאַנץ אַרום מיר, מוחות צאַפּלען, הערצער
גיסן זיך אויס:
מענער אין ווייבער־הויט, ווייבער אין מענער־הויט.
שרייען אין כאָרן: בראָ—אָ—ויט, ברויט!
און האָט עס דאָס ברויט, דאַן וויל עס מילך,
און האָט עס די מילך, פאַרלאַנגט עס נאָך פלייש,
און האָט עס דאָס פלייש, דאַן וויל עס דאָס גאָלד,
און האָט עס דאָס גאָלד, דאַן וויל עס די ליבע,
און האָט עס די ליבע, וויל עס דעם שם,
דאַן זינגט עס, און ס׳איז אַ וויסטער געשריי —
נעם מיך אייביקייט, נעם,
עס מיך אויף!

צווישן לויטער קראַנקע איינער אַ געזונטער זיין,
איז, זאָג איך דיר, אַ ווילדע, אַזאַ ווילדע פּיין.

צווישן די אבלים — לאָכן — —
אָ, ווי טאַנצן די נערוון־בערן אַ טאַנץ אין פאַרביקע בונטן,
איינמאָל ארויף צו די הויכע אויבן, און איינמאָל אַראָפּ צו די
גרונטן אונטן;
אָ דו געמיינער אכזר פון אַ גאָט!
אין איין בינטל פון די נערוון אזוי-פיל צער, אזוי־פיל לוסט,
און אזוי ווייניק זינד, שולד, פאַרברעכן; דו אכזר פון אַ גאָט!
צווישן לויטער בלינדע איינער זעענדיק,
איז אויך מיר נישט אַ גליק,
צווישן אָט די לויטער בערן טאַנצנדיק אויף נערוון־שטריק
איין ציגיינער — —
צווישן לויטער האַלבגעשטאָרבענע איינער פול מיט לעבן,
צווישן לויטער בערן איין ציגיינער
איינער —

דזין, דזי — אין, דזין, דזין — בוך — פויקן די טאַצן און די
קלינגערס קלינגען.

✶

איראָנישער אָפּנויג אָדער טאָלסטאָישע אידיליע

שטיל איז די וועלט און שטיל איז דאָס פעלד,
און אויף אַלע קרייצוועגן — קרייצן פון האָלץ,
און אויף יעדן קרייץ דער מלך מיט דער דערנער־קרוין,
און מרימס בילד אויף יעדן צענטן בוים,
און דאָס פאָלק באַגעגנט און באַגריסט זיך פון ווייט
מיט יעזוס לויב און רום,
אמן — אין אייביקייט.

און פון אַלע ווייטן קריכט די פעסט,
דורך בלאָטיקע און דורך וואַלדיקע וועגן,
זי קריכט ווי אַ יאַשטשער ארויס פון זיין נעסט.
און דאָס פאָלק — באַגעגנט און באַגריסט זיך פון ווייט
מיט יעזוס לויב און רום,
אמן — אין אייביקייט.

און פון אַלע גרענעצן כוואַליעט דער קריג,
דאָרט שטאַרבן אין בלוט דעם פֿאָלקס בעסטע זין,
ווי אַ שטראָם גייט דאָס בלוט פון דעם פֿאָלק אַהין.
און דאָס פֿאָלק — באַגעגנט און באַגריסט זיך פון ווייט
מיט יעזוס לויב און רום,
אמן — אין אייביקייט.

און אַלע אויגן זענען בלוי,
און די פּנימער צעאַקערט, און די הענט ווי די קאָרע — רוי,
נאָר עס זידט נישט און עס שרייט נישט דאָס בלוט,
און די הענט האַלטן טיף דעם דאָרפישן הוט
ביים פאַרבייגיין אַ קרייץ צו אַ מרים־בילד,
און די ליפּן שעפּטשען און דאָס האַרץ ווערט געשטילט:
— געבענטשט זאָל יעזו קריסטע זיין —
אין אייביקייט —
אָמן.

1917

אַ חשבון פון אַ 25־יעריקן

נאָך 11 יאָר מיט 30 טעג
צו פולע 36 יאָר,
און 36 איז זי דאָך, די מאָס,
יעדער בעל חשבון ווייסט עס קלאָר.

נאָך 11 יאָר — אָ! ווי דאָס איז ווייט!
4048 טעג — — סאָראַ לענג!
4000 זונען־אויפגאַנג — נישט אַזוי?
4000 זונען־אונטערגאַנג.

דו לאַכסט, מיין חבר, דו לאַכסט און דו זאָגסט:
דער חשבון איז צדק און פאַרטיק די קלאָג...
און איך זאָג דיר, אַז אַ גרויסער גביר
בין איך נאָך — מיט 40,000 שעהן טאָג...

1918

י י ד י ש !

באַלאַנגען באַלאַנג איך צו דעם עם־הארץ,
שרייבן קען איך נישט קיין לאָקשן־קוידעש,
רעדן רעד איך מיט דעם פּראָסטן לשון
פון די אמעראצים.

און מיין טאַטע איז זיך סתם אַ ייד, אַ גראָבער יונג,
אַ בטלן פון בטלנים-לאַנד,
אַ וואַלד־סוחר, אָבער גאָר אַ שלעכטער סוחר,
אַ גליק, וואָס כאָטש איך בין אַ דיכטער —
האָב איך מיט די קבצנישע מסחרים זיינע
נישט געמאַכט איין־האַנט.

און איך אַליין בין יאָרן־לאַנג שוין ערגעץ ווו פאַרוואָרפן;
צען שעהן אין אַ טאָג אין דעם פרנסה-יאָך געשפּאַנט;
צוויי שעהן אין דער נאַכט בין איך אַ דיכטער,
און האָב דיר אַזאַ כוח אין די גראָבע הענט,
צו טאַנצן אויף די דינסטע סטרונעס מיט די דינסטע טענער,
און צו זבענקען אויף די גרעבסטע סטרונעס מיט די
גרעבסטע קולות,

אָט אזוי ווי אַלע דיכטער;
כאָטש שרייבן שרייב איך נישט קיין לאָקשן־קוידעש,
ווייל די פיינקייט האָב איך פיינט בתכלית שנאה מן השנאה.

מעגסט חכם־העבראַיסט ביי אָט די ווערטער
פאַרציען דיין זויערסטע מינע!

און זיין בין איך, ביים טיש פון מיינע גוטע ברידער,
אַ גאַנצער יחסן און אַ גאַנצער פריץ:
איך בין דער דיכטער פון דעם עם הארץ!

געשריבן אין יאָר 1919
(דערמאָנט אין דער הקדמה פון מחבר)

דער לעסטערער פייפט זיך אַ ליד

דיר דערווידער, דיר דערווידער —
און די ווערטער טאַנצן מיר פאַר פרייד אין מויל,

און איך וואַרף זיי ווי אַ זיבנפאַרביק־שימערנדיקע קויל
פאַר די פיס דיר,
געץ. — — —

דיר דערווידער וויל איך מיך אומענדלעך פרייען
מיט דעם גאַנצן בלויען הימל און מיט יעדער קרעאַטור,
דיר דערווידער וויל איך לאַכן — לאַכן און גאָר,
דיר דערווידער.

דיר דערווידער און אַנטקעגן
ווייס איך אַלץ שוין — און וועל קיינעם מער אויף גאָרנישט פרעגן,
און נישט קלערן קיינמאָל פון דער נאַרישקייט, וואָס רופט זיך טויט,
כל זמן ס׳בליט אויףביימער צוקער
און עס וואַקסט אויף פעלדער ברויט.

דיר דערווידער וויל איך לעבן, וועל איך לעבן
ניינציק יאָר — ניין, אפשר מער.
און אַ טרער —
נאַרישקייט — זאָל קיינמאָל נישט אין מיינע אויגן קומען.

דיר דערווידער — דיר דערווידער — דער-ווי־דער —
אַזאַ וואָרט, אַזאַ מין וואָרט,
וע, עס איז דאָך פול מיט לידער,
יעדעס אות אין אים א ליד — און די לידער שטייען אויף און בילן הויך,
ווי די הינט, די יונגע, די קודלאַטע הינט,
דיר דערווידער —
געץ — — —

1919

אַ רעוואָלוציאָנער דאַוונט צו דער וועלט —

ווידמונג: פאַר מאַני לייב, פאַר דעם געליבטן מאַני לייב

און איינמאָל קומט אין לעבן פון דעם גייסטיקן מענטש
אַ רגע, וואָס איז זאַט, ווי ביימער אין דער פולער פראַכט פון האַרבסט,
און אויסגעלייזט פון אַלע פיינען און פון אַלע קוואַלן,
און פול מיט גרייטקייט צום שטאַרבן,
ווי פאַרנאַכטיקע וואָלקנס, וואָס גליען אין בלוטיקע פאַרבן.

די לידער פון מײַנע לידער

און אײנמאָל קומט דער טאָג פון איבערבראָך,
ווען די ליבע צו דער וועלט איז שוין גרייט,
ווי די כלה, די פאַרליבטע אין דער חופּה־נאַכט
איז גרייט אַרײַנצונעמען אין איר לייב דעם זאָמען
פון פרעמדן לעבן און פון אייגענעם טויט.

און אײנמאָל קומט דער טאָג פון טיפּסטער זעט,
און דעמאָלט הויבט אויף דער גייסטיקער מענטש
די הענט צו אַ תּפילה:

— וועלט, פאַרלאַנג פון מיר אַ קרבן,
בוים בין איך, קום ברודער־מענטש,
די ירושה וואָרט,
ס'איז האַרבסט —
בלוטגעפּולטער בעכער בין איך,
וועלט — קום אויסלייזן דײַן צאָרן אויף מײַן האַלז,
קום דײַן רציחה אויסשטורמען איבער מײַן אָפענעם האַרץ,
געקומען איבער מיר איז שוין דער טאָג פון דער זעט, דער גייסטיקער,
דער טאָג, ווי איבער ישו, אַ ווילדער טאָג,
ווי יענער שוואַרצער פרײַטיק אין דער רוימער־אָקופּירטער שטאָט ירושלים,
ווען דער בליץ און דונער איז געגאַנגען פון עק-וועלט ביז עק
פון דעם שוואַרצן וועלט־געוויסן,
און אין בית המקדש האָט דערפון זיך דער פּרוכת אַזש
אויף העלפטן צוויי צעריסן —
קום וועלט — דער לאַנג געוואַרטער און געבענקטער טאָג איז דאָ שוין.

1918

די אידעאַליסטן

די לעצטע צום לעבן זענט איר, און צום שטאַרבן די ערשטע:
זאָל די געשטאָרבענע לײַכט זײַן די ערד! —
און לײַכט זאָל דער הונגער די לעבעדיקע זײַן!
און הויך זאָל לײַכטן, און שטאָלץ, דער שטערן פון פּײַן,
אויף יונגע שטערנס, אויף יונגע, שטאָלצע שטערנס!

אָ — איך קען אײַך, איך קען אײַך:

איך האָב אייך געזען אין רעגן־דורכגעטריפטע נעכט
איילן מיט אַ לעצטן גראָשן און אַ לעצטן ביסן ברויט צו אַ קראַנקן חבר,
כ'האָב אייך זיצנדיק געזען דורך נעכט אין שפּינפּאַרוועבטע ווינקלען
און חלומען חלומות פון שטערנהעלער ליבע.
איך האָב אייך געזען אין אָסיענענעכט שלאָפן,
פּאַרטוליעט אין אַ גאָרטן אויף אַ נאַסער באַנק,
איך האָב געלעזן אייערע שלעכטע לידער, און געהערט אייער פאַלש געזאַנג.

און אייער התלהבות האָט דאָס האַרץ אין מיר צעשניטן,
און כ'בין געפאַלן אַוו איך בין געשטאַנען, מיטן
צווישן אַלע — אויף דער ערד פאַר אייך,
ווי גצלמ'ט צו דער ערד;
און כ'האָב דעם שטערן איינגעגראָבן אין דעם שטויב,
און אין היסטערישע כוואַליעס טרערן האָט געזונגען מיין נשמה אייער לויב.
אַ — איך קען אייך, איך קען אייך.
איר, קרבנות — דריי מאָל הייליקער, ווי די טויבן אין דעם כהן־גדולס
פעטע הענט,
ווייל איר האָט אייער שליחות דערקענט,
און זענט געגאַנגען אויפגערעכט, און געבעטן, אַז דער גורל זאָל וואָס גיכער
פאַלן איבער אייך.
איר זענט געגאַנגען צו די תליות מיט געזאַנג,
און זינגענדיק געשטאַנען פאַר די ליופעס, וועלכע בליצן בלאַנק
מיט אַ קורצן, שאַרפן פייער — —
און אייערע הייליקע לייבער זענען געפאַלן,
און אייער בלוט
האָט זיך פאַרגאָסן דורך די לעכער פון אייער אָרעם קלייד,
אונטער וועלכן איר האָט פאַר אָרימקייט
נישט קיין העמד געטראָגן. — —
און געגאַנגען זענט איר צו אייער נאַמענלאָזיקייט,
דריימאָל הייליקער ווי די טויבן אין דעם כהן־גדולס פעטע הענט.

1917

לעצטע נאַכט אין די קאַזאַרמעס

איך גריס דיך, געפאַנגענער, אויף די שוועלן
פון דער געפענגעניש-מויער!
איך גריס דיך, פרייער! קום, לאָמיר צוליגן צו דער קאַלטער ערד אָן אויער
און הערן ווי עס שפּרינגען די קייטן פון לאַנד
פון אונטער־ערדישער היץ!

איך גריס דיך, פרייער! די נאַכט איז נאָך פול מיט טרויער,
און איבער די הייזער איז אָסיענדיקער גאָס —
ברעך שוין אויף דאָס שלאָס — און די מויער פאַרלאָז!
און צינד אונטער דעם שווערן, דעם אויפגעריסענעם טויער!

איך גריס דיך, באַפרייטער! קום — לאָמיר די גאַנצע נאַכט
קלאַפּן און וועקן פון טויער צו טויער, פון פענצטער צו פענצטער,
ביז אין דער פרי מוז אויפגעוועקט און אויפגעוואַכט
זיין די גאַנצע, געפאַנגענע וועלט!
קום — לאָמיר גיין — זיך פעדערן פאַר די וואַכן,
קום — כל זמן דער ווינט זינגט אויף רעגן־סטרונעס,
און ס׳קלאַפּן אים צו די בלעכערנע רינעס.

און אַז אין דער פרי וועט דער טורעם־וועכטער
מיט מעשענעם האָרן — ווי קיינמאָל גאַרנישט —
פאַרקינדיקן: ליכט!
צו דער אַרבעט, אויפשטיין פוילע קנעכט!
דעמאָלט וועלן מיר לאַכן — לאַ—אַכן
אונדזער גערעכטן געלעכטער,
און חוזק מאַכן — מאַ—אַכן
פון דעם וועכטער.
און מיטלאַכן וועלן געפענגעניש-מויערן
מיט ברייט־צעעפנטע מיילער־טויערן!

9טן נאָוועמבער, 1918

דער פרייהייט געניוס

געליבטער יתום, אונדזער קינד!
מאַך אויף דיינע שוואַרצע אויגן אַצינד!
לאָז פלאַטערן דיינע האָר אין דעם מערצענעם ווינט!

און גיב אַ שפרונג ארויף אויף שטאָט׳ס העכסטן געביי!
היינט איז דער יינגסטער טאָג פון וועלטנס ווינד און וויי!
ס׳טאַנצט איבער דער שטאָט שוין דער יונגער ווינט!

צי ארויף דאָרט אַ פאָן, די פאָן — אויף דעם העכסטן טורם!
און גיב דאָרט אַ ריר אויף די גלאָקן און זאָלן זיי אויפזינגען: שטורם!
זאָל רויט פלאַטערן די לופט אינעם מערצענעם ווינט!

און אַ צינדפאַקל לייג אונטער און צינד אונטער די קלאָג!
און זאָל זי אויפפלאַקערן — העל, ווי דער ערשטער טאָג!
אַלצדינג זאָל פלאַטערן און פלאַקערן אין יונגן ווינט!

הער! הערסט?! איבער דער שטאָט הויבט אויף זיך אַ ליד!
העכער און העכער און נאָך העכער — הער ווי עמיץ ציט
די סטרונעס פון דער הימל־האַרף פון מערצענעם ווינט!

געליבטער דו, יונגער דו! אונדזער בלוט, אונדזער טרייסט!
שטיי אויף און בענטש דאָס בלוט פון מענטש, און הייליק שפרעך דעם גייסט!
און דאָס בענטש־ליד גיב איבער די כוואַליעס פון ווינט!

האַלב־נאַקעטער געניוס — איצט גאַנץ־הייליק דערקענט!
מיר פאָלגן דיינע שריט, זע — מיר קושן דיינע דין־מאָגערע הענט!
פיר אונדז צו פרייהייט, פיר אונדז — קינד — אין שאַרפן פרילינג־ווינט!

די גלאָקן זינגען — דער טורם איז צעפלאַקערט, צעפלאַקערט — אַ סנה!
ער צינדט אונטער דעם נעכטן איצט — און דעם נעכטנס ווינד און וויי!
און ער גיט באַפעלן דעם מערצענעם ווינט:

נאַ־דיר צינדפאַקלען, נאַדיר און וואַרף זיי אין דער גאַנצער שטאָט אריין!
אין גאַנצן לאַנד אריין! אין דער גאַנצער וועלט אריין!
אויף אַלע פיר זייטן פון מערצענעם ווינט!

אזוי באַפעלט דיר דער פרייהייטס געניוס, דאָס גרויסע, דאָס אייביקע קינד!
הללויה! הללויה!

מערץ 1918

פאָלקס-פירער ——

פון מאַמעס, וואָס זענען פונאַנדערגעפאַלן,
ווען ז'האָבן צום אַכטן מאָל דאָס קימפּעט געהיט,
זענט איר אויף דער וועלט געקומען.
געצויגן און געצויגן פון טרוקענע ברוסטן וואַסערדיקע מילך.
און אַז די ברוסט פון אייער מוטער איז אַראָפּגעהאָנגען שלאַף,
האָט איר די קעלט, געזויגן פון געשוואָלענע און דינע פינגערלעך.

איר זענט געבוירן
פון טאַטעס, וואָס זענען צוזאַמענגעבראָכן,
ווען ס'איז צום אַכטן־מאָל די זאַלציקע רוט,
די רוט פון דערציאונג אָפּגעקראָכן
פון זייערע טרוקענע הענט
און גענומען סווישטשען איבער אייך —
איר — קומענדיקע וועלט-באַצווינגער!
(זיי האָבן פאַר צער געריבערט בוקאָווע בלעטער געוויקלט אין צייטונג,
און געטרונקען ניין־און־ניינציק־גראַדיקן אַקאָוויט.)

געפרוירן-געבראָכענע פענסטערשייבלעך, לעכערדיקע שיך,
דין־העלזעריקע פריינט, און אין דער טונקל אַ צי
פון אַ פרעמדן, נישט-דעררויכערטן פּאַפּיראָס,
און אָפּגעוואָרט
האָט איר די קינדער־יאָרן ביי אַ באַן, און האַרט
פאַרדינט אַ דרייער ביי אַ פרעמדן סוחר פאַר טראָגן שווערע פּעק,
און דאַן האָט איר געקויפט אַ מעשה-בוך אייך, פול מיט וווּנדער און מיט שרעק;
איז דאָס געווען דער טרוים פון אייערע קינדער־יאָרן,
וואָס זענען אומדערפולט, אומאויסגעלאָכט, אָן ווידערקער אוועק.

און דרייצן־יעריק שוין אין פרעמדע שטעט,
דורך טונקלע פאַרבלאָטיקטע נעכט, דורך שכורע זעלנער,
פון בעלי־בתים געבערענט, פון בעלי-ביתטעס געבראָטן;
זיי האָבן מיט אַן אייביקן חשד
אויף אייערע ערלעכע, הונגעריקע, מידע הענט געקוקט.
און דרייצן־יעריק זענט איר שוין אַריינגעטראָטן
אין סעקטן, קאָנספּיראַציעס, געלייענט פאַרבאָטענע בראָשורן,
און גענומען אייביק דיסקוטירן.
אזוי האָט זיך אַריינגענאָגט די שלאַנג פון אומרחמנות

פון צעטרעטן און פון אויספּירן.
און געוואָרט האָט אירביים האַרטן ביסן ברויט,
און ס'איז אייך נאָנט אַזוי געוואָרן חבר טויט,
אַז ער פּלעגט קומען אָפט,
קומען און אַוועקגיין אומפאַרהאָפט,
און צוזעצן זיך אויף דעם בעט,
און קרעכצן מיט אייך, לאַכן מיט אייך, ביי אַ שאַרפן ציגאַרעט;
און האַלב אין טורמעס, האַלב אין קעלערס און אַמאָל אויך אין דער פרעמד,
תמיד ביי דעם לעצטן ביסן ברויט, תמיד אין דעם איינעם,
שוואַרצן העמד — —

ביז — —
געקומען איז די צייט!
און אַז די כוואַליע האָט אַריינגעריסן טיף אין פאָלק,
האָט עס אַרויפגעשליידערט אייך
צו טורעם־שטורעמדיקער הייך.
און אַלצדינג איז געוואָרן אייער ווילן,
ווי אַלצדינג איז געוועזן איינמאָל אייער צער.
און ס'האָבן זיך צעלאָזט אויטאָמאָבילן
איבער לאַנג-געשטרעקטע וועגן אין דער נאַכט.
דער ים האָט דערוואַכט
און אויפגעהויבן שטאָלץ די כוואַליעס זיינע,
צו טראָגן איבער אַלע ימים
די שיפן מיט דעם רויטן שטערן פון דער יונגער וועלט־גערעכטיקייט.
און ס'איז דער זאַמד אין דער מדבר גרייט,
און האָט זיך אויפגעהויבן רעדער־דרייענדיק און ברוין, קודלאַטע, ווי
אַ ווילדע חיה,
צו אייער באַפעל;
אין די פאַבריקן גליט דאָס אייזן און מאָלט זיך אין די מילן מעל,
און זעלנערס גייען אָפּ אין טונקעלע וואַגאָנען, צו וואַרפן זיך פאַר אייך
אין פייער,
און אין די שטיבער קרעכצן די בירגער: באַדריקער! —
און דאָס פאָלק שרייט אויף די גאַסן: באַפרייער!
און די וועגן פאָרן, די פאָנען פלאַטערן, די רייטערס רייטן,
און צוואַנציק־טויזנט שרייבערס גרייטן
די אָרדנונג פון דער נייער וועלט.

די לידער פון מיינע לידער

ווייל ס'איז געשען דער ווילן פון דער וועלט,
און געבענטש איז דער פון דעם גאַנצן פאָלק, וואָס האָט זיך מיט צוויי
פיס אין אים אריינגעשטעלט,

הויך, איבער אַלעמענס קעפּ,
און קאָוועט אויס אין אייזערנעם טשערעפּ
די אייזערנע יסודות
פון דער נייער וועלט!

1918

— — און דאָס פאָלק

מיר, אָרעם פאָלק,
מיר ליידנדיקע,
מיר פרויען שוואַנגער, קראַנקהאַפטיק מיט רויט־צעגליטע באַקן,
בית־הקברות־רויזן,
אונזערע לאַנגע צעפּ קריכן אויס פון טאָג צו טאָג, נאָך פאַר די יאָרן.
אָ, מיר זענען יונג נאָך — דרייאונצוואַנציק,
און אונזער מוטער-לייב פאַלט אָפּיר פון הונגער און פון שוואַכקייט,
און אונזערע ליידיקע בריסטן לעכצן,
און אונזערע קינדער קרעכצן
אָן טרערן.
מיר פאָלק,
מיר אָרימע, אַלטע גראָהאָריקע מענער,
אונזערע ביינער זענען לאָקער, ווי אַלט קליידערוואַרק,
אונזערע האַלבגעלעמטע פּנימער וויינען פאַר שרעק,
און אונזערע אויסגעטרוקנטע פרויען האָבן ווייניק יאָרן צו לעבן נאָך;
מיר ווילן זיי די אָרימע פרנסה געבן,
מיט די מאַזאָליעס פון אונזערע הענט,
און מיט די לעצטע בלוטיקע שמאַטעס פון אונזערע לונגען;
וואָס דאַרפן מיר שיינקייט, וואָס דאַרפן מיר פרייהייט?
מיר ווילן פאַרקויפט זיין, פאַרקויפט און פאַרדונגען,
מיר ווילן רו, ברויט און אַ געלעגער פאַר די פינף שעהן פון אונזער נאַכט.
מיר אָרים פאָלק,
מיר קליינע קראַנקהאַפטיקע קינדער;

אונזערע העלדזועלעך זענען דין, באַצויגן מיט אַ הייטל דורכזיכטיק און ווייס,
און האַלטן קוים די שווערע לאַסט פון קינדערישן קאָפּ,
וואָס בויגט זיך שוין באַצייטנס אויף אַ זייט, מיט צוגעמאַכטע אויגן.
מיר ווילן מילך, מילך; ווילן עפּל רויטע,
ווילן גרויסע הויפן, און ווילן, אַז די מאַמע
זאָל נישט שעלטן ווען מיר בעטן ברויט,
און ווילן, אַז דער טאַטע זאָל נישט שלאָגן, ווען די מאַמע שעלט.

און איר,
איר בעסטיעס, האַרשזעכטיקע, בייזע,
אייערע קעפּ רייסן זיך צו קרוינען,
צו סצעפּטערס רייסן זיך אייערע הענט,
געוועלטיקן ווילט איר —
איבער לענדער, איר, וואָס האָט נישט גאָט אין האַרצן,
איבער פּאַרטייען, איבער הונדערטטויזנט-קעפּיקע אסיפות,
אין גאָלד-באַטרעסטע שטיבער, ביי רייכע מאָלצייטן,
וויוואַט-געשריי, צייטונגען-לויב,
איר בלוטיקער שטויב:
איר מאָנאַרכיסטן און איר באָלשעוויקן,
דעמאָקראַטן, אַנאַרכיסטן און רעפּובליקאַנער;
מיר ווילן נישט אייערע גליקן
פון די רויטסטע און גאָלדנסטע פּלאַקאַטן,
איר צופרידענע סאָציאַל-דעמאָקראַטן,
איר זענט פאַרבלענדט און איר ווילט נישט זעען,
ווי אונזערע מוטערלייבער פאַלן אַפּיר פאַר הונגער,
אונזערע האָר זענען ווייס,
אונזערע ביינער פאַלן ווי אַלטע קליידער פונאַנאַנד,
און אונזערע העלדזער האַלטן קוים די לאַסט פון שווערן קינדערישן קאָפּ.

מיר אָרימע, גערעכטע
גייען איבער אַלע טעג פון אונזער לעבן,
ווי די קראַנקע הינט דורך טומלדיקע גאַסן,
ביים לעבן פאַרגעסן, ביים טויט נישט געדענקט,
דורך לעבנס-פאַרגעסן צו ווערימס-צעפּרעסן
אין שוואַרצער ערד,
פון דער מוטער טראַכט און בלוט צו דער מוטער ערד,
אומאויסגעוויינט, אומאויסגעהערט.

די לידער פון מיינע לידער

ביי אונזערע אָרימע מאַלצייטן רעדן מיר איבער אייך,
אין אונזערע שלאָפלאָזע נעכט קלערן מיר, ווי איר זענט אַלע, אַלע,
יעדער, אויף זיין אופן, רייך.

און אייערע ווייבער טראָגן גאָלדענע רינגען,
און אונזערע ווייבער גיט איר אייערע בענקאַרטעס אויסצוטראָגן, שענדער!
אייערע ליגנערישע אייגנלויב־געוועגדער
רייסט אייך אראָפּ אונזער ברעכנדיקער בליק,
וואָס הענגט זיך אָן אן זיי נאָך אין דער שעה פון אונזער טויט.
מיר גערעכטע,
זענען די איינגעפאַלענע פערד,
און איר, איר האָט אין אונזערע באַקעס אַריינגעשפּאַרט די שפּאָרן,
איר דיקטאַטאָרן:
מאַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן, דעמאָקראַטן.

1919

וואסער־טרינק־ליד

קוואַלנדיק וואַסער, שטראַלנדיק וואַסער,
אַ קוואַל פון דער ערד, אַ שטראַל פון דער ערד!
אין זונענשיין אויפשיינענדיק,
זיבנפאַרביק, אייביק!
סע ציט די נשמה דעם ריח איין,
און וויל אים אין בלוט צעפירן.
זיבנפאַרביק דאָס קרישטאל פון וואַסער־גלאָז,
און פאַרבט דאָס בלוט מיט זיבן קאָלירן.
העל-גרינע בענקשאַפט ציט אין בלוט אריין,
בלאָ־פאַרביקע האָפנונג שליסט די אויגן מיין,
געלע פלים־פייערלעך שלעפערן איין,
און לילאַ־פאַרביקער טרוים קומט אויף,
רויזנפאַרבענע ליבע הילט איין, הילט איין,
און די ליפּן מאַכן זיך אויף און קושן,
און קושן אומענדלעך און זינלעך און רויט
וואַסערס קרישטאַלענע פראַכט.
הויב אויף דיין גלאָז צו דער זון,

דו ברודער פון דער ערד,
טרינק ברודערשאַפט מיט דעם בוים, מיט דעם פריינט,
וואָס ס׳פּאַלט אויף אים דערזעלבער זונענשטראַל,
וואָס טרינקט מיט דיר פון זעלבן קוואַל.

1920

געזאַנג וועגן תּיקון

און צו לעצטן תּיקון שטרעבט די קרעאַטור,
און צאַפּלט פיבערנדיק מיט אַלע אָדערן פון איר לייב;
און תּיקון איז ליבע און לעבן,
און תּיקון איז טויט.

אויף זיינע צוויי הינטערשטע פיס
שטעלט זיך דער בוהיי אויף,
אַזוי ווי אויף צוויי מאַכטיקע זיילן,
און זיין געוואַלטיקער לייב איז ווי — אַ —
אויפגעקניפּטער פייערבונד פון הונדערטטויזנט צונגען,
און זיינע לונגען
אָטעמען שווער, און צערייסן די לופט מיט אַ הויכן געבריל;
און זיין ווייב וואַרט אויף אַלע פיר צוגעשפּאַרט צו דער ערד,
און וויל.

מיט אַלע צענטויזנט צווייגן און צווייגלעך קניפּט אויף זיך דער בוים
סאַמע אין האַרבסט,
לאָזט דורך זיינע אָדערן שטורמען דעם ווינט,
און לאַשטשעט זיך צו זיינע באַקעס,
און זינגט אַן אויסגעלאַסן ליד פון דער לוסט,
אין דער נאַכט.
און דער זאָמען שפּרינגט פון יעדן בלאַט באַזונדער,
און נישט נאָר פון די בליטן,
און לאָזט זיך פליען איבער דער נאַכט,
זוכנדיק, זוכנדיק די ערד, זיין טראַכט.

און דער גייסטיקער מענטש,
קניפּט אויף די געדאַנקען אין זיינע נעכט,

די לידער פון מיינע לידער

ליידנשאַפטלעך ציטערנדיק צום צוהערער, זיין פריינט,
ווי דער זעכצניעריקער צו דער צוואַנציקיעריקערס
נאַקעטיקע גלידער.
און די געדאַנקען
הויבן זיך אויף אויף די צוויי זיילן פון זיין ווילן
און זענען ווי אַן אויפגעקניפּטער פייערבונד פון הונדערטטויזנט צילן
צו איין מקוים־ווערן.

1920

✶

מאַמע ערד

ווידמונג: פאַר מיין טויטן — מיין איינזאַמען ברודער

מאַמע ערד —
באַלאָדן מיט דעם אָנבליק פון זעלבסטמערדער,
וואָס ליגן מיט אויפגעריסענע בייכער,
אין אַ טויטן־קאַמער פון אַ שטאָטישן שפּיטאָל,
מיט אויפגעמאַכטע, גלעזערנע אויגן —
קום איך צו דיר.

ווער נאָך קען טרייסטן אין דער שעה פון דער נויט,
מאַמע ערד:
מיין קול איז הייזעריק, מיינע אויגן רויטע
פון געשריי. גיב מיר אַ קבר פאַר מיינע טויטע
פון היינט און פון אַלע מיינע יאָרן,
פאַר טאַטע־מאַמע, פאַר פריינט, פאַר ברידער און פאַר קינדער.

אָט זע איך ווי קינדער טומלען ארום אויף דיין גרינעם פרילינגס־קלייד,
פאַרליבטע שלאָפן אין דיין בעט אין זומערנעכט,
און אַ ווייב גייט שווער אויף דיר, טריט ביי טריט,
און טראָגט מיט שטאָלץ די קרעאַטור אין בויך,
וואָס דו וועסט צודעקן אַמאָל.

איז טרוקן דאָס יאָר,
און מאָגער די פרוכט פון דעם קאָרן,

און דער הערשער איז שלעכט,
פלאַקערן רעוואָלטן אויף אין הונגעריקן פאָלק,
וואָס וואַלגערט זיך אויף דיר,
ווי פייער אין דאַרע שפענער אין אַן אויסגעהאַקטן וואַלד.
און אין דיר ענדיקן זיך אַלע רעוואָלטן
און דאָס פייערדיקע בלוט פון געשאָכטענע, געשאָסענע און געהאָנגענע
פאַרפוילט אין דיין אומענדלעכן און שוואַרצן לייב,
ווערט מיסט, ווערט ווערעם, ווערט גראָז און ווידער וואַלד און וועלט.

איבער די ווייטע סטעפעס און צווישן די ווילדע בערג,
ציען זיך און שלענגלען זיך און שפרינגען ווילד די טייכן
אויף דיין געדולדיק לייב — מאַמע ערד.
און אין די טייכן פרעסט דער העכט דאָס יונגוואַרק פון די ווייסע פיש
און שפרינגט מיט פרייד אַמאָל אַפיר פון וואַסערשפיגל,
און גלאַטיק ווערט דאָס וואַסער ווידער באַלד
נאָך דעם שפרונג פון העכט.

דורך די הייסע פעלדער ציט דער זומער־ווינט,
דאָרט ליגט אַ טשערעדע און מאלעגיירעט,
פייפט דער פאַסטוך אויף זיין פייפל, רופט די פאַסטושקע צו זיך,
און באַצווינגט זי און זי אַנטלויפט און וויינט, און ער אַנטלויפט מיט שרעק;
און דער אָסיען־ווינט רייסט דעם זאָמען פון דיביימער,
און באַגראָבט אים אין דיר, מאַמע ערד, און פייפט און פאַרגעסט,
אָבער אין פרילינג קומט די בליאונג אויף — דו האָסט נישט פאַרגעסן—מאַמע.

די בעטלערס פון דער גרויסער שטאָט,
זשלאָקען די רעשטלעך פון די פעסער אין די שענקען,
און שפּעטער שלעפן זיי זיך צו צום ברעג פון טייך,
און פאַלן אויף זייער פנים ווי די קלעצער גלייך,
און אָטעמען אין שלאָף דיין שוואַרצן ריח — ערד.
און די משוגעים טאַנצן אויף דיר,
איידער דער וואָרעם, וואָס פרעסט זייער מוח, וואַרפט זיי פון די פיס,
מאַמע ערד.
אָבער אַן ערד אָן משוגענע קען נישט זיין,
שטייען אַנדערע אויף און שטאַרן מיט אַראָפגעלאָזטע ווילדע אויגן,
צו דיר, מאַמע ערד, שטאַרן אזוי לאַנג ביז אויך זיי בויגן
זיך איין, און אויך זיי פאַלן צו דיר — מאַמע.

און אַז דער בעטלער, וואָס בעטלט פון שוועל צו שוועל,
וויל אויפעסן זײַן בעטל־ברויט,
פּאַלט ער קניענדיק צו דיר,
שלעפּט דאָס שוואַרצע קניפּיקל אָפּיר,
און שנײַדט און קײַט,
ווײַל צו ווּעמען דען זאָל ער זיך צושפּאַרן, אַז מען טרײַבט אים פון
שוועל צו שוועל,
און ער איז בייז און וואָלט זײַן ליידיקע בעטל־טאָרבע
זיך אָנגעטון אויפן אייגענעם קאָפּ און זיך דערשטיקט.

די רייסנדיקע פערד פון ווילדע שלאַכטן קאָפּען אויף דײַן לײַב,
קאָפּען אויף דײַן לײַב און באַדעקן עס מיט ווונדן,
און אין דינע שנירעלעך ציט זיך דאָס בלוט, דאָס שוואַרצע, פערדישע
צו דײַנע אָדערן, צו דײַנע ערדישע,
נאָך דער שלאַכט צוריק.

מענער זענען גרויס און ווילד און רוי און בייז,
און גייען נאָך נאָך די אַקער־אײַזנס און די בראָנעס,
און זייערע שטערנס, ווי די פעלדער צעאַקערט אין זאָרגן,
און אין זייערע הערצער, ווי די זון איבער זיי,
אַ האָפנונג אויף אַ גוטן מאָרגן,
און דער שוואַרצער פויגל טרעט נישט אָפּ פון זייער בייזן שריט
און פרעסט דעם וואָרעם שוין היינט.
וואָס דו דערלאַנגסט אים — מאַמע ערד.

מאַמעס באַגראָבן די קינדער אין דיר,
און קושן די קברים, און די רו קומט צוריק איבער זיי,
און זיי גייען אַוועק און אין זייער האַרץ איז אַ פרייד,
אַז די צײַט וועט קומען און זיי וועלן זיך ווידער
פאַראייניקן אין דיר מיט דער פרוכט פון דעם לײַב,
זייער לײַב — אין דיר, מאַמע ערד.

און איך אַליין —
אין דער צײַט פון מײַן חולאת בין איך צו דיר געקומען,
און געגעסן דײַן ברויט און געטרונקען די מילך, וואָס קומט פון דײַן גראָז,
און געוואָרן זאַט און פעט און געזונט —
צו דיר בין איך געקומען, אַז אויפגעריסן איז מײַן לײַב געוועזן —

און איצט איז מיין נשמה קראַנק און אויפגעריסן און בלוטיקט,
זוך איך מיין טרייסט ביי דיר, מאַמע ערד.

די נשמה בלוטיקט און די זון איז היינט קאַלט צו מיר,
און די שטערן פאַרשטיי איך נישט,
און מיין פאָלק? — ווילד קוקט עס און פרעמד ווען איך רעד,
און איינציקוויז גייט עס פונאַנדער און צוקט מיט די אַקסלען,
און קיין גאָט האָב איך נישט מער,
און פריינט — ווער האָט זיי דען, ווער?

אַלע מיינע בעסטע פריינט גלויבן אין גאָט,
און ווי קען איך גלייבן אין זיי, אַז זיי אַליין זענען שוואַך און גלייבן?
אָבער ווענן דיר — מאַמע ערד — ווייס איך, אַז דו ביזט מיין מאַמע.

נאַ דיר, מאַמע, און נעם זיי צו מיט ליבע, מיינע טויטע פון היינט
און פון אַלע מיינע יאָרן.

נאַ דיר דעם ערשטן אָדרויף פון אונזער קליינער משפחה,
נאַ, מאַמע,
דו האָסט געגעבן און דו נעמסט צוריק,
נאַ — איך גיב עס דיר צוריק מיט אַ ברכה,
אזוי ווי מען האָט עס מיט אַ ברכה גענומען.

און אַז מיין צייט וועט קומען, וועל איך אויך מיט אַ ברכה
צוריקגיסן דאָס וואַסער פון מיין בלוט צו דיינע וואַסערן,
און צוריקשיטן דעם שטויב פון מיין לייב צו דיין שטויב און לייב —

און מער בין איך נישט
אין די געשענקטע שעהן פון מיין לעבן,
און וועל דיר מער נישט קענען געבן
אין דער רגע פון טויט.

אויב מאַמע איז דער ערשטער שריט
צוריק צו גאָט,
ביזטו — מאַמע ערד — דער צווייטער שריט
צום גרויסן סוד.

ווין 29טער מערץ 1921



די פיר זייטן פון מיין וועלט

פיר פאָעמעס: געזאנג צום מענטשלעכן גוף — איז פריער געדרוקט געוואָרן אין דער „כאלאסטרע״, פיוטים צו דער זון — אין די „ליטערארישע בלעטער״, געזאנג פון האס און ליבע צום יידישן פאָלק — אין „ווארשעווער שריפטן״, משפט איבערן טויט — אין דער „יידישער וועלט״. געזאמלט אין א בוך, אין יאָר 1929 — 128 זייטן — אין ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין.

פראַגמענטן פון „געזאַנג צום מענטשלעכן גוף״

(פראָלאָג און אָנהויב)

אַ באָרדיקער, פון רעגן און שטויב, פאַרזשאַווערטער בעטלער
איז היינט אויף צוויי הילצערנע פיס געשטאַנען
פאַר דעם טויער פון מיין הויז, און פון מיין אַרבעט־פולן פרימאָרגן.

אַ בלינדער סאָלדאַט האָט מיך אָנגעקוקט היינט
מיט זיינע צוויי בלוטיקע אויגן־ריינעס.
אַ קינד האָט מען איבערגעפאָרן אין גאַס,
און מ׳האָט אים דאָס גאָלדענע קעפל צעקוועטשט,
אזוי ווי אַ צוגעטרעטענעם עפל.

בין איך אַנטלאָפן צו מיין ווייב,
און האָב זי געקושט אין די קני
אומפאַרשטאַנען און לאַנג,
און כ׳האָב זי געקושט אין דער מוטער־ברוסט,
מיט וועלכער זי זייגט מיינע קינדער אין שלאָפלאָזע נעכט,
ווען די קינדער וואַקסן אויף איר לייב,
אזוי ווי גראָזן אויף דער מאַמע־ערד.
האָט זי דעם קאָפּ מיינעם אויפגעהויבן,
און האָט מיר געקוקט אין די אויגן,
פאַרוווּנדערט און לאַנג.
האָב איך איר געזאָגט :
— ס׳איז גאָרנישט, מיין ווייב,
נאָר אָט די הענט, וואָס דו האָלטסט איצט אין דיינע
זענען צוויי מענטשלעכע הענט —
און אַז מען האַקט אַזאַ האַנט אַראָפּ
וואַקסט זי שוין קיינמאָל נישט מער צוריק.
און אַז מען הויבט אויף אַזאַ פניאַק פון אַ האַנט,
גיט זיך אַ טרייסל מאַכטלאָז דאָס קלייד
מיט דעם ליידיקן חלל,
וואָס איז אַ געשטאָרבענע האַנט.
און מיט מיינע הענט, וואָס זענען נאָך גאַנץ,
און זענען נאָך היינט,
וועל איך שרייבן היינט נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט.

די לידער פון מיינע לידער

דאָס געזאַנג צו דעם מענטשלעכן קערפּער,
כּל־זמן די אויגן פירן די הענט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווייל עס זענען פאַראַנען הענט וואָס פוילן אין דער ערד,
אַראָפּגעבראָכענע פון שווערטער אָדער פון מאַשינען,
און דאָס איבעריקע לייב וואַנדערט מיט אָפענע אויגן
אויף דער גאָרער וועלט און קוקט ארויס פול תאוה,
ווי דער פאַרברעכער פון דעם תפיסה-פענסטער,
צו די מענטשן, וואָס גייען ווייטער, ווי די ד׳ אמות פון זייערע פיר ווענט,
און קיינער שטעלט זיי נישט אָפּ.

און הענט פון מאַמעס זענען דאָ,
וואָס זענען דין און דאַר און געל
און האַלטן אייביק קינדער שרייענדיקע אויף זיך,
ווי די באַנטעס פון אַ הינער־שטייג,
און הענט געלעמטע מיט פינף צעשראָקענע איינגעקאָרטשעטע פינגער,
וואָס זיצן ווי אבלים ביינאַנד,
און ווילן פאַרגעסן דאָס בליענדיקע לעבן, וואָס איז ערשט אַדאָ געווען.

און הענט פון ברוינע, פאַרמעטענע בעטלערס ארום די מויערן פון אַלטע
קלויסטערס אין פאַרגעסענע שטעט,
וואָס נאָר די מאַמע־זון שיט רייך דאָס גאָלד פון ליכט אין זיי,
ווייל אויך זיי זענען אירע געליבטע, געצערטלטע קינדער,
דער ווינט פּאַטשט אין אָסיען רעגן אויף זייערע פלאַכן,
און גייען אויס מיט ציטערדיקן הונגער נאָך אַ ביסן שוואַרצן ברויט.

און הענט באַוואָקסענע מיט האָר,
וואָס אַמאָל בויען זיי שטיינערנע הייזער, און אַמאָל קירעווען זיי מיט דעם
רודער פון די שיפן, וואָס ברענגען פרוכטן צו די האַפנס פון
די גרויסע שטעט.

און הענט פון יונגע פרויען, האָרעפּאַשנע אַרבעטאָרינס, וואָס שטרעקן אויס
זיך אומפאַרשעמטע און געזונטע, ווי די חיות, נאָך דעם מענע־
רישן זאָמען און פירן אים צו זיך אין לייב, וואָס זאַפּט אים
איין, ווי ערד דעם רעגן, צו ווערן אויפגעשוואָלן פון דער
פרוכטבאַרקייט.

און הענט פון אַלטעטשקע באָבעס, וואָס גאַרן נאָך אַביסל וואַרעמקייט צו
גלעטן און... שרעקן נאָר די קליינע קינדער מיט זייער ביינער-
דיקן טעם, בלייבן הענגען אין דער לופטן און שטאַרבן.

און הענט, וואָס זענען גראָב און האַרט, און שוואַרץ און פעט, ווי יאַטקע־
קלעצער, און האָבן שטענדיק אויף זיך שפּורן פונם בלוט, און
האַקן העק און זעגן אין דעם פלייש אַריין, ווי דער האַלצהעקער
אין האַלץ.

און דער זין פון מיינע פעטע הענט איז מיר נישט פאַרשטענדלעך;
נישט קיין בייז און נישט קיין גוטס האָבן זיי דער וועלט געברענגט,
אָבער די וועלט ברענגט זיך אַליין צו זיי
און גיט זיך אַוועק צו זיי,
און אָפט פילט אָן זיי ביז איבער ברעג דער זיסער טעם פון
צאַרטע פרויען־בריסט.
אָ, ווען מען וואָלט זיי אָפּגעהאַקט, מיינע הענט,
און ווען די ווערעם וואָלטן זיי געשיילט אונטער דער ערד,
וואָלט דאָך די וועלט אײן רגע נישט געקלערט פון זיי,
אַחוץ מיין ווייב און מיינע קינדער, וואָס וואָלטן דאַן געוואָרן יונגע
בעטלערקעס אויף די גאַסן פון די גרויסע שטעט.
אָ, ווי שפּאַרן זיך די געזונטע פויסטן מיינע אויף דער גראָבער יידענע,
וואָס גייט פאַרביי בײַ די בעטלדיקע הענטלעך פון מיינע קינדער.
און קיינער וואָלט נישט מער געדענקט נאָך מיינע הענט.

1922

געזאַנג צום מענטשלעכן גוף

(פינאַל)

און איצט איז פרי,
די אייביקע צוואַנג פון דער אורנאַכט צעעפנט איר פיסק אויף אַ טאָג,
אַ טאָג איז דאָך נאָר אַ פאַסמע ליכט אין דער אייביקער נאַכט,
און דער מענטש איז אַ וואָרעם אין אייביקער נאַכט,
און אייביק קריכט ער און זוכט ער גאָט.

די לידער פון מיינע לידער

און איצט איז פרי,
איצט, הערשער, אימפעראַטאָר, מח קאַלטער,
בין איך ביי דיר,ביים ליד פאַר דיר.

אַט ליגט שוין פאַר דיר אויף דעם ווייסן פאַפּיר
דער מאַניפעסט
פון די צוויי־הונדערט פערציק זיבן
צעבונטעוועטע, פרייע, אַנאַרכישע רעפּובליקן.
דער איבער־פאַנטעאיסטישער מאַניפעסט פון דער לעצטער אַנאַרכישער פאָרם.
דער מאַניפעסט פאָדערט אַליינבאַשטימונג פאַר איעדער פון די רעפּובליקן,
יעדע פון זיי איז אַ וועלט פאַר זיך אַריינגעטון אין אירע אומגליקן און גליקן,
קיינע פון קיינער נישט פאַרשטאַנען;
כאָטש אין יעדער איז אַ טייל פון דעם געזעץ פאַרהאַנען,
וואָס שרויפט די וועלט ארויף, פאַרויס,
און אויב נאָר איינע וואָלט ארויסגעפאַלן, וואָלט די וועלט צעפאַלן,
אזוי ווי אָן דיר,
אימפעראַטאָר
אין דער רעזידענץ פון שטערן.

גיי אַראָפּ פון טראָן,
מח — גיי אַראָפּ פון טראָן,
ביזט פון היינט אָן נישט מער ווי איינער פון אַלע רמ״ח,
ביזט דערנידעריקט און דערהויבן צוגלייך,
ביזט נאָר די פאָן אויפן הויכן דאַך.

און איך פּראָקלאַמיר די גלייכבאַרעכטיקטע אַנאַרכיע
פון די רמ״ח,
צוויי־הונדערט פערציק און אַכט,
פון רוח צעטיילטע,
און אין גאָטס נאָמען פאַרייניקטע
רעפּובליקן.

זייער נאָמען איז אדם,
צום צווייטן און צום לעצטן מאָל!
די וועלט איז אַ צוויי־גאָט־וועלט:
אדם און יהוה —
מענטש — גאָט.

1922

פיוטים צו דער זון

א.

עפן דיך, עפן — מיין גוף, מיין נשמה,
וואָס דו ביזט איינס.
אזוי ווי אַ טיר אין מיט פינסטערער נאַכט,
אין אַ העלבאַלאַכטענער שטוב, אין אַ ווייטן שטומנאַכטיקן דאָרף,

און קום ארויס דורך דער אָפענער טיר
מאַן אין די דרייסיקער יאָרן, ליד אין דער פולער קראַפט.
דער קין־צייכן ברענט אויף דיין שטערן,
דער צלם פון לייד אין דיינע הענט,
געהויבענע איבער דיין קאָפּ.

אָ, קום ארויס פון פינסטערניש,
דו מיין ליד דורך נאַכט צו זון,
הויב אויף מיין גוף, הויב אויף נשמה — וואָס איר זענט איינס —
די דעק פון נאַכט, די דעק פון ערד.
ס'איז תחית המתים, צו טאָג, צו ליכט.

רייס אויף, רייס אויף נשמה מיינע,
אזוי ווי דאָס לייב פון אַ פרוי רייסט אויף
אויף דעם בעט פון צער, אויף דעם זעלבן בעט,
ווו עס איז מיט ניין לבנות צוריק
געוואָרן אויפגעריסן פון פרייד.

אויף דעם בעט פון צער — —
אויף די פיר דעמבענע פיס פון וואָרט,
אויף זיינע קאַנטיקע אותיות פיר
קרעכצנדיק אָנגעשפּאַרט.

רייס אויף און ברענג אַ ליד צו דער וועלט,
שרייענדיק שאַרף אין טאָגליכט אריין.
דעם ריטמישן קוויטש, וואָס איך רוף אים : געזאַנג צו דער זון.
און וואָס איז אזוי ווייט פון איר, ווי זי איז ווייט פון אים.

רייס אויף, רייס אויף נשמה מיינע.
אזוי ווי אַ בויגן אין האַלבראַד געשפּאַנט.

שפּאַנט דיך אומזיכטבאַרן ווילנס
אַדערדיק האַרטע האַנט.
די סטרונע, דאָס בעט,
אַ קניפּ אויפן קאָפּ און אַ קניפּ אויף די פיס
און אַ ווייסע פייל איז דאָס ליד.
פון אומענדלעכקייט צו אומענדלעכקייט
געפאַלן און אויפגעגליט
ווייס.
רייס אויף, נשמה מיינע, רייס אויף,
פון בליץ פון דערקענטניש געטראָפענע,
אזוי ווי אַ בוים אַ געטראָפענער
פון שאַרפער זיגזאַקישער זעג פון אַ בליץ.
אזוי שפּרינג אויף צווי העלפטן אויף
צעצווייגטע, צייטיקע, ברייטע נשמה מיינע.

און זאָל דער הימל דיין האַרץ דערזען.
דיין האַרץ דאָס צעשפּאָלטענע, ווייסע.
די ווייסע בענקשאַפט זיינע.
די וווּנד איז אָפן. די וווּנד איז ווייס.
און קוואַלט מיט ווייסער גלוט, מיט ווייס צעגליטן בלוט:
געזאַנג צו זון.

אַ לויב דיר, לויב דיר מיין מאַמעס בויך,
פאַר דיינע יסורים און פאַר דיין פרייד.
וואָס דו ביזט געגאַנגען שווערערהייט,
שוואַנגערערהייט
און האָסט געטראָגן אַ זון צו דער זון
צו ליכטיקייט.
אַ לויב דיר, לויב דיר מיין מאַמעס בויך!
דיין זון איז געגאַנגען אין ליכט אַריין,
אָפּגעגאַנגען שוין אַ שטיק וועלט.
דרייסיק יאָרן אונטערוועגס
געוועזן איז ער שוין
דיין זון.

דרייסיק זונען איז ער אַלט,
און פון דער איין און דרייסיקסטער זון,

דיר שיקט ער איצט
אַ לויב.
דו מיין מאַמעס בויך, דו ווייסער שטויב
וואָס וועסט באַלד ווידער ווערן שוואַרץ.

אַן אָפּגעריסן שטיק פון דער מאַמע, דער זון
איז דאָך אונזער גאַנצע ערד,
און וואָס זענען מיר, מיר חיות אַלע
מיר פלאַנצן אַלע
פון דער מאַמע, דער ערד — —
מיר וואַלפישן, העלפאַנטן, ווילדע פערד.
מיר אָדלערן, מיר סעמפּעס, וואָס טונקען די קעפּ
אין די בייכער פון די געפיגערטע פערד,
מיר מאַלפּעס, מיר מענטשן, מיר בוהייעס שווערע,
מיר שלאַנגען, מיר שרצים, מיר ביימער אַלטע,
מיר סטעפּ־גראָזן פון דער מאַמע דער ערד?
אָפּגעריסענע שטיקער פון זון!
אזוי ווי זי אליין,
אַן אָפּגעריסן שטיק זון.

אַ טאַנץ צו דער זון איז דער גאַנג פון דער ערד;
ווי אַן איינזאַמע כלה טאַנצט זי אליין
עקסטאַטיש דעם וועלטרינגען־טאַנץ.
ערד־רינג און זונרינג, זונרינג און וועלט־רינג.
דורך די קאַלטע ספערן רייסט זי זיך
אין פליענדיקן טאַנץ.

שטייט אויף דער בוים אין פרימאָרגן שטיל
און קערט זיך צו ליכטיקייט אויס,
שטייט די חיה אויף אויף אירע פיר פיס,
צוויי פּאָרע־זיילן לאָזט זי פון נאָז
אין דער מאָרגן־קילקייט און שרייט
מיט דער רויטער צונג צו דער זון געקערט:
טאָג איז געוואָרן איבער דער ערד.
און דער מענטש שטרעקט זיך אויס, וואַרפט צום פענסטער
אַ בליק:
ס׳איז צייט זיך צו יאָגן נאָך גליק.

די זון האָט לאַנג שוין אויפגעשיינט.
מוז איך יאָגן זיך
דאָס גליק צו דעריאָגן נאָך היינט!
און דער פיש אין וואַסער שפּרינגט אונטער און שווימט
דורך דער ברייט פון טייך.
און דער פויגל שטרעקט זיינע פליגלען אויס,
און טוט אַ פלי אין דער וועלט אַריין
באַגלייטן די זון אַ שטיק וועגס
און שניידט מיט אַ ליד די מאָרגן-לופט דורך,
אַזוי ווי די זון האָט צעשניטן פאַר אים
די נאַכט,
אַז ער זאָל קענען אַדורכפליען גלאַט.

און אַ שטילע, שטילע טאַנצט די ערד,
איר הייסער בויך איז אָפּגעדעקט
און פרוכפּערט זיך גרין אין וועלטן־רוים.
פאַרזונקען איז זי אין זיך.
די אויגן
פאַרצויגן
מיט ווייסן אייז
און פאַרמאַכט אין ווילדער התלהבות —
דער צפון־פּאָל און דער דרום-פּאָל.
אַ שטילע, שטילע טאַנצט די ערד
אין פליענדיקן טאַנץ.

ווען די מענטשלעכע מוחות קלערן פון ליכט
קלערט די ערד דורך זיי.
ווען די מענטשלעכע הערצער בענקען צו פלאַם
בענקט די ערד דורך זיי.
נישט די מענער בענקען צו ליבע
נאָר די מאַמע זייערע, זייער ערד,
בענקט צו איר מאַמען צוריק
צו דער זון.

אונזערע טעג און אונזערע נעכט
די טעג פון אונזער לעבן
און די נעכט פון אונזער רו און אומרו,
מיר קרעאַטורן,

וואָס וואַקסן ארויף טרעפּ־אויף טרעפּ-אויף,
אויף אונזערע יאָרן —
וואָס זענען דען אונזערע טעג און נעכט?
חיות מיט אויסגעשטרעקטע העלזער,
די נעכט צו מזרח און די טעג צו מערב,
העלזער געשטרעקטע צו דער שחיטה
אין רויטן טייך פון שקיעות.
די פרילינגען פון אונזער אויפגאַנג
און די האַרבסטן פון אונזער אונטערגאַנג,
מיר נפשות,
מיר מענטשן, מיר פלאַנצן מיט אויסגעריסענע וואָרצלען,
וואַנדערנדיקע און קריכנדיקע,
הענט און פיס און פירפיס.
און מיר, מיר גראָזן אוןביימער,
מיר, מיט וואָרצלען איינגעגראָבענע נאָך אין דער ערד.
וואָס זענען דען אונזערע פרילינגען, האַרבסטן?
געשרייען פון פרייד, ווען דו ביסט נאָנט,
געשרייען פון צער, ווען דו ביסט ווייט,
זון,
אין דיר, אין דיר
פאַרליבטע וואַנדערן מיר,
און אונזער ליבע צום אַנדערן מין
איז גאָר נישט מער, נאָר געוויין פון שרעק
און געלעכטער פון פרייד.
געוויין און געלעכטער פון ליבע צו דיר,
מיין גרויסע געליבטע, מיין זון.
און נאָר כדי דו זאָלסט נישט אונטערגיין קיינמאָל,
אין אונז און אין אונזער פרוכט,
פרוכפּערן מיר זיך און מערן מיר זיך
אין דער נאַכט
ווען דו ביזט אָפּגעווענדט פון אונדז —
גראָבן מיר אויף מיט היציקייט
אונזער געליבטערס גוף,
רייסן מיר וואַנזיניקע אויף
אונזער געליבטערס גייסט,
מיר ווילן געפינען די וואַרעמקייט,

מיר ווילן געפינען אַן אָפּשיין פון דיר,
זון.

אָ אין נעכט, ווען דו ביזט אָפּגעווענדט,
אָ גיי נישט אונטער אין אונז און אין אונזער פרוכט,
אָ, גיב אונדז טעגלעכע גאָב פון ליכט
און גיי קיינמאָל נישט אונטער.

וואָס איז אונזער געדאַנק פון גוט און פון שלעכט,
פון אויפגאַנג און פון אונטערגאַנג,
פון שאָטן און ליכט?
אַן אָפּשיין פון דיר זענען זיי,
דו העכערע דו פון אונזער גאָט,
דו הימל־קעניגין דו.
אין דיר איז וויסן פון סוף פון דער וועלט — —
און ווען מיר ווענדן די בליקן צו דיר
און ווען מיר בלענדן די אויגן אין דיר,
דאָס קוקן מיר אונזערע אויגן אויס,
דאָס ברענען זיך אונזערע בליקן אויס,
צום וויסן פון אין סוף,
וואָס אין דיר איז עס דאָ.

ווען דו ביזט יונג געווען
איז געווען אָנהויב וועלט,
אין דיר איז וויסן פון אָנהויב פון צייט
אין דיר איז וויסן פון סוף פון דער צייט.
פול מיט פראָסט איז די וועלט
און דער חלל איז קאַלט
און דער אויר פרירט אין דער פינסטער אליין,
דו אָבער גייסט אָקעגן דעם חלל, דעם אויר, דער וועלט.
דעם רוים שניידסטו דורך מיט דער היץ מיט דיין האַרץ
און פירסט אַן אייביקע וועלטן־מלחמה
אין בלויען חלל פון הימל.

ב.

בלינדע זענען מיר געווען,
וואָרצלען אין דער מוטער ערד.

האָט אונז די בענקשאפט צו זון
געפייניקט אונטער דער שוואַרצער דעק,
האָבן מיר בליטן געשטויסן פון זיך,
געטריבן ארויף אויף דער אויבערפלאַך,
מיר האָבן געהאַלטן די קעפּ אין דער ערד
און מיט די געבויגענע רוקנס געפרעגט:
איז צייט שוין, צייט שוין צו דיר?
און אַז דו האָסט דעם זוניקן יאָ געזאָגט,
האָבן מיר אויסגעשטרעקט אונזערע בלעטער,
הענט בעטנדיקע צו דיר,
האָסט אין זיי שטראַלן אַריינגעשיקט
און האָסט אונז אָנגעזויגן צו זעט
צו זעט אויף אַ גאַנצער נאַכט.

בלינדע זענען מיר געוועזן, מיר געוויקסן
האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע פאַרשטעלט דיין ליכט.
איז איבער אונז געקומען אַזאַ גרויסע בענקשאַפט,
האָבן מיר זיך אויסגעריסן פון דער ערד
און געגאַנגען דיך זוכן,
און אונזערע צעקראָכענע ברייטע אָנאויגיקע לייבער
האָבן די קעפּ צו דיר געשפּאַרט,
און געטאַפּט מיט די בלינדע ליפּן די ליכטיקע לופט.
האָסטו רחמנות אויף אונז דערפילט,
מיר זענען אזוי פלאַך געקראָכן אויף אונזערע אויסגעריסענע וואָרצלען.
און האָבן דיך נישט געקאָנט געפינען.
האָסטו יעדן פון אונז
צווי פונקען זון אין לייב אַריינגעזעצט,
אַז מיר זאָלן זוכן דיך און געפינען,
און נישט צעטרעטן איינע די אַנדערע
טרעט־קריכנדיק שטום אין בענקשאפט צו דיר.

שטומע זענען מיר געוועזן
פון די טייכן זענען מיר אַפּירגעקראָכן
און געוואָרעמט זיך אין דיינע שטראַלן,
און געגליצערט האָט דער רוקן אונזערער דער נאַסער

מיט דער אָפּשײַן פֿון דײַן ליכט, זון.
האָט זיך די פֿרייד געריסן פֿון אונזער מויל מיט אזא יללה
מיט אַזאַ לויב צו דיר,

און אָפּגעקלונגען האָט דער ווידערקול אין די הויכע בערג
און פֿארשווינדן אין תהום פֿון בלויקייט.
און דו ביזט שטום און גליענדיק געהאָנגען און געהאָרכט.
איז אָנגעקומען די נאַכט

און ס'האָט זיך פון אונזער מויל נאָך שטאַרקער געריסן
אַ ציש־געזאַנג פון צווישן געשטשירעטע ציין.
זענען מיר געבליבן צישנדיקע ליגן, איבעראײנאַנדערגעוואָרפן,
גליטשיק און נאַס,
און איבעראײנאַנד האָבן מיר געשריגן מיט דער פינסטערניש צוזאַמען,
מיט דעם ווידערקול פון וויסטע בייִנאַכטיקע בערג צוזאַמען,
צו אונזער אַלעמענס מאַמען — דער זון.

שטומע זענען מיר געוועזן, שטומע,
און די האָסט אונז דאָס געשריי געלערנט זון אונזערע.
זון אונזערע.

טויבע זענען מיר געוועזן,
מיט אויגן קיילעכדיק געשוואָלענע האָבן מיר זיך אויף דער
ערד געוואַלגערט,
און געזעוועט,
איז דאָס ווידערקול געדרונגען דורך די וועלדערס טיפעניש,
אַזש די צווייגן, די פאַרפּלאָנטערטע האָבן מיט אַ בראָך די
הענט פונאַנדערגעעפנט
צום הימלס בלוי אַרויף.
אַזוי האָבן מיר דעם הימל, אַזוי האָט דער הימל אונז געזען
דורך די לעכער פון די צווייגן,
אָבער איינס דאָס אַנדערע האָבן מיר זיך נישט געהערט,
שטום איז געגאַנגען דער גליטשיקער בליץ דורך דעם הימל
און שטום איז געפאַלן דער רעגן אויף בלעטלעך מילי־מיליאַסן,
און ווייך איז געפאַלן דער באַרג-שטראָם פון הויכע און
האַרטע פעלזן אַפּיר.
ביז איינמאָל האָט דער מאַן
אַ טרייסל געטון דאָס בלאָטיקע ליים פון זיין לייב
און ס'איז דאָס געזאַנג פון בליץ, פון דעם שטראָם און פון רעגן
אַריין צווישן זיינע ציין.
האָט ער איבערגעוואָרט ביז פאַרטאָג
און אין רויטן ליכט האָט דאָס מויל זיינס אויפגעלויכטן רויט,
און רויט איז געוועזן דאָס ערשטע ליד
צו דעם רויטן בלוט פון זיין ווייב,
וואָס האָט דאָס ערשטע ליד דערהערט.
ווי פון שטורעם אויפגעריסן האָט דאָס לייב אירס זיך אַ ריס
געטון פון דער נאַסער ערד,

צו די ביימער איז זי צוגעפאַלן און געביסן זיי פאַר פרייד,
און די ליימיק נאַסע אויערן האָט זי מיט די שוואַרצע פלאַכן
פון די לאַנגע הענט געריסן און געהאַלטן אין איין לאַכן,
אין איין וועלטן־ווייטן לאַכן: איך האָב געהערט, איך האָב
געהערט —

גיט מיר דעם מאַן, דעם מאַ־אַן —
און ר'איז געקומען איבער איר,
און אין מיטן טאָג האָט געגליט די זון
אויף אַן אויסגעגליטן רוקן,
דעם רוקן פון איר מאַן.

אַן געפיל זענען מיר געווען
ווי האַלצערנע וואָרצלען אונטער דער ערד
האָבן אונזערע רויע הענט געטאַפּט,
זיך געקלאַמערט ווי שלינגפלאַנצן ארום אַלץ,
וואָס שטומער אַנלען קען ווערן.
ווי צווייגן זענען זיי געשטאַנען לאַנגע צייטן בייטאָג
ווען דו, זון, ביזט דאָ אויף דער וועלט,
און האָבן געזוכט דיך,
און געטאַפּט דיינע שטראַלן פון אַלע זייטן
אין דער העלער ליידיקייט פון דער לופט.
זענען די נערוון צייטיק געוואָרן אין די אויסגעשטרעקטע,
די רויע הענט.
און בולט געוואָרן, ווי אָדערלעך דינע אין בלעטער גרינע.
ביז איינמאָל פאַרנאַכט
האָבן מיר אונזערע צייטיק געוואָרענע הענט
אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד
און אָנגערירט די גאַנצע וועלט.

און אַלץ איז לעבעדיק געוואָרן אין דעם קלאַמער
פון אונזער האַנט,

און אַלץ איז געוואָרן קעגנשטאַנד,
און אַלץ האָט זיך אַקעגנגעשטעלט
מיט שנאה אָדער מיט פרייד.
איז די שווערט געקומען אין אונזערע הענט:
האַק מיט מיר דעם וואַלד, דעם וואַלד פאַר דיינע וועגן אָפּ,
און האַק מיט מיר דער חיהס קאָפּ,

וואָס שפרינגט אַקעגן אין אויסגעהאַקטע לעכער אין וואַלד.
די פרייד פון די בריסט פון אונזערע ווייבער
האָבן אונזערע הענט דערפילט,
און דעם קני־בויג פון זייערע פיס.
און אונזערע ווייבער האָבן דערפילט
די פרייד פון אונזערע אָדערן ווי וואָרצלען שטאַרק.
בייטאָג זענען אונזערע הענט געשטאַנען
ווי צווייגן צו זון געקערט,
און ס'האָט זיך געגאָסן שנירלווייז שטיל
דאָס ליכט אין די פלאַכן אַריין.
און אין אָוונט האָבן מיר אויסגעשטרעקט
צו דער ערד
די שטאַרקער געוואָרענע הענט.

קיין ריח האָבן מיר נישט געפילט,
די נאָז-לעכער טעמפּ און גרויס
דער גומען גליטשיק ווי דנאָ פון קאַלוזשעס אויף שוואַרצער ערד.
אין דנאָ פון קאַלוזשעס האָבן מיר גענישטערט נאָך
ווערעמדיקער שפּייז,
מיט די ברייטע ליפּן האָבן אונזערע ווייבער געזוכט
אין אונזערע קינדערס קעפּלעך די לייז.
דורך לאַנקעס צעבליטע פון אונזערע שוועסטער
די עלטערע, די בלומען,
האָבן מיר טעמפּע געוואַנדערט אין ריחות פון פרילינג;
מיר האָבן געזונגען און האָבן געהערט
און האָבן דעם פרילינג נאָך נישט באַנומען —
און נאָך נישט געשמעקט די ערד.

ביז דיין ליכט איז געקומען איבער אונזערע ליפּן און
אונזערע נעזער.
זענען דעמאָלט געקומען די פרילינג־גרעזער
און האָבן די הערצער אויפגעדעקט
און האָבן אין פולער פראַכט פאַרשמעקט.

ג.

אזוי האָב איך איינמאָל, זון, דיך דערזען
אויף דעם פענסטער בין איך אין א זונענטאָג

גע‌לעגן נאַקעט אין דיר, אין דײַן ליכט.
האָבן די אויגן געריסן צו דיר זיך און האָבן דיך זען געוואָלט.
זיי האָבן געוויינט פון צער און האָבן געוויינט פון פרייד
און האָבן דיך נישט געזען.
האָב איך די פויסטן אַרײַנגעשפּאַרט
אַרײַן אין די אויגן טיף.
ציטערט אַ רגע דער בליק
אויף די צוויי פליגלען פון די צוויי אויגן
הויבט ער זיך פּלוצים אויף — און ארויסגעפלויגן.
פליט ער,
פליט,
פליט,
די פליגלען שפּיצט ער ארויף,
דער חלל איז שטיל און בלוי,
און דער בליק פליט און פליט,
און די ערד ווערט אַ שטילער ווייסער שטערן
אונטן.
און פּלוצום האָב איך דיך, זון, דערזען,
און זע דיך פליען מיט אַלע דײַנע פּלאַנעטן
אין אומענדלעך שטילן הימל אריין,
ווו דו ביזט נאָך קיינמאָל אַליין נישט געוועזן
מיט אַלע דײַנע פּלאַנעטן,
ווו דער חלל איז יונג נאָך און אורריין.
איך זע דיך, זון.
און אַלע מײַנע חושים פאַלן אָפּ פון מיר
ווי אין דער רגע פון ליבע,
און איך בין איינס. נאָר איינס מיט דיר
זון, שטיק זון.
אומזיכטבאַרער בליק בין איך
און ס׳גיסן זיך שטראָמען פון ליכט
דורך דעם אומלייבלעכן לייב פון בליק —
גיסן זיך דורך און דורך,
ווי וואַסער גיסט זיך דורך וואַסער דורך
גיסט זיך דאָס ליכט פון דער זון, וואָס איז בליק,
דורך מײַן בליק,
וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון לייב.

פליט דער בליק, פליט.
נענטער צו דיר, אינגאַנצן צו דיר,
ווערן איינס מיט דיר,
ווי ער איז איינמאָל געווען איינס.

דערפילט דאָס לעכצנדיקע לייב
נעמט עס אַוועק די פויסטן פון אויגן.
איז ווידער פינסטער די וועלט.

רייסט דורך אַ מענטשלעך געשריי
די שטילקייט פון ריינעם חלל
אַ מענטש ווערט בלינד.
פאַלט ווי אַ יאַסטריב צוריק,
אַראָפּ־
בליק,
אין די ווייַנענדיקע, בלוטדורכגעאָדערטע אויגן־קנוילן,
וואָס וועלן סוף כל סוף שטיל פאַרפוילן.
אָבער, דיך האָב איך דאָך געזען,
דיך, מאַמע, האָב איך געזען.

דו ביזט געווען — זון.
דו ביזט — זון.
דו וועסט זיין — זון.
דו ביזט דער אָנהויב פון אַלע אָנהויבן
און ביזט דער סוף פון אַלע סופן.
גאָט איז דער, וואָס מען זעט אים מיט די אויגן;
דיך זעט מען מיט די אויגן.
גאָט איז דער, וואָס האָט געשענקט דאָס לעבן און וועט
עס ווידער נעמען.
דו האָסט געשענקט דאָס לעבן און וועסט עס ווידער נעמען.

אין דעם וואַלד פון מענטשלעכע הענט,
וואָס שטרעקן זיך אויס צו גאָט,
ווייס איך איינער — ווער ס'איז גאָט.
דעריבער דערזע מיינע הענט
ווען דו גייסט אויף פאַרטאָג
אין דעם וואַלד פון מענטשלעכע הענט.
ווייל דיך רוף איך, נאָר דיך.

און נעם ארויס מײַנע אײנזאַמע הענט
פון דעם וואַלד פון הענט ארויס!
זיי ווילן גרויסע אַרבעט טון,
מײַנע אײנזאַמע צוויי הענט.
זיי קענען אין וואַסער גיין, קענען אין פײַער גיין,
מײַנע אײנזאַמע צוויי הענט.
אײדער דו לײגסט זיי אַריין אין דער ערד
לײג זיי נישט אומזיסט צו פרי.
שענק מיר, זון, נאָך אַ לאַנגען אָטעם,
געדענק צו גוטן דאָס ליד אַדאָ,
די דאָזיקע שיכורע זון-פּיוטים
דאָס אָרימע ברויט פון אַן אָרימאַן,
אַזוי ווי עס ווערט צו גוטן געדענקט
ווען ער גיט עס אַ צווייטן אַוועק.
אַזוי גיב איך דיר די ווערטער דאָ מיט דעם טיפסטן אָטעם־צי
פון מײַן — פון דײַן נשמה.
דאָס האָב איך פאַרמאָגט אין מײַן טיפסטער טיף,
און דאָס איז געוועזן מײַן רוף,
מײַן לויב, מײַן ליד, צו דיר,
מײַן גאָט, מײַן זון.

אַז מאַמע איז דײַן ערשטער שריט
צוריק צו גאָט,
איז מאַמע ערד דער צווייטער שריט
צום גרויסן סוד,
איז זון
דער שריט דער
דריטער.

1923.

★

פראַגמענטן פון „געזאַנג פון האַס און ליבע צום יידישן פאָלק"

א.

...און ס'נעמט דער קאָפּ אַ פולע מאָס מיט אָטעם אָן,
פאַרגלײסט די אויגן,

און פֿאַטעטיש נעמט ער דעקלאַמירן:
— אָ, דו ביזט שולדיק, יאַהווע, יאַהווע,
נעם דיר די בערגער פון דעם גייסט צוריק,
וואָס ליגן ווי מיסט ביי די דינע ווענטלעך פון אונזער קאַרטן־הויז פון גליק,
נעם, שנייד דיר אָפּ די קעפּ, די הידראַצעפּאַלישע,
אונזערע,
וועג זיי אָפּ אויף דער וואָג פון דיין גערעכטיקייט,
און גיב אונז הענט און פיס אין דעם זעלבן געוויכט,
גראָבע, מוסקולאַרנע,
הענט פון אַרבעט אין דער וועלט פון אַרבעט,
פיס פון קריג אין דער וועלט פון קריג,
הענט און פיס פון דער געדאַנקענלאָזיקייט.
ווי דערנער, ווי שפּילקעס אין אַ מענטשלעכן גוף פֿאַרשטאָכן,
וואַנדערן די אָפּגעריסענע ברעקלעך פון אונזער גרויסער אַלטער
יידישער נשמה
אין דעם גראָבן גוף פון דער וועלט,
און ווו זיי קריכן אויף דער אויבערפלאַך אַפּיר
וואַקסט אויס אַ געשוויר.
ווי שפּיצן פון שטאָל זוכן זיי דעם מאַגנעט,
דעם שטאַם,
דעם צפון,
דעם זין פון דעם זיין,
אָבער ווו איז, ווו איז דער שטאַם, דער צפון, דער זין?
און נאָך אַ געשוויר, און נאָך אַ געשוויר — —
אַלטער, קראַנקער גאָט,
האָב רחמנות אויף אונז און אויף דיר
אַליין —
ווי לאַנג איז דער שיעור?

1924

ב.

...אַ וואָרט פון ווערטער,
ווילד צווישן די ווילדסטע,
אוראַלט צווישן די אורעלטסטע,
וואָס דיין אות דאָס ערשטע איז אונזער ווייפּולער נאָמען אין דער וועלט,
דער נאָמען — פון וועלכן דאָס מויל פון אַלע פעלקער נעמט פּינען מיט האַס,

די לידער פון מיינע לידער

אַ וואָרט,
דריי דימענזיעס אין דער צייט
איז דיין באַטייט,
מעכטיק ווי די פּיראַמידעס פון מצרים, וואָס ווען מען האָט געבויט זיי —
האָט דאָס שטאַמלענדיקע מויל
פון פירער פון דעם קנעכטן־פאָלק עס ארויסגעשטאַמלט,
אָבער אין זיין שטאַמלונג האָט ער נאָך
דעם היה, הוה און יהיה
אין אים אַריינגעפּרעסט.
אַ וואָרט, העכסט און גרעסט,
וואָס צווייִמאָל דרייצן איז דיין צאָל —
און זעקס און צוואָנציק מאָל
אין איין מינוט
לויפט עס דורך אַלע אָדערן אַדורך,
דורך אַלע גלידער מיטן לויף פון מיין בלוט,
וואָס זוכט און זוכט און זוכט גאָט,
ווי יעדער טראָפּן פון אַלע וואַסערן פון דער וועלט
זוכט און זוכט און זוכט דעם ים.

אַ, וואָרט!
מאַכטלאָז, געדאַנקענלאָז, אין פרעמדע ווילנס און מחשבות ווי מיט
שנורן פאַרוויקלט,

ליג איך,
און זוך דיך כסדר,
לעבן מיינס,
ברוסט פון מיין אור־מוטער, מילך פון מיין זיין.
אַ וואָרט,
וואָס אַלע פעלקער רופן אין זייער תמימות און אין זייער פּראָסטקייט — גאָט,
אַ וואָרט —
פאַר אונז ביזטו צווייִמאָל דרייצן, צווייִמאָל גאָט —
יהוה.
אָבער נישט מער ווי אַ וואָרט ביזטו — אַ וואָרט,
דער דינער באַלקן אָן וועלכן מיינע ליפּן ווילן זיך אָנהאַלטן מיט אַ קוש,
כאָטש מיט אַ קוש,

ווען איך פלייץ ווי אַ שווימענדיקע האַק
קעגן דעם שטראָם און קעגן דער טיף

פון ווי.
יוד
הא
וואוו
הא —
נישט אין מיין נויט האָב איך צו דיר ביז איצט גערופן,
נישט אין מיין פרייד האָב איך צו דיר ביז איצט געבענקט,
נישט מיט דיר אויף מיינע ליפן אויפגעצויגן האָב איך מיין טאָכטער
און מיין זון,
נישט צו דיר האָב איך מיך פאַרטרויט — ווען כ׳בין געווען מיט נאַכט
אַליין און טויט —
נאָר איצט ערשט וואַקסט אַ תפילה פון מיר ארויס,
ווי אַ דאָרן וואַקסט זי ארום מיינע שלעפן,
און באַדעקט זיך מיט שטעכעדיקער בליט,
אַן בלעטער וואַקסט אַ טרוקענע תפילה צום נישט-זיין —
ביזטו דען נישט דער האַר פון זיין און נישט זיין?
דאָס זיין האָב איך דיר נישט געטרויט,
דערפאַר טו איך מיט טאָפּל־קראַפט און טאָפּל־גלויבן
דאָס נישט־זיין דיר אַצינד פאַרטרויען.

אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון דיין אומגליקלעך פאָלק,
טו גאָט, אַז פּרוכפּערן זאָלן זיך נישט מער
די לענדן פון מיינע ברידער,
די לענדן פון דיין פאָלק,
און זאָל דאָס נאַכטלעכע פייער פון זיינע מיידן
זיין ווי דאָס פייער פון שייערן מיט פוסטן שטרוי,
וואָס ברענען אין דער נאַכט אַריין,
אין ווינט אַריין.
און טרוקן זאָל זיין די תאווה פון די יונגען,
ווי האָלץ אין זומערדיקער מיטאָג-זון —
צו וואָס זאָלן פרוכפּערדיק ווערן די שויסן, ווען זייער פרוכט דאַרף
וואַקסן פאַרטריבן
פון דיר, ווי דאָס געלע גראָז צווישן שטיינער אין גרויסע שטעט?
פאַרוואַנדל דעם רויזן־ריחדיקן זאַפט פון תאווה — אין שמוציק זאַלצוואַסער,
וואָס פרעסט אויף די פרוכט.
נעם אויך אונז אונטער דיין מעסער,

דו פעלקער־צעשטערער,
דו מצרימס שטראָפער,
וואָס האָט עס אָפּגעמעקט פון דער פלאַך פון דער ערד און פון שפיגל פון ים,
דו — וואָס רוים האָסטו געוואָרפן אין דעם אָפּגרונט פון פאַרגעסנקייט —
אָ, זאָל דער גורל־בייך, וואָס וואָרפט מיט אונז
שוין אַזויפיל הונדערט יאָר,
פאַלן איינמאָל אויף דער זייט, וואָס איז אינגאַנצן שוואַרץ,
און די שוואַרצקייט — טויט.

צעשטער אונז,
היה, הוה און יהיה,
אין פאַרגאַנגענהייט,
אין קומענדיקייט —
צעשטער אונז.
אונזער צייכן איז געווען:
אַ וועלט אַ נייע אונטער דער הערשאַפט פון גייסט —
נאָר אונזער צייכן איז נישט מקוים געוואָרן און מיר האָבן נישט מער
קיין האָפנונג,

קיין טרייסט,
און אונזער חוט השדרה איז בראָכיק און הויל —
פּרווו און גיב אַ קלאַפּ מיט דיין שרביט,
וועסטו הערן ווי אונזער חוט השדרה איז הויל ווי אַ פּוסטער שטרוי,
קענסט דיר אַ פייפעלע מאַכן פון אים.
און די מלוכה פון גייסט איז ווייט, אַזוי ווייט —
אונזער אויג, דאָס אויג פון עובר בטול זעט נישט מערער אַזוי ווייט.
כל זמן מיר זענען יונג געווען איז נאָך אַלץ געווען רעכט —
אָבער מיר זענען שוין אַלט —
עלטער פון דיר יהוה,
ווייל נישט דו אונז, נאָר מיר האָבן דיך געשאַפן — —

קויף דיר אַן אַנדער פאָלק, יהוה,
פעלקער זענען דאָ אַ סך אויפן מאַרק,
נעם דיר צוריק די פינעף שטיקער גאָלד, פאַר וועלכענע דו האָסט
מיט דרייטויזנט יאָר צוריק געקויפט
אונז בײַ אונז —
דער קאַפּיטאַל איז גאַנץ,
און צינז

די פיר זייטן פון מיין וועלט

דור איין, דור אויס האָבן מיר געצאָלט מיט בלוט.
קויף דיר אַן אַנדער פאָלק —
טו אים אָן דעם טלית פון דעם וועלט-דערלייזער,
זאָל עס קריכן ווי מיר
אונטער דעם טלית אויך אויף אַלע פיר —
אויף פעלדער מיט דערנער —

און אויף אונז אַלטע און מידע
לאָז אַראָפּ דעם גורל־ביין אויף זיין שוואַרצער זייט,
וואָס לעזט זיך:
סוף פון דער צייט.
שוין גענוג, די וועלט איז שוין דערלייזט,
מיר דאַרפן שוין מער נישט קיין אויסלייזערס זיין —
נעם אַראָפּ דעם שטאָלצן חותם פון אונזער שטאָלץ געוועזענעם שטערן,
אויף וועלכן עס שטייט געשריבן:
מיר זענען דאָס פאָלק פון משה, פון ישו, פון ברוך —

צעוואָרף די אותיות, צעוואָרף זיי,
קיינער, קיינער, קיינער אין דער גאַנצער וועלט באַדאַרף זיי
שוין נישט מער —
האָט זיי קיינמאָל נישט באַדאַרפט.

און שטאָט דעם אָפּגעמעקטן חותם
שטעל אויף אונזער שטערן קיין שום חותם נישט אַוועק מער —
און אזוי זאָל אונזער שארבן און אונזער שטערן
און אַלע געדאַנקען פון אונטער אונזער שטערן
פאַרפאַלן און פאַרגעסן ווערן.

יהוה,
אייביק זיין,
האָר איבער זיין און איבער נישט זיין,
נאָ דיר צוריק דאָס אייביקע זיין
און גיב אונז צוריק, צוריק, צוריק דאָס אייביקע נישט זיין.

וואַרשע, 1924

ג.

— און ווער איז דער גאָט פון דיין פאָלק ?
גאָט פון דיין פאָלק ?
אויף קיין צלם הענגט ער נישט, געקרייציקט האָט ער פאַר דער וועלט זיך נישט,
זיצט נישט מיט די קניען אונטער זיך, הויט-און ביינערדיק, און מעדיטירט
נישט וועגן אַלע ווערמלעך, אַלע קלענסטע, און טראַכט נישט
פאַר דער קרעאַטור,
יאהווע איז דאָס,
יאהווע, דער אימפּעראַטאָר פון דער וועלט, יאהווע דער ערשטער,
יאהווע דער איינציקער —
און אַלע דיינע ברידער ווערן ווי אַן איינציק העליש פייער פון זיין
נאָמען אָנגעצונדן,
אָבער טאָרן אים נישט קיינמאָל אויף די ליפּן ברענגען — —
און ברענען פאַרייניקט, רויטגליענדיק,
יאהווע, יאהווע, יאהווע —
דער נאָמען שפּרינגט זיי פאַר די אויגן אום, ווילד און שטום,
און זיי שפּרינגען אין די ווייסע זאַקן,
פאַרגלייסן די אויגן,
די באַנקירן און די רעוואָלוציאָנערן,
די זונות און די שטילע מאַמעס,
די דעזערטירן פון נאַציאָנאַלע אַרמעען און די העלדן-אינוואַלידן
די רויטהאָריקע און די שוואַרצהאָריקע דיכטער,
און יענע רביים, וואָס זענען
אַנגעלאָפענע פון פרעמדן בלוט, און די פּראָסטע, די גלויביקע יידן,
דער אָרימער שאַרבן, דיין שטיק צעבראָכענער אַלטער טאַטע און דיין
קראַנקע מאַמע,

אַלע, אַלע, אַלע —
נאָר דו נישט, דו איינער נישט,

ביי דיר אָבער ברענט די קנאה צו די גלויביקע, כלינעט תאווה צו זייער גליק
ווי ביים יונגען פּאַסטוך, ווען עס פאָרן זיך די פערד און די
בהמות אויף זיין פעלד —
נאָר דאָס איז נאָך נישט דער סוף פון דיין וועלט,
און אויך דו וועסט טאַנצן ווי אַ וועווערקע און אויך זיך קוליען ווי אַ שלאַנג
אַמאָל און פלוצלונג פאַר אים.
און דיינע ווערטער וועלן קריכן אויף אַלע פיר — פאַר די אותיות פיר :

יהוה,
ווי אַ שילדקראָט אין אַ שילד אַריינגעקלעמט,
און ווי אַן אַנוס אין אַן אינקוויזיציע-העמד
פון שאַרפע, פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, — —

וואָרט, וואָרט — זאָג נאָך נישט דאָס לעצטע וואָרט —

1924

ד.

אָבער צום האָר פון דיין פאָלק — —
וואָס בלייבט דיר דען איבער מער צו זיין צו אים ווי אַ מענטש?
זיי אַ מענטש צו אים, אַ מענטש, וואָס נעמט נקמה ביז צום דריטן און
צום פערטן ד׳ור,
און רייס זיין לייב מיט צוואַנגען, אויסגעגליטע אין דעם פייער פון אַוטאָדאַפעען,
משפט אים בייטאָג און שטראָף אים אין דער נאַכט,
אין דער פינסטערער נאַכט, ווען דו ביזט איינזאַם און ער איז נישטאָ.
ווייל ער איז געזעסן רויק אין זיין פאַרמעטענעם שיפל און געשוואומען דורך
דעם ים פון בלוט, וואָס איז צום הייליקן זיין שם געוואָרן אויסגעגאָסן,
ווייל ער האָט אין דעם בלינדן כישוף־קרייז פון תרי״ג מצוות
דיינע ברידער ווי אין אַ טומאַן געפירט
שוין העכער פינפמאָל תרי״ג בלוטיקע יאָר,
ווייל זיינע רעבעלעך זיצן ביי די מאָגערע, אומאויסגעשלאָפן־שלאָפע בריסטן
פון דיין פאָלק און זויגן רויטע, שיטערע מילך, און אַז דער
שטראָם פון מילך גייט שלאָפער, רייסן זיי די ברוסט מיט זייערע
ביינערלאָזע הענטעלעך, די פעטינקע, וואָס האָבן זיי זינט דורות
זיבעציק אין קאַלטן וואַסער נישט געטונקט —

און דאָס לעצטע לעסטער־וואָרט פון די אויסגעקרימטע ליפּן,
ווי אַ לעצטער טראָפּן פון אַ קרוג פון אַ צעשערבלטן,
איז געפאַלן אין דער שאָטנדיקער פינסטערניש.
און אַנטשלאָפן איז דער יונג, דער יידישער שגעון פון אַליין-האָס,
וואָס ווי אַ הורן־טרייבער אָנגעפאַלן איז אויף מיר;
שווער כראָפּעט ער אַצינד אויף מיר,

די לידער פון מיינע לידער

דעם קאָפּ פאַרבויגן אויף מיין אַקסל.
מיינע אויגן זענען אויסגעשטשירעט ווי די צונג פֿון אַ געהאַנגענעם,
און די ציינער — ווייס ווי קרייד פון שרעק — שטשירען אין דער
ליידיקייט, דער פינסטערער אַריין —
און —
פון דער סטעליע לאָזט זיך פלוצלונג
פאַלן ווי אַ גרויסע שפּין אויף אַ שפּינען־פאָדעם אויף איר קרבן גלייך,
אַ ווייסע, פולכנע, אויסגעשטרעקטע רבישע האַנט,
און לייגט זיך ווי אַ שרץ גליטשיק אויף מיין פּנים, אויף מיין מידס ארויף,
און ס׳טריפט פון איר מיט ווייכע טראָפּנס, מיט עפּעס און איך ווייס נישט וואָס.
הויבט פלוצלונג אַלץ אָן צו גליען אין מיר און ארום מיר,
און אויף מיר און אין מיר דאָס שווערע לייב פון יונג, פון יידישן שגעון,
און עס גיט מיט מיר אַ ריס;
פאַלט דער יונג שגעון אין אַ בויגן, ביז אין ווינקל פון דער שטוב פאַלט
ער קרעכצנדיק,
און דאָס ווייסע הענטל לייג איך איצט ארונטער מיינע פיס,
ווי עס לייגן חדר-יינגלעך קנאַקן ניס,
קנאַקט זי באַלד אין אַלע קנעכלעך די ווייכע, די כלי־קודש האַנט,
און דאָס ווילדהאַרץ איז אין מיר פון פרייד אויפגעגאַנגען ווי אַ זון.

* * *

און שריט — — שריט — — שריט האָב איך דערהערט, שריט שווערע,
שריט פון צווייטוויזנט יאָר,
שריט שווערע, שריט פון צווייהונדערט לענדער, שריט פון אַן אייביקייט
ארויס, און אין אַן אייביקייט אַריין,
און אויף דער בריק איז מיין בליק געפאַלן,
און אויף דער בריק זענען פיס געשטאַנען, שווערע, אין שמאַטעס
געוויקלטע פיס,
די וונדיקע פיס פון מיין וואַנדערפאָלק;
איז געפאַלן מיין לייב און געזוכט האָט מיין גייסט, דאָס וואָרט פון דער
ליבע, דאָס איינציקע וואָרט,
און ס׳האָבן די ליפּן געפונען דאָס וואָרט, און האָבן זיך צוגעדריקט שטילע
צו די שמאַטעס־פאַרוויקלטע פיס, און זענען זיך ווי אַ קינד אין געוויין
פאַר—גאַאַנ—גען,
אין אַ לאַנגען קוש,
לאַנג און אַן אַ אָטעם — און בארויקט האָט זיך מיין נשמה.
וואַרשע, 1924

משפט איבערן טויט

(דער אָנהויב)

ברודער מיינער,
שוועסטער מיינע,
האַרציקע,
הונדערט אין דער צאָל,
הונדערט טויזנט,
צוויי מיליאַרדן,
אַלע:
לאַכט נישט פון דער אויסגעטראַכטער מעשה,
וואָס איך גיי אייך דאָ דערציילן,
אין מיינע פאַלשע ריטמען,
און געמיינע גראַמען:

דאָ אַנומלט בין איך אויפגעשטאַנען
זייגער פיר פאַרטאָג,
און צום פענצטער בין איך צוגעגאַנגען,
און דערזען האָב איך אַקעגנאיבער שטייט מיין שכן אויך ביים פענצטער.
— אַ גוט מאָרגן, שכן, וואָס זענט איר אזוי פרי שוין אויף?
— אַ גוט מאָרגן, שכן, אָט אזוי. דאָ שטיי איך טאַקע, כ׳וואַרט אויף אייך,
כ׳האָב אייך וועקן שוין געוואָלט.
— וואָס איז דען, שכן? איר זעט מיר טאַקע אויס צעמישט.
איז עמיץ נישט געזונט ביי אייך אין שטוב, אָדער איר גאָר, איר אַליין?
— נישט דאָס. נישט דאָס איז, שכן, נאָר אַ בשורה וויל איך אָנזאָגן אויך אייך,
אַ שווערע, שוואַרצע בשורה, וואָס איז מיר איינגעפאַלן נעכטן נאַכט,
ווען אייער פענצטער האָט געלויכטן, קינדערלעך געזונגען האָבן און
געלאַכט: מיר שטאַרבן, שכן, אַלע, שטאַרבן מיר.

און ער פאַרברעכט די הענט און וויינט, מיין שכן, און מיין שכנס הונט האָט
זיך אַריינגעמישט און אַ ביל געטאָן האָט זיין קודלאַטער קאָפּ אין דער
שטילקייט פון פרימאָרגן: האַו, מיר שטאַרבן, שכן, האַו! מיר שטאַרבן.
און אויף איינמאָל האָט דאָס האַרץ אין מיר אַ ביל געטאָן פון צער,
און אזוי האָב איך איבער גאַס געשריגן צו מיין שכן:
— און אויב מיר שטאַרבן, שכן, טאָרן מיר נישט רויק זיצן,
לאָמיר גיין און לאָמיר רופן,

אַלע, אַלע וועלן מיר צוזאַמענרופן,
אין די גאַסן וועל מיר שרייען:
מיר שטאַרבן, מיר שטאַרבן,
(און דער הונט האָט ווידער זיך אַריינגעמישט: האַו — מיר שטאַרבן)
און אויב מיר שטאַרבן, לאָמיר זיך צוזאַמעננעמען.
אַלע, אַלע — ווי מיר זענען,
יידן און גוים צוזאַמען,
מענטשן מיט חיות צוזאַמען,
חיות מיט בוימער צוזאַמען
און בוימער מיט די ווערעם.
און צו אַ משפט וועלן מיר אים רופן,
מיר עדה פון דער ערד.
מיר עדה פון דער וועלט.
און אַ רוף זאָל גיין אַזאַ:
קום שטאַרבנדיקער, קום,
ווער דו ביסט און פונוואַנען דו ביסט,
לאָמיר מער נישט שטאַרבן אומזיסט!

דערהערט אַזעלכע ווערטער האָט דער שכן מיינער אַן אַלטן זאַק אויף זיך גענומען און אַ שטעקן אין דער האַנט און אַ שטיק ברויט הינטערן אָרעם און איז פון זיין שוועל אַרויסגעקומען, און דער הונט איז אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער מאָרדע נאָכגעגאַנגען.

און צו מיין שלאָפנדיק ווייב
און צו די שלאָפנדיקע קינדער בין איך צוגעגאַנגען.
אויפגעריסן זיי פון שלאָף און געהייסן זיך אַן אַלטן מאַנטל שוין דערלאַנגען
און אַלע זענען מיר ציטערנדיק פון קעלט פון שטוב אַרויסגעגאַנגען און צו אונזער שכן צו.

מיין שלאָפנדיקן זון האָב איך אויף מיינע אָרעמס אויפגעלאָדן.
און מיין ווייב האָט זיך מיין טאָכטער אויפן האַלז אַרומגעהאַנגען.
און דער שכן מיט דעם הונט:
קאַלטער מערץ-ווינט האָט לענגאויס די גאַס געבלאָזן,
האָט זיך אויף אַ רגע אויף דעם ראַג געשטעלט,
זיך אַרומגעקוקט, זיך אַ דריי געטון
און מיט דער בית-עולם-גאַס אַוועק,
און לענגאויס די שטילע גאַס, און לענגאויס דעם וועג פון ווינט

זענען מיר אַוועק.
און גייענדיק אינמיטן גאַס האָב איך מיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט
און אַזוי גערופֿן:

לאָמיר שטעלן דעם טויט פֿאַר אַ משפּט
לאָמיר עפֿענען אונזערע מײַלער,
אויף אַלע זיבעציק מענטשן־לשונות,
אַ, מיר, מיר חיות, מיר שטומע,
לאָמיר גיין צו שלמה המלך,
ער זאָל אונזער לשון פֿאַרטײַטשן,
לאָמיר עפֿענען אונזערע מאָרדעס, שטשירען די ווײַסע ציין,
ליגן אויף אונזערע באַוואָקסענע קניען,
לאָמיר זאָגן און לאָמיר אים קלאָגן
די שרעק פֿון אונזערע גרויסע נאַרישע אויגן —
מיר שטאַרבן, מיר שטאַרבן.

און ס'זענען זיך חיות צוזאַמענגעלאָפֿן,
פֿערד פֿון די וועגן, קי פֿון די שטאַלן,
הינט פֿון די קייטן,
און שוואַרצע ליפּן פֿון אַן אַלט פֿערד
האָבן זיך אַזוי צעהירזשעט:
אַ מאַנטל פֿון שוואַרצע קרעץ וואַרפֿט ער אויף אונז אַרויף
און מאַכט אונז טויט.
אַ רויטן זאַק פֿון אונזער בלוט וואַרפֿט ער אונטער אונזערע פֿיס,
ווערן זיי וואַקלדיק, ווערן זיי טויט.
ער שפּאַלט מיט שטאַבעס פֿון אײַזן אונזער מוח דעם געטרײַעם
אין טונקעלע זעק און אין טײַכן דערשטיקט ער אונזערע געשרײַען —

און דעם שכנס הונט איז געפֿאַלן אַרײַן אינמיטן די רייד —
האַו — אַזוי, מײַן באַלעבאָס,
האָט די מאָרדע געטון אַ לאַנג אויסגעצויגענעם בלאָז,
אַזוי ווי דער מערצענער ווינט.

1927

משפט איבערן טויט

(פינאַל)

און איינער האָט ארויסגעריסן זיך פון ראָד,
האָט אַ ווילדן שליידער
געטון די לעצטע שמאַטע פלייש,
וואָס איז אויף זיין רוקן נאָך געהאָנגען,
און אַ שמיץ געטון
דאָס לעצטע בינטל האָר פון קאָפּ,
און איז געבליבן נאַקעט.
אויף דעם שטערנביין אַ קרייץ,
דער נאָזביין אויסגעקרומט
און פאַרנט פעלט איין בלאַנקער, ווייסער צאָן,
און צווישן ריפּנביינער צווויי
שטעקט אַ קויל פון שוואַרצן בליי.

— ברודער, זאָג איך, בלוט פון מיין בלוט אַמאָל,
ביין פון מיין ביין אַצינד,
זיבן יאָר דיך נישט געזען — —
— ברודער, זאָגט ער, בלוט פון מיין בלוט אַמאָל,
ביין פון מיין ביין אַצינד,
זיבן יאָר דיך נישט געזען,
אָ, ווי דו ביסט אַלט געוואָרן,
גאָרנישט צום דערקענען מער,
מידע אויגן און אַן אַלטע, שלאַפּע הויט.

— ברודער, זאָג איך, און דו?

און אַ שמייכל פליט, אַ בייסיקער, ווי תמיד,
דורך זיין שאַרבן דורך און ציטערט אין דער רויטער זון.

— יאָ, יאָ — מיין ברודער.
אָבער איצטער אין דער רגע בין איך דיר געקומען זאָגן
אינם נאָמען פון אונז אַלע,
וואָס מיר ליגן און מיר הערן דאָ דעם משפט דיינעם צו
איבער אונזער קנעכט און איבער אונזער האַר.
מיר האָבן אויסגעהערט און האָבן גוט באַטראַכט,

און האָבן אָט אָ דאָ דאָס ערשטע מאָל געלאַכט,
און האָבן דיר, מיין ברודער, אָט אָ דאָ געבראַכט,
דורך מיינע ווייסע ציין
אין דער העלער זון
איין וואָרט:
ניין!

האָב איך די אויגן טיף פאַרמאַכט,
אַראָפּגעלאָזט זיי אויפן דנאָ פון דער נשמה
צו שעפּן פונם טיפן קוואַל
נאָך אַ לעצטן אַרגומענט,
ווי עס לאָזט אַראָפּ אַמאָל אַ דורשטיקער מיט ציטערנדיקע הענט
אַ קרוג אין ברונעם —
און אַז איך האָב דעם בליק
אַ ליידיקן אַרויפגעבראַכט צוריק,
איז קיינער שוין נישט דאָ געווען,
נאָר דער טויט,
אונזער גרויסער האַר, אונזער גוטער קנעכט —

און אויף די קניען האָב איך מיך אַראָפּגעלאָזט צו אים:
—איך ווייס נישט פאַרוואָס,
נאָר דו
ביסט
גערעכט,
דו, וואָס פאַרוואַנדלסט
ווידער —
דעם מענטש אין וואָר'ם,
אַז אייביק זאָל זיך בייטן
די פאָרם,
וואָס דו ביזט איר האַר, דער האַר פון דער נידער,
פונקט ווי ער איז דער האַר
פון אינהאַלט און הויך.

1927

מלך ראַוויטש

בלוט אויף דער פאָן

סאָציאַלע דראַמע

ווילנער פאַרלאַג
פון ב. קלעצקין
ווילנע — 1929

בלוט אויף דער פאָן

סאָציאַלע דראַמע אין עלף בילדער. — — געדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלעטער” אין המשכים. אַלס בוך אַרויס אין יאָר 1929 אין ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין. 154 זייטן. די עלף עטאַפּן פון דעם הויפּט־העלד פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע: קריגסגעפאַנגענע, וועגטל, געריכט, לאָזט איבער־טאָגן!, הינטער לעמבערג, דאָלאַרן, לוויה, ערב ערשטן מאַי, טעאַטערפּלאַץ, אויף דער בריק, פאַרטאָג אין תּפיסה. — — דער אינהאַלט אין דריי ווערטער: מאָטע שטשערב, אַ שניידער פון שטעטל קוראָוויץ לעבן לעמבערג, איז, בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, קריגסגעפאַנגען אין קיעוו, ווען די רעוואָלוציע ברעכט אויס. ער שליסט זיך אָן אָן דער רויטער אַרמיי, אָבער באַלד דעם

ערשטן באַפּעל צו שיסן אַ נישט־לעגאַלן קבצנישן זאַלץ־הענדלער וויל ער נישט אויספירן. זיינע אידעאַליסטישע רייד, אור־גלוביקע, אור־סאָציאַליס־טישע, ווערן באַטראַכט ווי רייד פון אַ געריכטן. מען לאָזט אים לויפן און ער לויפט באָרוועס, צו פוס הונדערטער מיילן אַהיים. זיין כלה האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט. — — שטשערב וואַנדערט ווייטער, אומעטום מיט זיין וואָרט פון גלויבן און אומעטום — אַנטוישונגען. ער קומט קיין וואַרשע — רעדט אויף פּאַרזאַמלונגען, מאַכט דורך אַן ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציע, זעט נאַ־ציאָנאַלע אומאייניקייט אפילו צווישן סאָציאַליסטן — פאַלט אַריין אין תפיסה צוזאַמען מיט אַ חברטע, אַן איינזאַמע ווי ער, וואָס ער האָט געטראָפן ביינאַכט אויף אַ בריק, בשעת זי האָט זיך געוואָלט וואַרפן אין וואַסער. די תפיסה־סצענע, מאָטע שטשערבס „עלפטער עטאַפּ”, ווערט דאָ געגעבן.

עלפטער עטאַפּ

(זאַמל־צעלע אין אַ וואַרשעווער תפיסה. אין הינטערגרונט אין דער מיט, אַ פענצטער מיט קראַטעס. אַן עלעקטריש לעמפל, איינגעהילט אין שפּינוועבס, לייכט שוואַך פון דער סטעליע אַראָפּ. שווערע איינגאַנגס־טיר לינקס. נאַרעס)

ערשטער פּאָליטישער
צווייטער פּאָליטישער
דריטער פּאָליטישער
פערטער פּאָליטישער
ערשטער קרימינעלער
צווייטער קרימינעלער
דריטער קרימינעלער
וועכטער
מאַטע שטשערב

(דריי פּאָליטישע ליגן געלאַנגווייליקט אויף די נאַרעס)

פערטער פּאָליטישער:
(די טיר עפנט זיך שווער, ער קומט אַריין, קוקט זיך אַרום)
גוטן אָוונט, חברים —
אָדער נישט?
פינצטער אזוי —

ערשטער פּאָליטישער:
דערווייל חברים,
וואָס באַלד וועט זיין ווייסט דער טייוול.

צווייטער פּאָליטישער:
און אייך ווו האָט מען געפּאַקט?

פערטער פּאָליטישער:
אין בעט.

דריטער פּאָליטישער:
און אַ רעוויזיע?

פערטער פּאָליטישער:
געמאַכט. ווי דען אַנדערש?

ערשטער פּאָליטישער:
און?

פ ע ר ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר:
יאָרן-לאַנג שימלען אַלטע דײַטשע ברױטקאַרטן אין מײַנע קעשענעס,
פֿאַרשימלטער צאָרן פֿון דרײַ אומזיסטע נעכט אױף דער גאַס —
האָט מען זײ ענדלעך אױסגעראַמט,
און דערצו עטלעכע װיכטיקע דאָקומענטן,
אָבער אױך שױן פֿאַרעלטערט — — —
אױסגעפּאַרענע טראַמװײַ-בילעטן —
(אַלע לאַכן)

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר:
איר זענט פֿון װאָס, חבר?

פ ע ר ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר:
פֿון שלאָסער-פֿאַך.

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר:
נישט דאָס פֿרעג איך.

פ ע ר ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר:
אַ מאַן פֿון אַ שלעכט װײַב;
איצט זענט איר שױן צופֿרידן?

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר:
איר זענט אַביסל אַ מאָדנער, חבר.

פ ע ר ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר:
נאָך מער אָבער מאָדנע זענט איר.

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר:
צװישן חברים געפֿינט איר זיך דאָ,
באַנעמט אײַך חבריש!

פ ע ר ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר:
איר אָבער זענט קינדער,
מיט קינדער איז לײַכטער צו שטיפֿן,
אײדער חבריש צו זײַן.

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר:
איר קערט מיר זײַן פֿון דער סמאַטשע,
די ײדישע חוצפּה שײַנט אײַך פֿון דער נאָז
אפֿילו אין דער פֿינצטער דאָ.

ד ר י ט ע ר פ אַ ל י ט י ש ע ר :
זי איז אַביסל צו־לאַנג,
פֿאַלט מער ליכט אויף איר,
זעט מען, נעמט נישט פֿאַר אומגוט, חבר.

צ ו ו י י ט ע ר פ אַ ל י ט י ש ע ר :
שווער זיך צו דעררעדן אַפֿילו דאָ,
כאָטש דאָ וואָלט זיין געדאַרפֿט
די פֿאַרווירקלעכונג פֿון אינטערנאַציאָנאַל.
איינע פֿיר ווענט פֿאַר אַלעמען,
איין קראַטע אין פֿענצטערלאַך,
איין שווערע טיר,
איין עמער אין ווינקל...

פ ע ר ט ע ר פ אַ ל י ט י ש ע ר :
כ'האָב פֿיינט צו ענטפֿערן,
ווען עס פֿרעגן מענטשן, וואָס איך קען נישט.
דער מוח איז אַ גוטער פֿריינט,
אָבער שוין די אייגענע צונג איז אַ שונא,
אַ שפּיאָן,
פּרעסט, ווי אַ גראָבער רויטער וואָרעם, דיין ברויט
און דינט דער פּאָליציי — — נישטווילנדיק דינט זי.
ווען נישט די צונג וואָלט שוין לאַנג
די סאָציאַלע רעוואָלוציע
געווען אומעטום — —
און די תּליות — האַלץ אין אָרעמע שטיבער,
און די ביקסן — פֿאַרזשאַווערט.

ע ר ש ט ע ר פ אַ ל י ט י ש ע ר :
נו, גענוג שוין אַן אימה אָנגעוואָרפֿן,
זעצט איך נענטער, ווייזט אייער פּנים.
מען וועט אויף גאָרנישט פֿרעגן מער,
מען איז גאָרנישט נייגעריק,
אָבער פּלאַפּלען מעג מען דאָך.

פ ע ר ט ע ר פ אַ ל י ט י ש ע ר :
(זעצט זיך צו)
צום פֿאַררייכערן איז דאָ?

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :
נעמט ביי מיר און זאָל זיין שלום,
גלויבט מיר, אַז איך בין אויך נישט אַ היינטיקער.

פ ע ר ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :
און איר, חברים, ווו האָט מען אייך געפּאַקט?

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :
ביים מיטאָג, אַהיימגעקומען פון דער דעמאָנסטראַציע,
אפשר דאָס ערשטע מאָל אָן אַ לאָך אין לייב,
געהאָפּט דאָס ערשטע מאָל אין אַן ערשטן מאַי
אין בעט אין אייגענעם צו נעכטיקן
נישט באַשערט געווען,
עס בייט זיך נישט די וועלט — ווייזט אויס.
אָבער מאָרגן וועל איך זיי די טיר צעשפּאַרן,
נישט דערפאַר האָב איך זיבן ווונדן אין לייב — פאַר פוילן,
כדי דאָ צו פוילן.

צ ו ו י י ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :
מיט מיר איז שווערער — אַ דייטש,
האָבן בריוו פאַרנומען, אַ גאַנצן פּאַק,
ווייבערישע, פלאַפּלדיקע, פאַרליבטע — מיין ווייבס,
וועלן ברעכן זיך די ציין אויף די דייטשע בריוו
און איך וועל זיצן דערווייל.
און גלאַט, דער טייוול ווייסט, וואָס אַ ווייב פאַרגלוסט זיך צו שרייבן.

ד ר י ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :
גליקלעכע חברים,
קינדער־מעשיות, און אַ טומל מאַכן זיי,
פון מזרח בין איך, איינער, וואָס נעמט עס ערנסט,
געפינען האָט מען אַ גאַנצן פּאַק,
און קיין אַלטע פאַרשימלטע ברויטקאַרטע נישט,
און נישט קיין טראַמוויי־בילעט
אָ, איך זיץ פעסט, נישט אויף איין ערשטן מאַי —
הלואי זאָל זי זיין נאַר אויף יאָרן אַ בעט,
אָט די נאַרע
און נישט שוין דאָס קבר.
(טיפע זאָרגן בויגן נידעריקער זיין קאָפּ)

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :

שאַ, מען גייט שוין ווידער,
אַן אומרואיקע נאַכט,
מען דאַרף אַ קאָמענדאַנט.

צ ווי י ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :

זייט איר, איר זענט דער עלטסטער,
זיצט שוין דאָ פון מיטאָג אָן.

ו ו ע כ ט ע ר :

(פירט אַריין דריי קרימינעלע, איינער פון זיי איז שיכור, שליסט די טיר)

ע ר ש ט ע ר ק ר י מ י נ ע ל ע ר :

(שיכור)

גוטן אָוונט, ברידערלעך,
אָ, עס וועט פריילעך זיין,
אַזאַ קורצע, וואַרעמע נאַכט,
וועט לייכט אַריבער,
העי, ווער האָט פון אייך אַ טרונק?

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :

נישט קיין ברידערלעך,
און נישט קיין טרונק פאַר אייך.

צ ווי י ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :

מען דאַרף אַ קלאַפּ טון צום וועכטער,
וואָס פאַראַ געמישטע געזעלשאַפט דאָ?

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :

(קלאַפּט שטאַרק, וועכטער קומט אַריין)

ו ו ע כ ט ע ר :

וואָס איז? שוין?

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :

מעלד ווו מען דאַרף, אַז מיר ווילן נישט זיצן צוזאַמען מיט קיין קרימינעלע!

ו ו ע כ ט ע ר :

וואָס פאַראַ קרימינעלע?
גלאַט פריילעכע חברה.
זייט חברים, מאַכט נישט קיין טענה,
באַשווערט נישט אַן אַרבעטס-מענטשן די אַרבעט.

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :
ניִשט אײַער זאַך!
איר דאַרפט גיין און מעלדן, ווו מען דאַרף,
אונזער ווילן!

וו ע כ ט ע ר :
(אין איראָנישער אַכטונג־שטעלונג)
לויט באַפעל, הער רויטער גענעראַל!
(אָפּ)

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :
אַ האַלבע שעה וועט מען וואַרטן רואיק,
און שפּעטער וועט מען אים דעמאָנסטרירן אונזער ווילן,
די שוואַרצע מנהגים מוזן פאַרשווינדן!

וו ע כ ט ע ר :
(עפנט ווידער די טיר גאַנץ שטיל, וויל, מען זאָל נישט באַמערקן, פירט אַריין מאָטע שטשערב. אָפּ)

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :
(כאַפּט זיך אויף, מיט איין שפּרונג ביי דעם קראַטקעלע אין טיר)
ווער איז דאָס שוין ווידער?
מ'האָט דאָך ערשט גערעדט וועגן עפּעס.

וו ע כ ט ע ר :
(שרייט אַריין דורך דער קראַטקע)
שוין דער לעצטער קרימינעלער,
פון איצט אָן וועל איך פריער יעדערנס וויזיטקאַרטע
צום באַקוקן אַריינברענגען — הער רויטער גענעראַל.
(די קרימינעלע לאַכן)

ע ר ש ט ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר :
ווער דאָס איז, פרעג איך,
און איר דאַרפט ענטפערן אָנשטענדיק!

וו ע כ ט ע ר :
אַ פריילעך יונגל,
מיט אַ מיידל אים געכאַפּט אינמיטן גאַס.

ע ר ש ט ע ר ק ר י מ י נ ע ל ע ר :
בעסער וואָלסטו אונז דאָס מיידל אַהערגעבראַכט,
איידער אָט דעם דראַנג.
(גייט צו צו דער קראַטקע)

וועכטער, אויך מיר האָבן אַ טענה,
גיב אונז דאָס מיידל אַהער,
און זיי נעם צו! וועכטער!
אַזיסט וועלן מיר מאַכן —
מאַכן אַ — טרינקשטרייק!
(די קרימינעלע לאַכן)

צווייטער פּאָליטישער:
דער אינטערנאַציאָנאַל
פּאַרברייטערט זיין מאַכט...

דריטער פּאָליטישער:
עפּעס אַ מאָדנער יונג,
זאָג, ווער ביזטו אייגנטלעך?

מאַטע שטשערב:
נישט דער, וואָס דער וועכטער האָט געזאָגט,
כאָטש מיט אַ מיידל אינמיטן נאַכט אויף אַ בריק
האָט מען מיך געטראָפן.
נייך, נישט קיין פריילעך יונגל:

ערשטער פּאָליטישער:
שפּיל נישט קיין ראָל, זאָג ווער דו ביזט.

מאַטע שטשערב:
אַ חבר, חבר, ווי איר,
אַ חבר ווי אַלע,
געוועזן מיט אייך אַלע צוזאַמען
אויף דעם טעאַטער-פּלאַץ —
אַהין מיט אַ שטאָלצן קאָפּ,
צוריק זיך אויף די קניען גערוקט.

צווייטער פּאָליטישער:
אָבער אונז האָט מען געצויגן פון די בעטן אַרויס,
און דיך בעט, ווייזט אויס, שטייט נישט אין דיין אייגענער שטוב —

מאַטע שטשערב:
מיין בעט איז די ערד
מיין שטוב איז די וועלט,
מיינע פריינט זענען אַלע, אַלע —

ע ר ש ט ע ר ק ר י מ י נ ע ל ע ר :
(בשעת ער רעדט, פּאַטאַקעווען אים כסדר די איבעריקע)
אוּן ווו האָסטו דיין חברטע געלאָזן ?
אַ געטרייער פריינט, געדאַרפט זי מיטנעמען אַהער,
מיינסט, אַז אונזערע נשמות זענען פון האָלץ ?
מ אַ ט ע ש ט ש ע ר ב :
מען האָט זי מיט געוואַלט צוגענומען,
פון איין פאַרצווייפלונג
אין דער אַנדערער געוואָרפן :
באַזונדער זיצט זי —
צ ו ו י י ט ע ר ק ר י מ י נ ע ל ע ר :
געדאַרפט נישט לאָזן, געדאַרפט מאַכן אַ געוואַלט,
פיינע מיידלעך — די יידישע —
ד ר י ט ע ר ק ר י מ י נ ע ל ע ר :
טפו, די יידישע,
נאָר רעדט און רעדט און רעדט,
דו ביסט ביי איר און זי רעדט און רעדט.
אונזער איינע אָבער שוויגט —
ד י ק ר י מ י נ ע ל ע :
(פּאַרטיפן זיך אַלע דריי אין אַ שמועס)
ע ר ש ט ע ר פּ אָ ל י ט י ש ע ר :
נו חברים, מען דאַרף אַביסל רוען,
איצט איז שוין פול,
קיין נייע וועט מען נישט ברענגען,
כאַפּט אים דער טייוול, דעם וועכטער,
איידער וואָס ווען, וועט די נאַכט אַנטרונען ווערן,
דאָס פענצטער בלאָסט שוין.
(לייגן זיך מיד ווו ווער עס קען, מאַטע שטשערב בלייבט שטיין באַזונדער).
פ ע ר ט ע ר פּ אָ ל י ט י ש ע ר :
אַ שטאַכוואָרט צו אַ שטאַכוואָרט.
אָבער דאָ אין תפיסה איז פּאַרט אַלעמאָל איינקייט.
צ ו ו י י ט ע ר פּ אָ ל י ט י ש ע ר :
אַז איין נאַכט איבער אַלע.
ד ר י ט ע ר פּ אָ ל י ט י ש ע ר :
אָבער נישט איין פינצטערניש.

ערשטער פאָליטישער:
דער עיקר —
איין מאָרגן פאַר אַלע...
פערטער פאָליטישער:
אַ וויגנליד, חבר, זיי נישט בייז,
ביי אַזעלכע רייד איז גוט צו שלאָפן —
אַ גוטע נאַכט, חברים!
מאַטע שטשערב:
(די קרימינעלע האָבן זיך געאַמפּערט און זיך איינגעניורעט איינער אין צווייטן, כראָפּען, די פאָליטישע — שטיל, ער הויבט אָן שטיל צו רעדן, ווי וואַנזיניק, ווי צו זיך, אַלעמאָל שטאַרקער)



חברים,
שלאָפט נישט איין אין אָט דער נאַכט,
דער נאַכט פון ערשטן מאַי,
אייער נאַכט, חברים,
עס טאָגט שוין —
פאַרשלאָפט נישט אייער אייגענעם פאַרטאָג!
ווילט באַנעמען מיינע ווערטער —
איך האָב אויך אַזאַ האַרץ ווי איר,
און דאָס, וואָס איך זאָג,
זאָגט דאָס האַרץ.

ערשטער פּאָליטישער:
אַ שווערער פּאַרשוין,
ערגער ווי יענע.

פערטער פּאָליטישער:
אַ ראָמאַנטיקער,
מיט אַ ראָמאַנטיקער איז שטענדיק שלעכט,
האָט אַ לויזע צונג,
און אפשר גאָר אַ פאַרשטעלטער אַזאַ,
מאַכט זיך משוגע
און אונדז צו נאַר.

ערשטער פּאָליטישער:
העי, חבר ראָמאַנטיקער,
זעצט זיך דאָרט, אָדער לייגט זיך אַוועק,
הויבט אָן שנאָרכן!
מיר זענען נישט קיין פאַרליבטע מיידלעך דאָ
אייער ליריק אויסצוהאָרכן.

ערשטער קרימינעלער:
(רייבט זיך פלוצים דורך די אויגן)
לאָזט רעדן אַ מענטשן,
שלעכטע זענט איר,
חברים — און אַזעלכע שלעכטע.
אַ מענטש וויל זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ
דאַרף — מען — —אים — הער — הער — הערן — האָרכן — — —
(שנאָרכט)

צווייטער פּאָליטישער:
לאָז אים חבר,
עס איז אַ פּלאַפּלער,
וועט אַביסל רעדן
און אַנדרימלט ווערן.

מאָטע שטשערב:
איך וועל נישט אַנדרימלט ווערן,
און נישט איינרוען מער,
איך בין איינער פון טויזנט מיליאָנען —
די ערד איז מיין פאָטערלאַנד

די הימלען — מיינע פאַנען.
דורך מיינע פאַרטרוקנטע ליפּן —
רעדן טויזנט מיליאָנען —
נאָך בין איך נישט דער מאַן,
נאָך בין איך נישט דער בוים,
אָבער דער זאָמען בין איך שוין,
און באַלד וועל איך וואַקסן מעכטיק אַרויף —

ערשטער פּאָליטישער:
דעקט זיך איין, חברים, מיט וואָס ווער עס קען,
די אויערן פאַרשטאָפּט.
ס'משוגעת האָט אין אים זיך צעברויזט,
אַ רחמנות — מיט אַ פויסט,
צו פאַרמאַכן אים דאָס קרעציקע מויל.
און באַלד — — וועט אויפגיין די זון.

מאַטע שטשערב:
(עס ווערט אַלעמאָל העלער און העלער. פּלוצים טוט רויטע ליכטיקייט אַ זעץ און פאַרפּלייצט די צעלע. דאָס לעמפּל אויבן לייכט, אַן איבעריקס, ווייטער)
חבר, איך בין דו —
נאָר דו ווייסט עס נישט,
ווילסט עס נאָך נישט וויסן.
דורך דיינע אויערן דרינגט נישט מיין וואָרט,
דורך דיינע פאַרשטעלטע אויגן
דרינגט נישט דאָס ליכט פון דער זון,
האָסט אַליין פאַרנורעט אין שטרוי דעם קאָפּ,
האָסט די אויערן דיר אַליין פאַרשטאָפּט
און ווילסט נישט מיין וואָרט,
וואָס איז דיינס!
דו האָסט די אויגן אַליין פאַרשטעלט
און ווילסט נישט פאַרשטיין דאָס רויט פון דער זון,
וואָס גייט אויף איבער מענטש, איבער וועלט!
און ווילסט נישט פאַרשטיין, אַז דאָס רויט פון דער זון,
וואָס גייט אויף
איז דאָס אמתע רויט פון אונזער פאַן,
און ווילסט נישט פאַרשטיין, אַז דאָס רויט פון דער פאַן
איז דאָס רויט פון דיין בלוט,

און דיין ברודערס בלוט.
אָבער דורך דעם פאַרשטאָפּטן אויער,
אָבער דורך דעם פאַרשטעלטן אויג,
וועט דרינגען דאָס רויטע ליכט פון דער זון,
וואָס גייט אויף,
וועט דרינגען דאָס אמתע ליכט פון דעם רויטן קאָליר.
דורך דעם בלוט וועט עס גיין,
גלייך דורך דעם בלוט.
בלוט איז אַ געוואַלטיקע שוועל פון אַ טויער, צווישן וועלט און וועלט.
און דאָס לשון פון בלוט איז גרויס,
און אַלע מוזן פאַרשטיין!
פון אַלע געדאַנקען פון דיין מוח,
חבר,
וועט דאָס זיין דער ערשטער גרויסער געדאַנק,
און פון אַלע אַטעמס פון דיין האַרץ
וועט דאָס זיין דער ערשטער גרויסער אַטעם —
(גייט צו צו די איבערגעדעקטע און רייסט די דעקן אַראָפּ)
חבר, דערזע!
לערן דיך דאָס לשון פון דער זון,
לערן דיך דאָס לשון פון בלוט,
לערן דיך פון מיר!
הייליק איז די זון,
הייליק דאָס בלוט!
הער, ווי די זון קלינגט!
הער, די זון איז אַ געוואַלטיקער גלאָק.
קלינגט איבער אַלע פעלקער, קלינגט איבער אַלע מענטשן,
דורך דיין אייגן בלוט קלינגט זי ווילד צו דיר,
יעדע רגע הונדערט מאָל,
לייג צו דיין אויער צו דיין אייגן האַרץ,
און צו דיין ברודערס האַרץ — און דערהער!
הער איר געוואַלטיקן שאַל,
דורך דעם בלוט הער,
ווען דו קענסט נישט אַנדערש הערן,
הער דעם געוואַלטיקן שאַל
פון דעם לעצטן אינטערנאַציאָנאַל
פון בלוט — —

קעגן טויט!

(זיינע אויפגעהויבענע הענט פלאַמען אין רויטגאָלדענעם ליכט)

ערשטער פּאָליטישער:

(הויבט זיך דראָענדיק אויף. זיין פּנים איז פינצטער און בלייבט אין שאָטן)

דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל מען איז געווען פויל
און נישט באַלד פאַרמאַכט דאָס דאָזיקע מויל
מיט אַ פויסט!

(גייט צו נענטער און פול רציחה צו מאַטע שטשערבן — פלוצים און נאָך רציחהדיקער פאַלט דער פאָרהאַנג)

1926



קאָנטינענטן און אָקעאַנען

לידער, באַלאַדן און פּאָעמעס. — — אַזיאַטישע, אַפריקאַנישע, אייראָפּעאישע, אויסטראַלישע, אָקעאַנישע, פּאַציפיסטישע און אידעאישע, וועגעטאַרישע, יידישע און אין־פיר־ווענטישע. עס זענען 78 זאַכן — איינגעטיילט אין צען ציקלען. — —אין זוכצעטל זענען יענע לידער, וואָס דער מחבר טראַכט, אַז זיי טויגן פאַר רעציטאַציע, באַצייכנט געוויזן מיט אַ שטערנדל. — — דעם מחברס הקדמה צו דעם בוך האַלט 9 זייטן. דאָס גאַנצע בוך, 356 זייטן. עס איז דערשינען אין פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע, אין יאָר 1937.

טראָפּישער קאָשמאַר אין סינגאַפּאָר

זיבן וועלטן און זיבן ימען
און צוויי און פערציק יאָר —
קאָשמאַרן זענען די הייסע
נעכט אויפן עקוואַטאָר.

די אויגן אָפן, נאַקעט דאָס האַרץ
און בלוט טרינקט אַ מאָסקיט,
און עס זשומעט, זשומעט, זשומעט
אין קאָפּ זיין קאָשמאַרנע ליד.



איבער זיבן וועלטן און ימען,
אויף פליגלען פון פייער-ווינט
פליט אַ חלום, און אין חלום
ווער איך ווידער אַ קינד.

איבער זיבן וועלטן און ימען,
זע איך רעדים, מיין שטעטל און אַ יריד,
און עס זשומעט, זשומעט, זשומעט
זיין זשומענדיק ליד דער מאָסקיט.

איבער זיבן וועלטן און ימען
אַ יריד אויף אונזער מאַרק,

ביים פענצטער דער טאַטע מיט דער מאַמען
קוקן אויף דער באַן אויפן באַרג.

קוקן אזוי לאַנג ביז זיי גייען
אין קיך אריין די אַלטע צוויי לייט,
און פון אונדזער קיכנפענצטער זעט מען
די בית-עולם מויערן פון דער ווייט.

און עס וואַרפן די קאַשמאַרן
אין טויטאַנגסט און אין היץ,
פלוצלונג זיץ איך מיט אָפענע אויגן,
אַ געדאַנק קומט — שאַרף ווי אַ בליץ —

אַז די זיבן וועלטן און ימען
זענען דאָך אַ חלום נאָר,
און חלום זענען אויכעט
די צוויי און פערציק יאָר.

גיט די מאַמע פלוצלונג אַ שמייכל
און דער טאַטע צעלאַכט זיך גאָר:
— אוודאי, דו נאַר פון וועלטן און ימען,
ביי אונז אין דער היים איז די וואָר — — —

פון דער זייט שטוב איז אַ בערגל
און פון דאָרטן זעט מען די באַן,
און פון יענער זייט שטוב — זעסטו זון:
איז — ווי תמיד — דער בית-עולם פאַרהאַן.

דאָרטן ליגן אונדזערע זיידעס
ביז אַרויף צום פערטן דור —
מען דאַרף רוען, זון, מען דאַרף רוען,
נאָך צוויי און פערציק יאָר,
נאָך עקוואַטאָר, נאָך סינגאַפּאָר.

זאָגט די מאַמע: — דו מיינסט טאַקע אמת,
וואָס דו האָסט דיר איינגערעדט שטאַרק,
אַז די וועלט איז עפּעס מער דאָרט
ווי אונדזער קליינער מאַרק.

אַט וואַרף איך די זיבן וועלטן
דורך דעם פענצטער ארויס —
אַט גיס איך די זיבן ימען
אין דעם קיכשעפל אויס — —

דאָ זעץ דיך, מיין זון, מיר צופוסנס
און דעם קאָפּ לעגן אָן אין מיין שויס,
ס׳איז אַ חלום אַלץ געווען
און איצט איז דער חלום אויס — —

און נאַ דיר פּאָר אַלץ זיבן גראָשן
און קויף דיר עפּל אַ פּאָר —
און בייס אַריין און זע אַליין
ווו עס איז די וואָר — —

און העלף מיר אָנצינדן ס׳לעמפּל
און פייער מאַכן אין קיך,
און נעם אַראָפּ פון דיינע
מידע פיס די שיך.

און לייג ארויס די געדאַנקען,
וואָס דריקן דיר אין קאָפּ,
און פון די אַקסלען נעם שוין
די לאַסט פון די יאָרן אַראָפּ.

און לייג דיך צוריק אין בעטל,
אין דיין קינדער־בעטל אַריין,
איך וועל פאַרשטעלן דאָס לעמפּל,
עס זאָל דיך נישט שטעכן די שיין.

פראַים, גיי דיך שוין לייגן,
דו ביסט דאָך אוודאי מיד,
און איך וועל דאָ פאַרזינגען
אונזער קינד מיט אַ ליד — — —

— — — — — — — — — — — — — —

...אַמאָל איז געווען אַ מעשה,
די מעשה איז גאַרנישט פריילעך,
די מעשה הויבט זיך אָנעט
מיט אַ יידישן זינגער, אַ מלך.

דער זינגער איז אַוועקגעפֿאָרן
איבער זיבן וועלטן און ימען,
און ער איז צוריקגעקומען
צו זײַנע אַלטע טאַטע-מאַמע.

און פון דעם מלכס אויגן
טרערן רינען און רינען,
ווייל אויף זיבן וועלטן און ימען
האָט ער די וועלט נישט געפונען.

ווייל אויף אַלע זיבן וועלטן
און אויף אַלע ימען זיבן



איז דער זינגער, דער מלך
אַליין אויף דער וועלט געבליבן.

פון זיבן וועלטן און ימען
איז ער צוריקגעפֿאָרן
און ער פרעגט ביי זיין אַלטער מאַמען
פאַרוואָס זי האָט אים געבוירן — —

— — — — — — — — — — — — —

האָט די מאַמע זיך צעיאָמערט
און דעם זון מיט טרערן באַגאָסן,
און האָט דעם מלך, דעם זינגער,
ווי אַ קינד אין די אָרעמס געשלאָסן.

(האָט גענומען צאַנקען דאָס לעמפל,
און דאָס גלעזל שוואַרץ זיך צו פאַרבן...)

— כ'האָב, מיין זון, געמוזט דיך געבוירן
כדי דו זאָלסט מוזן שטאַרבן — —

* * *

אַמאָל איז געווען אַ מעשה
די מעשה איז גאָרנישט פריילעך,
די מעשה הויבט זיך אָנעט
מיט אַ יידישן זינגער אַ מלך...

1935

לאָרד ליטאָן פון גענף און דער קולי מעי־וואן־פו פון טשיפו

כאַרבינער באַלאַדע

מאַנדזשוריע אַהער און מאַנדזשוריע אַהין
און אויפן טראָן זיצט שוין הענרי־פו־אי,
און יאַפּאַנישע שיפן אָנקערן שוין
אין כאַרבין אויף דעם טייך סונגאַרי.

מעי־וואַן־פוס ווייב אין אַ דאָרף, אין טשיפו
טרייבט פון שטוב: — זע, באַלד וועט נעמען אַ פראָסט.
האָט מעי־וואַן־פו מיט דער לעצטער שיף
אויף אַ גליטשיקן שיפדעק זיין היים פאַרלאָזט.

אַ קוק געטאָן בייז אויף דעם איינציקן ווייב
און אַ קוש דאָס יינגסטע, דאָס נייַנטע אין וויג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מאַנדזשוריע אַהין, און מאַנדזשוריע אַהער,
און שוין איז לאָרד ליטאָן פון דער פעלקער־ליג'
געקומען צו פאָרן מיט אַ גרויסן שטאָב
אין האָטעל „מאָדערן" פון כאַרבין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דעם טאָג האָט מעי־וואן־פו צום ערשטן מאָל
פאַרזוכט דעם טעם פון הערויין.

„מעי-וואַן־פו, מעי־וואַן-פו, קרוין פון מיין קאָפּ",
(מיט אַ שרייבערס האַנט האָט געוויינט דאָס ווייב)
„שיק כאַטש דריי איינציקע קו־א-פי,
שיק גאָרנישט, נאָר שרייב כאַטש, שרייב".

ער רויכערט הערֹאָאין, און פון וואַסער מיט רייז
האָט ער אַלע טאָג מערער זיך אָפּגעוווינט.
„דאָס לעבן איז קאַלט און וועט זיין ביז צום טויט,
און פאַרלאָזן טשיפו האָט נישט געלוינט.

דאָס לעבן איז קאַלט און וועט זיין ביז צום טויט,
דער טויט איז וואַרעם, ער איז אייביק אזוי
אַט דאָס זאָלסטו שרייבן". — „און גאָרנישט מער?"
„יאָ, גריס מיר די קינדער און — די פרוי".

מאַנדזשוריע אַהער, און מאַנדזשוריע אַהין,
יאַפּאַן טרעט ארויס פון דער פעלקער ליג,
אייראָפּע וויגט זיך און ס׳וויגט זיך די וועלט:
יאָ־קריג, נישט־קריג — קריג — קריג — —

און די ליטאָן-קאָמיסיע אין האָטעל „מאָדערן"
מאַכט דעם לעצטן גרויסן באַנקעט.

— —

מעי-וואַן־פו דריקט אין דער געלער האַנט,
די לעצטע דריי פען און וואַרפט זיך אויפן ברעט.

„איך וועל שרייבן דעם אמת אין מיין באַריכט,
אַן אמת פון גענף, ביז ניו־יאָרק, ביז טשיפו!"

— —

מעי־וואַן-פו טראַכט: פון גענף ביז ניו־יאָרק —
ביז טשיפו, אַזאַ אמת איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

אַן אמת איז דאָ, פּאָר צוועלף קופּערנע פען
פון אַ מאַנדזשורישן קו־אָ־פּי טוט
אים דיר דער אַלטער קאָרעער — ער שפּריצט
אים דיר אריין אין דיין געלן בלוט.

מעי־וואַן-פו הויבט זיך אויף פון זיין האָלצערן בעט,
דער פראָסט שניידט שטיקער און ער יאָגט זיך גיך,
לייגט זיך אַוועק אויף דעם ברעט ביים קאָרעער, טוט אויס
די וואַטע־הויזן, דעם סורדוט און די פוטער־שיך.

פאַרויכערט די הויזן — איצט רויכערט ער די שיך,
געבליבן איז נאָך דער וואַטענער סורדוט.
איצט הייסט ער זיך געבן איינמאָל און גוט
אַ שפריץ ביז צום סאַמע האַרצנס-בלוט!

דער ווינטער-פאַרטאָג האָט שוין איבער כאַרבין
פאַרכמורעט און פראָסטיק געגרויט.
און אין יענער שעה זענען ביידע אַוועק,
ליטאַן — קיין גענף, מעי־וואַן־פו — קיין טויט.

דער קאָרעער האָט זיין קונה מעי־וואַן-פו
מיט כבוד אויף אַ טאַטשקע ארויסגעפירט
צום גראָבן, ביים באַן-פלאַנט. ער פירט שטענדיק אַהין
די קונים, וואָס ער האָט שוין אויסקורירט.

מעי־וואַן־פו איז געפאַלן מיטן פנים ארויף,
און די הענט ארויף, מיט די פויסטן פאַרדריקט.
מעי־וואַן־פו איז נישט איינזאַם דאָ — מעי-וואַן־פו,
גיב נאָר אַ קוק ווער נעבן דיר ליגט!

נאָר דער, וואָס דערנעבן, האָט זיך נישט גערירט
און אפילו נישט געהערט,
ער ליגט שוין אַ וואָך דאָ, זיין פנים איז שוין
אַריינגעפרוירן מיט דער נאָז אין דער ערד.

ליגן זיי ביידע, עס שפילט זיך מיט זיי
דער ווינט און דער שניי, דעקט זיי אויף, דעקט זיי צו,
דער ווינט שפילט זיך דאָ, און דער טויט שפילט זיך דאָרט
מיט די ווייבער און קינדער אין טשיפו.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז לאָרד ליטאַן איז מיט דער שנעל־באַן פאַרביי
אין דער פרי, וווּ מעי מיט זיין חבר ליגט,

האָט מעי־וואַן-פו זיך אַ טרייסל געטון
און זיך צו זיין חבר צוגעדריקט.

מעי ליגט מיט דעם פנים ארויף און ער שוויגט
דעם הימל דעם אמת אין פנים אריין. הימל וואָלקנט זיך און הערט — —
און זיין חבר נעבן אים שווייגט אַריין
זיין אמת צו די גייסטער פון דער ערד.

נאָר ליטאַן וועט זאָגן זיין אמת דער וועלט,
וואָס ער האָט געזען און געפּאַרשט אין כאַרבין.
ס'וועט אין פרילינג זיין — ווען די סונגאַרי וועט טאַיען,
קאַאַליאַן און סאָיא וועלן אויפבליען גרין.

און צווישן די נאַקעטע ציין מעי־וואַן-פו
וועט ביי זיין אמת שוין בלייבן דאָ, —
אַז פון גענף ביז ניו־יאָרק און ביז טשיפו —
אַזאַ גרויסער אמת איז גאָר אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ — — —

1935

✶

כונכוזן־ליד אויף די וואַסערן פון יאַנג־טסע טייך

וויגן זיך, וויגן, דריי שיפלעך, דריי קליינע,
דריי שיפלעך מיט דריי טוץ כונכוזן,
שווארצע די הימלען, שווארצע די וואַסערן,
און זאַמדיק די ווינטן, וואָס בלאָזן,

זאַמדיק די ווינטן און ווינטערדיק זענען
די האַרבסטיקע מאָרגנס געוואָרן,
מוזן כונכחזן די געגנט פאַרלאָזן
און אין ווייטע וועלטן פאָרן.

ווייל מען קאָן זיך נישט מער אין די פעלדער באַהאַלטן,
אין הויכן שטאַנג פון די קאַאַליאַנען,
מוזן כונכוזן די געגנט פאַרלאָזן
און די פעלדער, וואָס שטאַרבן און וויאַנען.

האָבן די זעקס און דרייסיק כונכוזן,
כונכוזן, מענטשן-רויבער,
זייער ליד — אויף די וואַסערן, זייער ליד — אויף די ווינטן
צו זינגען אָנגעהויבן.

און עס גליטשן זיך שיפלעך, יאָמערן ווינטן
צום שטילן, צום ווילדן כונכוזן־ניגון,



און אויף די ברעגעס, אין דערפער אין שטילע,
וויינען די קינדער אין שטריקענע וויגן.

און הינט פון די ברעגעס בילן און וויינען
מיט יענעוועלטיקע שטימען,
דאָס זענען די טויטע שטימען פון יענע
וואָס זענען דעם זומער אומגעקומען

פון די הענט פון די דריי טויז כונכוזן.
זיי האָבן זיי אַלע געהאַלטן געפאַנגען,
און שלוחים געשיקט נאָך דעם אויסלייז-דאָלאַר,
ביז זיי האָבן זיי אַלע אויפגעהאנגען — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

העי, מאַמע, מאַמע, דו גרויסע מאַמע,
פון אונדז אַלע מענטשן־קינדער,
וואָס האָסטו אונדז, מאַמע, אַזעלכע מזלות
געגעבן יעדן באַזונדער.

וואָס האָסטו איינעם אַלצדינג געגעבן
און איינעם גאָרנישט געלאָזן,
און אַז דו האָסט אים גאָרנישט געלאָזן,
איז ער אַוועק צו כונכוזן.

ווייל אויף דער וועלט זענען רויבער מיר אַלע,
גרויסע מאַמע, אויף דיינע וועלטן,
און מיר כונכוזן — רויבער אָן בושה —
און זיי — זענען רויבער פאַרשטעלטע.

מיר זענען כונכוזן און לערער פון אמת,
און נעכטן ערשט האָבן מיר אויפגעהאָנגען
אַ מאַן, וואָס מיר האָבן אים הונדערט מעת־לעתן
אויף אונדזער אָרעם-ברויט געהאַלטן געפאַנגען,

ער ווײנט: ווייב און קינדער, און זיי האָבן ליב אים —
— האָבן ליב? — דאָס דאַרף מען באַווייזן —
אַ ליבע — אַן אמתע ליבע דאַרף מען
מיט געלט אויסצולייזן —

מיר האָבן געוואַרט און געוואַרט, און אַ חודש
אַ גאַנצן צוליב אים לענגער געבליבן —
און אים אויפגעהאָנגען, ווייל נישט באַוויזן
האָט זיין ווייב און זיינע קינדער די ליבע — —

און אויב עס האָט זיין ווייב אונדז פאַר אים
קיין אויסלייז־געלט נישט געגעבן,
וואָס דאַרף ער עס האָבן, וואָס דאַרף ער עס האָבן
דאָס נאַרישע ביסל לעבן —

העי מאַמע, מאַמע, דו גרויסע מאַמע,
פון אונדז אַלע מענטשן־קינדער,
וואָס האָסטו אונדז, מאַמע, אַזעלכע מזלות
געגעבן יעדן באַזונדער.

אין דערפּער ווייגען קינדער אין וויגן
און ווינטערדיקע ווינטן בלאָזן,
ביים דאָרף, צווישן פעלזן, זענען נעכטיקן געבליבן
דריי שיפלעך מיט דריי טוץ כּתנכוזן.

1935

האָ־נעי־וואַן און לי־קוואַן־יו

פעקינער סטודענטישע ליבעס־באַלאַדע

האַ־נעי־וואַן וויינט בייטאָג און ביינאַכט
אויף דעם זייד־באַדעקטן בעט,
דער פאָטער וויינט און די מוטער מיט איר,
— נעי־וואַן, וואָס ווילסטו, רעד.

אירע אויגן ווערן גרעסער פון טאָג צו טאָג,
און די זיידענע הויט ווערט פון צער גרין:
— פאָטער און מוטער, שיקט מיך אַוועק
אויף דער אוניווערזיטעט קיין פעקין. — —

דער פאָטער זאָגט יאָ און די מוטער ווינקט צו,
און דער גאָלדענער בודדאַ אין ווינקל — לאַכט.
האַ־נעי־וואַן איז אוועק און איז אָנגעקומען,
קיין פעקין צומאָרגנס ביינאַכט.

דער טורעם־טויער פון גרויס־פעקין,
מיט דעם שווערן, צום הימל פאַריסענעם דאַך,
האָט געפינצטערט, ווי אַ פאַרגעסן יאַרטויזנט,
ווי דאָס מויל פון דעם אייביקן דראַך,

ווען ס'איז האַ־נעי־וואַן אויף אַ ריקשאַ פאַרביי
און אַריין אינמיטן דער שטילער שטאָט.
האַ־נעי־וואַן זינגט אַ ליד צו זיך אַליין.
צום טאַקט פון דעם קוליס לייכטן ריקשאַ־ראַד.

און פלוצלונג ליכט! אַ, אַזויפיל ליכט:
פעקין — אַ ליכט פון כינע, ווי העל ביסטו, העל!

טראַכט האַ-נעי-וואַן. דער קולי שטעלט זיך אָפּ:
— פעקין־האָטעל!

האַ־נעי־וואַן האָט צוזאַרגנס די ברוסט פאַרשנירט,
און פאַרוואָרפן דאָס גרינע, זיידענע העמד,
און דאָס שלאַנגען-לאַנגע, בלויע קלייד,
און די האָר — האָט זי היינט מיט אַ רויז פאַרקעמט.

ווידער פליגלט אַ ריקשאַ מיט איר לייכטער לאַסט
דורך דער מאַסיווער גאָרטן-בריק,
גאָלד־גלאַנצען פון ווייטן די קייזער־דעכער,
האַ־נעי-וואַן איז אינגאַנצן גליק.

דאָרט איז שוין דער דאַך, דער דאַך איז גרין,
האַ-נעי־וואַן טראַכט: האָפענונג איז גרין —
און אירע שוואַרצע אויגן פליען,
ווי שוואַרצע טויבן אַהין.

און עס פלאַטערט איר האַרץ אין ענגן קלייד,
כוואַליעט ווי וואַסער־פלאַך ס'זיידענע בלוי —
— קאַ-טעי, קאַ־טעי, דו לאַנד, דו, יונג און געליבט!
און געהיימער און שטילער: לי־קוואַן-יו — — —

— קאַ־טעי, דו אור־אַלט, דו אייביק יונג!
לי-קוואַן-יו!! ער וואַרט שוין, ווי אָפּגערעדט
אין געהיים. בלוי-זייד דער מאַנטל און בלויז דער קאָפּ,
ביים טויער פון דער אוניווערזיטעט.

און דאָס לעבן האָט זיך אַ בלעטער געטון,
ווי אַ וווּנדער־בוך, בלאָט נאָך בלאָט,
פאַר ליבע און לערנען האָט האַ־נעי-וואַן
קיינמאָל קיין רגע צייט נישט געהאַט.

און אַז זי האָט ביינאַכט, אין איר צימער אַליין,
אירע טויבן צעלאָזן, אירע בריסטן צעשנירט,
האָבן אַ פלאַטער געטון פון דעם זייד
די געהיימע בריוו פון דעם ליבע-געשפּרעך,
וואָס זי האָט אין שריפט — מיט איר לי געפירט.

נאָר צומאָרגנס האָט אין אַזאַ בריוו לי־קוואַן־יו
פון ליבע קיין וואָרט נישט גערעדט:
— הא-נעי־וואַן, היינט נאַכט וועט אַ זיצונג זיין,
„יונג-קא־טעי" — געהיימער סטודענטן־קאָמיטעט.

קום הא־נעי-וואַן, איצט רופט נישט דיין לי,
נאָר דאָס אייביק יונגע כינע רופט!
הא־נעי־וואַן זעט, ס'האָט געציטערט זיין האַנט,
ווען ער האָט געשטעלט די צייכנס פון דער שריפט.

— קום, הא-נעי-וואַן, היינט ביינאַכט זייגער אַכט,
צו די פינעף בריקן, צום מעשענעם לייב.
קום, הא-נעי־וואַן, טויזנט מאָל געהיים!
ס'וועט נישט וויסן קיינער, וואָס איך שרייב.

הא־נעי-וואַן האָט געשמייכלט, הא-נעי־וואַן האָט געציטערט,
היינט איבער די ביכער, ווי ס'ציטערט אַ בלאַט.
און עס שווערט זיך הא: לי, לי — פאַר דיר און דיין כינע,
ליבער הונדערט מאָל טויט, איידער איין פאַראַט.

נאָר געהיימער ווי די ליבע פון הא און לי,
איז שוין צוגעגרייט דער געמיינער פאַראַט:
טשיאַנג האָט זיין גוואַרדיע אומעטום,
און ביי יעדן טיש זיין געהיימען סאָלדאַט.

פון די פינף בריקן, פון דעם מעשענעם לייב,
האָט מען זיי איינציקווייז אַוועקגעשלעפט,
מיט הענט, ווי מיט נעגל פון מעש
איבער נאַכטיקע גאַסן געשלעפט.

לי־קוואַן־יו איז פאַרטאָגס געקומען צו זיך,
און דאָס בלוט פון די אויגן אָפּגעקלעפּט —
— ווו איז הא? ווו-אַ-היין
האָט מען זי פאַרשלעפּט?

און הא איז געלעגן, צעלעכצט ווי אַ פאָס,
ווי אַן אומגעוואָרפענער קרוג אויסגעשעפּט,
דריי זעלנער האָבן זי אַהער אין קעלער
אינמיטן דער נאַכט פאַרשלעפּט.

און דערפֿאַר, צוליב איר, צוליב האָ האָבן אַלע
פיר איבעריקע שעה געלעבט —
זעלנער־שטיוול און געשריי: הער.
הויכער טאָג און צייט צו ווערן געקעפּט!

און ווידער גאָלד־גלאַנצן די קייזער־דעכער,
טראַמוואַיען קריצן, אויטאָס פּייפן, ריקשאָס פליען שטיל.
לי׳ס קאָפּ איז פייער און בלוט אינגאַנצן,
ער הערט — דעם מעשענעם לייבס געוואַלטיק געבריל.

און ער זעט אַ פייער איבער די דעכער
פון פּעקין, ביז שאַנכאַי, ביז קאַנטאָן,
און ער זעט מאַרשירן, מאַרשירן — אי זיך,
אי אַלע פינפהונדערט מיליאָן.

און ער רעדט עס הויך צו האַ-נעי-וואַן,
וואָס גייט נעבן אים, אַזוי שטיל ווי אַ טויב.
און זי אָטעמט שווער, און קוים, וואָס זי זאָגט:
— דו רעד — לי־קוואַן־יו — איך גלויב —

דער תלין גייט מיט, אויף דעם אַקסל די שווערד.
אַט שטעלט ער זיך אָפּ. דאָ קעפּט מען — דער מאַרק.
— נומער איינס! — און עס האָט זיך אַ צי געטון
דעם תלינס אָנגעגאָסענער קאַרק.

— נומער צוויי! — האַ־נעי-וואַן האָט אַנידערגעקניט
און די דינע הענט אויף דעם רוקן פאַרלייגט —
לי-קוואַן־יו האָט געזען, ווי דער קאָפּ אירער פליט,
און זיינעם, דעם דריטן, אָנגעניגט.

ס׳האָבן זייערע אויגן נאָך איינמאָל זיך
אַן עפן געטון און פול ליבע אַ קוק,
איידער ס׳האָבן די קעפּ זיך פאַנאַנדערגעקוילערט
אויף דעם הויקערדיקן ברוק.

— נומער צוועלף! — דער גאַנצער קאָמיטעט.
ס׳ווערט דער תלין פאַרטיק מיט דעם לעצטן קאָפּ
און ווישט די שווערד אָן אַן אַלטער שמאַטע,
וואָס ער האָט מיטגעברענגט — אָפּ.

גייט דער עולם פאַנאַנד זיך, גייט דער מאַרק ווידער אָן,
נאָר יעדער ריקשאַ, וואָס פאָרט פאַרביי — טוט
אַ דריי אָן אַ זייט זיך — נישט צו פאַרשמירן
די לייכטע, גומענע רעדער אין בלוט.

און האַ־נעי־וואַנס הויט דורך צעריסענעם קלייד
ווערט דינער, גרינער, ווי זיידנצייג — גרין.
דאָס גרינט די האָפענונג פון כינע
אויף די שטיינער פון פעקין.

1935

בודדאַ קויפט זיך אַ זונה פון אַ סאַמפּאַן אויף די וואַסערן פון קאַנטאָן

עס איז אַ געשיכטע פון דער שטאָט קאַנטאָן,
אַ געשיכטע פון דעם טאָגטעגלעכן מין,
פון דעם כינעזישן פאָלק אויפן וואַסער,
אַרום דעם קאָנצעסיע־אינזל שאַ־מין.

צוועלף דורות שוין, און אפשר שוין מער,
ווי זיי לעבן דאָ, אַרום שאַ־מין,
ביי די רודערס אַרבעט דאָס ווייב און די טעכטער,
און ווי קולי־טרעגערס, ביי די שיפן — די זין.

אויף קייטן בינדט מען אָן די קינדער אין דער פרי,
צוזאַמען מיט די מאָגערע הינט.
דעמאָלט שפאַנען זיך די מענער אין דער אַרבעט איין,
און די זעגלען פון שיפל שפאַנט מען אין ווינט.

זיבן קינדער זענען אויף דעם סאַמפּאַן
פון דעם אַלטן שיפס־קולי לאַ־שין־פאַ,
זעקס זענען אים געבוירן געוואָרן,
יונגען — אין אַ מזלדיקער שעה.

נאָר אַ זיבעט קינד איז אויכעט דאָ,
אַ מיידל, און מען רופט זי יע־נעי־פאָן.

און פון איר ערשטן טאָג איז זי
דאָס אומגליק פון גאַנצן סאַמפּאַן.

מען בינדט זי אויף און מען בינדט זי צו,
צום רודער אויף דער קייט,
אַ בלינדע, און אַ מיידל, און כאָטש וואַרף זי אין וואַסער,
זי שטאַרבט נישט יונגערהייט.

און שענער ווערט זי — יעדן טאָג יע־נעי־פּאַן,
כאָטש מען שפּייזט זי נאָר מיט קאַלט וואַסער און רייז.
די גרויסע אויגן בלינד־הימל־בלויע,
בלוי־שוואַרצע האָר, און די הענט פּאַרצעלאַנען־ווייס.

זאָגט דער פּאָטער צו דער מוטער אין איין הייסן טאָג:
— מען מוז טון וועגן יע־נעי־פּאַן אַ טראַכט,
דאָס מיידל וואַקסט — וואָס וועט זיין איר סוף,
אויב איך האָב נישט קיין טעות — איז זי שוין אַ יאָר אַכט.

זאָגט די מאַמע: עס איז טאַקע שוין די העכסטע צייט
עפּעס צו טון מיט אָט דעם קינד.
און אין אָוונט ברענגט דער טאַטע אַן אַממאַ;
זאָגט די אַממאַ: אָט דאָס? אָט דאָס מיידל איז דאָך בלינד.

שמייכלט פּאָטער און זאָגט: האָב איך דען געזאָגט,
דיר, אַממאַ, אַז יע־נעי־פּאַן זעט?
און ער שמייכלט ווייטער: קוק די סחורה אָן —
און ער בינדט זי אָפּ פון דעם רוקן־ברעט.

אַ טעיל אַהין, און אַ טעיל אַהער,
דער סאַמפּאַן האָט זיך שיר נישט איבערגעקערט.
— דאָס לעצטע וואָרט: צוואַנציק! קיין קעש נישט מער,
דיין סחורה איז טאַקע מער נישט ווערט!

יע־נעי־פּאַן האָט געקוקט מיט די בלוי־ווייסע אויגן
און שווייגנדיק יעדעס וואָרט געהערט.
איין קוש טוט די מאַמע — איין קוש און מער קיינער —
— מסתמא בין איך מער נישט ווערט.

מיט די אויגן אָפן — דאָס ערשטע מאָל
גייט יע־נעי־פאַן פון איר טאַטנס סאַמפּאַן, זי גייט און זי גאַפט,
פון סאַמפּאַן, פון די קינדער־יאָרן ארויס,
גלייך צו דער אַממאַ אין געפאַנגענשאַפט.

די אַממאַ איז אַ גוטע און צו עסן גיט זי,
און עס עסט יע־נעי־פאַן און זי וואַקסט אזוי שיין.
טראַכט אַממאַ און קוועלט: זי זעט טאַקע נישט, אָבער זען זעט מען זי,
זי איז שיין ווי בודדאָס געליבטע אַליין.

אזוי זענען אַוועק אויף דעם פאַרביקן אַממאַ־סאַמפּאַן,
יאָרן שטילע, יאָרן גאַנצע פיר —
זאָגט די אַממאַ אַמאָל: יע־נעי־פאַן, מאַך דיך שיין אויף היינט נאַכט,
דו ביסט צייטיק און היינט וועט מען קומען צו דיר.

זיצט יע־נעי־פאַן אויף דער פאַרביקער שטול אין סאַמפּאַן,
ווי בודדאַ דער שיינער, שיין און פאַרשטאַרט,
ליכט איבער איר אין דער היץ פון דער נאַכט,
זי בליט און זי גליט — און זי וואַרט.

דאָס געל־טוכלע וואַסער ארום איר סאַמפּאַן
שמעקט איצט — געווירציקער פעקין־פּערפום,
זי בליט אויף דעם בעכער פון איר סאַמפּאַן
ווי בודדאַ אין דער געשטאַלט פון אַ בלום —

אַ שיפל שיפט צו, יע־נעי־פאַן גיט אַ ציטער;
— אַט איז ער, וואָס איז איר באַשערט — —
די אַממאַ גיט אַ שפּרונג ווי אַ שפּין און זי דינגט זיך:
— אַ יונגפרוי! — נו, איז וואָס? — אָבער בלינד! — גוטע פּופּציק ווערט!

גיט יע־נעי־פאַן אַ שמייכל און זי זאָגט
נאָך זיסער, ווי די אַממאַ האָט זי געלערנט:
— אָבער ליב האָב איך דיך, אזוי הייס, דו מיין שיינער —
זאָגט דער אַלטער: — פאַר מיר איז זי אפשר טאַקע ווערט — — —

רוקט די אַממאַ באַלד דעם פאַרהאַנג דעם פאַווע־פאַרביקן צו,
און פאַרלעשט דעם לאָמפּ און זי רודערט ארויס

דעם סאמפאַן, אין אַ שטילן ווינקל פון ים. שטיל ציטערט יע,
און טוט פאַרזיכטיק אירע קליידעלעך אויס.

— כ׳האָב דיך ליב, כ׳האָב דיך ליב, אזוי הייס, אזוי הייס — —
און איר הערצל וואַרפט זיך, ווי אַ פויגל אין שטייג.
זאָג דער אַלטער און צאַפּלט: — מיין פייגעלע, פייגעלע —
איך וויל קושן, יע־נעי־פּאַן, און דו — בעסער שווייג — —

גיט דאָס הערצל אַ פלי פון דעם שטייגל ארויס —
און ווערט שטיל, און דאָס שטייגל ווערט הויל —
און עס כאַפּן זי אַן צוויי נאַס-אַלטע הענט,
און עס קייט אירע ליפּן אַן אַנצייניק מויל — —

פאַרטאָג איז דער אַלטער אַנטשלאָפן געוואָרן,
און יע האָט דאָס פאַרהענגל אָפּגערוקט,
און אָטעם געכאַפּט און מיט בלוי-בלינדע אויגן
אין דער אויפגייענדיקער זון געקוקט.

איז דעמאָלט איבער די וואַסערן צו איר
געקומען אין ווייסן אַ שטילער מאַן:
— עפן אויף דיינע אויגן — עפן אויף און זע!
און זי עפנט, און זי זעט — אים — יע־נעי־פּאַן.

נאָר זי זעט נישט מער, נאָר דאָס וואַסער זעט זי,
און דעם מאַן — און איבער אים — די זון —
גייט די אַממאַ ארויס, זעט דעם מאַן און זאָגט:
יע־נעי-פּאַן דו ביסט דאָך פאַרקויפט, ווייסטו דען נישט דערפון?

זאָגט דער מאַן צו דער אַממאַ: — איך וועל געבן דיר מער,
יע-נעי־פּאַן איז מער ווי אַלע פרויען ווערט!
כ׳וועל דיר געבן פאַר איר — פאַר מיין — געליבטער —
דעם ווערט פון אַלע פרויען פון דער ערד — —

זאָגט די אַממאַ: איז גוט, טאָ נעם זי דיר —
און יע-נעי־פּאַן גייט — איר געליבטן נאָך — גייט גלייך — אין וואסער אריין —

בודדאַ איז געווען דער מאַן —
בודדאַ דער פאַרליבטער —
און יע־נעי־פּאַן —
איז געגאַנגען אין וואַסער אַריין —

קאָנטינענטן און אָקעאַנען

בודדאָס —
בודדאָס אַליין —
געליבטע צו זיין.

1935

★

טראַנס־קאַנאַדע

ערד — ערד — אַלץ נאָך ערד? און אויב ערד — ווו איז דער האָר פון דער ערד?
נעכט און טעג ווי מיר פאָרן — פאָרן —
פירמאָל איז נאַכט געוואָרן און פירמאָל איז ווידער געוואָרן טאָג.
זענען דען צווישן די צוויי אָקעאַנען
קיין מענטשן נאָך נישט פאַראַנען?

זענען דאָ, זענען דאָ, נאָר זענען זיי אַלע פאַרנומען,
הינטער די גרויסע וואַסערן, זעקסטויזנט מיילן פון דאַנען,
פרייוויליק אין די אַרמייען,
וואָס זייען דאָס אומברענגען און אומקומען —
וואָס דאַרפן זיי אַקערן דאָ, אויף פוסטע פעלדער לעבן זייען,
אַז זיי קאָנען אויף פעלדער פולע זייען — — טויט —

גייט די זון דאָ אויף, גייט די זון דאָ אונטער,
שטייגט פון אַטלאַנטיק אויף און פאַלט אין פאַציפיק אַרונטער,
קוילערט זיך איינזאַם טאָג-איין, טאָג-אויס
וואַלד־אַריין און וואַלד־אַרויס,
צו פאַרנאַכטצו ווערט זי מיד און מידער,
לייגט זיך אויף די שטאָלערנע רעלסן אַנידער
און קוליעט זיך נאָך נאָך דער באַן,
ס׳איז איר איינזאַם דאָ אַליין צו זיין
אויף דעם סטעפּ פון שניי,
וויל זי אויך אַוועק מיט דער באַן. —

ביינאַכט ווערט דאָ אָפט אַ יונגע לבנה פאַרוואָגלט,
ווערט זי פון איינזאַמקייט ווילד און פאַרשייט
און האָגלט
מיט גרויסע שטערן אַראָפּ אויף דער ערד.

די לידער פון מיינע לידער

אַ וואָלף דערשרעקט זיך, ציט אויס די מאָרדע און שרייט
מיט אַ הינטיש קול צו איר ארויף — און עס ענטפערט אים אַ בת־קול
פון דער ווייט.

מיינט ער ס׳האָט אים די לבנה דערהערט.
גליטשן זיך שטערן פון ביימער-שפּיצן,
שמעלצן קלענער און קלענער, שטיקער אייז און בליצן.
שטילע הערשן קומען בלעטער צו צופּן פון צווייגן אַראָפּ,
פאַלט איינעם אַ שטערן ארויף אויף דעם הערנער-קאָפּ,
און די באַן גיט זיך ווידער אַ ריר און אַ שטילן פייף.
אַנטפליען די הערשן אין פייל־געלייף.

אינדיאַנישע טאָטעם־שטאַנגען מיט יענע־וועלט-פייגל באַמאָלן,
שטאַרן אויף דעם פעלד, דעם גאָלן.
פלוצלונג עפנט אַ טאָטעם-פויגל זיין מויל,
און זיין האָלצערנער שנאָבל צעשרייט זיך הויל:

— פּאַרוואָס, פּאַרוואָס, פּאַרוואָס,
פון ים צו ים האָט מען אונזער שטאָם
אויסגעראָטן,
אַז פּוסט שטייט דאָס פעלד, ווינטער מיט שניי און זומער — ווי זאַלץ-באַשאָטן?

מיטן-נאַכט, מיטן-פעלד, מיטן־וועלט
האָט פלוצלונג די טראַנס־קאַנאַדישע באַן
זיך אָפּגעשטעלט.

פאַרשלאָפן־דערשראָקענע מענטשן שטעקן די קעפּ דורך די פענצטער און הערן
זיך איין — אין דער מוזיק פון די ספערן,
וואָס מען הערט זי איצט דייטלעך אַראָפּ פון די שטערן.

נאָך שטילער ווערט —
און יעדער דערהערט פון דער צווייטער זייט פון דער ערד,
ווי עס קלינגט דאָס שטאָל פון שווערד אויף שווערד —
און אַ געשריי:
ערד! גיט אונדז ערד! ענג איז אונדז! גיט אונדז ערד, ערד!

1934

אין דער ניו־יאָרקער פרייהייט־סטאַטוע

איך בין אַ מענטש פון בלוט און פלייש און בייןְ,
מיין נשמה איז ליבע, געלעכטער, געוויין —
און דו? פרוי, פּוסטער, אייזערנער גיגאַנט,
מיט דעם פאַקל הויך אין דיין רעכטער האַנט,
ביסט אַ גולם־פרוי מיט אַ בלעכערנער הויט,
ארויפגעצויגן אויף אַ שטאָלענעם סקעלעט — —
דיינע בלעכערנע ליפּן האָבן קיינמאָל נישט געקושט קיין ברויט.
דיינע אייזערנע ריפּן האָבן קיינמאָל נישט געוויגט קיין מאַן אין אַ בעט.
און — — איך האָב דיך ליב מיט יונגער ליבע, פלאַמיק און צאַרט,
דרייסיק יאָרן פון מיין יוגנט און מיין מאַנהייט האָב איך צו דיר געגאַרט,
אויף דיין ערשטן בליק געוואַרט.

איך בין אַ דיכטער און אַ וואַנדערער און אַ ייד,
די טרעפּ צו מיין נשמה זענען די וואַקלדיקע סטראָפן פון מיין ליד,
און צו דיין — איינציקן פון אַלע מיליאַרדן קעפּ —
צו דיין קאָפּ און געדאַנק — אייזערנע הונדערטער טרעפּ.
פּוסט איז דיין נשמה, ווינטער קאַלט, זומער הייס, ווי אין יעדער געביידע
פון בלעך —
און דאָך איז דאָס אזוי גרויס און אזוי וואונדערלעך
אין דיין נשמה מיט הונדערט אַנדערע אויף טרעפּ צו וואַנדערן, צו ווערן מיד,
און זינגען אין זיך אַ גליענדיק און בלוטיק־מענטשלעך ליבעס־ליד
צו דיר! — וואָס אין דיינע אָדערן פון דראָט און פון שטאָל
פליסט עלעקטריש ליכט, שטאָט בלוטיק בלוט,
ווייל דו ביסט גולם נאָר, מאָנומענט פון פרייהייט — סימבאָל — — —

און ווייל דו ביסט גולם, סימבאָל, פרייהייטס-מאָנומענט,
שרייב איך דאָס ליד אין ליבע און יונג-אויפגערעגטע ציטערן מיינע הענט,
גלאַנצן די אויגן, דאָס בלוט ברענט,
גלויב מיר, פרוי, אַז ווען איך האָב מיינע ליפּן צוגעדריקט צו
דיינע בלעכערנע ווענט,
און צו די ווענט פון דיין שטאָלצן האַלדז — און באַהאַלטן־געהיים זיי געקושט,
אַז קיינער זאָל נישט זען און נישט זאָגן: אפשר אַ דיכטער און אפשר
גאָר צעמישט — — —
איז דאָס ליבע געוועזן פון ריינסטן געמיט,
ווי אַ ליבעס־ליד איז אַט דאָס איצטיקע אָרעם־אויפריכטיקע ליד.

ווייל קיינמאָל האָב איך נאָך נישט ליב געהאַט אַזוי,
קיינמאָל נישט אַזוי קיין איינציקע פרוי —
ווי די פרייהייט — וואָס דיר האָט מען איינמאָל פאַר אַלעמאָל
געגעבן דאָס רעכט צו זיין איר סימבאָל.

דיין פאַקל געווענדט
צו ניו־יאָרק — נאָר דאָס ליכט דיינס ברענט
אין אַלע טיילן פון דער וועלט.
איינער בענטשט דיך און איינער שעלט,
איינער אַכט דיך און איינער האַסט,
איינער איז ערנסט, איינער שפּאַסט,
און איך — האָב פשוט ליב און גלויב.
ווייל קללה און האַס זענען ווינט, זענען שטויב. —

אָ, עס איז אמת, דו פרוי, דו פרייהייט, דו ביסט היינט אַ געפאַלענע פרוי,
און אפשר — אפשר דערפאַר איז מיין ליבע צו דיר צאַרט אַזוי און טיף אַזוי —
אין דיין בלעכערנעם בויך, דו בלעכערנער סימבאָל,
ביסטו שוואַנגער מיט דעם נייעם דערלייזער פון וועלטן —
זיי מעגן לאַכן פון דיר, זיי מעגן דיך שעלטן,
דו, נאָר דו וועסט אים געבוירן אין ליכט און אין גלויבן,
אויף דיינע הענט וועסטו אים — דיין זון —
ווי די פאַקל איצטער, איבער אַלע מענטשן דערהויבן. —

און לאַכן וועט דער, וואָס איצטער וויינט,
און וויינען דער, וואָס שעלט
אַצינד.
פאַראיינט,
געפירט פון אַ קינד,
פרייהייט, געליבטע, דיין, נאָר דיין, נאָר דיין זון,
וועט זיין דער אויסלייזער פון דער וועלט;
אַ זון פון דעם גייסט פון אַלע פאַרליבטע אין דיר!

אָ, זאָל אויך דער אָטעם פון אָט דעם ליבעס־ליד — אין ליבע צו
דיר פאַרטראַכט,
זיין דעמאָלט אַ טייל פון דעם גייסט, וואָס האָט דיך שוואַנגער געמאַכט.

1934

אַ שאָטן פון אַ וויזיע פון אַ ליד פון ניו־יאָרק

— העי, דו! שיק־יינגל פון אוניווערז,
דערלאַנג מיר אַ פעדער פון העלן בליץ!

— וואָס?!

— קער איבער דעם קרייזלער־טורעם,
שטעך־שטעק אים אריין אין גראַניט
מיט זיין שאַרפן שפּיץ,
פּיל אים אָן, ווי אַ טינטער מיט טינט,
מיט שווארצע דונערן און רויטן ווינט,
ווייל מיט דונער, בליץ און ווינט
אין אַ טינט
פאַראיינט
דאַרף איך שרייבן היינט —

— אַ ליד?

— און דו, דו שר המשקים פון אוניווערז,
דערלאַנג מיר אַזאַ מין פייער-טרונק,
און פאַרוואַנדל אין מעטאַל מיין צונג —
און נאַ דיר ארויס פון מיין קאָפּ
די קופּע שמאַטעס, זאָרג!
— סטאָפּ!
סטאָפּ!!!

— זענען מיר שוין אין ניו־יאָרק?

— דאָס האַרץ — דאָס האַ-אַ־רץ —
— וואָס האַרץ?
— צווישן די ריפּן —
—אַ דינאַמאָ־מאַשין
וועלן מיר אריינזעצן אַהין!
— זין איז אומזין — אומזין איז זין!
אַקאָמפּאַניאַמענט
צום ליד
שפּילן צוואַנציק מיליאָנען הענט
אויף קלאַווישן פון שוואַרצן און ווייסן גראַניט.

דאָס ליד פון ניו-יאָרק,
פון דער שטאָט פון די שטעט, פון די שטעט, פון די שטעט,
אָן אַ פּרי אין דער פּרי, אָן אַ שפּעט — שפּעט,
אייביק.
דאָ, אין דער שטאָט
יאָגט זיך דער טייוול נאָך גאָט
און גאָט יאָגט זיך נאָך דעם טייוול,
דאָ לעסטערט מען גאָט, פּאַרזונקען אין טייוול־געבעט
און מען לעסטערט דעם טייוול, פּאַרזונקען אין געבעט צו גאָט.
דאָ ווערט נישט טאָג און עס ווערט נישט נאַכט,
דאָ זענען נישטאָ קיין זינדיקע, ווייל דאָ זענען נישטאָ קיין גערעכטע,
דאָ איז נישטאָ קיין געווייןן, ווייל דאָ איז נישטאָ קיין געלעכטער,
אַלע זענען — ווייל דאָ איז די שטאָט פון זיין!

דאָס ליד פון די ניו־יאָרקער גאַסן!
גאַסן אין דער לענג,
גאַסן אין דער ברייט,
גאַסן אין דער הויך,
גאַסן, ווי בריקן,
בריקן, ווי גאַסן,
איבער דער ברייט פון טייך,
איבער דער ברייט פון ים,
גאַסן אונטער טייך,
גאַסן אונטער ים,
גאַסן דורך ערד, גאַסן דורך גראַניט,
גאַסן איבער דיין קאָפּ, גאַסן דורך דער מיט פון דיין אייגן האַרץ,
גאַסן דורך דיינע טעג און נעכט,
גאַסן דורך דיינע יאָרן, גאַסן דורך דיין לעבן — —
דאָס גראַניטענע ליד
אָן גראַמען, ריטם, לויטער ריטם, אַספּאַלט, קאָנקריט,
פון די ניו-יאָרקער גאַסן.

דאָס ליד פון ניו־יאָרק,
ליכט-ליד,
ליכט איבער דיר, דורך דיר, אין דיר,
ליכט פון דיר ארויס — ליכט צו דיר אַנטקעגן,
ליכט אין שטיין, קאָנקריט און אַספּאַלט,

אין דער צענטער,
הונדערטסטער,
טויזנטסטער געשטאַלט.
אין זיבן פאַרבן,
צען רעגנבויגנס — זיבעציק פאַרבן,
טויזנט רעגנבויגנס — זיבן טויזנט פאַרבן!
ליכט ווי פלאַטערלעך — היינט געבוירן — היינט שטאַרבן.
אייביקע ליכט, זון, סיסטעמען פון שטערן,
לאָמפּן, נייך, נישט קיין לאָמפּן, אולטראַ־עדיסאָנען,
הונדערט ליכט, צענטויזנט, מיליאָנען!
לאָמפּן, וואָס ווערן געבוירן אָנגעצונדן,
ווי מעטעאָרן.
זון איז זייער אָפּשיין בלויז — — — לאָמפּ צום שפּיל, מוסטער־לאָמפּ
פון געטלעכער אוממאַכט.
ליכט זענען זיי!
ליכט, וואָס קאָנען מאַכן זעענדיק אַ בלינדן,
און אַ זעענדיקן בלינד.
קאָנסט ארייַנשפּרינגען אין זיי,
ווי אין אַ ים פון ליכט,
זיך אונטערטונקען —
און אין איין מינוט
וועט אין דיינע אָדערן רינען ליכט, שטאָט בלוט,
דאָס ליכט פון ניו־יאָרק.

דאָס ליד פון ניו־יאָרק,
דער שטאָט פון די טורעמס פון שטיין און מעטאַל.
ווער זאָגט, אַז זיי שטייען אויף דער ערד?!
זיי שטייען אין וועלטן־אַל,
שטייען אין שאַרפסטן זיגזאַג —
די גרויסע הימל־ליניע,
גרענעץ־צוים אין וועלטן־רוים,
צווישן צוויי וועלטן — דער נעכטיקער — פון אמת,
און דער היינטיקער פון — טרוים.
גרענעץ צווישן יאָרטויזנט־צוויי און יאָרטויזנט־דריי.
די וואַנט פון די ווענט, פון די ווענט פון די ווענט,
מיט די הונדערט טורעמס אין איבערגאָטס הויז, ניו־יאָרק,

ווו צענמיליאָנען הערצער שלאָגן
אין אָן איינציקער תפילה צוזאַמען.

אָפּגרונט פון אָפּגרונטן,
אַ שטאָט אָן אַ דעק פון אויבן,
און אָן אַ דנאָ אונטן — —
ווער עס איז איינמאָל אין דיר געגאַנגען,
שטאָט — אָפּגרונט פון אָפּגרונטן,
דער האָט זיין גאָט אין דיר פאַרלוירן —
איצט שרייט ער —
— מיר ווילן ווידער געפינען גאָט!
און דאָס עכאָ ענטפערט פון ברעג צו ברעג:
— גע־פי־נען — — גאָט!

און גאָט פון ניו־יאָרק האָט נאָך נישט קיין נאָמען,
און אפילו דער געדאַנק וועגן אים איז נאָך נישט געבוירן.

נאָר אויף די שפּיצן פון די וואָלקנהייזער
זעט זיך שוין פאַרט די שיין פון זיין קומען,
ווי די שיין פון דער ערשטער זון פון בראשית,
וואָס גאָט האָט איר נאָך נישט געגעבן קיין נאָמען —

העי, דו! פעדערן־דערלאַנגער פון אוניווערז,
נאָך אַ טונק פון דער פעדער פון בליץ,
פאַר דעם לעצטן פערז!
דאָס ליד פון ניו-יאָרקער, דעם לעצטן מענטש,
אַ שיכור-ליד פון אויפגאַנג פון אַ נייער ראַסע,
פינפפאַרביקער בלוט־קאָקטעיל,
ווייס, שוואַרץ, רויט, ברוין, געל. —

— דו! האָסט פאַרלוירן דעם זין?
— דו שרייבסט וועגן מיר? — און איך בין
דער מענטש פון ניו־יאָרק!
— שוין?!
— אָנגעקומען קיין מעקקאָ פון וועלטפעלקער־וואַנדערונגען,
איך בין דער סוף פון אַ יאָרטויזנט,
אַלע בלוטן — אין מיין בלוט, אַלע קולטורן — אין מיין גייסט געשלונגען,
מיין שפּראַך איז זיבעציק צונגען,
איך בין דער אָנהויב פון יאָרטויזנט, פון דריטן,

ווילדער, שיכורער קאָקטעיל,
מיין בלוט — ווייס, שוואַרץ, רויט, ברוין, געל,
מיין האַרץ — מענטשן-האַרץ,
ווייס, רויט, ברוין, שוואַרץ,
יאָגנדיק, שטרעבנדיק, הייס,
רויט, ברוין, ווייס,
ענדלעך אויפגעשטאַנען קעגן שונא טויט,
ברוין, רויט,
די פינף גאָלדענע צאַקן פון דער קרוין,
די הויט איז ברוין — —
געזונטער
זון-געמיש פון אַלע ראַסן. —

ניו־יאָרק ווערט שטערן — טויזנט שטראַלן, טויזנט גאַסן,
דער לעצטער, דער גרויסער פלאַס-ד'עטואַל
צו דער גאַנצער ערד — צום וועלטן־אַל —
ארויס איר מענטשן אויף אַלע גאַסן פון ניו-יאָרק
פון שטערן: טויזנט-שטראַל,
ווייל דער נייער מענטש וועט פון דאַנעט ארויס —
צום נייעם וועלטן־אַל.

1934

אַ יידן-ליד אויף דער עמפּאַיר-סטעיט

אַ, דאַנק דיר, שטאָט פון די שטעט,
אין חלומות אויסגעבענקט, געהייליקט אין געבעט
פון מיליאָנען אָרעמע, יידישע מאַמעס,
אין טויזנטער יידישע שטעטלעך און שטעט.

זיי געבענטשט אין דיינע הונדערט־שטאָקיקע הייכן
און אין דיינע גראַניטענע טיפן.

דו איינע, מאַמע פון ראַסן און פעלקער,
האָסט מיינע ברידער און שוועסטערן אויפגענומען,
ווען מען האָט זיי דיר, אַרומגעריסענע און אָפּגעשליסענע,

די לידער פון מײנע לידער

צו דײנע הױכן און דײנע טיפן
אױף צעבראָכענע שיפן
דורך פּופּציק יאָרן צוזאַמענגעטראָגן,
די, װאָס מען האָט דורך צװײטױזנט יאָרן
און הונדערט לענדער געטריבן און געשלאָגן.



אַ דאַנק און אַ לױב!

נאָר װי זאָל איך דיר דאַנקען מיט מײנע װילדע לידער,
אַז װערטער דאַרף איך איצט פּראָסטע, װי פון אַן אַלטן, צעריסענעם סידור,

װערטער מיט טרערן אָנגעזאַפּטע,
אַ יעדעס אות װי באָב די גרױס,
װי פון אַ װײבער־טײטש־חומש ארױס.
װערטער ברױטיקע און זאַלציקע, װי די שנײדערס, מײנע ברידער,
װאָס דו — מאַמע שטאָט —

האָסט זיי, ווי דער אַלטער יהוה, דער אַלטער גאָט
פון מצרים ארויס — פון וועלטן-מצרים צו פרייהייט געפירט.
און בלאַסע פנימער רויזיק אויפגעצירט,
און אוראַלטע שרעק פון אויגן אויסגעמעקט,
און אויף די קרומע ליפן ווידער, ווי דער פרילינג — דאָס גרינס,
דאָס געלעכטער אויפגעוועקט.

געבענטשט זאָלסטו זיין, מאַמע ניו־יאָרק,
קייסערינע
פון שטעט אין קאָלומבוסעס מדינה!
היינט, דאָ אויף דעם טורעם פון שטאָל און פון שטיין,
ווייל איך נישט קיין דיכטער — נייערט אַ פּראָסטער גוט־שבת זיין,
אַ מאַרשעליק, אַ בדחן, אַ גראַמען-פלעכטער פון אויסגעגרינטע און פון גרינע,
אַן אליקום צונזער, צי אַן עדלשטאַט,
וואָס האָבן אזויפיל האַרץ און האָס און ליבע געהאַט,
אַז קיין שטיקל אָרט האָט שוין נישט געקענט
בלייבן ביי זיי אויף אַ ברעקל טאַלענט.

כ׳בין היינט פרי געגאַנגען, אַן אַ ציל געגאַנגען
אויף די גאַסן פון דאון־טאון מאנהעטען,
אין מיינע אויגן טרערן פון דאַנק
און אויף מיינע ליפן תפילה און געזאַנג,
ווייל איך האָב זיי ליב און איך ווייס נישט פאַרוואָס כ׳האָב זיי ליב,
מיינע ברידער, ווי די מוראשקעס
איבער דער וועלט פאַרשפרייט —
די ברידער אין בלוט און אין לייד.
זיי געבענטשט
פון אַ יידיש קינד פון רעדים, פון קלענסטן שטעטעלע פון אַלע שטעט,
וואָס ער שטייט איצט, צום טויט דערשלאָגן, צום הימל דערהויבן,
אין טיפסטן צווייפל און אין העלסטן גלויבן,
אין דער גרעסטער שטאָט, אין דעם גרעסטן טורעם, אין דער עמפּאַיר-סטעיט.

קום ווער עס וויל און לייג
דיין האַנט אויף מיין יידיש האַרץ,
וועסט פילן, ווי ס׳שוועלט מיט פרייד, ווי אַ דייזשע טייג,
ווי אַ האַרץ פון אַ יענטע, צי אַ שרה־ביילע,
וואָס דערזעט דעם נחת פון קינדער און קינדס־קינדער,

און ווי יענע די אייניקלעך, וויל איך איצט
האַלזן די צוויי מיליאָנען ברידער — יעדערן באַזונדער.
וואָס טויגן דאָ חקירות, וואָס טויג פּאָליטיק?
דאָ זענען מיר אין ירושלים צוריק.
און משיחס-צייטן — די טעג,
ער האָט שוין צעריסן די קייטן — און איז פון רוים אַוועק.

איך בין שיכור, שיכור פון פרייד,
וואָזשע האָב איך דאָ מורא און פאַר וועמען
דאַרף זיך אַזאַ מין שיכור שעמען?
אָט וועל איך אַ זינג טון, ווי אין שמחת־תורה
אהרן באַלעגאַלע אויפן מיטן מאַרק,
דאָ אינמיטן ניו-יאָרק, אויף דעם שטאָלענעם שפּיץ־באַרג —
אָט וועל איך אַ זינג טון — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווייעט דער ווינט—
ווייעט פון ווייט —
ווי —
ווי מיר —
ווי מיר, אָט בין איך שוין ווידער ניכטער,
ווידער אַ ראַפינירטער דיכטער,
ווייטיקט ווידער דאָס האַרץ און דער בליק פליט, ווי אַ ראַדיאָ־בליץ,
צוריק. און אויף נאַקעטן פלייש פון האַרץ
האָט אַ זשאַווער-נאָגל געגעבן אַ קריץ,
און איך האָב זיי דערזען, דערזען זיי ווידער,
איבער דער וועלט די מיליאָנען ברידער,
וואָס טרוימען פון דיר, גרויסע מאַמע, שטאָט פון אַנטרינען,
און וועלן דיך קיינמאָל נישט געפינען.
זייער לעבן אויף זיי, ווי אַ קברים־שטיין,
גראָבט זיי אין דער נויט, ווי אין דער ערד אַריין.
אָן אַ קול איז שוין זייערע מענערס זיפצן,
און אָן טרערן זייערע ווייבערס געוויין.

נאָך בענטש איך דיך, מאַמע ניו־יאָרק,
נאָר מיינע פויסטן זענען שוין ווידער,

קאָנטינענטן און אָקעאַנען

ווי די ווייפולע ווערטער אין מיינע לידער
אין אוממאַכט געביילט.

האָסט מיליאָנען מיט דיין ברויט פון פרייהייט באַטיילט,
געבענטשט זאָלסטו זיין פון די עמפּאַיר־הימלען,
געבענטשט דו און געבענטשט די צווײ מיליאָנען, וואָס ווימלען דאָרט אונטן,
און געבענטשט יענע, וואָס זענען ווייט און פאַרמשפּט ווי שוואָמען צו שימלען,
אין היימען, אין קעלערס, געזאַלצענע, נאַסע און טוכלע פון טרערן,
אין שטעטל, אין דאָרף און אין שטאָט,
וואָס שווימען אין אַ פאַרפלייצונג פון האַס אויף גאָטס באַראָט.

פון דער עמפּאַיר־סטעיט, אויף דער צווײ און פערציקסטער גאַס,
זע איך געסלעך, בית־עולם סטעזשקעס פאַרווילדערט,
און קרומע הייזלעך, ווי מצבות אַלטע,
טיפער זינק איך און טיפער, די עמפּאַיר פאַרשווינדט,
אין די אויערן בלאָזט אייזיקער ווינט,
פון אַ קליינעם דעכעלע רייסט ער שינדלען,
אין שטיבעלע רייסט זיך אַ קינד אין נאַסע ווינדלען
און בייסט די ברוסט פון מיין שוועסטער — זיין טויטער מאַמען.

מאַמע, מאַמע, ניו־יאָרק,
פאָטער, פאָטער אין הימל —
איצט, דאָס ערשטע מאָל אזוי נאָנט צו דיר, איצט, אָדער קיינמאָל נישט
מוזטו דערהערן!

און אויף מיינע ליפּן ווידער
קומען ווערטער פּראָסטע, ווי פון אַן אַלטן סידור —
פאָטער — פאַרוואָס ביסטו אַן
רחמנות צו יענע צען מיליאָן?
וואָס גייסטו מיט זיי טון, וואָס גייסטו, וואָס?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַנטשטומט דער דאַנק — אַנטשוויגן געבעט.
פאַרנאַכט — שפּעט.
איבער די גאַסן פון מאַנהעטן לייגט ווי אַ שאָטן זיך אויס
אין זיין גאַנצער, באַרגיקער גרויס
דער שאָטן פון עמפּאַיר־סטעיט.

1934

דזשים און דזשין

ניו-יאָרקער נעגער־באַלאַדע

דזשים מאַכט זיך סימנים, דזשים איז פאַרליבט און ער פרוווט,
און עס קומט: זי וואָרט נישט! — זי וואָרט! — ער לאַכט.
דזשים האָט זיך מיט דזשין, זיין מיידל, באַשטעלט
אויף זייגער זעקס פאַרנאַכט.

דזשים ציט די געפּרעסטע הויזן ארויף
און די ענגע שיך; בעסטער שווארצער לאַק.
ער קוקט אין שפּיגל — ער איז פאַרטיק
האַק און פּאַק.

דזשים שמירט זיינע קרייזלעך מיט געדיכטער פּאָמאַד
און קלאַפּט ארויף דעם שטייפן הוט.
ווידער סמנים: דזשין וואָרט נישט! — און ווידער: זי וואָרט!!
דזשין, דאָס מיידל פון האַלבוויסן בלוט.

און נאָך אַ כאַפּ דעם שפּיגל אין דער האַנט:
איך בין אָלרייט — דאָס רופט מען טיפּ-טאָפּ!
פון די צען־דאָלאַר לאַק־שיך אָן
ביז צום צען־דאָלאַר הוט אויפן קאָפּ.

און נאָכאַמאָל דער שפּיגל — ער קוקט, קוקט און קוקט,
פון ליבע פלאַטערט דאָס הייסע האַרץ.
פּלוצלונג צעקוועטשט ער דעם שפּיגל אין דער פויסט:
— טפו! ווי דאָס גלאַנצט שוואַרץ! — —

— אַ-קעי! ער גיט אַ שטעק אַריין
אין די בלוי־ברייטע ליפּן אַ ברוינעם ציגאַר,
און אַ ליד גיט זיך אַ זונג פון זיך:
— קאַוויראַנדאַ פון זאַנזיבאַר. — —

דזשים פּליט פון די טרעפּ און ער בייסט דעם ציגאַר,
און ער טראַכט: איי ביסטו דזשים אַ ווילדער נאַר!
און דאָס לידל ענטפערט אים, אין ריטם פון זיך אַליין:
— קאַוויראַנדאַ פון זאַנזיבאַר. — —

ער גייט און ער שפּרינגט, ער טאַנצט און ער זינגט,
זעקסטע עווענױ, אַכט און ניינציקסטע גאַס...
— דזשין? — דזשין איז נישטאָ, דזשין האָט אַלעמאָל ליב
צו טרייבן אַביסל שפּאַס.

דזשים איז אויפגעלייגט, וואַרפט מיט דאָלאַרן ארום,
קויפט ער אָן אַ באַרג מיט צוקערוואַרג.
דזשים טראַכט: קוים האָסטו ליב אַזאַ מיידל ווי דזשין
מוזטו זיין שטאַרק.

ער קויפט שיר נישט אָפּ דאָס האַלבע געשעפט
מיט בלומען אויף דעם ראָג פון דער עווענױ.
ער לאַכט: נאָך אַ שעה — קאָן איך עפענען אַליין
אַ בלומען־ און אַ צוקער-קראָם... דזשין איז נישטאָ. — —

דזשים מאַכט ווידער סימנים: פּליקט די רויזן אָפּ — —
דזשין קומט נישט, זי קומט, דזשין נישט, דזשין יאָ, דזשין, דזשין —
עס איז זיבן, נאָר דאָס מאַכט נישט, נאָך אַ סימן,
סימנים אַהער, סימנים אַהין.

דזשים בייסט שוין פון ווי דעם לעצטן ציגאַר,
פּליקט אָפּ די לעצטע בלום —
עס איז אַכט, נאָר דאָס מאַכט נישט. זי וועט קומען —
דזשין האָט דאָך אַליין געזאָגט: איך קום. —

און אָט קומט זי — דאָרט קומט זי — דאָרט — קומט — — זי — —
מיט אַ ווייסן מאַן — אין אַ קרייזלער־קאַר. —
דזשים גיט אַ שמיץ דאָס צוקערוואַרג
און פּרעסט מיט די גרויסע ציין דעם ציגאַר. —

— דזשין! דזשין!! — און דזשים האָט גליק געהאַט:
סיגנאַלן-בייט — עווענױס רויט, קווערגאַסן — גרין.
דזשים גייט צו און ער פייפט — קאָווראַנדאָ פון זאַנזיבאַר —
— העלאָו דזשין!

— העלאָו דזשים! און עס ציטערט אַזש
הינטער שטייף־זיידן קלייד איר בלאַס-ברוינע האַלב־ווייסע הויט,
און די אויגן ווינקען און בעטן: — דזשים זיי קלוג, דזשים — —
אַזש די גרויסע ווייסלען ווערן רויט.

— יעס, דזשין, אָל־רייט, אָ-קעי, יעס!
סיגנאַלן: קוועך־גאַסן רויט און עוועניוס גרין.
— גוד-באַי, דזשים, ווייל דיך גוט — גוד־באַי!
— העוו אַ גוד טיים, דזשין!

דזשים גיט אַ זעץ מיט די לאַק-שיך, אַ וואָרף מיטן הוט,
ווי אַ מדבר־לייב וואָלט אין אים געשפּאָרט.
דרייהונדערט יאָר און צוויי שעה געוואָרט
האַסטו, דזשים — און אומזיסט געוואָרט. — — —

דזשים איז משוגע געוואָרן, דזשים זעט קעפּ,
שוואַרצע קעפּ, ברוינע קעפּ, בלאָנדע קעפּ, גלאַטע קעפּ, און קרייזל־קעפּ,
דזשים זעט טרעפּ — טרעפּ ארויף, טרעפּ אַראָפּ,
טרעפּ. — —

דזשים זעט קעסלען, קעסלען מיט בלוט,
ער פאַרשטייט עס יאָ און פאַרשטייט עס נישט,
דזשים זעט דעם מאַן פון דער קרייזלער-קאַר, מיט אַ לעפל זעט ער אים,
ער קאָכט די קעסלען און מישט און מישט — —

ביי דזשימען אין קאָפּ; ער נעמט ארויס דעם דאָלאַרן־פּאַק
און שפּרינגט אַראָפּ אין דער ערשטער באַר.
אַ זעץ אין דער פּויק פון דעם דזשאַדז: — שפּיל מיר!
— וואָס? — קאַוויראַנדאָ פון זאַנזיבאַר!

און דאָס ערשטע מיידל גיט ער אַ ריס,
בויגיק — אַ פּאַלמע, ווי שטיין-קויל גלאַנצט זי שוואַרץ.
דעם סמאָקינג אַראָפּ — דאָס שטייפע ברוסט-העמד אויף,
און ער דריקט זי צום נאַקעטן, גלאַטן האַרץ.

ער וואַרפט דעם פּויקער די דאָלאַרן צו
און גיט אים אַ טרייסל מיט דער פויסט ביים לאַץ.
— שפּיל! הערסטו! איך בין אַ קאַוויראַנדאָ פון הייסן בלוט,
שפּיל מיר אַן אמתן זאַנזיבאַר־דזשאַדז!

און ער טאַנצט און ער טאַנצט און עס שפּאַלט זיך דער לאַק
פון די ענגע לאַקירענע שיך.
— שפּיל, דעם עכטן דזשאַדז — דעם פון זאַנזיבאַר —
איך בין אַ קאַוויראַנדאָ — אַליין אַ רוח!

דאָס מיידל חלשט. — חלש נישט, איך צאָל!
— דו ביסט דאָך פון זינען, דזשים — דו ביסט — — —



— דאָס קלייד אַראָפּ, די שוואַרצע הויט!
מיר נעגערס טאַנצן מיט נאַקעטע בריסט!

און ער טאַנצט מיט איר ארויס אויף דער גאַס,
ביז צו דער זעקסטער עוועניו,
און ער טאַנצט לענגאויס די עוועניו
ביז צו דער בראָדוויי צו,

און דער גרויסער, ווייסער וועג, די בראָדוויי
בלייבט שטיל — און מיט אויסגעשטרעקטער האַנט,
האַלט אויף דעם שטראָם פון דעם מענטשן־מיליאָן
אַ בראָדוויי-פּאָליציאַנט.

דאָס מיידל חלשט און שלעפּט זיך נאָך,
ביז ער וואַרפט זי אין אַ בויגן אַוועק —
דזשים טאַנצט אַליין — איבער קעפּ — איבער קעסלען — איבער טרעפּ —
ביז ער דערזעט אַ שאַרפן ברעג. — —

דזשים טאַנצט אויף דער בינע פון גאַנץ ניו-יאָרק,
מיליאָנען איז זיין פּובליקום,
אַלע הויכע פענסטער פּראַלט מען אויף
אין די וואָלקן־הייזער אַרום.

מינוטן טאַנצן, עס שפּרינגען סיגנאַלן.
רויט — געל — גרין — — געל — — — — רויט.
דזשים: בלוט — קעסלען — קעפּ — בלוט — קעסלען — טרעפּ —
און אַ ברעג — אָפּגרונטיק — אַליין דער טויט.

נאָך אַ זעץ מיטן פוס, נאָך אַ לעצטער דריי,
נאָך אַ טאַנץ — און אָט שטייט ער שטאַר —
אַ רגע — ער בויגט זיך איין — נאָך אַ געשריי;
אַ לעצטער: קאָוויראַנדאַ פון זאַנזיבאַר. —

נעפּל — נאַכט — דזשים — אין נאַכט — אַ פּאָליציאַנט —
ער פאַלט. אַ זעץ גיט אין שטיין זיין האַרטער קאָפּ.
עמעץ כאַפּט אים נאָך אָן ביי דער האַנט,
ער הערט אַ וואָרט: סטאָפּ!

און עס ענטפערט נאָך זיין מויל: אָל־רייט!
מיט אַ שוואַכער, לעצטער שטים —
ער ליגט; סטאָפּ! עמעץ האָט אַ קאָנטאַקט פאַרדרייט —
אויסגעלאָשן דזשים. —

און ווידער גיט דער שטראָם אַ זעץ
דורך בראָדוויי אין דער גאַנצער ברייט.
ארום דזשימען אַ רעדל, און אין רעדל אַ לץ,
און ער רעדט און מען לאַכט, וויל יעדער פאַרשטייט:

— נישט שלעכט געטאַנצט — טייוול — נאָך איין מינוט,
טייוול — ווען נישט דער טויט,
וואָלט ער דאָך אַרויסגעטאַנצט פון זיין בלוט,
אַרויסגעשפּרונגען פון דער הויט. — —

אַ טענצער אַזאַ — טייוול — דער טויט —
איז אַ נומער אין אַ גוטער ניו-יאָרקער באַר:
— העלאָו! אַ טענצער, וואָס שפּרינגט אַרויס פון דער הויט!!!
העלאָו — ערשט נעכטן פון זאַנזיבאַר!!!

1935

וועגן שוואַרצער ליבע, שוואַרצן טויט און גאָלדענעם גאָלד

לויט אַ נישט-געדרוקטער כראָניק־נאָטיץ אין אַ יאָהאַנעסבורגער צייטונג

דאָס איז אַזוי פּראָסט, דאָס מוז אַזוי זיין,
ווייל גאָט, אַליין האָט אַזוי געוואָלט,
אַז טיף אין דער ערד, אין גראַניטענעם שטיין
זאָל וואַקסן דאָס גאָלדענע גאָלד.

און ער האָט אויך אַפריקע אויסגעטראַכט,
און די נעגערס דאָרטן צוגעקלערט,
און אַליין געצויגן דורך יאָהאַנעסבורג
אַ גאָלדענעם שלאַג־אָדער אין דער ערד.

און ער האָט אויך קונציק אָרגאַניזירט
דעם קאָמפּליצירטן וועלטן-אַל,
מיט ליבע באַזאַלצן און תאווה באַפּעפערט,
פון מאַן צו פרוי און מענטש צו מעטאַל.

און שפּעטער האָט ער באַשטעלט אַ שטאָט
אויף דעם שוואַרצן קאָנטינענט —
יאָהאַנעסבורג — און געשטעלט האָט ער זי
פּונקט אויף דעם גאָלדענעם פונדאַמענט.

און אַז די שוואַרצע האָבן תאווה צו ליבע אין בלוט,
און די ווייסע תאווה צום גאָלד אין בלוט,
האָט גאָט געטראַכט: האָב איך מיינס דערגרייכט,
האָב איך מיין וועלט געשאַפן גוט.

פאָרן יאָר־איין און יאָר־אויס די אַגענטן
ארויס אויף דעם שווארצן קאָנטינענט,
און דינגען פאַר יאָהאַנעסבורג
הונדערט טויזנט שוואַרצע פאַר הענט.

און צווישן די הונדערט טויזנט פאַר הענט
איז געווען לאַבונאַס פאַר,
אַ יונג און פאַרליבט, גייט פאַרדינגען נדן
און אַרבעטן ביי גאָלד צוויי יאָר.

לאַבונאַ איז אַ יונג מיט ביינער, ווי אַן אָקס,
אַזעלכע נעמט צו די גאָלד-מינע „קרוין",
צענטויזנט פוס גייט זי אין דער ערד
און צענטויזנט שוואַרצע האַלט זי אויף לוין.

שרייט לאַבונאַ, ווי אַן אָקס דאָס ערשטע מאָל,
ווען מען לאָזט אים אין דער ערד אַראָפּ,
ווי מען צוימט אַ פערד דאָס ערשטע מאָל,
אַזוי רייסט ער אין דער הייך זיין קאָפּ.

נאָר לאַבונאַ איז אַ יונג שוין גאָרנישט קיין נאַר.
טראַכט ער, אַז די ווינדע איז אַזאַ מין באַן,
איז איין באַן גייט זיך גלייך אויף דער ערד
און די צווייטע גייט אין דער ערד אַריין.

און עס טוט אים אפילו הנאה אויך
אויף צומאָרגנס אָט די באַן,
און ער טראַכט, ווייל ער איז גאָרנישט קיין נאַר,
אָט אזוי פאַרדינט מען אויף נדן.

אַז לאַבונאַ שפּאַנט דאָרט אונטער דער ערד,
איז ווי דריי לעמפּלעך וואָלטן געגליט,
צוויי — דאָס זענען זיינע צוויי אויגן,
און דאָס דריטע — זיין לעמפּל פון קאַרביד.

קאָנטינענטן און אָקעאַנען

צוויי תאוות זענען דאָ אויף דער וועלט,
אזוי איז זי קונציק אָרגאַניזירט,
אַז די תאווה פון גאָלד פירט די תאווה פון ליבע,
און די ליבע־תאווה די גאָלד-תאווה פירט.

לאַבונאַ טראַכט: עס איז גאָרנישט שלעכט,
ביינאַכט בין איך איינגעקלעמט אין מיין בעט,
און בייטאָג לויף איך מיר ווי אַ פערדל גיך,
אין שפּאַן פון קליינעם וואַגאָנעט.

פאַרדונגען בין איך אויף אַכצן לבנות,
און אַריבער זענען שוין עלף,
און ער שטעלט זיך אָפּ און ער ציילט אויף די הענט:
שוין מער ווי אַ גוטע העלפט...

דעמאָלט לויפט ער גיכער און עס לויפט פאַר אים
אין דער פינצטער דאָס שוואַרצע לייב פון זיין מויד,
און פונקט ווי דאָס שוואַרצע לייב לויפט פאַר אים,
אזוי לויפט אים נאָך פון הינטן דער טויט.

און ווי ער גיט זיך נאָר אַ קער
קערט זיך אויכעט אום דער טויט,
דער טויט — נאָר לאַבונאַן, און לאַבונאַ זעט נאָר
דאָס שוואַרצע לייב פון זיין מויד.

צוויי — טראַכטן כסד וועגן לאַבונאַן;
אין קראַאַל, אין דאָרף, טראַכט — פאַרשטייט זיך — די מויד,
און דאָ אין דער ערד האָלט אין איין טראַכטן
וועגן לאַבונאַן דער טויט.

און עס לויפט לאַבונאַ אונטער דער ערד
פון איין שוואַרצער גאַס אין אַ צווייטער גאַס,
און דער טויט לויפט אים נאָך — און ער לאַכט און ער טראַכט,
אַז דאָס איז אַ שפּיל אַזאַ און אַ גוטער שפּאַס.

און אַמאָל האָט דער טויט, אָט גלאָט אזוי
לאַבונאַן געטון מיט דער האַנט אַ גלעט — —
טראַכט לאַבונאַ: צי לויפט מיר עמעץ נאָך?
און ער גיט אַ שטעל אָפּ דעם וואַגאָנעט.

איז שיר נישט פון דעם שפּאַס געוואָרן ערנסט,
נאָר ס'האָט זיך געענדיקט בלויז מיט אַ קלאַפּ.
לויפט לאַבונאַ ווייטער און לאַכט, לויפט דער טויט און טראַכט:
נישט געוואָלט נאָך כאַפּן און שיר געכאַפּט.

רופט אַמאָל צוזאַמען די גאָלד־מינע טויטן
זייער פּאַרמאַן, דער איבער־טויט.
— היינט נאַכט איז אַ סעודה — אַריינשניידן דרייצן
דאַרף מען אין אונזער טויטן-קרויט. — —

האַלטן די טויטן פון דער גאַנצער מינע
אַ קורצע באַראַטונג אָפּ,
און באַשליסן און ציילן אָפּ דרייצן געגנוי —
און פּונקט דער לעצטער איז לאַבונאַס קאָפּ.

דאָס בעסטע איז די צייט פאַרנאַכט,
ווען עס בייט זיך איבער די שיכט,
דעמאָלט ווערט אַזאַ ענין צוזאַמען געמאַכט,
און טאַקע אין דעם ווינדע־שאַכט,
און פּאַרטיק אויף איינמאָל דאָס גאַנצע געריכט.

זי איז עפּעס טאַקע אַ קונציקע וועלט,
אַ ליבע און אַ גאָלד־געפלעכט,
און אַז זי איז אזוי געמאַכט אַליין
פון גאָט — איז מסתמא גאָט גערעכט.

ליבע איז גאָלד און גאָלד איז ליבע,
ליבע איז די וועלט און גאָלד איז די וועלט — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

לאַבונאַ איילט זיך, קוים, קוים וואָס ער האָט זיך
דער דרייצנטער אין דער ווינדע געשטעלט.

איצט פליט לאַבונאַ אין דער הויך ארויף,
קוקט ארויף און זעט — אין דער לופט זיין מויד,
און עס פליט אים נאָך און שטופּט די ווינדע
מיטן גאַנצן כוח דער טויט.

נאָר איידער ער האָט זיך גענומען דערצו,
האָט ער אויבן עפּעס געגראַבלט, געשרויפט —
פליט לאַבונאַ און טראַכט: די צייט ווי זי פליט,
ווי די ווינדע איצטער לויפט. — —

העי — — און ווייטער האָט ער שוין גאָרנישט געטראַכט,
ווייל ווייטער האָט שוין דער טויט געלאַכט — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווי די שוואַרצע פייגל ארויסגעפלויגן
זענען אַלע דרייצן אין אַ לופטיקן בויגן. — —

ליבע און גאָלד און דער טויט אין דער מיט,
עס איז טאַקע געטלעך אָרגאַניזירט,
מיט איין וואָרט: געטלעך! — די צייטונגען אפילו
האָבן דעם טעגלעכן פאַל נישט נאָטירט.

צו נאַכט־שיכט ביי לאַבונאַס וואַגאָנעט
איז געשטאַנען אַן אַנדערער שוין,
און גאָלד האָט מען אויכעט פּראָדוצירט
לויט פּראָגראַם אין דער גאָלד־מינע „קרוין".

און עס האָט נישט קיין וואַקל געטון די שטאָט
יאָהאַנעסבורג אין איר פונדאַמענט,
ווייל עס איז אַזאַ געזעץ, אַז ביי אַזאַ אַרבעט
מוז פאַלן טויט אַ געוויסער פּראָצענט.

דאָס איז אַזוי פּראָסט, דאָס מוז אַזוי זיין,
און גאָט אַליין האָט אַזוי געוואָלט,
אַז איינמאָל צאָלט דאָס גאָלד פאַר דער ליבע,
און אַן אַנדערש מאָל די ליבע פאַר גאָלד.

1931

שוואַרץ־ווייס־רויטע באַלאַדע

— וואָזשע לאַכן דיינע גראָבע ליפּן?
און די פערדישע ציינער שטשירען ווייס?

אַראָפּ מיט דעם ממזר פון דעם רוקן!
אָ, ווי זיי פּרוכפּערן זיך — ווי די מייז!

— אַרבעט איך פּויל? וואָס אַרט עס דיך, ווייסער בוואַנע?
דאָס קינד איז מיר ווי אַ פּעדערל לייכט,
און זע, ווי ער לאַכט שוין, יאַמבאַ, בוואַנע!
כאָטש פון נעכטיקן בלוט נאָך פייכט.

— וואָס רעדסטו מיר פון בלוט פון שוואַרצן,
וואָס דאַרף איך ממזרים אויף מיין הויף?
און ווילסטו נישט אַרבעטן — מאַרש! אין קראַל צוריק!
אַז נישט הענג איך דיך מיט דיין ממזר אויף!

— מיך הענג איבער נאַכט, נאָר מיין קינד נישט, בוואַנע,
זע, זע, ווי ער האָט זיך צו דיר צעלאַכט,
דאָס פּנימל שוואַרץ, ווי מיין פּנים, בוואַנע —
נאָר די אייגעלעך בלוי, ווי די שטערן אין — יענער — נאַכט —

— ווייז נאָר די אייגעלעך, קאָפּער, קאָפּערל,
זיי זענען טאַקע אויף אַן אמת בלוי!
דאָס הייסט, אַז דיין מאַמע, די זונה איז
געלעגן אויף דעם אָרט פון אַ ווייסער פרוי?!

— נישט קיין מוזאַרע, נישט קיין זונה, בוואַנע,
נאָר אַ שוואַרצע פרוי צו אַ ווייסן מאַן,
האָסט אַ שעפּס געשענקט פאַר דער נאַכט צו מיין פאָטער,
דו אַליין! דערמאָן זיך, בוואַנע, דערמאָן!

— האַלט די רויטע צונג, דו חיה, דו שוואַרצע,
הינטער דיינע פערדישע ציין!

יאָ — יאָ — מאַרש אין מיין שטאַל, נעם נאָך אַ שעפּס,
און לאָז מיך דאָ מיט דעם ממזר אַליין. — — —

— פֿאַר אַ שעפּס? פֿאַר איין שעפּס וועל איך אים דיר געבן?
און פינף־מאָל פינף אָקסן, ווען דו גיסט!
זע, ווי ער שמייכלט, ווי די הענטעלעך ציען זיך
צו דער ווייסער מילך פון די שוואַרצע בריסט.

— מיט דער בייטש אין מיין האַנט וועל איך צעשניידן
פון דיינע בריסט די שוואַרצע הויט,
כ׳וועל אים שוין זיין מאַמעס, דער זונהס, מילך
פאַרפאַרבן רויט.

— די ברוסט מעגסטו שניידן, נאָר דעם רוקן — נישט!
ווייל דאָרטן זיצט דאָס קינד —
אָ! אָ!! שטאַרקער נאָך, שטאַרקער,
שינד, שינדער, שינד!

פאַר יעדן בליץ פון די גרויסע ווייסלען,
פאַר יעדן געלעכטער, נאַריש געלאַכט,
פאַר יעדן קוש מיט די בלויע ליפּן
אין יענער הייסער נאַכט.

בוואַנע, בוואַנע, איך גיי דאָך באַלד אויס,
ווי, ווי — דו בלייבסט מיט דעם קינד אַליין —
אָ— אָ!! איצט שלאָגסטו דאָך ס׳קינד, דערקענסטו דען נישט,
בוואַנע, דיין אייגן קינדס געוויין?!

— פאַר יעדן כישוף־שפּרוך, וואָס דו האָסט שטיל
צו דיינע געטער דעמאָלט גערעדט!
פאַר יעדן אָרומנעם מיט די שלאַנגען, די שוואַרצע פיס
אויף דעם ערדענעם בעט!

— אָט — אָך! אָט בלייבסטו שוין, בוואַנע, בוואַנע,
מיט דעם קינד אַליין —
אָ מאַמע ערד! צי דיך נאָך איינמאָל אויס, צעשניטענע האַנט!
נאָך אַ צי — אָט איז ער — אָט האָב איך אים שוין —
דעם שטיין!
דו וועסט שוין נישט בלייבן, ווייסער בוואַנע,
מיט דיין שוואַרצן קינד אַליין — אָך!

1932

גיטעלע

אַ וואַרשעווער קינדער־באַלאַדע

אין וואַרשע, אויף דער סמאָטשע־גאַס,
זענען די קינדער קרעציק און בלאַס,
און בעטן ביי די מאַמעס ברויט,
און עס וואַרפט זיי פון קעלער ארויס דערפאַר
די מאַמע — אין די לעכער פון טראָטואַר.

קוועטשן זיי די נעז צו די פענצטער מיט שפייז,
זעען געלע פוטער און ווייסן רייז,
און לאָזן זיך פון הונגער — איבער דער שטאָט.
זיי טשעפּען זיך אָן אויפן בופער פון טראַמוויי,
וואָס לויפט דאָ צום הויפּט־וואָקזאַל פאַרביי.

אָדער שטעלן זיך אַרום מיט רעש און רויש
אַרום אַ פולן, קאָכעדיקן בייגל־קויש.
נאָר טאָמער גיט אַ בליץ נאָר פון דער וייט
אַ מעשענער דאַשעק פון אַ פּאָליציאַנט,
שטעלן זיי זיך שטילע אויס ביי דער וואַנט.

אַז דער דאַשעק פאַרשווינדט פון אַלעמענס בליק,
קומט דער בייגל-קויש אויף זיין אָרט צוריק.
העלפן זיי שרייען ארום בייגל-קויש:
אַ גראָשן אַ בייגל, קאָכעדיק און הייס!
ביז דער בייגל-הענדלער צעטרייבט זיי בייז.

און אַז דער בייגל־הענדלער צעטרייבט זיי בייז,
געפינט זיך שטענדיק אויף דער גאַס עפּעס נייס:
אָטאָ הינקט אַ וועגעלע מיט פלוימען פול,
און פון צייט צו צייט — עס איז ווי אַ טרוים —
פליט פון וועגעלע אַראָפּ אַ פלוים. — —

אין רינשטאָק פאַלט זי, איבער שטיינער, ווי טרעפּ —
גיבן זיך אַ לאָז נאָך איר די קינדער־קעפּ,
און די פלוים — זי ווינקט פון דעם רינשטאָק שוין
מיט דער גוטער זייט — די צווייטע איז פויל —
און די סלונע רינט אַזש פון קינדער-מויל.

און איידער עס ווערט זייגער עלף ביינאַכט,
און די טויערן ווערן אויף דער סמאָטשע פאַרמאַכט,
רוקן די קינדער ווידער אַלע אָן,
און איינציקווייז גיבן זיי זיך אַ שאַר
אין די קעלערס אַראָפּ, גלייך פון טראָטואַר.

דער טאַטע — ווי אַ וואָלף, די מאַמע איז קראַנק,
און דאָס לעמפּל האָט געטון שוין דעם לעצטן צאַנק.
— ווו איז גיטל?! וואָס איז גיטל עפּעס נאָך נישטאָ?
— זי שלעפּט זיך אוודאי, גיט דער וואָלף אַ ברום —
ווידער מיט די שקצים אַרום!
און ער כראַפּעט באַלד: כאַפּט זי אַ שוואַרץ יאָר!

און אזוי, ווי עס וואָלט שטיל געררודערט אַ שטשור,
קומט גיטעלע אַריין נאָך האַלבער נאַכט — —
ווי אַ בער אַ מרוק, גיט אַ בעט אַ סקריפּ:
— אַ רוח אין דיין טריפה האַרץ, אַ בראָך אין דיין
זיבעטער ריפּ!

זי איז שיכורלעך און מיד, צוועלף יאָר אַ קינד,
גיט זי פון שרעק אַ שוועבעלע אַ צינד,
און ווי דאָס פלעמעלע גיט נאָר אַ פלאַם,
איז די גאַנצע שטוב באַלד אויפגעוועקט,
טאַטע-מאַמע שרייען, די קינדער וויינען פון שרעק.

נאָר כאָטש זיי דערזעען זי וואַקלדיק שטיין,
מוז דער כעס באַלד אַליין פון זיך פאַרגיין:
ווי אַ כישופמאַכערין שטייט זי אין שטוב,
עס טאַנצט איר שאָטן אויף אַלע פיר ווענט,
און ווי גאָלד-בראַנזאַלעטן — בייגל אויף די הענט.

און זי גיט אַ לאַך, אַ שפּרונג און אַ טאַנץ
און דערלאַנגט דער מאַמען אַ גרויסע מאַראַנץ,
און עס קוליען זיך בייגל צו די קינדער אין מויל,
דער טאַטע גאַפט — און זי שטייט שוין ביי זיין בעט
און פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל מיט אַ ציגאַרעט.

אָט אזוי איז אויף סמאַטשע, נומער זעכציק נייַן,
דאָס גליק אַליין אין קעלער אַריין,
די מאַמע איז ווידער אַ מענטש — און אין טאָפּ
קאָכט אַמאָל זיך קאַרטאָפליעס, אַן אַנדערש מאָל — רייז,
דער טאַטע רויכערט און איז נישט מער בייז.

און ס'גליק איז געגאַנגען אַ פערטל יאָר,
גיטעלע גנבעט זיך מער נישט ווי אַ שטשור,
נאָר זי קומט אַהיים, צינדט דאָס לעמפּל אָן,
דער טאַטע — אַ גוט-וואָרט, די מאַמע — אַ גלעט,
און זי לייגט זיך צו דער מאַמען אין וואַרעמען בעט.

נאָר איינמאָל איז אויף סמאַטשע, נומער זעכציק נייַן,
אַ גאַנצע נאַכט געוועזן געוויין:
— גיטעלע, גיטעלע, אונזער שפּייזער, אונזער קינד!

דער טאַטע שרייט: ווי איז מיר און ווינד!
און די מאַמע וויינט זיך אויס די אויגן בלינד.

און גיטעלע — — — האַלט צו דאָס פּלייצעלע מיט דער האַנט,
ווען עס קאַפּעט זי פאַר זיך דער פּאָליציאַנט
מיט אַ גאַנצער טשאַטע אין צערקל אַריין.
דאָרטן לייגט זי זיך שטיל אַנידער אויף דער ערד,
און זי זאָגט: מסתמא איז אַזוי באַשערט.

נאָך דער נאַכט אין צערקל — אין קרעץ־שפּיטאַל,
דאָרטן שערט מען איר אָפּ דאָס קעפּל גאָל,
דאָרטן ליגט זי אָפּ אַ וואָכן פיר,
און גלייך פון דעם קרעץ־שפּיטאַל ארויס,
שיקט מען גיטעלען אין פאַרבעסערונגס־הויז.

און נאָך אַ חודש אין פאַרבעסערונגס-הויז
גלייך אויף דעם פּראַגער בית־עולם ארויס — —
— — און פון דעם פּראַגער בית־עולם צוריק
שווייגט דער טאַטע — אַ שטיין, די מאַמע שווימט אין געוויין,
צוריק אויף סמאָטשע נומער זעכציק ניין — —

און אין וואַרשע, אויף דער סמאָטשע־גאַס,
זענען די קינדער קרעציק און בלאַס,
און בעטן ביי די מאַמעס ברויט,
און עס וואַרפט זיי פון קעלערס ארויס דערפאַר
די מאַמע — אין די לעכער פון דעם טראָטואַר.

קוועטשן זיי די נעז צו די פענצטער מיט שפּיז,
זעען געלע פוטער און ווייסן רייז,
און עס כאַפּט זיך אויף אַזאַ הונגער אין זיי,
און זיי כאַפּן זיך אָן אָן די בופערס פון טראַמוויי,
און זיי לאָזן זיך אין הונגער, ווי אין ווילדער שרעק,
איבער אַלע גאַסן פון וואַרשע אַוועק,
און פון גרויסן וואָקזאַל אויף די בופערס פון דער באַן,
וו עס איז נאָר אַ שטאָט אין פוילן פאַראַן,
און ווייטער, ווייטער און אומגעקלערט,
וו עס איז נאָר אַ לאַנד אויף דער גרויסער ערד.

נאָר ווײַל מען שעפּט פון ברונעם אַרויס,
גייט קיינמאָל אין אים דאָס וואַסער נישט אויס,
אַזוי גייען נישט אויס אויף דער סמאַטשע־גאַס,
די קינדער, וואָס זענען קרעציק און בלאַס.

און אַז גיטעלעס נשמה איז אין הימל אַרײַן,
האָט זי דאָרט זיך, ווי אין צערקל, אויף דעם דיל געלייגט,
און דעם מלאך האָט זי שטיל אויף דעם אויער געפרעגט:
— מוז עס טאַקע, וועט עס טאַקע אַזוי אייביק זײַן?

1932

ווינטער־באַלאַדע אין לענין־מאַוזאָלעאום

נײַנצן — דרײַסיק — פינף,
מאָסקווע — יאַנואַר — פאַרנאַכט.
זון פאַלט טיפער און טיפער.
גליענדיקער, רויטער, העכער און העכער,
שטייגן אירע לעצטע, רויטע שטראַלן
אויף די שפּיצן פון די קרעמעל־דעכער.

נאָך אַ לעצטער גלי, נאָך אַ לעצטער פונק,
נאָר נאָך דער העכסטער שפּיץ אין לעצטן, רויטן ליכט,
נאָר נאָך די פאָן —
זונפאַרגאַנג,
דעמערונג.

אַכט רויט־אַרמייער מאַרשירן
איבער דעם רויטן פּלאַץ,
צוויי גלײַכע, שאַרפע פירן.
זיי קרייצן שאַרף דעם פּלאַץ
צום לענין־מאַוזאָלעאום פון רויטן גראַניט.

אויף די שפּיצן פון אַכט באַיאָנעטן גליט
דער שײַן פון די פרי־געצונדענע ווינטער־לאַמטערן.
דער ווינט יאָגט זיי נאָך און צעשאַרט די שריט
אין טרוקענעם, פראָסטיקן שניי.

עס שאַרן די ערד די לאַנגע מענטל,
שטעכן דעם נידריקן הימל די שפּיציקע קאַשקעטן,
זעכצן שטיוול קלאַפּן אין שאַרפן טריט,
אין שאַרפן ריטם די אַכט באַיאָנעטן.

זייגער פיר פאַרנאַכט
בייט מען איבער די וואַך
אויף דעם רויטן, גלאַטן
גראַניט פון מאַוזאָלעאום.

— סמירנאַ! האַלט סאָלדאַטן!

לענגאויס דער קרעמעל־מויער
שטייט אַ לאַנגע מענטשן־ריי,
שטייט און וואַקסט, ווערט געדיכטער, גרעסער, רגע־איין, רגע־אויס.
איר קאָפּ ביים טויער
פון מאַוזאָלעי.

פון וואַנעט קומט די ריי?
פון יעדן דאָרף און יעדער שטאָט, פון יעדן לאַנד
פון דעם פאַרבאַנד
קומט יעדן טאָג די ריי.

אַן אינאָסטראַניעץ מיט אַ פירער פון אינטוריסט
חנפעט דעם וואַכסאָלדאַט:
— העי, טאָוואַרישטש, וואָס איז דאָ אַזאַ לאַנגע ריי?
נאָך מילך, נאָך ברויט, נאָך טיי?

קוקן זיך דורך די צוויי סאָלדאַטן פון דער וואַך,
זאַטע, יונגע, ווייסע ציינער גיבן אַ לאַך:
— גראַזשדאַנין, פאַרביי!
מען שטייט נישט מער אין פאַרבאַנד אין דער ריי
נאָך מילך, און ברויט און טיי!

— ע, איר שפּאַסט. מאַכט רויטע וויצן פון מיר,
אַן אָרעמען אינאָסטראַניעץ־בורזשוי — חנפעט ער ווייטער:
— העי, טאָוואַרישטש, רויטער אָפיציר,
אפשר קאָנט איר דאָס זאָגן מיר!
לאַכט דער אָפיציר:
— גערעכט, ווי איך בין —

אַ רויט־אַרמייער, גערעכט גראַזשדאַנין,
זיי שטייען טאַקע נאָך מילך און ברויטן,
קוקט זייערע הונגעריקע אויגן אָן,
צום קבר פון גרויסן טויטן
דערהויבן —
זיי שטייען דאָ אין דער ריי נאָך מילך און נאָך ברויט פון גלויבן.

— ספּאַסיבאָ!—ענטפערט דער אינאַסטראַניעץ, דער גראַזשדאַנין;
איצט פאַלן זיינע בליקן אַהין,
ווו אין דער סאַמע ערשטער ריי,
אין שטיוול פון שטרוי,
אין אַ שווערער בונדע — פון די לעכער רינט וואַט,
שטייט אַ יונגע פרוי
און ראַנגלט זיך מיט דעם וואַכסאַלדאַט.
— העי! שטיי רואיק! אַלע וואַרטן!
וואָס רייסט דו זיך אזוי, גראַזשדאַנקאַ, יונגע פרוי?!

אַ רגע שטיל, נאָר שוין וואַרפט זי זיך ווידער:
— אוודאי קאָן איך רואיק שטיין! אפשר זענט איר,
טאָוואַרישטש, געקומען אַהער אַזש פון סיביר?
קינדער אין הונגער געלאָזט!
און געלאָזט זיך אַליין, דורך הונגער און פראָסט
דעם אויסלייזער אויסצולייזן. — —

בליצט דער סאָלדאַט מיט אַ שמייכל, מיט אַ בייזן:
— דאָ הינטער די שויבן קאָנען מיר דיר,
גראַזשדאַנקאַ פון סיביר,
נאָר זיין באַלזאַמירטן קערפּער באַווייזן.

שטייט רואיק אַ ווײַלע די יונגע פרוי
קלאַפּט פוס אָן פוס מיט די שטיוול, געפלאָכטן פון שטרוי,
און רעדט שוין ווידער.
— ווי געזאָגט, דער ערשטער אויסלייזער, יעזו קריסט,
אויב דו ביסט
מיין — איז נישט קיין טאַטע — מאַמע — שוועסטער — ברודער—
איך האָב אויך נישט קיינעם מער, שטיי שוין דאָ פון זייגער צען —
ווען וועל איך שוין זיין — הייליק — פּנים זען?
דאָס גאַנצע פאָלק זאָגט, אַז דער אויסלייזער לעבט,

אַ לעבעדיקער שמייכל אויף זיין פּנים שוועבט,
און ער וואַרט אויף דעם וואָרט פון זיין גלויביקן פאָלק,
אויפשטיין וויל ער ווידער,
גיין צו דער נידער,
צו אונדז, זיינע שוועסטער און ברידער,
ווי יעזו פון צלם אַראָפּ, וויל ער ארויס פון די שויבן,
ער וויל צו אונדז צוריק, דעם פאָלק פון זיין גלויבן!

דער זייגער רוקט זיך, אויגן לייכטן אויף מיט מוט.
זאָגט דער סאָלדאַט: — בירגער, נאָך דריי מינוט
צו פינף — זייט גרייט,
קיינער בלייבט נישט שטיין! אַלץ גייט! גייט!

זאָגט די פרוי אין די שטיוול פון שטרוי:
— אַלץ וועט גיין, אָבער נישט איך,
(איר גוף אין דער שווערער בונדע ציטערט, די באַקן גליען)
זיי זאָלן ווייטער גיין, איך אָבער וועל אַנידערקניען,
אויב איך האָב געקאָנט אזוי לאַנג גיין
אין הונגער און פראָסט, וועל איך דאָ, אויף דעם רויטן שטיין,
קאָנען קניען אזוי לאַנג,
ביז דער אויסלייזער וועט דערפילן דורך די שויבן
זיין פאָלקס חלום, גלויבן, געדאַנק.

זאָגט דער אינאָסטראַניעץ צום פירער פון אינטוריסט:
— גראַזשדאַנין, נישט נאָר אין מאָסקווע ביסטו, דו ביסט
אין ירושלים, אין די צייטן פון יעזו קריסט. — —

זאָגט דער פירער פון אינטוריסט מיט אַ שמייכל: אָלרייט,
נאָך איין מינוט צייט. — —

זאָגט די פרוי אין די שטיוול פון שטרוי,
אין דער בונדע, לאַך אויף לאַך, פון די לעכער — וואַט,
צום רויטן סאָלדאַט:
— זעסטו דאָרט די גאַנצע ריי?
זעסטו דעם פלאַם אין די אויגן ביי זיי?
אַלע ווי איך, ווי איך אַליין,
כאָטש וועלן דאָ נישט בלייבן קניען אויפן שטיין!
דאָרט הינטער די שויבן

לעבט זייער גלויבן,
אונדזער אַלעמענס גלויבן.

שטייט ווי אַ סטרונע מיט כעס שוין געשפּאַנט,
ביי דער רויט־גראַניטענער וואַנט,
דער רויטער סאַלדאַט,
און ער זאָגט צו דער פרוי,
שטיוול פון שטרוי,
בונדע פול לעכער — פון די לעכער — וואַט:
— די ערשטע וועסטו אַריין
און גלייך די ערשטע ארויס! געהערט?!

און ווי נאָר ער זאָגט עס — ווערט
דער טויער צעעפנט ברייט —
— אַלץ גייט, גייט, גייט!!!
ווייטער, ווייטער, נישט געשפּאַרט,
יעדער וועט פאַרביי, ווער עס האָט געוואַרט!

ווייזט דער סאַלדאַט צו דער פרוי מיט די שטיוול פון שטרוי:
— אַרויס! דאָרט!

ווי דער טויטער הינטער גלאָז, אזוי רירט זיך די פרוי פון אָרט.

— אומזיסט דיין טרייבן! דאָ וועל איך בלייבן!
ביז דער אויסלייזער וועט
פון גלאָז ארויס צו דער וועלט. — —

— איינס! שטאַרקער!
רעדט איין באַגנעט צו אַ צווייטן באַגנעט.

— גיין, גיין! דאָ דאַרף מען גיין! עס ווערט שפּעט!

דער עולם גייט, גייט, גייט,
די פרוי שרייט און שטייט,
מען שטויסט זי, שטויס נאָך שטויס,
און ביים טויער שוין
נאָך איינמאָל שטרעקט זי אויס
די הענט —
אירע אויגן, ווי צוויי לאָמפּן גרויס,
פון גלויבן צעהעלט.

פלוצלונג גיט זיך איר פּנים אַ בייט,
פון פלאַמיק רויט — טויט-שרעק־פאַרגעלט,
זי שרייט:
— מענטשן, פאָלק, וועלט!
אויב פון מאָסקווע אויך נישט —
איז פון וואַנעט, פון וואַנעט, פון וואַנעט —
וועט קומען דער אויסלייזער פון דער וועלט?!

1935

פרילינג איבער אייראָפּע — 1937

פרילינג — אין דערפער שמעלצט שוין דער שניי פון די דעכער,
פון שנייוווייסע פלאַכן שוואַרצט זיך שוין פעלד. — —

— הוררא־רראַ! אַ פעלד — אויף אַלע פעלדער דאַרף זיך גיסן בלוט!
דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס אין דער וועלט.

דער בושעל איז שוין פון די וואַרעמע לענדער
געקומען צו פליען און זיך אויף אַ דאַרף־דאַך געשטעלט —

— הוראַ, הוראַ! אַ בושיק שטייט אויף אַ דאַך, אַלע דעכער דאַרפן ברענען!
רראַ! איבער אַלעס אין דער וועלט!

אַ מאַמע האָט אַ קינד אין ווייען געוואונען, שמייכל האָט ווידער
די קאַלטע אַנגסטן פון איר פּנים צעהעלט. —

— הוררא — רראַ! אַ קינד! אַלע קינדער דאַרפן ווערן קריגער —
בלוט שפּריצט פון מעסערס און פון בלוט אַ ליד:
איבער אַלעס, איבער אַלעס אין דער וועלט!

שטילווייסע וואָלקן אין הימל, שפּיגלען זיך אונטן אין טייך,
פאַרנאַכטיקער ווינט וועקט זיך אויף,
ציט זאַרגן־קנייטשן אויף שטילן פּנים פון טייך אַרויף,
ער ציטערט אין פרילינגפולער, האָפנונגסשטילער אָוונט-קעלט.

— הוררא — רראַ! אַ טייך! אַלע טייכן דאַרפן ווערן בלוט!
— — איבער אַלעס אין דער וועלט!

אויף וועלטן־פעלדער — פויערלעך
קוקן אין כמאַרעס — און
טראַכטן: קומט אַ רעגן דערפון? און נאָך רעגן ווידער זון?
טרוימען פון זאַנגען — פול און שלאַנק און זון־געגעלט. —

— הורראַ רא! זאַנגען! אַלע זאַנגען דאַרפן ווערן קעפּ,
די וועלט, אַ פעלד מיט קעפּ — און מיר מיט קאָסעס איבער פעלד —
דייטשלאַנד איבער אַלעס אין דער וועלט!

די מאַמע אין אַ קעלער פאַרשלעפּט, דער טאַטע מיט אַ האַק געקעפּט,
ס'איז הונגעריק זייער קינד, ס'האָט אַ הענטל אויסגעשטרעקט, זיך אין אַ
ראָג געשטעלט.

— דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס, איבער אַלעס אין דער וועלט!
הורראַ — רראַ! אַ יידיש קינד!
אַלע לענדער דאַרפן ווערן יידן־לענדער, אַלע פעלקער דאַרפן ווערן ייד!
תליות — אַלע שטריק! גילאָטינעס — אַלע העק!
אַלע געפילן — שרעק!
אַלע ווינטן — גאַז! אַלע זאַמדן — דינאַמיט!
אַלע וואַסערן פון טייך און ים — פליסנדיק סם!
אַלע פייגל — באָמבן־עראָפּלאַנען!
אונטערוואַסערשיפן — אַלע קאַלטע פיש!
פאַנצערקרייצער — אַלע שטילע, פאַרנאַכטיקע שוואַנען!
אַלע ליכט? — אַלע ליכט דאַרף ווערן פינצטערניש!
יעדעס וואָרט אַ קללה, וואָס זון פאַרשטעלט און הימל פאַרשעלט!
איך —
בין איינער אונטער דעם הימלס געצעלט!
אַלע ווערטער פון דייטשלאַנדס שפּראַך דאַרפן מיליאַרדן־פאַך,
ווי שטורעמווינט־אויפגעווירבלטער שטויב,
פון זייער נישטיקייט טון זיך אַ הויב!
יעדעס וואָרט — אַ ליכטראַקעט מיט לויב —
פאַר מיר —
ווייל איך —
און דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס —
איבער אַלעס אין דער וועלט!

אַבאָרידזשין

אַן אויסטראַלישע מדבר־באַלאַדע

זייער נעכטן
הונדערט טויזנט יאָר,
זייער נעכטן
אורוועלט׳ס טונקלע נאַכט,
אויף זייער מאָרגן וועלן זיי
נישט מער וואַרטן לאַנג —
אויף זאַמדיקן מדבר־אונטערגאַנג.

זיי וויינען נישט מער,
זיי שרייען שוין ווידער, ווי חיות, אָן טרערן,
און לאַכן ווי חיות,
וואָס האָבן דאָס ערשטע מאָל
זינט אורוועלט זיך צעלאַכט.

זייער הויט איז שוואַרץ און מאַט,
מיט מדבר־נאַכט פאַרצויגן,
פאַרוואָלקנט, אַנטשטערנט,
און נאָר בליציקע ווייסלען אין אויגן.

זייערע פרויען שטאַרבן אויס,
דריי מענער זייערע הויערן
איבער אַן איינציקער פרויס
שוואַרץ־באַצויגענעם סקעלעט,
אויף דעם הפקרדיקן חופה־בעט;
און קינדער ווערן מער נישט געבוירן.

ווי די מדבר־פליגן
וואָס אַרום זייערע אויגן זשומען,
זיצן אַרום זייער טונקלער נשמה
זייערע שדים און זייערע געטער.

זיי לעקן נאָך שלאָפלאָזע נעכט,
אין פאַרטאָגן דעם טוי־ פון די בלעטער
פון נידעריקן מדבר־בוש,

דאָס בלוט זייערס קוואַרט בייטאָג אין דער זון,
און די גלידער ווערן ווי מדבר-צווייגן פאַרדאַרט.

איבער אַלע שדים, איבער אַלע געטער,
האָבן זיי נאָך איין איבער־גאָט:
וואַסער!
עס באַהאַלט זיך פאַר זיי אין מדבר־שפּאַלטן,
קומט אַפיר אין טויזנט חלום־געשטאַלטן;

זיי וויסן, אַז זייער לעבן,
דאָס איינציקע, וואָס זיי פאַרמאָגן נאָך,
קומט פון וואַסער,
און גייט אָן וואַסער אויס.

זיי קריכן
צווישן די פעלזן אום, ווי גרויסע מדבר־שפּינען,
טאַפּן אין זאַמד, און זוכן, זוכן,
זייער גאָט צו געפינען. —

מען זעט ווי זיי גייען אַהין,
נאָר מען וויס נישט פון וואַנעט זיי זענען געקומען,
זיי זענען אפשר די לעצטע געשטאַלטן
פון די ערשטע מענטשן אויף דער ערד?
פון דער צייט, ווען עס האָבן זיך אויף דעם פּלאַנעט
נאָך ערדן געריסן, וואַסערן געשפּאָלטן.
זיי זענען אפשר די ערשטע, וואָס טראָגן,
אין די פאַלדן פון זייער פּנים,
די ערשטע, טיפע ליידן־סימנים,
פון ערשטע מענטשן אויף דער ערד. —

אין זייער זיפצן, מורמלען, שרייען,
איז אפשר ווייטער ווידער־קלאַנג
פון חווהס שעפּטשען צו אדם,
וועגן די רייד פון דער שלאַנג,
און הבל׳ס וויינען אין בלוט
צום ברודער-מערדער קין,
צום ברודער,
מערדער,
קין.

פון זיי וועט גאָרנישט מער ווערן,
ווי גאָרנישט ווערט
פון וואַסער, וואָס פאַלט אין זאַמד.

איבער זיי איז שוין ווידער נאַכט,
אין שוואַרצע טראָפּן גליווערט זייער בלוט,
אין שטיקער צעפּאַלט זייער פרויענס טראַכט,
די פלאַכע מוחות אין זייערע שאַרבנס
שטאַרבן
פון פיבער,
די נשמות גייען אַריבער
אין ווינט צוריק — —
די ווערטער אויף זייערע טרוקענע צונגען
ווערן צעלעכצט און צעשפּרונגען
אין זינלאָזע קלאַנגען.

אויף די ערדן פון זייערע וואַנדער־דערפער
וואַלגערן זיך אויף דעם זאַמד אַרום,
פאַרלאָזענע, קליינע צווייגן־דעכער,
זייערע איינציקע הייזער.
דער ווינט שאַרט ארויס
זייערע ביינער פון זאַמד,
און בלאָזט דורך זיי ווי דורך פייפל־לעכער.

אַ סטאַדע שפּרינג-פיסיקע קענגורוס,
שפּרינגט דאָ אַריבער ביינאַכט,
צעשאַרט די ביינער מיט די לאַנגע עקן,
אַ דינגאָ־הונט בילט —
אַ גרילן-נאַכט-כאָר אין טערמיטן-בערגלעך
גרילט און גרילט,
אַ קוקובאַראַפויגל דערשרעקט זיך און לאַכט
און לאַכט

אין פויגלישן מדבר־שרעקן.

צוויי ווייסע מענער אין אַן אַלטן אויטאָבוס
פליען פאַרביי אויף דער יאַגד נאָך דער סטאַדע
פון די קענגורוס.

פלוצלונג ווערן פאַרשטאַרט
די צוויי שאַרפע אויטאָ-אויגן:
— וואַרט אַ רגע, וואַרט!
— סקעלעטן!
די גומענע שווערע פיס גיבן אַ דריי אין אַ זייט,
די ביינער נישט צו צעטרעטן.

דער אַנדערער לאַכט:
— וואָס פאַר אַ טיוול, וואָס פאַר אַ שרעק?!
אָט אַזוי גייט שטענדיק אַ נייע מענטשהייט
אַריבער איבער דער,
וואָס גייט אַוועק.

1933

דער בת־יחידהס נדן

אַ באַלאַדע פון אַ וואָכעדיק, אַלט שטיק יידישע וואנדער־
כראָניק אַרויס

קומט דער ייד אַהיים פון בית־המדרש ביינאַכט,
אָוועקגעשיקט נאָך איין מעריב צו גאָט,
ס'איז געווען אַזוי לאַנג ווי אין אַכצן־פופציק,
אין פוילישן שטעטעלע ווישעגראַד.

דער ייד קומט אַהיים, טרייסלט אָפּ דעם שניי,
און אין קאַנעץ פאַריכט ער דעם קנויט.
מאַכט ס'ווייב: זע נאַר, ווי עס ברענט דיין קינד!
און זי דערלאַנגט אים אַ ציבעלע און אַ ברויט.

קייט דער ייד די וועטשערע און כסדר פאַרטראַכט.
— כ'האָב, כ'מיין, כ'דאַרף עפּעס זאָגן, כ'האָב געוואָלט —
דאָ פינצטערט מען אַזוי, און אויף דער ווייטער וועלט
שאַרט מען דאָך אויף די גאַסן דאָס גאָלד.

וואָזשע וועט מען דאָ אויסזיצן, וואָס וועט מען דאָ?
מען דאַרף זיך גאָר לאָזן איבער גאָטס ערד,

און אַז גאָט האָט אונדז שוין אויף דער עלטער אַזאַ
גאָלדן קינד אַלטע-זלאָטע באַשערט,

דאַרף מען טראַכטן פאַר אַ שטיקל תּכלית און מען דאַרף
פאַר אַ גאָלדן קינד — אַ שטיק גאָלד — נדן — — —
ווײנט דאָס ווײב און זי ווישט מיט דעם פאַרטוך די נאָז:
— אוודאי ביסטו גערעכט, מײַן מאַן.

דאָס פלעמל פון קאַנעץ גיט אַ שפּרונג אַרויף,
און אין פענצטער פלאַמט אויף די בלום פון פראָסט:
— בלי נדר אין אַ חודש וועט מען טאַקע אַוועק,
אַזוי גיך ווי די ווײסל וועט האָבן געלאָזט.

זאָגט די ײדענע: — אוודאי, וואָס ווערט מען דאָ אָן?
אַז סײ ווי סײ איז מען עלנט ווי אַ שטײן —
קײן ברודער, קײן שוועסטער, קײן טאַטע, קײן מאַמע —
פון גאַנצן יריד שוין געבליבן אַלײן...

— — — — — — — — — — — — — —

די נחלה פאַרקויפט און געבליבן נאָר
ביי אַביסל גרעט און בעטגעוואַנט,
און מען האָט זיך מיטן פרילינג און מיט דער ווײסל געלאָזט
אין ווײטן, גאָלדענעם לאַנד.

קײן דאַנציק אַ וואָך אויף טראַטוועס און פון דאָרט
האָט אַ שיף די זעגלען געשפּאַנט,
און מיט זעגלען געשפּאַנט, מיט די פּאָלעס צעלאָזט
איז דער ײד אַרײַן אין ענגלאַנד.

פרעגט ער זיך באַלד אויף דער ווײטשעפּל-גאַס,
און דאָ ערשט פרעגט ער זיך גוט פאַנאַנד,
און מען זאָגט אים, אַז ס׳איז אמת די מעשה מיטן גאָלד,
און „מדינת-אויסטראַליע" הײסט דאָס ווײטע לאַנד.

און דאָ וואַרטן שוין ײדן, וואָס פאָרן אויך,
פון קירה און פון פּאָניע, ס׳איז אַ וועלט און מען פאָרט,
פרעגט זיך דער ײד אַזוי לאַנג ביז ער האָט
מיט אַ שכן פון פּלאָצק זיך צוזאַמענגעפּאָרט.

קויפט זיין יידענע אָן צוויי זעק מ׳ט ברויט,
און אַ זעקל ציבעלעס און קנאָבל קויפט זי איין,
און מען לאָזט זיך אזוי אין אַ מנין אַוועק
מיט מזל אין אַ שווערן וועג אַריין.

איז די שיף מיט אַ קוימען און פון קוימען זעצט
אַ שווערער, געדיכטער, שוואַרצער רויך,
און אַז דער ווינט וועט זיין גוט, האָט די שיף פאַרן ווינט
פאַרוויקלטע, ברייטע זעגלען אויך.

און עס גייען די שבתים, ווי די וואַסערן גייען,
און לבנות קומען אויף און גייען אַוועק,
און צו דער דריטער לבנה האָט מען צוגעשלאָגן
צו מדינה־בראַזיליעס הייסן ברעג.

דאָ לאָדנט מען סחורות ארויף און אַראָפּ,
ביז אַ גוטער ווינט קומט — איז די זעגלען געשפּאַנט,
גייען ווידער שבתים — און אין צוויי לבנות
קומט מען גאָר צום מדינת־אַפריקע לאַנד.

און מען זעט נישט קיין סוף — — ווײנט די יידענע שטיל:
— שיין האָסטו אונדז אַלע אָפּגעגילדט — —
זיצט דער ייד אויפן דעק און ער חלומט און עס מאָלט
דער דמיון אים פון גאָלד-לאַנד אַ גאָלדן בילד.

מאָגערט זלאַטקע, דאָס קינד, און עס פינצטערט דאָס ווייב,
און דאָס פּנים פלאַמט איר מיט ציגל־קאָליר:
— שוין פינעף חדשים — וואָס האָסטו געוואָלט —
אַ בראָך אויף דיין קאָפּ — פונם קינד און פון מיר?!

צומאָרגנס לויפט פלוצלונג דער ייד פונעם דעק צום ווייב,
דער של־ראש זיצט פאַרדרייט, דער של־יד אין דער האַנט:
— גיב נאָר אַ לויף אַרויף, וועסטו זען
שוין די גרויסע פייגל פון גילדערנעם לאַנד!

גלאָצט זי אויף די פייגל — נאָר זי ריִרט זיך עפּעס נישט,
זי זעט נאָר ווי זיי פליען פאַרביי און פאַרביי,
און פלוצלונג גיט עס איר דעם אָטעם אַ באַנעם —
און זי — לאָזט זיך פליען אויפן ווינט מיט זיי. — —

נעמט מען צו איר גוף און פאַרבינדט אין אַ זאַק
מיט אַ שטיין, און עס ווערט אויפן דעק אַ געלייף —
שטייט דער ייד און זאָגט קדיש מיטן קינד אויף דער האַנט —
גיט די שיף מען אַ דריי און דריימאָל גיט דער
קוימען אַ פייף.

דריקט דער ייד דאָס קינד, טריפן טרערן אין באָרד,
און ער הערט, ווי עס טוט אין וואַסער אַ פּליוך — — — —
גיט דער ייד ביי אַ שכן אַ פרעג אויפן דין,
צי דאַרף מען אויפן וואַסער זיך אויסטאָן די שיך?

און נאָך מעריב זינגט ער: — שלאָף קינדעניו איין —
אונטער דיין וויגעלע איז אַ ציגעלע פאַראַן —
אַ ציגעלע פון גאָלד און דאָס ציגעלע איז אַוועק
צו זוכן פאַר זלאַטעניו אַ גאָלדענעם נדן.

און צום אויפשטיין פון שבעה איז מען דאָ אין לאַנד,
ס'זענען יידן שוין דאָ, ס'הייסט די שטאָט באַלאַראַט,
לאָזט דער ייד זיך אין וועג אַריין מיטן בעטגעוואַנט,
מיטן קינד אויף דער האַנט;
די פאות שניידט ער אונטער, מאַכט קירצער דעם כאַלאַט.

און אַ פּסוק פון איוב זאָגט דער ייד מיטן קינד,
דער הויכער ייד פון ווישעגראַד:
— יהוה נתן, ויהוה לקח —
און געלויבט איז דיין נאָמען גאָטעניו, גאָט. —
— — — — — — — — — — — — — — — —

און אַמאָל, נאָך מעריב, קומט דער ייד אַהיים,
קאָכט אָפּ פאַרן קינד אַ שיסעלע גריץ,
וויל דאָס קינד נישט עסן — טאַפּט ער זיין קעפּל,
גליט עס, ווי אַ שטיק פייער פון היץ.

און פאַרטאָגס — איז עס שוין געוועזן פאַרביי.
זאָגט דער ייד: — אָט צו דעם פאַר איך אויס אַ וועלט?
גייען יידן אַוועק און זיי קויפן איין
אַ שטיקל ערד אויף אַ הייליק פעלד.

אַז אַ שול איז שוין דאָ — זאָל אַ הייליק אָרט
אויך זיין אין דער קהלה פון באַלאַראַט.

גראָבן יידן און רעדן: — אין דער היים ליגט איצט שניי —
און דאָ איז ווי תמוז הייס דער שבט.

די זון שטייט הויך — אויפן טהרה-ברעט ליגט
אין די תכריכימלעך ס'טויטע קינד.
פאַרטיפט אין שמועס גראָבן טיפער די יידן,
שוייס פון די פנימער ריטשקעווייז רינט.

רעדן יידן און טראַכטן: — רבונו של עולם,
אפשר וועט דאָ געשען דאָס גרויסע נס — —
טראַכטן די יידן, און דער אבל טראַכט זיינס,
ביים טהרה־ברעטל, ביים קלייניקען מת.

טראַכטן יידן און גראָבן — — — ס'ווערט די ערד
עפּעס האַרט,
עפּעס פונקט ווי אַ שטיין, עפּעס גאָרנישט קיין ערד,
און פּלוצלונג אַ קלונג, זאָגט ער אָן דאָס נס?
דער קלונג, וואָס זיי האָבן פון דער ערד דערהערט?

און זיי וואַרפן די אייזערנע כלים אַוועק
און גראָבן ווייטער מיט די בלויזע הענט —
— עס איז דאָ! עס איז דאָ! דאָס נס איז געשען!
— מיר האָבן אָבער באַלד דעם קלונג דערקענט!

— אַ גרודע גאָלד! אוי, אַזאַ שטיק גאָלד!
— עס וועגט דאָך אפשר גאַנצע צוועלעף פונט! — —
— — — — — — — — — — — — — — —

נאָר פּלוצלונג זעען די יידן ווי עס הויבט
זיך פון טהרה־ברעטל דאָס טויטע קינד — —

און דער טאַטע כאַפּט עס אויף דער האַנט, און ער גיט
מיט אַ פּוס אויף דער גרודע גאָלד אַ שפּאַן:

— ס'איז מיין קינדס, מיין קינדס! יידן אַוועק!
ס'איז דאָך מיין טעכטערלס נדן!

און עס שעפּטשעט אים זלאַטעניו אין אויער אַריין:
— טאַטעניו, איך חלש, גיב מיר וואַסער און ברויט — —
און איידער ער ווייסט נאָך, וואָס ער האָט צו טון,

האָט דאָס קינד, ווי אַ פייגעלע ס׳קעפּל פאַרלייגט, און
איז שוין ווידער טויט.

גיט אַ שריי דער ייד פון ווישעגראַד,
ס׳מת אויף דער לינקער, די רעכטע — אַ פויסט צו גאָט:
— יידן, יידן, ס׳איז אַ גליק אין אומגליק, און אַן
אומגליק אין גליק,
ער נעמט און ער גיט און נעמט ווידער צוריק!

זאָגן די יידן אזוי זיך: — וואָסזשע וואַרט מען אַצינד?
— גראָבט ארויס דאָס גאָלד און אַריין דאָס קינד!

* * *

ס׳איז אַ פּראָסטע מעשה — דערציילט אָט אַ דאָ,
ס׳איז נישט פון די יידן און נישט פונעם גאָלד,
אין באלאראַט הײנט קיין זכר נישטאָ,
ס׳איז אַ פּראָסטע מעשה, נאָר וואָרט ביי וואָרט וואָר,
כאָטש אַ גאָלדענע מעשה, דאָך אַ וואָכעדיקע
פון אַכצנהונדערט־פופציק־ערשטן יאָר.

1938

פאַר יידישע פּאָעטן — אַ פאַרטאָג־תּפילה אויפן ים

אין אָט דער שעה פאַרטאָג אויפן ים,
צעטרייסלט פון נאַכטלעכן שטורעם,
צערעדערט פון דעם אומענדלעכן גאַנג פון די שרויבן,
ליג איך נאַקעט — גאָט פון אַלע וועלטן — פאַר דיר.
אָן אַ העמד אויפן לייב — און אזוי ווייניק גלויבן
אין דער נשמה;
שוים אויפן לעכצנדיקן מויל,
און געבעטן, געבעטן — פאַר דער גאַנצער וועלט געבעטן.

פאַר דער גאַנצער וועלט —
און פאַר יידישע פּאָעטן,
וואָס טרייבן זיך, ווי די וועלט־הינט איינזאַמע,
איבער דעם קדורס געמאַרקן אַרום,

די לידער פון מיינע לידער

אין די ווינטצעפליקטע געצעלטן
פון זייער ליד, מיט וואַנדערצירקן איבער וועלטן,
זיי, די קלאָונען, די פּאָעטן,
נביאות בלוטיקן זיי אויס — צו געשפּעט.

דעריבער בעט איך דיך, גאָט איבער געטער,
פאַר אונדז אַלע — די זינגער און אויך די שפּעטער,
גיב אונדז חלום, גיב אונדז חלום צו זעט,
אויב ס'איז אונדז באַשערט צו רוען — אויף דערנער געבעט.

פאַר אונדז אַלע, אַלע,
פאַר אונדזער לעצטן און פאַר אונדזער ערשטן;
פאַר לייוויקן, דעם פּאָעט,
וואָס איז ווייס, ווי אַ טויב געוואָרן פאַר דער צייט,
וואָס זיין קאָפּ איז, ווי דער קאָפּ פון אַ הייליקן, געפּייניקטן פון סיביר,
ליגן געבליבן אויף דעם וועג, אין עטאַפּ
און פאַרשנייט
פאַר דער צייט.
נאָר ער לעבט, ער לעבט צווישן אונדז און פאַר אונדז,
זיין שטימע מאָנט פון טיפן האַרץ — נעבן זיינע ווייסע לידער רייטן
קאָזאַקן אויף ווילדע פערד,
זיין שטימע קומט פון לעצטע מענטשלעכע טיפן און ווייטע סיבירישע ווייטן,
זיינע ווערטער קומען גלייך פון זיין האַרץ,
יעדעס רייסט זיך אָפּ מיט דער גאַנצער קראַפט, ווי באַפרייט פון קייטן.

און פאַר אורי צבי גרינבערגן בעט איך דיך גאָט;
אין זיינע אָדערן שטראָמט דאָך נישט זיין אייגן בלוט,
טרערן מיט בלוט געמישט פון געשאָכטענע פון יידישע פּאָגראָמען,
שטראָמען
דורך זיינע אָדערן, אָנגעצויגענע אויף זיינע דאַרע הענט, ווי שטריק.
גאָט, טו אַ בליק,
ווי דער פּאָעט
וואַנדלט איבער דער וועלט, ווי אַ קראַנקער פון היץ,
וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון טויטן־בעט. —
פון זיינע וואַנזיניקע רייד, וואָס רייסן זיך פון ברענענדיקן סנה
פון זיין רויטן קאָפּ,
רעדט

דער ווײ, וואָס האָט שוין יעדן זין פאַרלוירן,
גאָט.

און פאַר פּרץ מאַרקישן בעט איך דיך, גאָט,
פאַר מאַרקישן, וואָס איז מיט זיין שיינעם קאָפּ,
ווי דו אַליין, שיין,
ווי דו אַליין — אין דיינע יונגע יאָרן,
צוגעפּאַלן מיט זיינע ווילדע בילדער, זיינע ווילדע לידער,
פייגל, ו׳אָס זענען איבער אַלע וועלטן געפלויגן —
צו די מויערן פון קרעמעל, צו די קאַלטע ציגל,
און איצט זענען זיי מיט צעבראָכענע פליגל
און עס דאַכט זיך זיי און זייער זינגער,
אַז ער האָט געפונען די פייערדיקע רוט,
וואָס נעמט נקמה פאַר אונדזערע טאַטעס און מאַמעס
און שוועסטערס און ברידערס פאַרגאָסן בלוט —
ווייל עס ברענט אים, ווייל ער האָט זיך אין דעם בלוט, אין זיין „קופּע״
געוואַלגערט,
קושט ער איצט מיט זיינע געטלעכע ליפּן די פייערדיקע נקמה-רוט — —
טו גאָט, אַז זיין גלויבן זאָל אייביק געדויערן. —
רייס אים נישט מער אַוועק פון די קרעמעל־מויערן,
פון זיין טרוים פון לעצטן גליק,
אין אונדזער איינזאַמער וועלט פון פאַרצווייפלונג צוריק.

און פאַר משה לייב האַלפּערנען, וואָס דו האָסט אים יונגערהייט
פון גוף באַפרייט!
גיב אים רו אין זיין לעצטן שלאָף,
זאָל ער זיך נישט דאַרפן בייסן מיט זיינע וועלפישע ציין
דורך דעם טויט,
ווי ער האָט זיך דורך דעם לעבן געביסן.
געקלערט האָבן זיי, אַז דאָס רייסט ער זיך מיט דער וועלט אַרום,
און ער האָט דאָס נאָר מיט זיך אַליין,
מיט זיין אייגן לעבן זיך אַרומגעריסן,
ווי אַ וואָלף, אַ פאַרוווּנדעטער, מיט פאַרבלוטיקטע ציין.

און פאַר איציק מאַנגערן בעט איך דיך, גאָט,
וואָס עס קומט אים דער טיטל פון אַ ריטער
צווישן אונדז — ווייל ער איז פון דורי־דורות אַ שניידער. —

ציענדיק די נאָדל־פּאָדעם מיד,
נאָך חצות, נאָך צוואַנציק שעה אַרבעט האָבן זיי,
די שניידערס, די ריטערס, באַשאַפן אונדזער יידיש ליד.
און אין איציק מאַנגערן, אין זייער אייניקל,
אין זיין אומרואיק בלוט,
איז חצות מיט שרעק, מיט בונט, מיט טרוים, מיט ליד געמישט אוודאי
נאָך געבליבן — און באַשאַפן זיין גרויסע באַלאַדע.
זי ברענט אין זיין בלוט,
לעשט ער זי אין ברענענדיקן וויין, דער פאַרכישופטער באַלאַדן-ריטער,
ווייל אײנזאַם און ביטער איז זיין לעבן, ווי עס איז ביטער
און מיט טויט געמישט דער ביטערער טראָפּן, מיט וועלכן ער לעשט
טאָג איין און טאָג אויס דאָס ליד פון זיין לעבן,
און צינדט זיין לעבנס־ליד.
גיב אים, גאָט, אַ האַרץ, אַ צווייט,
ווייל דאָס ערשטע האָט ער שוין דערטראַנקען אין ברענענדיקן וויין און לייד,—
זע, ער ברענט דאָך פאַר דיר, ווי אַ יום־כיפּור־ליכט, אָנגעצונדן פון צוויי זייטן—

און פאַר אַלע נישט-אָנגערופענע אין מיין געבעט,
פאַר יעדער יידישער פּאָעטין און יעדן יידישן פּאָעט,
מעג איך האַלטן פון זיין ליד, אָדער מעג איך מיך האָבן אַרומגעביסן
מיט אים, און זיין ליד, ווי אַ הונט אויף דער קייט, אים אַראָפּגעריסן —
בעט איך דיך דאָ פאַר יעדער יידישער פּאָעטין און יעדן יידישן פּאָעט.
מיט די, וואָס זענען קליין, ווי מאָן,
הויב איך מיין תפילה אָן,
און לאָז זי אויס
מיט די, וואָס זענען, ווי פעלזן שוואַרצע איבער ימים אייביק און גרויס,
אין אַלע קאָנטינענטן, לענדער, מעטראָפּאָליעס, דערפער, שטעטלעך
און שטעט —

פאַר זיי אַלע איז מיין געבעט!
און פאַר מיר, פאַר מיר אַליין, דעם לעצטן צווישן זיי.
לאָז מיך, גאָט, אין דעם גרויסן, הייליקן בוך פון יידישן לייד און ליד
אַריינשרייבן כאָטש אַ וואָרט, און כאָטש אויף דעם לעצטן בלאַט —
און דאָס לעבן מיינס, וואָס איז געווען, און איז, און וועט זיין נע־ונד,
זאָל נישט האָבן אַוועק אינגאַנצן אומזיסט. —

אין אָט דער נאָך־שטורעם־שעה — פאַרטאָג-שעה — מיטן־ים-שעה —
שריי איך צו דיר אין דעם צוקן און שווייגן פון מיינע ליפּן —

ווער, אויב נישט דו, וועט אונדז דיכטער דערהערן ?
דו, וואָס ביסט איינער פון אונדז, וואָס האָסט אַזאַ ליד, אַזאַ וועלט באַשאַפן !
קום אַראָפּ אין דער שעה צו מיר,
און נעם דיר דאָס געבעט, דאָס ליד, אויף דעם שטיק פּאַפּיר,
פֿאַר אונדז אַלע, יידן־פּאָעטן — יידישער גאָט — צו דיר.

1935

דעם סטאָלאַרס טאָכטער

צו זינגען מיט אַ קאַטערינקע־מעלאָדיע

ר׳האָט אַ היים געהאַט און אַ סטאָלאַר-וואַרשטאַט
און אַ קעלער־שטוב מיט פרימאָרגן־זון,
ס׳איז געווען אַמאָל, איידער ס׳גרויסע בלאַט
פון דעם וועלטן-בוך האָט זיך אַ קער געטון.

ר׳האָט אַ ווייב געהאַט, פונקט לויט זיין שטאַנד,
און אַ טאָכטער פון דריטהאַלבן יאָר,
האָט ער איר אויף שבת געקויפט אַ באַנד
פון בלויעם סאַמעט צו גאָלדענע האָר.

און אַז דאָס נייע געשיכטע־בלאַט
האָט זיך געשריבן מיט מענטשן־בלוט,
האָט ער דאָרט אויך זיין חלק געהאַט:
אַ רעכטע האַנט — זיין איינציק גוטס.

שרייבן האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט,
מיט דער לינקער האַנט אוודאי נישט,
האָט אַ בריוו ער געשריבן מיט פרעמדע הענט,
דאָס ווייב געגריסט און דאָס קינד געקישט.

נאָר דער בריוו איז געקומען צוריק אין שפּיטאָל,
פון וואַרשע קיין קיעוו צוריק,
ווייל דאָס בלאַט פון דער וועלט האָט זיך נאָך אַמאָל
געווענדט שוין אין גרויסן קריג.

און דאָס גרויסע ראָד פון דער גרויסער וועלט
האָט זיך אַלעמאָל גיכער געדרייט,

טראַכט ער: וואָלט אַ קאַליקע דאָרט זיי געפעלט,
איז מיר אַלץ איינס — בין איך גרייט.

זענען שפּעטער געגאַנגען מיליאָנען בריוו
פון קיעוו קיין וואַרשע שוין,
נאָר אונדזער סטאָלאַר האָט זיך פון בריוו־
שרייבן געוויינלעך אָפּגעוווינט.

ביז ער האָט איינמאָל אין דרייסיקסטן יאָר
באַטראַכט דאָס געלע בילד דער פרויס —
און דערמאָנט זיך, אַז ער האָט שוין גרויע האָר —
און זיין טאָכטער מוז דאָרט שוין זיין שיין און גרויס.

ווי ער שטייט און ער גייט לויפט ארויס ער אין גאַס,
גלייך ס׳וואָלט אים געטראָפן דאָס גרויסע גליק,
און אויסגעשטרעקט האָט ער זיין האַנט, זיין פּאַס,
און געגאַנגען קיין וואַרשע צוריק.

דורך דערפער און שטעטלעך און גרויסע שטעט,
מיט דער לינקער האַנט קעגן קאַלטן ווינט,
ער נעבכטיקט נישט, עסט נישט און טרינקט נישט — עס גייט
דער סטאָלאַר צו זיין טאָכטער, זיין קינד.

און ווי ער קומט ביינאַכט קיין וואַרשע אָן,
וויל ער גלייך אין זיין היים, אין זיין קעלער אַראָפּ — — —
וואָס איז דאָס? עס וואַרפט אים אַ צאָן אין אַ צאָן,
און עס דרייט זיך, ווי אַ מיל, דער קאָפּ.

זאָל דאָס מעגלעך זיין, זאָל דאָס אמת זיין?
וואָס וויל דאָ די מויער, דריי שטאָק אין דער הויך?
און ער איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין —
ווי אַ וואָלף מיט דעם קאָפּ צו דער הויך.

און ווי ער שטייט אזוי מיט דעם קאָפּ ארויף,
און ער דרייט זיך אים דול, ווי אַ מיל,
זעט ער האַרבסטיקע שטערן אין אייביקן לויף,
און די לבנה זיך גליטשן שטיל.

זענען נעבן אים אונטן פיל מענטשן פאַרביי,
און אויבן — נישט ווייניקער שטערן —

די וויזערס פון טורעמזייגערס, די צוויי,
שטייען גלייך ווי פאַרמאַכטע שערן.

האָט פון טויער אַ שאָטן אַ שפרונג געטון,
אַ מיידל צו אים מיט אַ פאַרביקער שאַל:
— שעמט אייך נישט, בחור, וואָס האָט איר דערפון,
עס מאַכט זיך אַמאָל אַזאַ פאַל. — —

— איי, לאָזט מיך אָפּ, כ׳האָב דעם קאָפּ נישט דערצו,
כ׳בין אַ קאַליקע אָן אַ האַנט,
כ׳האָב ווייב און קינד געהאַט אָט אָ דאָ —
כ׳קום פון זייער אַ ווייטן לאַנד.

— און איך האָב אַ מאַמען געהאַט אָט אָ דאָ
באַקט זי איצט בייגל אין דער ערד,
און דער טאַטע איז אַוועק אין אַ בייזער שעה,
און מ׳האָט מער פון אים נישט געהערט.

— ווי לאַנג שוין ליגט דיין מאַמע אין דער ערד,
און ווי לאַנג איז דער טאַטע אַוועק?
— ווען דער דייטש האָט פּאָניען דעם קריג דערקלערט —
נו, קום שוין, בחור! זע נאָר זיין שרעק — —

— און וואָס איז געוועזן דיין טאַטע, דען?
און די מאַמע געדענקסט נאָך? געדענקסט?
און דו האָסט דיין טאַטן קיינמאָל נישט געזען?
און קיינמאָל צו אים נישט געבענקט?

— דער טאַטע האָט קאַסטענעס געמאַכט,
איצט פוילט ער מסתמא אין אַ קאַסטן אַליין,
אַז מ׳האָט די מאַמען באַגראָבן האָב איך געלאַכט,
וואָס קאָן אַזאַ וואָרעם פון דריי יאָר פאַרשטיין?

— און אַז דו ווייסט, אַז דיין טאַטע איז אַ סטאָלאַר געווען,
און דו האָסט אים קיינמאָל נישט געזען —
זאָגזשע מיר גיכער, זאָגזשע מיר הויך —
דיין טאַטנס נאָמען און דיין אייגענעם אויך!

— צאַפּלט נישט, בחור, און די האַנט לאָזט אָפּ,
אָדער גייט, אָדער נישט — און זייט זיך געזונט!

צוערשט שטייט ער דאָ מיט דעם קאָפּ ווי אַ הונט,
און איצט דרייט ער מיר דעם קאָפּ.

— איך באַשווער דיך אויף דיינע יונגע יאָר!
נאָ אַ זילבערקערבל, נאָ, ס'איינציקע, וואָס כ'האָב,
און זאָג מיר כאָטש דיין אייגענעם נאָמען נאַר,
זאָג אים מיר — קינד מיינס — זאָג מיר נישט אָפּ. —

— אַ זילבערן קערבל? אַ פיין מעדאַליאָן!
כ'וועל מיר אים שבת אויף דעם האַלז אָנטאָן —
— נו — שיינדאַלע האָב איך געהייסן אַלס קינד,
און זשעניע הייס איך אַצינד...

— שיינדאַלע, טאָכטער, מיין קינד, מיין גרויס!
ווי איז מיר, ווי איז מיר — אוי!

און ער איז לענגאויס די גאַס אַוועק,
די איינציקע האַנט צום הימל געשטרעקט —
און פאַר אים איז געלאָפן דער האַרבסטיקער ווינט,
און געוואָיעט ווי אַ גאַנצע טשאַטע הינט.

און דעם סטאָלאַרס נשמה האָט מיט אַ וואָי
זיך אַרויסגעריסן פון אים,
און האָט זיך אזוי לאַנג געוואָרפן, געטלומעט
צווישן די ווענט און די פענצטער און טירן,
ביז זי איז ווי אַ בלעטל געפאַלן צו דער ערד
און באַגראָבן געוואָרן אין שטויב און פאַפּירן.

1926

★

באַלאַדע וועגן דער מוטער פון נומער 1603

מיט דער גרויסער באַן און דער קליינער באַן,
פון אַ גרויסער שטאָט אין אַ שטעטעלע,
און פון שטעטעלע מיט דעם פעלדוועג אַרויס,
וווּ דער זומער גליט און דאָס קאָרן איז צעבליט
און עס איז אַ טאָג פאַר שניט,
איז געגאַנגען אַ מוטערל, געגאַנגען אַ ווייס,

אויפֿן קאָפּ אַ היטעלע, אויף די אַקסלען אַ שוואַרצע שאַל,
צום גרויסן ברידער-בית־עולם;
צווי מאַרגעס פֿעלד, צווייטויזנט קבֿרים,
צו איר אײנציקן זון, וואָס איז געפֿאַלן
אין 1916,
אין אַכצעטן לעבנס־יאָר.

— וואָס אײַלט איר זיך מוטערל?
היינט איז נישט אַמאָל,
מיט אַ יאָר דרײַסיק צוריק,
ווען איר פֿלעגט אַזוי לויפֿן מיט האַסטיקע שריט,
פֿאַרמיטאָג אָפּוואַרטן אים ביי דער שול.
אייער מאַן ליגט אין פּוילן, אייער זון ליגט אָט דאָ...
זעט בעסער ווי דער זומער בליט,
ווי ס'איז שטיל — אַ טאָג פֿאַר שניט.

און זי קוקט זיך אַרום; ווער רעדט עס צו איר?
נאָר פּלוצלונג פֿאַלט
איר בליק אויף אַ ברייטן, יונגן וואַלד,
זיינע יונגע שטאַמען שטייען פֿעסט, זיינע יונגע קרוינען גליען גרין,
זי דערקענט
וואָס דאָס איז פֿאַר אַ וואַלד... און זי ווענדט
אירע גיכע טריט אַהין,
וווּ עס רוען שטיל די יונגע ריטער, צווייטויזנט מאַמעס זין,
און יאָזשי, איר זון, אינמיטן.
און זי גייט אַ פּלאַטער און איז שוין דאָ,
און זי גיט אַ קלונג און האַלט שוין פֿעסט
אַ צעטל אין ציטערדיקע הענט,
דאָס טירל גייט אויף, דער היטער פֿירט זי דריי טרעפּלעך אַרויף
און וויל פֿאַרשטיין איר פֿרעמדן אַקצענט:

— ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט איך אים באַלד
אַפֿילו אין פֿופֿציק יאָר דערקענט,
(און זי טוט אַלעמאָל זיך אַ העפֿלעכן בויג
צום היטערס — איינציקן פֿוס,
און אַ שמייכל צו זיין איינציק אויג —)
אָבער אַזוי — איז מיר שווער, מיין האַר,

אפילו אין זעכצן יאָר צו דערקענען,
מוז איך אָנקומען גראָד צו אייער גנאָד. —

— גיט דאָס קוויטל אַהער, כ'וועל אַ קוק טון אין בוך,
און איר זעצט אייך צו אויף דער באַנק!

נאָר זי זעצט זיך נישט און קוקט אויף דער באַנק,
און דערמאָנט זיך עפּעס פון לאַנג, פון לאַנג
פון ווייט איבער דרייסיק יאָר,
ווען מען האָט ביי איר אויך אַ קוויטל גענומען
און געהייסן זיך זעצן אויף אַ באַנק,
און אין דריי שעה אַרום האָט דער מאַן געבראַכט בלומען — —
יאָזשי איז דעמאָלט אויף דער וועלט געקומען,
און זי הערט און הערט נישט ווי דער היטער רעדט:
— דער נאָמען איז ריכטיק, דאָס עלטער אויך,
זיבעצן מיט אַ האַלבן יאָר,
נישט וואָר?

— זיבעצן יאָר?
איז פאַרוואָסזשע האָב איך אַזעלכע גרויע האָר?

— דריטע אַרמעע, אַ רייטער פון זעקסטן רעגימענט,
זיין נומער איז, זיין נומער איז —
1600 — אָט בין איך שוין דערביי —
טויזנט זעקסהונדערט דריי — —
אָט דאָ איז די ערשטע הויפּט־אַלעע,
און איר וועט גיין צו דער צווייטער,
און שפּעטער נאָך איינע ווייטער,
און שפּעטער ציילט אָפּ דריי גאַסן,
און אין דער דריטער גאַס
וועט איר שוין גיין לויט דעם נומער
ביז 1603.
(און ער לאָזט זי שטיין און זעצט זיך אַוועק,
נאָר זיין האַלצערנער פוס בלייבט אויסגעשטרעקט,
ווי אַ ביקס אין איר האַרץ אַריין —).
און זי קוקט זיך אַרום און לאָזט זיך גיין
און זי שפּרייט אירע הענט, ווי צוויי פליגלען אויס,
האַלבע ווערטער קראַקעט דאָס בלויע מויל,

עס פלאַטערט אין דער לופטן די שאַל,
דעם זאַמד רירט נישט אָן די צעטרעטענע זויל,
אַלעען און גאַסן און קברים פאַרביי —
זי איז אַ קראָ געוואָרן,
די מוטער פון טויזנט זעקסהונדערט דריי.
אַלעע איינס, אַלעע צוויי,
די ערשטע גאַס, די צווייטע גאַס,
איר פנים ווערט בלוי, איר פנים ווערט בלאַס,
זע ווי עס בייט
זיך איבער פלוצלונג אויף אַ שטיק קרייד,
זי קראַקעט נישט מער — זי שרייט,
אָט איז שוין 1600 באַלד,
דער גאַנצער צלמים־וואַלד
האָט זיך אויפגעהויבן און פליט מיט איר —
1601 — 1602 — —
יאָ — זשי!

און אַ שעה איז אַוועק און די צווייטע פאַרגייט,
נישט זי וויינט שוין מער און נישט זי שרייט,
די מוטער פון 1603,
די פאַרנאַכטיקע זון צינדט אָן די שפּיצן
פון פרישגעפאַרבטע צוויטויזנט צלמים,
און זיי ברענען, ברענען
און ברענען אָפּ — —
און צווישן זיי אַ ווייסער קאָפּ
פון אַ מוטער, וואָס געקומען איז אַהער אַראָפּ,
אַ קבר פון אַן איינציק קינד דערקענען.

די זון איז אינגאַנצן פאַרביי —
און פאַרביי איז דאָס ווייטע געשריי,
דער היטער הינקט אַהין און אַהער,
און ענדלעך טוט ער עפּעס האַסטיק אַ קלער
און לאָזט זיך ערגעץ הינקען גיך
און רעדט אַליין צו זיך:
— עס איז נאַכט, מען דאַרף פאַרמאַכן דעם טויער,
פאָלגט מיך, מוטערל, און לאָזט אייך איבער
אויך אויף מאָרגן אַביסל טרויער...

אַ—לע—ע איינס, אַ—לע—ע צוויי,
די דרי—טע הויפּט־אַ—לעע,
די ערש—טע גאַס, די צוויי—טע גאַס,
1600, 1601, 1602 —
— אַלט ווייב, דו ביזט פון זינען אַראָפּ?!
וואָס גראָבסטו דאָ די ערד
מיט די בלויזע הענט?!

און ער גיט מיט זיין האַלצערנעם פוס אַ פּויק
אויף דער מוטערס הוילן, פּוסטן רוקן.
און ווילד גיט אַ וווּנק זיין איינציק אויג,
און דער רוקן גיט זיך נאָך רונדער אַ בויג:

— ווי זאָל איך דען נישט אויפגראָבן די ערד,
אַז ווי נאָר איך בין צו, האָב איך וויינען געהערט,
איך בין דאָך אַ מאַמע, איך האָב דאָך די שטים דערקענט,
עס איז דאָך אַ קינד נאָך, זיבעצן יאָר —
יאָזשי, יאָזשי!

און ווייטער גראָבט זי מיט שוואַרצע הענט,
שוואַרץ פון פאַרנאַכט, פון צער און ערד.

איצט גיט זיך איילִיק דער היטער אַ דריי
רופן הילף
צו דער מוטער פון 1603.

און זי — האָט מיט די הענט שוין דערטאַפּט אַ ברעט,
און רייסט פאַרפוילטע שטיקער ארויס,
איר האַנט זינקט פּלוצלונג אין אַ פּוסטקייט טיף
און קאָן נישט מער ווערן לויז.
נאָר דער צלם גיט זיך אַ וואַקל, אַ בויג, אַ שטעל זיך שיף,
ער גיט אַ קרעכץ און אַ שטרעק די הענט,
אַן איינציקן רוף נאָך הילף —
און ער פאַלט און ער נעמט מיט צוויי האַלצערנע הענט
די מוטער אַרום.
זי — פרעגט אים עפּעס און ער ענטפערט איר,
אַז זי האָט די שטים פון איר זון דערקענט — —

מיט דער האַנט אין גרוב, מיטן קאָפּ אַרויף
זעט זי אויבן צווישן די נאַכטוואָלקנס הינקען
אַן איינציקן גרויסן שטערן,
און פון אונטן קומען שטימען צו איר
פון אַרום אַ הינקענדיקן נאַפּטלאַמטערן,
אַט זענען זיי דאָ שוין, זיי זענען דריי,
איינער פון זיי
טראָגט אַ ברעט פאַר דער מוטער פון 1603.

די הילף איז געקומען צו גיין — —
אויבן הינקט נאָך אַרום דער שטערן,
אונטן שטייט פעסט דער נאַפּטלאַמטערן,
און איינער, דער מיט דעם ברעט,
וואַרפט דערשראָקן אַ בליק
און אַ שטילן זאָג: מוטער!

האָט זי זיך געטון אַ ווילדן ריס
און גלייך צו אים אין די אויגן,
מיט אַ בינטל ריטלעך און אַ שמאַטע —
אָדער זענען דאָס נישט קיין פּוילע ריטלעך? — —
האָט דער צווייטער זי אָנגעכאַפּט ביי די פיס
און געבונדן צום צלמס פוס,
און דער ערשטער האָט צוגעהאַלטן די הענט
און געבונדן איינציקווייז צום צלמס הענט,
און דער דריטער האָט געהאָלפן אויך,
ער האָט געהאַלטן הויך
דעם גרויסן נאַפּטלאַמטערן, און גרייט געהאַלטן דאָס ברעט.

איצט גייט די לוויה צוריק אין דאָרף,
אויבן הינקט אַן איינציקער שטערן
און אונטן אַ גרויסער נאַפּטלאַמטערן,
גאַס צוויי, גאַס איינס, אַלעע דריי, אַלעע צוויי —
די לוויה פון דער נאָך־נישט־געשטאָרבענער מוטער
פון 1603.
נאָר יאָזשי האָט זיך אַ טרייסל געטון,
און זיך אויפגעזעצט און צוזאַמענגעקליבן
די פינגער, וואָס זענען אים נאָך געבליבן

פון פליק פון שראַפּנעל און דער מוטערס ריס,
און האָט זיי צום שאַרבן צוגעלייגט,
ווו דער אויער איז געווען,
און דייטלעכער האָט ער איצט דערהערט
קלינגען אין שאַרבנס ביין
די מענערס שריט און דער מוטערס געוויין:
יאָזשי, — יאָזשי — יאָזשי — — — —
און האָט נאָך באַוויזן צו טון אַ שעלט
די גאַנצע בײַנאַכטיקע וועלט
און האָט זיך צריקגעלייגט, ציטערנדיק פון קעלט.
נאָר איידער ער איז ווידער אַנטשלאָפן
איז נאָך איינמאָל אַ קלאַנג צו זיין שאַרבן דערלאָפן:
שלאָף רואיק,
יאָזשי — יאָזשי — — — —

1931

און גיב אונדז אונדזער ט ע ג ל ע כ ע... צייטונג...

אַ טעגלעכע אָוונט־צייטונג,
אַ קופּע שמאַטעס מיט שוואַרצער פאַרב,
און אין דער קופּע מיליאָנען מיילער
שרייען מיט לעצטע כוחות: ראַטעווע! איך שטאַרב!

איך ליג און איך לעז — און פּלוצלונג שווערט
די צייטונג אין האַנט, ווי אַ שווערע קויל,
אַ בלוטיקע קויל, אזוי גרויס ווי די ערד,
און עס שפּאַלט זיך די קויל ביים עקוואַטאָר אויף,
ווי אַ געוואַלטיק, פאַרצווייפלט מויל,
און עס שרייט — — זע, ווי שוואַרצער גאָווער ווערט
די שוואַרצע דרוקער־פאַרב —
און עס שרייט דאָס מויל פון דער חיה: איך שטאַרב!
און די חיה שרייט — אַ חיה פאַרשפּאַרט
אין דער תפיסה פון אוניווערז,
מיט שטימען הייזעריק, איינס, צען, אַ מיליאָן, אַ מיליאַרד,
צוויי מיליאַרד —

—שפּאַניע בלוטיקט אין ברידער־שלאַכט!
— יאַפּאַן האָט כינע פאַרכאַפּט איבערנאַכט!
געטהע ווערט מיט בלוט-גיריקן באַס
פון דייטשלאַנד דעקלאַמירט:
— און גיסטו נישט וויליק — נעם איך מיט — גאַז!
אין דער פעלקער־ליגע — סימבאָלישער שאָס,
דער ערשטער טראָפּן פון בלוטיקן גאָס,
וואָס די חיה ערד דאַרף אַ גאָס טון באַלד —
און אַזאַ רעווע טון, אַז דער וואַלד
פון דעם אוניווערז זאָל אַ ציטער טון,
און אַ נייער פּלעק זאָל אַזש אויף דער זון
זיך באַווייזן דערפון,
און דער אַסטראָנאָם זאָל זיך ברעכן דעם קאָפּ
אויף דער שטראַלן־סובסטאַנץ אין זיין ספּעקטראָסקאָפּ,
און ער וועט נישט דערגיין, אַז די שטראַלן־סובסטאַנץ
פון פּלוצלונג פאַרטונקלטן גלאַנץ —
איז בלוט — —
ער וועט אין פאַרצווייפלונג אויף אַ טורעם ארויף
און אַריין אין אַ פּאַראַשוט
און זעלבסטמאָרד באַגיין מיט אַ שפּרונג אין אין-סוף.

און אין ראַטנפאַרבאַנד איז פאַרטיק שוין
פאַר יעדן בירגער אַ פּאַראַשוט,
און אין ענגלאַנד — דערציילט די צייטונג מיט פרייד —
איז פאַר יעדן בירגער, מאַן, פרוי און קינד,
און אפילו פאַר קעץ און אפילו פאַר הינט,
אַ גאַז־מאַסקע גרייט.

און דער דיקטאַטאָר פון רוים
זאָגט, אַז אמת גייט ווערן זיין טרוים,
און ווי נעראָ אַמאָל איז ער אויפגעלייגט,
ווייל ווי נעראָ צו רוים, האָט ער אונטערגעלייגט
שוין די בראַנד-פאַקלען צו דער וועלט.
און דאָס איינציקע, וואָס אים נאָך פעלט,
איז אַ גיטאַרע אין זיינע הענט —
ווייל עס סמאַליען שוין די וועלטן־ווענט.
און עס ליגט און דערדריקט די צייטונג מיין האַרץ,

און עס דאַכט זיך מיר, אַז די פאַרב, וואָס איז שוואַרץ,
איז פאַרגליווערט בלוט פון די צוויי מיליאַרדס
באַוווינער פון דער ערד.
און ס׳וואַקלט די צייטונג, אַ שווערע קויל,
און עס רייסט זיך פון דעם פאַרחלשטן מויל
אַ לאַנגער וואָיענדיקער אוי — — —

אָ —
וואָלט איך, דו שיינע ערד, דיך נישט
דורכגעוואַנדערט אין דער ברייט און לענג,
אָ —
וואָלט מיך קיינמאָל דער טוי נישט געקושט
פון זונען־אויפגענג און אונטערגענג,
וואָלט מיך נישט געבראָטן און נישט געברענט,
ווי אויף אייגענעם לייב דער העלישער פלאַם,
וואָס לעקט שוין דיינע הייליקע ווענט — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ קופע שמאַטעס מיט שוואַרצער פאַרב —

איך דרימל — און דורך מיין דרימל ציט
אַ מחנה פויסטן־ביילער,
קריגס-שריט געאיילט, פויסטן געביילט,
און אַ צווייטע מחנה אָפענע מיילער
און שרייט,
און אויף די ווינקלען פון די מיילער — פאַרב:
איך שטאַרב — שטאַ—רב!

און איך ווער אַנטשלאָפן און אין חלום שפרייט
זיך די צייטונג אין דער לענג, אין דער ברייט
פון דער ערד — ווי אַ טויטער טעפיך אויס,
שוואַרץ און ווייס —
זע, וואָס איז דאָס? די אותיות זענען משוגע געוואָרן,
און צעלאָפן זיך ווי פאַרסמטע מייז —
ווי אַ פוסטע, ווייסע לאַנקע זעט די גאַנצע ערד איצט אויס —
און אַ ווינט, ווי אַ רויך, לויפט אַרום און בלאָזט —
און זוימען צעטראָגט ער — און אַ רעגן גייט רויט —

און די ערד ווערט באַוואַקסן — מיט שוואַרצן גראָז.
אויף דער ווייסער לאָנקע — צווישן שוואַרצן גראָז,
שפּרינגען שוין ווידער די אותיות אַרום,
אין דער קרייץ, אין דער קווער, אין דער ברייט, אין דער קרום,
אויף דער לאָנקע, וואָס ווי פּאַפּיר איז ווייס,
אותיות ווי פאַרסמטע מייז.

און איבער דער לאָנקע, איבער שוואַרצן גראָז,
גייט אַ באַרוועסער מאַן — ווי יעזוס כריסטאָס,
איינער אַליין — און ער פליט נישט, נאָר ער טרעט,
אזוי שטיל ביז ער קומט צו — צו מיין בעט,
און איך טוליע דעם קאָפּ איין אין דעם טוך
פון זיין קלייד — און פלוצלונג פיל איך — צייטונגס־גערוך.
און ער גייט און ער גייט און ער גייט —
שיר נישט אַריבער איבער מיין האַרץ —
נענטער, נענטער — ער האָט מיך שוין אָנגערירט,
איך זע זיינע פיס — זיי זענען מיט צייטונגס-פאַרב אויסגעשמירט
און ווי קוילן שוואַרץ —
און ווי איך דערזע דאָס, גיט עפּעס מיט מיר
אַ ריס — און די ליפּן גיבן אַליין זיך אַ ריר,
און איך שריי:
פאַרוואָס, פאַרוואָס האָסטו
צוגעלאָזט דערצו?

דעמאָלט הויבט זיך אָן אַן ענטפער אויף
די געשטאַלט — און פליט אַרויף —
און צערינט און צעשטראַלט
אין דעם פריען מאָרגנס רויטן גאָלד —
איך בין וואַך, פון דערוויטנס ווידערהאַלט
אַ וואָרט: זיי האָבן אזוי אַליין געוואָלט — —

עס וואַקלט נאָך אין שטוב די טיר.
איז עמעץ דאָ געווען ביי מיר?
ווייזט אויס — ווייל אויף דעם טישל, וואָס שטייט
ביי מיין בעט — ליגט שוין די מאָרגנצייטונג גרייט.

1936



אַ ליד וועגן אַ בלינדן רײַטער

פאַרביקע פענער פלאַטערן אין ווינט,
ביימער פלאַקערן פרילינג־צעגרינט,
דער הימל אַ בלויע ריזן־שאָל,
די ערד — אַ גרינער ריזן־טאָל,
דער חלל פול מיט ראַדיאָ־מוזיק,
די מענטשן אַלע — טרעגער פון גליק:

גערדענק־טאָג פון גרויסן זיג,
יום-טוב פון דער רעפּובליק.

ער ווינט אין אַ קעלער, איז ער געל און בלאַס,
זעכצן יאָר שטייט ער אין זעלבן ווינקל גאַס,
איין אויג קוקט ווי גלאָז — דאָס צווייטע פאַרמאַכט,
זעכצן יאָר דויערט זיין לאַנגע נאַכט;
זי וועט דויערן דרייסיק, זי וועט דויערן — ווער ווייסט,
ביז זי וועט ווערן אויסגעלייזט
פון אַ צווייטער נאַכט, אַ צווייטער פינצטערער קראַ,
אויב צווייערליי פינצטערניש איז ערגעץ דאָ.

טאָג איין און טאָג אויס, ווי אַ פערד פון שטאַל.
נאָר אין יום־טוב־טעג טוט ער אָן אַ מעדאַל,
און אַ גרעסערן טעלער נעמט ער אין האַנט,
זיין הונט פירט אים צו דעם ווינקל וואַנט,
ער פירט אים צו און שטרעקט אויס דעם קאָפּ,
טשעפּעט ער אים פון קייטל אַראָפּ.
לויפט אַוועק דער הונט צו אַ טיר פון אַ קיך,
זינט אַ יאָר פאַרדינט ער אַליין אויף זיך.

— — — — — — — — — — — — — — —

הערט דער בלינדער איצט אַ טרומייט טרומייטן,
אַן איינציקן רייטער הערט ער רייטן,
און עס גיבן זיך נאָך אים ענדלאָז אַ שאָט,
אין פיר־רייען-טראָט, אין פיר־רייען־טראָט,
רעגימענטער —

און ווייטער שריט פון בעלגישע פערד,
עס ציטערט זיין וואַנט, די שטאָט, די ערד,
און איצט אַ שווערער, קייטן-געקלאַנג,
אַ טאַנק, און ווידער אַ טאַנק, אַ טאַנק, און ווידער אַ טאַנק.

אויף איינמאָל אַ ריס אין אייזערנעם פּאַס,
אַ לאַנגע רגע איז שטיל די גאַס,
און ווידער אַ העלער טרומייטער,
פערד־שריט און פערד־שריט — אַן איינציקער רייטער —
און עס גיט — אים פּלוצלונג פון וואַנט אַ ריס

און ער כאַפּט שוין דעם רייטער אָן ביי די פּיס —
— ווער ביסטו?
— אזוי מוז עס זיין!
און דער בלינדער זיצט שוין אויף דעם פערד אַליין.

אַ רגע שטיל — פאַרשטורעם אין וואַלד,
און ווי אַ בליץ גיט אַ בליץ אַ וואָרט:
— האַלט! איך באַפעל דעם גרויסן צוריק!
צוריק אין קאַזאַרמע, אַהיים צוריק!
זיין אויג, וואָס איז ערשט נאָך ווי גלאָז געווען,
האָבן איצט אַלע אין שטראַלן דערזען.
— צו די שוועסטערן צוריק, צו די ברידער צוריק,
צום פרילינג און צו דער זון צוריק!
און ער רייט לענגאויס פון רעגימענט,
און באַפעלט מיט די געלע קעלער־הענט:
— בלינדע — ווערט ווידער זעעוודיק,
איך באַפעל דעם גרויסן דעם לעצטן: צוריק!!
און עס גיבן זיך נאָך אים ענדלאָז אַ שאָט,
פיר־רייען אין טראָט, פיר־רייען אין טראָט,
און פון גאַנצער שטאָט — מיליאָנען שריט,
גייען מיט,
גייען מיט,
גייען מיט.
און פענער פלאַטערן ווידער אין ווינט,
ביימער פלאַקערן פרילינג־צעגרינט,
דער הימל — אַ בלויע ריזן־שאָל,
די ערד — אַ גרינער ריזן־טאָל,
דער חלל — פול מיט ראַדיאָ־מוזיק,
די מענטשן — ווידער טרעגער פון גליק,
בלינדע — ווידער זעעוודיק,
הימל־באַקרוינט און זון־באַשיינט,
געבוירן געוואָרן איז היינט —
די גרויסע רעפּובליק.

נאָר דער בלינדער רייטער רייט ווייטער און ווייטער,
און אומעטום לייכט זיין אויג, און אומעטום שרייט ער
די בשורה פון דער גרויסער רעפּובליק,

ער האָט זעכצן יאָר ביי דער וואַנט געוואַרט
און מיט אים אַלע צוויי מיליאַרד.

ער רייט איבער שטעט, איבער פעלדער און וועלדער,
ער רייט איבער גרענעצן, רייט איבער לענדער,
פלאַטערן אין ווינט זיינע ווייסע געווענדער,
צעטרעט די גרענעצן דאָס ווייסע פערד,
און עס ווערט אומעטום איין גלייכע ערד.
און ווי ער קומט צו צום גרויסן טייך,
רייט ער אים אַריבער ווי אויף פעלדער גלייך —
רייט ווייטער, ווייטער
דער בלינדער רייטער.

1934.

זיבן־קי־באַלאַדע

דער סוחר האָט געצאָלט מיט זילבער־געלט,
דער פויער האָט דאָס מינץ פאַרבונדן אין אַ טוך
און מיט די ציין פאַרצויגן אַ טאָפלטן קניפּ.

— און איצטער, פויערל, גיב
מיר דיין פאַסטוך צו טרייבן די זיבן קי!
— אַווו?
— צום שטאַטישן שעכטהויז צו!

די פאַרנאַכטיקע זון איז געשטאַנען
האַרבסט-קאַלט און רויט,
דאָס וועטערפענדל אויפן דאַך פון דער שטאַל
אין דער זייט פון טויט. —

דער פויער האָט נאָכאַמאָל באַטאַפּט דעם קניפּ,
דער פאַסטוך האָט דעם מאַנטל פאַרשטיפּט מיט אַ שטריק,
דער האָלצערנער ברונעם האָט געטון אַ סקריפּ
און אַרויסגעגעבן אַן איימער בלוט.

— נאַסטעמפּ, גוויאַזדולאַ, געזשלאָקעט גענוג!
(און ער שלעפּט זי ביים ווייסן האָרן),

— אין שטאָט װעסטו טרינקען מער!
איז איר ברױן און גרױס און פֿאַרשאָטנט אױג
פֿאַרלאָפֿן מיט אַ טרער.

די פּױערטע האָט דערלאַנגט אַ ברױט און אַ קעז,
— נאַ, מיכאַל, פּרעס,
נאָר לאָז דיר איבער אַ שטיק אױפֿן װעג,
װײַל אין שטאָט װעסטו זײַן אין אַנדערטהאַלב טעג,
און אַ טעפּל נעם און מעלק דיר אָן
בײַ דער קאַרער קו, איר מילך איז גוט.
נאָר אַז ער איז צו צו דער קאַרער קו,
האָט זי זיך געלײגט אױף דער קאַלטער ערד,
זי האָט גערעדט — און אַלע האָבן געהערט:
— איך האָב נישט קײן מילך מער, איך האָב נאָר בלוט.

דאָס שיקסל איז באַרװעס ארױף אױפֿן הױף,
אױף דעם קאָפּ פֿון דער טשאַרנע אַרױפֿ־
געפֿאַלן און אירע גאָלדענע צעפּ
האָבן פֿאַרבונדן זײערע קעפּ.
הערן איצט אַלע װי די טשאַרנע װידער רעדט:
— טײַערע חברטע, כ׳האָב אין זין אַ מתּנה
דיר צו שיקן פֿון שטאָט, אַ קלײנע מתּנה, נאָר נעם זי אָן,
מיכאַל װעט דיר ברענגען פֿון מיר,
פֿון מײַן בעסטן פֿלײש אַ פֿונט,
און זאָל דיר, חברטע, זײַן צו געזונט!

האָט די שיקסע געטון אַזאַ װילדן קװיטש און אַזאַ מין װײן,
אַז דער פּױער האָט זי מיט אַ פֿאַסעק באַלד
געטריבן צוריק אין כאַלופּע אַרײַן.

— אַ סוף!

מיכאַל האָט געטון אַ הױכן שנײַץ,
געשלאָגן אױף דער קװאַרער ברוסט אַ קרײַץ,
געפּרוּװט דעם שטריק, צי גענוג איז ער שטײף,
די בײַטש געפּרוּװט מיט אַ פֿײַף,
גװיאַזדולאַ האָט זיך, װי שטענדיק, אין דער ערשטער
רײ געשטעלט,

און די סטאַדע קי איז אַוועק
נאַקעט און הויל אין דער גרויסער וועלט.

זיבן טייכן, זיבן לאַנקעס, זיבן דערפער פאַרביי,
אַ נאַכט און אַ טאָג, און ס׳איז נאַכט ווידער גראָד,
מיט טויזנטער ליכטער איז אויסגעשטערנט די שטאָט
שווימט אין דער נאַכט מיט אַ פייערשיין
איבער דערברייט פון דער הימלישער הייך,
זיבן טורעמס האָבן געקלונגען גלייך
די בשורה פון מיטערנאַכט,
ווען די זיבן קי זענען אָנגעקומען צום גרויסן טייך
און אַריבער בשלום די לאַנגע בריק.

אויף דער בריק האָט גוויאַזדולאָ דעם קאָפּ אויסגעדרייט
צו די דערפער, צו דער נאַכט, צום פאַרגאַנגענעם גליק,
און האָט זיך צעוויינט: — לאָמיר גיין צוריק!
האָט מיכאַל אַ צי געטון דעם שטריק
אַרום דעם מאַנטל שטייף
און געטון מיט דער בייטש אַ פעסטן פייף.

זעט מיכאַל, די גאַסן, טראַכט ער, זיי זענען משוגע געוואָרן,
פאַרביקע בלעכוועגענער זעט ער כסדר פאָרן,
שינעס הערט ער קריצן מיט שאַרפע ציינער,
חיות מיט ליכט־אויגן וואָיען און לויפן,
און ער זעט ווי פייערזיילן שרויפן
אַריין זיך אין שוואַרצן ברעט פון דער נאַכט,
שרייען הערט ער אויף דעכער און ווענט,
בילדער און שילדער זעט ער שימערן,
בלוי — רויט — גרין — רויט — גרין — בלוי —
און ער טראַכט אַזוי:
ס׳איז אַ גרויסע שטאָט מיט אַ סך, אַ סך טויזנטער צימערן,
און אין יעדן ליגן מענטשן, און אַלע מוז מען מאַכן זאַט. —

נאָר שוין לעשן זיך פענצטער פון צימערן אויס,
ווערן אײַן גרויסע, שוואַרצע וואַנט,
אין גאַס בלייבן איבער די הינט, דער ווינט און דער פּאָליציאַנט,
גייט ער צו און פרעגט אים דעם וועג, וואָס ער דאַרף —
ענטפערט אים יענער שטום, מיט דער האַנט. —

גאַס איין און גאַס אויס, גוויאַזדולאַ גייט אַלץ נאָך פאַרויס,
טונקלקייט איין און טונקלקייט אויס,
גייט אַ שווערע פראַצעסיע פון סאַמעטנע, נאַסע לייבער,
הינטער זיי דער גלח, אַ מענטש, אַ טרייבער,
גייט אַ שווערע פראַצעסיע, גייט אַן געזאַנג דעם לעצטן גאַנג,
בלייבט אַלעמאַל שטיין אין דערשראָקענעם פלאָנטער
פון העלדזער און הערנער־געדראַנג,
אַ פראַצעסיע פון זיבן פירפיסיקע לייט
אַלע, ווי איינע, צו שטאַרבן גרייט
פאַר דער שטאָט, וואָס זינקט אין שלאָף.

גייט אַ פראַצעסיע צו אַ קירך פון בלוט און פון וויי,
אויסצושרייען דעם לעצטן שריי
צו זייער גאָט,
וואָס מאַכט זיך דאָרט אַ וואַרעם-באָד,
פלעסקעט זיך אין אַ טייך פון בלוט
און וויל נישט וויסן פון קיין גנאָד.

האָט גוויאַזדולאַ שוין אַ פאַדערשטן פוס
אויף דער רויטער שוועל געשטעלט,
דעם קאָפּ פאַרדרייט און געשיקט דעם לעצטן גרוס
פון זיבן קי צו דער וועלט.

.1928

געזאַנג אויף ימים צו מאַמע־לשון

פאַרשטויסענע מאַמע, לשון פון אונדזער פראָסטן פאָלק,
אומעטום דיזעלבע, אָרעמהייליקע אויף אַלע פינף קאָנטינענטן.
דער מידער קאָפּ אין דיין שויס, די ליפּן וועלט-ווינט און וועלט-צער
פאַרברענטע,
זיץ איך, דיין זון, ביי דיינע פיס, לאָז מיך קושן דיינע אַלטע שקראַבעס.
צינד אָן די ליכט אין די קאַרטאָפליעס-לייכטער, ביי דיר איז אייביק שבת,
נאָר ביי מיר, ביי מיר איז שטענדיק אינדערוואָכן.
אַלע מיינע געטער האָב איך אַליין צעבראָכן, אַלע מיינע גלויבנס האָט די
וועלט צעשטאָכן.

פאַרשטויסענע מאַמע, טרייסטערין פון אונדזער פראָסטן פאָלק!
אויף שמאַטעס דיין בעט, דיין קעסט איז פאַר זעקס גראָשן ברויט אויף באָרג,
אין אַלע בוידעמער און אַלע קעלער־שטובן פון וואַרשע ביז ניו־יאָרק.
ווי אַן אָרעמע מאַמע קומסטו אין דיין פאַרטוך אַריין צו דיינע זין און טעכטער,
צו שפּאָט און צו שאַנד פאַר זיי, די אייניקלעך צו אַ לייטיש געלעכטער.
האָט שוין נישט איינמאָל זיך איינער פון דיינע זין פון כעס פאַרסאָפּעט,
און האָט דיך מיט די פיס פון זיינע גילדערנע שטיבער אַרויסגעקאָפּעט.

פאַרשטויסענע מאַמע, פירערין פון אונדזער פראָסטן פאָלק!
דו ביסט ווי אַ נביאה אין איין טאָג פון דיינע שמאַטעס אויפגעשטאַנען,
דו, די איינציקע, האָסט געגלויבט, אַז גערעכטיקייט איז נאָך פאַראַנען,
כאָטש קיין גערעכטע זענען נישט אין ערגעץ דאָ. דו איינע, אַלטע מאַמע,
האָסט מיט יונגן ברען אויפגעהויבן איבער ווילנע, דיין קרוינשטאָט אַ פאָן
אין פלאַמען,
און געוואָרפן אונטער די פרוכנע פונדאַמענטן פון דער אַלטער וועלט און
זי אונטערגעצונדן — —
און שפּעטער האָט דער שיכורער תלין דאָס מויל דיר פאַרשטאָפּט, און דיין
הויט, ווי דיינע שמאַטעס געשונדן. —

פאַרשטויסענע מאַמע, הייליקע פון פראָסטן פאָלק!
מיט פרייד — צו געליבטע, צו דיר קומט מען דעם צער זיך אויסצווויינען,
צו דיר האָבן אַלע טענות, נאָר דו האָסט צו קיינעם נישט קיין טענה;
אַ טאָכטער פון דעם גאַנצן פאָלק אין דיינע יונגע יאָרן,
ביסטו אויף דער עלטער אַ מאַמע צו אַלע געוואָרן.
און נאָר איינמאָל האָט דיין צעאַקערט פּנים געלאַכט מיט ווייסע
ציינער פאַרשייט,
ווען דיינע אייגענע זין האָבן פאַר דיר אַ קבר געגרייט.

פאַרשטויסענע מאַמע, לשון פון מיין וויי איבער ערדן און ימים,
דיינע ווערטער, רינגען אין אַ קייט, שמידן אונדז אַלע אָרעמע און
גערעכטע צוזאַמען,
זענען אייזן אין דער צייט, ווען אַלטע וועלטן גייען אויס אין פלאַמען,
דיינע ווערטער, פּערל־טרערן אין אַ שנור, פאַר דעם צער, דעם אויסגעלייזטן,
די לעצטע טרייסט אין שווערע צייטן, ווען נאָר נאָך טרערן קאָנען טרייסטן,
פאַרשטויסענע מאַמע, אונדזער מאַמע,
פון איינזאַמע יידישע דיכטער —

דער ים־ווינט שרייט פון מזרח צו מערב,
בליצן, ווי הערשן מיט פייער־געהאָרן,

די לידער פון מײנע לידער

דונערן ריטשען שווערע און ווילדע און יאָגן זיי נאָך,
דער שטורעם שפּרינגט פון הימל אין וואַסער אַראָפּ,
און פון וואַסער צוריק אויפן הימל אַרויף.
דער שוים-זיגזאַג פון דער וואַסער־שלאַנג,
געכאַפּט, ווי אַ פיש אויף אַ האָק,
אויף דער שטאָלערנער שרויף
פון דער שיף —
וואַרפט זיך און וויל זי ציען אַראָפּ אין דער טיפעניש.
אַליין שטיי איך איצט אויף דעם דעק,
די פיס מיט געזאַלצענע כוואַליעס פאַרגאָסן,
דאָס האַרץ — מיט בלוטיקע כוואַליעס פון לעצטער שרעק.

די שעהן גייען איבער מיר, גרויסע, געוואַלטיקע שעהן,
די דונערן האָבן שוין אויפגעהערט,
נאָר די בליצן שיסן נאָך אויף און אָפּ, ווי די פייער־אַלבאַטראָסן,
נאַכט ווערט. — —
און פּלוצלונג זע איך דיך גיין צו מיר,
איבער אַלע ימים, פון אַלע טיילן פון דער ערד,
דו גוטע, דו אַלטע מאַמע,
שוין הער איך אין אַלע ווינטן זינגען
אַ וויגן־ליד. —
און עס איז מיר אַזוי גוט, אַזוי גוט,
צו זינגען עס מיט דיר צוזאַמען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דיך האָב איך געפונען מאַמע,
זוען אַלץ איז שוין געווען פאַרלוירן,
ווען אַלץ וועט גיין צום שטאַרבן,
וועסטו נאָך אין געזאַנג און אין ווי
אַ נייע וועלט געבוירן!

1934

וועלטפאָלק: יידן

יידן —
צוזאַמען מיט דער וועלט באַשפאַן געוואָרן,

די טרעגער פון געטלעכן נאָמען אין אַ געטלעכן ארון,
די ערשטע צעשטערער פון געצן,
אַגענטן פון געטלעכן וואָרט, שרייבער פון ערשטע געזעצן,
די קינדער פון גאָט פון נקמה —
געבוירן געוואָרן
אין טאָג פון זיין גרויסן צאָרן. —
די ערשטע סוחרים אין אוראַלטע מדבר־קאַראַוואַנען,
פּאַסאַזשירן ערשטע אויף אַלע וועלטן-באַנען,
די ערשטע אין אַלע שיפן אויף אַלע דריי אָקעאַנען.

די געטלעכע בייטש —
מיט איר דעם כעס
אויף די פעלקער אויסצולאָזן —
דאָס ווייסע, פּאַרבלוטיקטע קרבן־לאַם, דער ציטערדיקער שעיר לעזאזל.
שלאָג איינעם פון זיי מיט אַ בייטש, וועלן זיי דיך אויף קניען בייגן
מיט דער בייטש פון דער וועלט־רעקלאַמע!
נאָר הונדערט טויזנט פון זיי מעגסטו רואיק אין שטיקער שניידן —
און אַלע וועלן שוויגן,
און נאָר זעלטן, און נאָר אין דער שטיל אַ קרעכץ טון: מאַמע — הייליקע מאַמע!

זיי היטן שוין פּירטויזנט יאָר דאָס יחוסדיק בלוט, זייער שטאַם,
ווי מען היט פאַר אַ ווינט אַ הייליקן פלאַם —
און לוחות אין זייערע הענט,
און דאָס הייליקע פייער ברענט,
אַלע זעכצן מיליאָנען, ווי איינער,
דעם הייליקן פייערס געטרייע וועכטער —
נאָר ווו אַ לאַנד און ווו אַ שטאָט ליגן אין פרעמדע בעטן זייערע שיינע טעכטער,
און וויינען שטילע אין די נעכט, אַז דער מאַן זאָל נישט דערהערן,
און פון די באַקן אויף די קישנס רינען הייסע שנורן טרערן.
זיי האָבן זייער שליחות געטאָן אין שטומען לייד
און אין איינזאַמקייט
און אין טרערן, וואָס אין פינצטער איבער באַקן רינען —
ווי בשמים — געטריפט די וויטאַמינען
פון זייער בלוט אין דעם בלוט פון דער וועלט.

וועלט־יידן —
שטאַרבן אויף אַלע עשאַפאָטן מיט אַלע מינים מיתות,

קענסט זייערע ברענענדיקע אויגן זען ברענען דורך אַלע קראַטעס פון
אַלע תּפֿיסות,

אויף אַלע שטיינערנע טעמפּל־טרעפּ
פון אַלע וועלט־אידעאַלן
איינזאַם און ווילדק פֿאַלן
זייערע פֿלאַמען־קעפּ.
אין מלכות־פּאַלאַצן מלכות־שרייבער זיצן,
און גריבלען זיך אין אַלטע וויקל־פּאַרמעטן,
און זייערע בלייכע, הויכע שטערנס שוויצן,
צו געפֿינען אין זייער מלכס בלוט אַ טראָפּן פֿון יידישן יחוס,
דער וועלט צו באַווייזן זיין געטלעך שליחות.
און זען קאָנסטו אויך אַ גראָבן פּויער מיט אַן אָקסן־קאָפּ,
טרינקען ביר פֿון אַ גרויסן, ערדערנעם טאָפּ,
און אַלע זיינע דריי געדאַנקען אָנצווענדן,
און קלאַפּן זיך מיט דעם קולאַק אין דעם קולאַקישן אָקסן־שאַרבן,
צו באַווייזן דער וועלט — אין איינקלאַנג מיט דעם נייעם געזעץ,
אַז זיין בלוט איז ריין פֿון יידישע קרעץ.

וועלט־יידן —
הענדלער מיט רויע בריליאַנטן און בריליאַנטן — קרישטאַל־געשליפֿן,
דו קאָנסט שמוגלען זיי זען איבער אַלע גרענעצן און אין אַלע שיפֿן,
צווישן די בערזעס פֿון קימבערלעי, אַנטווערפּן און אַמסטערדאַם,
אַרויס פֿון ים און אַריין אין ים — —
און זען קאָנסטו — ווי די קאָרן־קערנער אין דעם פּויערס האַנט —
רינען פֿון איין יידנס האַנט אין אַ צווייטער האַנט —
ווי אַ זשמעניע קאָרן — אַ זשמעניע בריליאַנט — —

אַ —
און אין אַלע שטעט און שטעטלעך שיקן מאַמעס קינדער יידישע און באָרוועסע
אויף נאַסע שטיינער פֿון דער גאַס
אויסצושטרעקן די דאַרע קינדערהענט —
נאָך אַ פּעני, נאָך אַ גראָשן, נאָך אַ קאָפּיקע, נאָך אַ פּעניג, נאָך אַ סאַנטים
אָדער נאָך אַ סענט —

וועלט־יידן —
ערשטע מעקלער פֿון די בערזעס מיט די שוואַרצע, ברוינע, געלע,
ווייסע שקלאַפֿן,

וועלט־יידן —

ערשטע געזעצגעבער פאַר אַלע שוואַרצע, ברוינע, געלע, ווייסע שקלאַפן,
וועלט־יידן —
ערשטע געהויבענע פויסט — די שקלאַפן־שאַנד פון דער וועלט אַוועקצושאַפן!

וועלט־יידן —
אַלע וועלטן־שיפן און אַלע וועלטן־באַנען פירן
אין די ערשטע קלאַסן די וועלט־פּאַסאַזשירן,
וואָס שנאָרכן מיט די לאַנגע נעזער,
און גלאַנצן־גלאַנצן אין יעדער נשמה אַריין מיט נייגעריק־בליציקע אויגן־גלעזער,
עסן חזיר פּרינציפּיעל,
און מיט חזיר־פעטס גלאַנצט זייער רויטע פעל,
זעקס וואָרשטלעך פּעטס אויף די קאַרקעס,
און דריי אַזש ארויף אויף די פעטע קעפּ,
צען וואָרשטלעך די פינגער פון די הענט,
און אויף יעדע פינף וואָרשטלעך פון אַזאַ האַנט,
צען פינגערלעך — איינס אין איינס ברילִיאַנט.
די ווייבער — פּלאַטינענע צלמימלעך אויסגעזעצט מיט בריליאַנט,
די מענער בריליאַנטענע צלמלעך אין די מאַנשעטן־קנעפּ. —
אָ —
וועלט־יידן קאָנסטו זען אונטער רעדער פון באַנען — צעשטיקלטע ליגן,
ווייל עס האָט זיי זייער פאָטערלאַנד אויסגעשפּיגן —
צו וועמען זשע זאָלן זיי שרייען? — האָבן זיי נישט געשריגן,
נאָר זענען שטילע אַוועק צום פּלאַנט —
און אַוועקגעפאָרן — אונטער די רעדער פון דער ערשטער באַן
אין אייביקן לאַנד.

וועלט־יידן —
ליגן ווי ים־קראַנקע סקעלעטן,
אין בייכער פון שיפן אויף קופּעס קוילן, חדשים־לאַנג, ווי מען ליגט אויף בעטן,
אַליין פאַרשוואַרצט ווי אַ קופּע קוילן,
צווישן אַמעריקע, אַפריקע, אַרגענטינע, אויסטראַליע —
און דעם לאַנד פון דער אָפּגעשטויסענער ליבע — פּוילן.

וועלט־יידן —
אין אַלע אימפּעריעס, קעניגרייכן און אין רעפּובליקן אַלע —
שטילער ווי דאָס גראָז, נידריקער ווי וואַסער — שעפּעלעך לאַיאַלע,
מעקן מעע — מאַלעגיירען, קייען ווידער גראָז,
דאַרפן נישט מער ווי דאָס —

די לידער פון מיינע לידער

וועלט־יידן —
קאָנען נישט שלאָפן דורך נעכט, עס וואַרפט זיך זייער אינגעווייד פון
דעם גיפט פון דעם וועלטן-ליגן,
זיי חלומען אַ וועלטן־שטורעם, זעען ווי די וועלטן־כוואַליעס וויגן
דעם ים פון דער וועלטס געוויסן; און אין חלום זעען זיי אַליין זיך רייטן
אויף דיווילדע, ווייסע שוים־פערד,
אויף די כוואַליעס, אויף די טרוים-פערד —

וועלט־יידן —
רייטן איבער אַלע צייטן, איבער אַלע וועלטן־וויַיטן,
איינער קעגן אַלע, אַלע קעגן איינעם, אַלע צוזאַמען, אַלע אַליין,
וועלט־יידן אויף שוימפערד און טרוימפערד
וועלן זיגן — און אַליין
אין די כוואַליעס אונטערגיין.
ווייל נישט דער ציל — דאָס מיטל זענען זיי —
דאָס געמקריבטע, דאָס געהייליקטע —
דאָס בלוטיקע —
דאָס מיטל צום ציל פון דער וועלט —

1935

בערלינער קדיש 1934

געגרויסט און געהייליקט דיין נאָמען — גאָט,
און דער טויט — דיין העלפער — אויף דער ערד,
דערהויבן היינט און אין אייביקייט,
וואָס דו האָסט מיין תפילה אויסגעהערט.

און האָסט גענומען מיין קינד צו דיר,
מיין איינציקע טאָכטער פון צוואנציק יאָר,
איך וועל נישט שטעלן קיין שטיין איבער איר,
אַז קיינער זאָל נישט געפינען איר שפור.

שלאָף רואיק, מיין קינד, און זאָל מיין געוויין
דאָס לעצטע וויגליד אויף דער ערד דיר זיין,
ס'וועט קיינער דאָ מער נישט געפינען דיין שפור
און דיר נישט זאָגן מער: יידישע הור.

געגרויסט און געהייליקט דיין נאָמען, גאָט,
און דיין רעכטע האַנט, דיין העלפער, דער טויט,
וואָס עס האָט נישט קיין וואָקל געטון איר האַנט,
אין איר ערשטן צער, אין איר לעצטער נויט.

וואָס זי האָט זיכער און גוט געצילט
אין איר האַרץ פול מיט צוואַנציק יונגע יאָר,
און זי וועט נישט הערן מער, קיינמאָל מער,
אַז זי איז אַ יידישע הור.

און דו, מאַמע־ערד, דו ביסט אַלעמאָל גלייך,
מעגסטו זיין דייטש, ווי אַ מאַמעס שויס
ביסטו — דו שוועסטער פון גאָטס העלפער טויט,
דו — וואַרף מיין טאָכטער מער נישט אַרויס.

ווייל מיין טאָכטער וויל רוען, מאַמע, זי וויל רו —
נישט קיין קינד צו זויגן געווען איר באַשערט;
זי וועט זויגן איצט מיט איר בלוט דאָס גראָז
און די ביימער פון דער דייטשער ערד.

צווישן גראָזן מורמלט נאָך איר געזאַנג,
און אויף ביימער הענגט נאָך איר יוגנט־ליד,
מיט אירע צוואַנציק יידישע יאָר
איז זי אויסגעלעבט שוין און אַזוי מיד.

נאָך די נײַנצן יאָר לעבן און איין יאָר נויט,
גיב רו איר איצט, מאַמע, אַן אייביק יאָר —
און אַז דו וועסט בייז זיין אַמאָל אויף איר,
זאָג איר אַלץ, נאָר זאָג איר נישט: יידישע הור —

שלאָף רואיק, קינד מיינס, איך גיי שוין אַוועק
איבער גרענעצן, איבער דער איינזאַמער ערד,
דערלעבן די יאָרן, אין בענקשאַפט נאָך דיר,
די יאָרן, וואָס זענען מיר נאָך באַשערט.

געגרויסט ביסטו, גאָט, וואָס דו האָסט געטון,
אַז מיין שטאַם זאָל מער נישט ווערן פאַרמערט,
דורך מיין טאָכטער, דער יידישער הור —
דו האָסט זי צו אַנדערע געגעבן, די ערד,

זאָל זי געהערן, צו וועמען זי געהערט,
זיי זענען זי אפשר בעסער ווערט —

גענרויסט און געהייליקט דיין נאָמען, גאָט,
און דער טויט, דיין העלפער אויף דער ערד.

אַ יידישער דיכטער פון פוילן

גייט מיר נאָך דער טרויער פון פוילישע לאַנען,
איבער פינף קאָנטינענטן און דריי אָקעאַנען,
ווי דער ליכט־פּאַס גייט נאָך די מעטעאָרן,
גייט מיר נאָך דאָס ליכט פון די קינדער-יאָרן.

Polsko, Ojczyzno moja, dzieciństwa duszo,
Ty jesteś jak wiecznie otwarta rana,
Tym, którzy Cię wiecznie kochać muszą,
Bo tysiąclecia kajdanami z nimiś związana.

און נישט איינמאָל בלייב איך שטיין אינמיטן
ערגעץ אַ וועג אַ זון־צעגליטן,
און טויזנט פראַגן קומען און פאַרשטומען:
וו גייסטו, פון וואַנעט האָסטו זיך גענומען?

Nagle łzy jak krwotok buchają ze mnie:
Polsko, kocham Cię wiecznie, potajemnie;
Niech milczy, kto Miłość zamilczeć może,
My, poeci, nie możem; smutno nam, Boże.

אזוי ווי דו קענסט פון דיין הויט נישט שפּרינגען,
אזוי מוזטו ויינען און הערן, ווען פלוצלונג צעזינגען
זיך אין דיין נשמה די פוילישע לאַנען,
און קירכן־גלאָקן פאַרנאַכטיקע קלינגען,דערמאַנען — דערמאַנען.

Polska Ty mowo, niby krew bandaże, przesiąkłaś mą duszę;
Do Boga po polsku mówię, gdy wzywam Go na morzu,
przez burze,
Po polsku kocham—gdzieś w Nowym-Jorku lub Singapurze,
Bo kiedykolwiek Miłość wyznaję — po polsku
wyznawać muszę.

ווער בין איך, וואָס איז מיין נשמה —
האָבן זי אויף אַן אמת צוויי מאַמעס געבוירן?
קלינגען, קלינגען, קלינגען —
גלאָקן קאַטויילישע, פוילישע, פּאַרנאַכטיקע,
אין שקיעה־ליכט — קלינגען — אין רויטן.

אָבער וווּ גיי איך?
וואָס מיינען פּלוצלינג די ווערטער, וואָס קלינגען
אין מיינע אויערן:
די וועלט האָט זיבן טויערן
און אַלע זענען פאַר דיר פאַרשלאָסן —
די נאַכט האָט פּלוצלינג שוואַרץ פאַרגאָסן
דעם אונטערגאַנג, דעם רויטן —
און — ווי וועט מיין סוף זיין? אויב צווײמאָל געבוירן —
מוזן אויך קומען צוויי טויטן?

1935

★

ביי די וואַסערן פון דער ווייסל

ביי די וואַסערן פון דער ווייסל,
הינטער פענצטער — ווינט אין לעכער פון די שויבן,
אונטער קרומע שינדל־דעכער,
ביי די פּוסטע טישן — פּוסט אָן ברויט און פּוסט אָן גלויבן,
זיצן זיי מיט הענט פאַרלייגטע,
פרירן אין די שיך, אין די צעווייקטע,
הערצער פול מיט האָפענונגען אויסגעדאַרטע —
און וואַרטן — וואַרטן — וואַרטן —

ביי די וואַסערן פון דער ווייסל,
אויף די שיינע, אויף די לעצטע, אויף די אַלטע יאָרן,
זענען בעטלער זיי געוואָרן
ביי די אייגענע זין און טעכטער,
ברידער־שוועסטערן אויף די ווייטע קאָנטינענטן.
בריוו מיט בלוט און בריוו מיט טרערן —
מיט וואָס נאָך דען קאָן מען שרייבן?
קיינער וויל זיי מער נישט גלייבן —

צו די וואַסערן פון דער ווייסל
זענען זיי פּאַר טויזנט יאָרן,
מיט קינד און קייט, מיט האָב און גוטס,
פאַרטריבן געוואָרן, אין בוידן פאַרפאָרן,
ערשטע יידן, זייערע עלטער־זיידעס.
היינט — מיט טויזנט יאָרן ווייטער,
ווייזט מען זיי אַרויס די טירן —
וווּ־זשע גייען און וווּ פירן
נאָך טויזנט יאָרן אָט די טירן? — —

פון די וואַסערן פון דער ווייסל
און פון אירע שוועסטער־טייכן
גייען אויף אין ליכט אין בלייכן
פון דער פוילישער לבנה
שאָטנס פון אַמאָל; פון אַ גוטן, גרויסן, רייכן
לעבן, שאָטנס פון אַ גרויסער ליבע —
און די שאָטנס שווימען שטראָם־אָפּ
פונקט ווי זיי, ווי זיי פון היינט מיט שאַנד געטריבן.
פון די וואַסערן פון דער ווייסל
איבער אַלע ערדנס־באַנען,
איבער אַלע וועלטן־ימים,
איבער אַלע גרענעץ־צוימען

זענען אין די קינדער זייערע געקומען,
זענען אין די פרעמדע וועלטן אויפגעשטאַנען
לעבעדיקע, די קליינשטעטלדיקע טרוימען,
און די ווייטע וועלטן איינגענומען.

איצטער זענען זיי אַליין — נאָך טויזנט יאָרן —
נאָך נישט אויפגענומען און נאָך נישט אַרויסגעטריבן,
און פון גרויסן טרוים? חורבות —
אַ טרוים אפילו נישט אויף אַ טרוים פאַרבליבן — — —

ביי די וואַסערן פון דער ווייסל
וואַקסן יידישע בית־עולמס
איבער מאַרקן, איבער שטיבער,
איבער שטעט און שטעטעלעך אַריבער —

און דער טויט — — דורך פענצטער־לעכער
שטעקט ער זיינע ווייסע ביינער־פינגער;
וואָס ער וויל — דאָס קאָן ער קריגן,
אַלטע פון די טויטן־בעטן, קינדער פון די וויגן — — —

1935

ר ע ד י ם , מ י י ן ש ט ע ט ע ל ע

אין רעדים, מיין שטעטעלע, וועיט, וויט פון דאַנען,
שמעלצט שוין דער שניי פון די בידריקע דעכער,
צען טויזנט מייל שיפן, צווי טויזנט מייל — באַנען —
און אין מיר איז געוויין — געוויין.

דער ווינט פייפט אין קוימענס, די שטיבלעך, זיי טוקן
זיך טיף אין דער בלאָטע, און ס׳שאַרפט שוין די ציינער
דער וואָלף — דער וואָלף — ווי אַ לאָם זיי פאַרצוקן —
און אין מיר זענען טרערן — טרערן —

און ס׳זענען אַליין מיטן טויט דאָרט פאַרבליבן
מיינע טאַטע־מאַמע אין די פוסטע שטובן.
כ׳האָב אַ בריוו צו זיי היינט מיט טרערן געשריבן,
און אין מיר איז געוויין — געוויין —

ס׳איז דער בושעל שוין דאָרט געקומען צופליען
פון די וואָרעמע לענדער, ווי זינט טויזנט יאָרן,

און מחנות שוועלבעלעך אויפן הימל ציען —
און אין מיר זענען טרערן — טרערן —

און ס׳פלאַטערן אין מערץ־ווינט מיינע פעטערס פאות,
זייערע שטיוול שטעקן אין דער טיפער בלאָטע,
אין די ליידיקע שפייכלערס פייפן די מייז —
און אין מיר איז געוויין — געוויין —

אויפן מאַרק זענען פויערן געקומען צופאָרן,
מיט די דריי קאַרטאָפליעס און די דריי פונט האָבער,
פונקט ווי אַלעמאָל, ווי זינט הונדערט יאָרן —
און אין מיר זענען טרערן — טרערן —

האָבן יידן געטאַפּט די מאָגערע זעקלעך,
און דריימאָל געציילט די זיבן גראָשן,
און אַהיימגעגאַנגען מיט די טשאַפּלין־שטעקלעך —
און אין מיר איז געוויין — געוויין —

און אויפן בית-עולם גרינען שוין די קברים,
און אין שטעטל וועלן באַלד די מתים זיצן
אין תכריכים ביי די פינצטערע סדרים —
און אין מיר זענען טרערן — טרערן —

חלומען די קינדער פון שיפן און פון באַנען,
און די אַלטע חלומט זיך שיינע לוויות —
וואוהין, וווהין? אַוועק פון דאַנען!
און אין מיר איז געוויין, געוויין!

ווער איבער דער ערד — און ווער אַרונטער,
דערווייל זינקט מיין שטעטעלע טיפער און טיפער,
ווי אַ שיף אין דעם ים, אין דעם ווײ פון מיין האַרצן,
מיט אַ ווילדן, לעצטן געשריי גייט עס אונטער,
און אויפגיין גייט אין מיין האַרצן
געוויין, געוויין.

1936

אויף קבר־אבות — איבער דער וועלט

איז עס אַ וועלט, אַ גרויסע וועלט,
און פעלקער זענען אַ סך אויף דער וועלט,

איז איין פאָלק דאָ צווישן פעלקער אַ סך,
רופט מען עס דאָס פאָלק פון געלט.

און ווייל מען רופט עס דאָס פאָלק פון געלט,
איז געלט פאַר אים די איינציקע טרייסט,
האָט עס אַריינגעטון זיך אין געלט,
אין געלט און אין גאָלד — אין גאָט און אין גייסט.

און מען יאָגט עס איבער דער וועלט אַרום,
פאַר געלט און פאַר גאָלד, פאַר גייסט און פאַר גאָט,
איז ווי דאָס געלט פאַרשפּרייט איבער וועלט,
איז דאָס פאָלק פאַרשפּרייט איבער לאַנד און שטאָט.

און אין יעדן לאַנד און אין יעדער שטאָט
פייניקט מען עס אויף אַן אַנדערן מין.
פרעגט עס ביי גאָט און ביי גייסט — און עס בלייבט
ביים פרעגן וועגן דעם גאַנצן זין.

ווייל שווייגן שווייגט גאָט און שטום בלייבט גייסט —
נאָר — דער טויט קומט שטענדיק אין דער רעכטער שעה. —
זענען איבער דער וועלט, ווו אַ לאַנד, ווו אַ שטאָט,
ווו אַ דאָרף — בית-עולמס יידישע דאָ.

און איך בין אַ יידישער זינגער, בין איך,
גיי איך אויף קבר־אבות אַרום,
פון לאַנד צו לאַנד און פון שטאָט צו שטאָט,
זינגען צו מיר די בית־עולמס — שטום.

און איך זע די שטיינער און איך לעז אויף זיי,
אַמאָל נעמען בלויז, אַמאָל שטומע קלאָג,
און איך זע שוין קומען דאָס לעצטע יאָר
און טאָגן דעם לעצטן טאָג.

און איך זע ווי די וועלט ווערט אַ מבול־טייך,
און איך זע ווי די קברים מאַכן זיך אויף,
און איך זע — ווי די שטיינער פון סמבטיון-טייך
פליען די מצבות אַרויף —

צו דעם הימל, צו דעם פענצטער פון גאָט,
מיט דער גרויסער טאָפליע פון בלויען גלאָז —

ווייל קומען מוז אַמאָל דער טאָג,
ווען איבערשוימען וועט די מאָס
און פאַלן אַראָפּ די גערעכטע וואָג!

נאָר דערווייל — דערווייל זענען די בית־עולמס
פאַר אונדז די איינציקע יידישע טרייסט,
אין זייער ערד איז דאָס רעטעניש,
דאָס אומלייזבאַרע אויפגעלייזט.

און אונטער שניי איז אין זיי דער ווײ,
דער ווילדער ווײ געשטילט,
און מומיע־רואיק רוט, וואָס ערשט נעכטן
ווי אַן אָקס אין בלוט איז געפּגרט ווילד.

און אַ פּרעגצייכן פון אַ זיבעציק יאָר
מיט אַ פּראָסטן שטיין איז פאַרענטפערט פעסט,
און נישט איינער פון מיינע זינגער־ברידער
איז דאָ — ביי גאָט אויף אייביקע קעסט.

פון קעיפּטאַון און פון וועלינגטאָן,
ניו־יאָרק און האָנג־קאָנג און ווישעגראָד —
כ׳בין אַ יידישער זינגער, גיי איך אַרום
אויף קבר־אבות פון שטאָט צו שטאָט.

קאָנטינענטן און אָקעאַנען

פאַראַנען אַ וועלט, אַ גרויסע וועלט,
און אין איר אַ צווייטע — אַ יידישע וועלט,
און אין דער צווייטער — אַ דריטע וועלט,
אין דער ערד אויף דעם יידישן פעלד.

און פעלט מיר אויס אין די טעג מיינע — טרייסט,
און אין נעכט מיינע פעלט מיר — גאָט,
פאָר איך אויף קבר אבות, פאָר איך
פון לאַנד צו לאַנד און פון שטאָט צו שטאָט.

ביז ערגעץ, אין איינער פון די טויזנט שטעט,
וועט גאָט אַ זאָג טאָן: אָ דאָרט — גיב אַ קוק —
וועל איך פרעגן דערשטוינט: דאָס צוגעזאָגט' לאַנד?
וועט ער זאָגן: יאָ — און וועט זאָגן: גענוג!

וועל אַנידערלייגן אויך איך דעם קאָפּ,
ווי אַלע, אונטער אַ שטיין,
און אַמאָל, אַמאָל וועט אויך צו מיין שטיין
אַ יידישער זינגער קומען צו גיין.

און אַלע די פראַגן אָן אַן ענטפער גאָר,
און אַלע געדאַנקען, צו אַ סוף נישט דערקלערט,
וועלן זיין פאַרענטפערט, ווי דער הימל קלאָר,
אונטער אַ הויפעלע ערד.

פאַראַנען אַ גרויסע וועלט אויף דער וועלט,
און אין איר אַ צווייטע, יידישע וועלט,
אַ וועלט פון גאָלד און פון גייסט און פון גאָט,
בין איך אַ זינגער — פון דעם פאָלק פון — — געלט.

און אין לעבעדיקער יידישער וועלט,
איז אַ דריטע וועלט דאָ, אַ דריטע — איז דאָס
די וועלט פון קברים, די וועלט פון בית־עולמס,
האָב איך זי ליב, און איך ווייס פאַרוואָס.

אין די טעג אָן טרייסט זע אין איר איך אַ טרייסט,
און אין נעכט אָן גאָט קומט פון דאָרט צו מיר גאָט, — — —
דאָרט וועט ער מיך ברענגען צו רו, צו רו —
אַלץ איינס: אין ניו־יאָרק, צי אין ווישעגראַד.

1935

דער פלאַנעט און די בלום

אַ, ער איז אזוי גרויס און שיין דער פלאַנעט,
און די פינף קאָנטינענטן אַרום און אַרום —
נאָר גרעסער און שענער ווי די וועלט איז פאַרט
אַ פינעפבלעטערדיקע פרילינגס־בלום —

און ווייט איז דער ים ביים עקוואַטאָר און בלוי —
און אין צפון ווילד־שוים און שטאָליק־גרוי —
נאָר טיפער, ווי די ימים איז פאַרטאָג אַמאָל
אַ הענגענדיקער טראָפּן טוי.

און גרויס איז דער גייסט פון די וועלטן־פעלקער,
אין נביאס פייער־וואָרט אויסגעדריקט,
נאָר העכער אַן איינזאַמער קרעכץ ביי אַ פלויט
צווישן פאַרהאַקטע ציין דערשטיקט.

1930

דער מאַן פון דרייסיק יאָר

(פראַגמענטן פון אַ סעריע)

3.

דו ביי דיין מאַן ביינאַכט — און איך ביי מיין ווייב,
ווי מיט נעגל צום קרייץ איז געקרייציקט אונדזער לייב
צו פרעמדע מזלות, פרעמד לעבן און טויט,
עס זשאַווערט דאָס אייזן פון נעגל אין בלוט, און ס׳האַלץ
פאַרבט זיך רויט

און ווי דער געקרייציקטער מיט לעצטער מאַכט,
רופסטו מיך, רוף איך דיך, ווי גאָט אין דער נאַכט.
און ערגעץ אינמיטן דער נאַכט, אין פעלד, אָדער טונקעלן ים —
ווערט איינס אונדזער רוף, ווי איינס ווערט פלאַם.

5.

עס קומען ווערטער פון ליבע
און לייגן זיך אַנידער,

און טוליען זיך אין דיין שויס,
ווי ווערטער פון אַ ווידוי:
דו מיינע — מיינע — מיינע. —

און ווי ווערטער פון אַ ווידוי
וועלן זיך קיינמאָל נישט בייטן,
אזוי וועל איך אַזעלכע ווערטער
נישט זאָגן מער אַ צווייטער:
דו מיינע — מיינע — מיינע. — —

.6

די גאַנצע וועלט איז פול מיט שטובן,
נאָר פאַר אונדז איז קיין שטוב נישטאָ,
די גאַנצע וועלט איז פול מיט שעהן,
נאָר פאַר אונדז איז נישטאָ קיין שעה.
די גאַנצע וועלט איז פול מיט שפּיאָנען,
און אומעטום גייט אונדז נאָך אַ שפּיאָן.
די גאַנצע וועלט איז פול מיט זינדן,
נאָר אונדז קוקט מען ווי זינדיקע אָן —
דו מיין הייליקע פרוי,
פאַרוואָס איז עס אַזוי?

.8

אזוי ווי דער האָר מיט דעם זינדיקן ווייב,
פון גאַנץ ירושלים פאַרדאַמט,
האָסטו לאַנג געשוויגן אין גאָרטן מיט מיר,
און ענדלעך פאַרשעמט מיט אַ שירעם געשריבן אין זאַמד:
פאַרוואָס האָסטו מיך ליב:

און אזוי ווי דער האָר ביי דער זינדיקער פרוי,
האָב איך לאַנג געהאַלטן דעם קאָפּ צו דער ערד,
און ענדלעך צו דיר זיך אומגעקערט
און געענטפערט אזוי:

ווייל דו ביסט ווי אַ מאַמע —
ווייל ווען אַלע האָבן זיך אָפּגעקערט
פון מיר — פאַר די גרויסע און קליינע זינד,

ביסטו — ווי אַ מאַמע בלייבט ביי אַ קינד —
געבליבן ביי מיר.
און אפילו, ווען איך אַליין
האָב אַ שטיין גענומען און אַליין געוואַלט
אים וואַרפן אין מיין געוויסן אַריין,
ביסטו אויפגעשטאַנען
צווישן מיר און מיין אייגן געוויסן,
און דעם שטיין פון מיין האַנט אַרויסגעריסן,
און די האַנט, נאָך קאַלט פון דריקן דעם שטיין,
צו דיין וואַרעם האַרץ געדריקט
לאַנג און שווייגנדיק.

.13

איז געפאַלן צווישן אונדז אַ שאָטן,
אַ שאָטן פון אַ דריטן,
זענען אָפּגעפאַלן אויף אַמאָל
פון דעם זומער פון אונדזער ליבע
אַלע ווייסע בליטן...

כ'האָב מיך שלאָפן געלייגט און נישט געשלאָפן,
און ווי אַ מוטער ביי אַ קינד, אַ קראַנקן,
האָט אַ טרויער־ווייעדמע געזעצט זיך ביי מיין בעט,
און מיט טויזנט געדאַנקען
און טויזנט פראַגן מיר ס'לעבן דערגאַנגען.

און מיט דעם טויזנט ערשטן געדאַנק אין מיין האַרץ
בין איך צו דיר אינדערפרי געקומען:
— לאָז מיך גיין צוריק אין דער איינזאַמקייט,
פון וועלכער דו האָסט מיך גענומען.

האָט דיין בליק זיך אַ וואַרף געטון צו מיינע פיס,
און — אַ שולדיקער — מיך גענומען איבערבעטן.
און אויך איך האָב מיין בליק אַראָפּגעלאָזט,
און עס איז דער שאָטן פון דריטן
מער נישט אויף דער ערד געווען.
נאָר פאַרוועלקט און צעטרעטן —
אַ קאַבריץ פון ווייסע בליטן.

.14

כ׳האָב נישט ליב געהאַט דיך, כ׳האָב אין דיר געגלויבט,
ווי מען גלויבט אין גאָט,
ווי מען גלויבט דער מאַמען, וואָס האָט געבוירן,
ווי מען גלויבט אין טויט.

כ׳האָב געגלויבט אין דיר, ווי מען גלויבט אין ערד,
אויף וועלכער מען בויט —
איצט ביסטו אַוועק און געבליבן איז —
די ערד און דער טויט.

דו ביסט געווען דער גרויסער אמת
פון מיין לעבן,
און כ׳האָב דיר דערפאַר דעם גרעסטן אמת
פון מיין זיין געגעבן:
דעם זומער פון מיין לעבן.

און דו ביסט געווען די גרעסטע פאַרבלענדונג
פון מיין לעבן,
האָסט מיט פראָסטע דריי ווערטער צוריקגענומען,
וואָס דו האָסט מיט טויזנט־פאַכן געזאַנג
פון דיין לעבנס-פרילינג — געגעבן, געגעבן.

דער גרעסטער אמת און גרעסטער נישט־אמת,
וואָס איך וועל ווענס הערן, וואָס איך האָב געהערט.

זאָל דיר דערפאַר אַמאָל גרינג זיין דער הימל,
און מיר זאָל גרינג זיין די ערד.

1928

✶

מיין טאָכטער פון זעכצן יאָר

זי איז אַ פאַרפלאָמטע אַהיימגעקומען,
זיך שלאָפן געלייגט מיט איר צער, מיט איר שטומען,
דאָס קינד פון מיין ליבע, וואָס איז נישט מער קינד,
מיין טאָכטער פון זעכצן יאָר.

כ׳האָב דעם לאָמפּ פאַרלאָשן און די טיר פאַרשלאָסן,
און הייסע טרערן זענען געפלאָסן
ביי מיין קינד פון ליבע, וואָס איז נישט מער קינד,
דורך די שלאַנקע הענט און די בלאָנדע האָר.

אין דער פינצטער בין איך זיצן געבליבן,
כ׳האָב אין דער פינצטער אַ ליד געשריבן
צו מיין קינד פון ליבע, וואָס איז נישט מער קינד,
אַ ליד פון איינעם, וואָס דאַרף שוין אַוועק:

דו קינד פון מיין ליבע, דו טאָג, וואָס וועט קומען,
דו, וואָס דו האָסט פון מיין האַרצן גענומען
דאָס פייער פון יוגנט, וואָס ביסט נישט מער קינד,
און געלאָזן דאָרט שטילקייט, פינצטער, שרעק.

דאָ אַ יאָר, דאָרטן צוויי, זאָג, קינד מיינס, ווער האָט דען
אזוי גיך דיין פּאָטערס יאָרן צעשאָטן,
קינד פון ערשטער ליבע, וואָס ביסט נישט מער קינד,
וואָס איך קאָן נישט פאַרשטיין מער דיין יונגן געוויין?

פאַראַנען, קינד מיינס, אַ היים פון היימען,
דאָרט גייען מיר אַלע זיך אויסצוווייגען
צום לעצטן מאָל; דו, וואָס ביסט נישט מער קינד,
נאָר דו קאָנסט עס נאָך נישט פאַרשטיין.

און ס׳איז מיין טאָכטער שטיל איינגעשלאָפן,
די האָר צעפלאָסן און די הענט ווידער אָפן,
און זיפצעט אין שלאָף, די, וואָס איז נישט מער קינד,
זי שלאָפט — און איך קאָן שוין גיין.

גיין אין מיין נאַכט, גיין אונטער די גראָזן,
און אונטער דיביימער, און דיך, קינד, דאָ לאָזן,
דו בלום פון מיין ליבע, וואָס ביסט נישט מער קינד,
אַליין אויף דער וועלט, אַליין.

1933

דער מאַן פון פערציק יאָר

זי:
דיין לייב איז צייטיק, וואַרעם און ברוין, ווי ברויט,
דיין בלוט איז טונקל און שווער, ווי ווייַן,
און איך בין הונגעריק און דורשטיק און אַליין,
זעטיק מיך און טרינק מיך אָן, געליבטער, אין מיין שפעטן זומער.

ער:
דאָ בין איך, געליבטע, נעם מיך און גיב דיך צו מיר,
הייליק און גאַנץ, ווי די מאָמע ערד.
נישט קושן וויל איך דיין לייב — אַקערן עס
אין טויט־ווייַ פון לעצטער ליבע.

זי:
נאַקעט, האַרץ צו האַרץ — געליבטער, די אָדערן שלאָגן ווי קוואַלן,
די רגעס פון גליק פליִען און פאַלן,
האַרץ צו האַרץ, ווי מאַמעס מויל צום קינד, רעדט פון ליבע און פון טויט.
נאַקעט — אָן העמד, בלוט צו בלוט — אָן הויט.
זעטיק דיך אין מיר,
מיינע שלאַנקע פיס ליגן פאַר דיר, ווי אַן אויפגעשניטן ברויט.

ער:
דיינע ליפּן, געליבטע, פאַלן צו צו מיר,
ווי ברכות שטילע, צו שטאַרבן אויף האַרבסטיקער ערד פון מיין לייב,
בלוט־רויט צום לעצטן מאָל,
ווי די בלעטער פון ווייַן אין האַרבסט.

זי:
מיינע קושן, געליבטער, נישט קיין בלעטער אין האַרבסט,
זע — זיי פאַלן טיף אין דיין לייב,
ווי מעטעאָרן אין ערד — ביז טיף אין דיין האַרץ,
פּונקט ווי די שטערן,
באַגראָבן צו ווערן
אין דער טיף פון דיין האַרץ.

ער:
גיב מיר אויף דיינע הענט, גיב מיר אויף דיין פּנים אַן אָרט,
קיינמאָל נאָך פון מענער־ליפּן נישט געקושט,

די לידער פון מײַנע לידער

פון דאָרט, פון דאָרט
װעלן מײַנע אײנזאַמע דיכטער־ליפּן
רעדן צו דיר פון אונדזער ליבע,
װאָס איז אײביק װײַל מיט טױט געמישט.

זי:
אומעטום דאָרט, װוּ דײַנע קושן, געליבטער,
װוּ דײַנע ליפּן רירן אָן מײַן לײַב,
װערט הײליק דאָס אָרט,
װײַל דײַנע ליפּן ברענען װי דער סנה,
אפילו דאָרט, װוּ זיבן מענער האָבן שױן געקושט.
װײַל אומעטום אויף מײַן לײַב ביסטו דער ערשטער מאַן.

ער:
דײַנע ליפּן, געליבטע, צװײַגן פײַער אין בראַנד פון אַ װאַלד,
פֿליִען, צינדן מיך אָן איבגאַנצן,
פֿליִען, װי פײַער־אָדלערן,
הימל־הויך אויף.

זי:
קוש —
דײַנע ליפּן, געליבטער, װי שריט, גײען העכער, האַרץ־אַרויף,
מײַן בלוט װערט שטיל, עס שטאַרבט, איך הער
שריט פון נשמות אין דער
טיפסטער טיף פון מײַן נישט־דערגאַנגענעם מוטער־װײ,
ערשטע שריטעלעך פון נישט געבוירענע קינדער.

ער:
געליבטע — און װײסטו דען נישט,
אַז אונדזער פאָטער און מוטער איז דער טויט,
און מיר זענען ברודער און שװעסטער. —

זי:
פון זינד?

ער:
מיר זענען ליבע — און ליבע איז גאָט אַלײן,
װי קאָנען מיר זינד
זײַן?

מיר זענען גאָט, טויט, לעבן און אפילו קינד
אַליין. —
גיב מיר אַ נאַכט, ווי אַ שוואַרצן בעכער,
פון ראַנד, ביז ראַנד, פון זון ביז זון,
פון דער אָוונט־שעה, פון זיין טיפסטן דנאָ,
ביז ארויף צום ראַנד, ביז דער מאָרגן־שעה,
פול מיט געטלעכער שטראַלן־זינד,
צווישן ברודער און שוועסטער, מאַן און ווייב,
בלוט און בלוט, לייב און לייב,
גיב מיר אַלץ, וואָס מען האָט באַהאַלטן
זינט חוהן, דיין לייבלעכער מוטער, ווייב,
אין דיין הייליק טאָכטער־שוועסטער־מוטער־לייב,
גיב מיר די ליבע, גיב זי מיר
אין אַלע טויזנט געשטאַלטן.

זי:
ווי וויל איך, געליבטער,
דיר געבן, געבן, געבן, געבן —
אַלע טויזנט געשטאַלטן פון ווייב און לייב און לעבן,
ווי לאַנג בלוט איז רויט ביז דער מאָרגן גרויט.
נאָר זאָג מיר צו,
אַז דו, דו, דו —
וועסט מיך קושן אויך ווי איצט, ווי איצט,
אויך אין דער טויזנט ערשטער געשטאַלט,
ווען איך — וועל — — זיין —
טויט. — — —

ער:
איך זאָג דיר צו, ווייל אין יענער שעה,
וועל איך אויכעט זיין ווי דו, ווי דו —
כ׳בין אזוי לאַנג נאָר דאָ, ווי דו ביסט דאָ —
און איצט זינג מיר אַ ליד, פאַרזינג דעם געדאַנק,
פאַרזינג דעם טויט,
זינג מיר, זינג מיר — מאַמע,
דיינע הענט לייג ארויף אויף די מידע אויגן,
צו די ליפן גיב דיינע ווייסע ציין,
די זיסע מילך פון גליק צו זויגן.

זי:
געליבטער מיינער,
איך בין אייביק פרוי,
דעריבער זאָג מיר דאָס לעצטע נאָך צו,
אַז ווען אַ צווייטע וועט קומען צו דיר,
צו רויבן מיר — מיינע — דיינע ליפּן —
דיין פּויסט —
אין אירע ריפּן!
אין שעלמישער ליבע דעם פרעמדן מאַן אַנטבלויזט.
זאָג —
איז דען פאַראַנען אויף דער וועלט נאָך איין פרוי,
וואָס ווייסט ווי אַזוי
האַרץ אין האַרץ אַריינצוּוואַקסן,
בלוט מיט בלוט צו מישן,
דיינע ליפּן — געליבטער — צו קושן?

ער:
נישטאָ אויף דער וועלט
און עס וועט מער נישט זיין —
ביז אין אונדזער טיפסטן ווינטער אַריין.

זי:
וויפל פרויען דו זאָלסט נישט קושן —
ווי קאָן איך דיר גלויבן? —
וויפל פרויען עס וועלן רויבן
גליק־רגעס פון דיינע ליפּן ביי מיר,
מיינע קושן וועלן אייביק, אייביק,
אַרויפשווימען אויבן,
ווי וואַסער־ליליעס פון וואַסערטיף אין הימל אַריין,
אין רויטער אָוונט־שיין,
און וועלן אייביק אויף דיינע ליפּן
די
לעצטע
זיין.

1935

אַ ליד וועגן אַ דריטן

אזוי איז זיין מזל, אזוי איז פאַרשריבן
געוואָרן אין בוך פון זיין לעבן,
דער וועלט־טיש איז רייך, נאָר גאָרנישט געבליבן
צו נעמען פאַר אים — ער דאַרף געבן, געבן. — —

אזוי איז זיין מזל, מען הערט אים נישט קלאָגן,
ער ווייסט, ער וועט אייביק שוין בלייבן דער דריטער,
זיין מזל איז זייען און זייען — די ערד וועט שוין טראָגן
אין צייט, און קומען וועט אין דער צייט דער שניטער.

אזוי איז זיין מזל און ער נעמט עס מיט ליבע,
דאָס איינציקע נאָך, וואָס ער מעג נאָך נעמען.
ער איז ליכטיקער שאָטן אין גליקלאָזע שטיבער,
ער ווייסט, ער קומט אָפּ, אים אַרט נישט פאַר וועמען.

אזוי איז זיין מזל — אַ היים נישט צו האָבן,
מיט ליבע באַלייכטן פאַראומערטע היימען.
אַז ער וועט שטאַרבן — וועט מען שטיל אים באַגראָבן,
און נאָך שטילער באַוויינען אין צער, אין געהיימען. — —

1931

★

אַ ליד אָן ליבע

דו האָסט מיך פיינט און איך האָב דיך פיינט,
נישט איך בין דיך, און דו ביסט מיך נישט ווערט,
צוויי מיליאַרד מאָל איינזאַם איז אונדזער ערד,
לאָמיר טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן צוזאַמען.

נו, קום שוין אין מיין בעט, דו באַפליישטער סקעלעט,
ס׳וועט אַלץ איינס דיר געשען, וואָס דיר איז באַשערט,
ס׳איז אַן איינזאַמע תפיסה די באַפעלקערטע ערד,
לאָמיר טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן צוזאַמען.

ביסטו דען דו, בין איך דען איך ?
מיר זענען היינט נישטאָ און װעלן מאָרגן נישט זיין,
מיר זענען נישט צוזאַמען און זענען נישט אַליין,
לאָמיר כאַטש טאַנצן, טאַנצן צוזאַמען.

דו, רוף נישט מיין הילף, װייל אויך הילפלאָז בין איך,
דו — אַז מאָרגן װעט מען אונדז פּלוצלונג הייסן גיין,
װעלמיר אין װינקלען פאַרקריכן צו פּגרן אַליין,
װי חיות — לאָמיר טאַנצן היינט, טאַנצן צוזאַמען.

דו בויגעװדיק גראָז, דו װאַרעמע מויד,
דער סערפּ זאַגסטו, קלינגט, דער װינטערװינט בלאָזט ?
ציטער נישט ! אַלע דאָ זענען מיר גראָז —
לאָמיר טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן צוזאַמען.

דאָס בלוט איז נאָך רויט, נאָר מיר זענען שוין טויט,
זע, זעסטו דאָס פּנים ? הער װי קלאַנגלאָז ער לאַכט,
דער װאָס האָט אונדז, װי גראָז און װי חיות איינזאַם געמאַכט.
לאָמיר טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן צוזאַמען.

נישט דו האָסט מיך פיינט און איך האָב נישט פיינט — —
דו קינד ! — — װאָס איז דאָס ? װאָס האָט אויפגעשיינט
אין דיין אויג ? אַ טרער ? האָסטו אויף אַן אמת געװיינט ? — —
לאָמיר טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן היינט
טאַנצן איינמאָל צוזאַמען.

1934

אַ דאַנק־בריװ אינמיטן ים

שטיל איז דער ים, דער ים, װי ער װאָלט
געװעזן בלוי־גלאָז מייל־טיף —
אַזוי איז מיין האַרץ — כ׳װעל שרייבן היינט, װייב,
מיין טיפסטן בריװ, פון דאַנק — אַ בריװ.

און פאַר די קינדער דאַנקען דיר,
װאָס זענען געװאַקסן אין דיין לייב,
און צו ניין חדשים געאָטעמט מיט דיר,
און דיין מילך געטרונקען — װייב.

און פאַר די ליידן דאַנקען דיר,
פאַר די אָפּגעשניטענע צוואַנציק יאָר;
אָן דיר וואָלט איך געווען דער סוף,
און מיט דיר בין איך אַ רינג, אַ דור.

און פאַר די ליידן — נאָכאַמאָל,
פאַר די צוואַנציק רינגען אין דער לעבנס־קייט;
זשאַווער וואָלט איך געווען היינט
אָן דעם פייער פון דעם לייד.

און ווידער און ווידער פאַר דעם לייד;
גאָט איז געווען אין דיינע הענט,
מיט געטלעכן פייער האָסטו דאָך
צוואַנציק יאָר פון מיין לעבן געברענט.

איצט שטיי איך איינזאַם, איצט שטיי איך גרויס,
צו אַ נייעם לעבן גרייט,
אַ לעבן פון אמת — ווייל דעם אמת האָב איך
געלערנט ביי דיר אין אַ שולע פון לייד.

איצט שטייסטו איינזאַם, דו האָסט געטון,
וואָס דו האָסט צו טון געדאַרפט,
האָסט אַ מענטש דערהויבן דורך לייד,
האָסט זיין ווילן, ווי שטאָל געשאַרפט.

האָסט אַ מויד, און אַ יונג, געזונט און שיין,
אויף דער ערד, אויף די פיס געשטעלט,
און ווייטער זאָל גיין, צו דער זון זאָל ער גיין
דער הערשער פון דער וועלט.

האָסט געשטעלט אויף דער ערד, האָסט געשיקט אויף דער וועלט
אַ זון, אַ יונג, אַ טאָכטער, אַ מויד.
איך דאַנק דיר, דאַנק דיר, דאַנק — ווייל זיי זענען
ווי די עפּל זאַפטיק, געזונט ווי דאָס ברויט.

און איך דאַנק דיר פאַר טויזנט פרילינגס־טעג
דערטראָנקען אין דיינע טרערנס זאַלץ,
און פאַר האָניג-דערטראָנקענע האַרבסטיקע נעכט —
אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר פאַר אַלץ.

איצט גייען דעם לעבנס אמתן דורך מיר,
ווי דאָס לעבעדיקע אָדערן־בלוט,
און אויב איך בין נאָך איצטער אַביסל גוט,
בין איך אויף אַן אמת גוט.

און אויך דו ביסט גוט, אויב דו האָסט געקאָנט
צוואנציק יאָר געבן צו אָט דעם מאַן,
וואָס איז אַ דיכטער — און אַ דיכטער איז דאָך
האַלב מלאך און האַלב שאַרלאַטאַן.

איצט זענען מיר פיר — איינזאַמע פיר,
צו אַלע וועלטזייטן פיר.
און וואָס מיר זענען — דיינע טרערן און דיין מילך
און דיין בלוט פאַרדאַנקען מיר.

מיר האָבן געהערט גאָטס געזעץ אויף דער ערד,
און ערלעך, אין לייד, געטון אונדזער פליכט,
איצט, זענען מיר אַלע יונג, מיר פיר —
די נאַכט איז געענדיקט —
איצט גייען מיר
אַלע פיר צו נייעם ליכט!

1935

מלך ראַוויטש:
לידער
און
באַלאַדן
1940

לידער און באַלאַדן פון די לעצטע דריי־פיר יאָר

23 זאַכן איינגעטיילט אין זעקס ציקלען; נומערירטע בלויז — אָן נעמען. די זאַמלונג עפנט זיך מיט אַ „פאַרענטפערונג — במקום אַ הקדמה". 120 זייטן. פאַרלאַג „דער וועג", מעקסיקע, 1940.

אָ דו, וואָס ווערטער האָסט אין מיין מויל אַריינגעגעבן —

אָ דו, וואָס ווערטער האָסט אין מיין מויל אַריינגעגעבן,
רחמים האָב אויף מיר און גיב מיר ווערטער איצט,
ווי דו האָסט געגעבן דעם בעל־תהילים.
נישט די לייכטע ווערטער פון מיינע לידערס טאָג־ביי־טאָג,
נאָר ווערטער שווערע, הייסע, ווערטער, וואָס קענען ווערן תפילה.

תפילה פאַר אַלע פאַרשפאַרטע אין תפיסות וויל איך איצטער זאָגן,
די קני אויף דער ערד און דער שטערן אין שטויב.
תפילה פאַר אַלע, וואָס אין אַלערליי תפיסות שמאַכטן,
און קוקן אָן האָפנונג אויף הויכע פענצטער נאָך
דעם לעצטן שטראַל אין שטילע פאַרנאַכטן.

ווייל די פריי איז אַלץ, זי איז דו, גאָט, זי איז וועלט, זי איז לעבן,
לויט אַלע חכמות פון אַלע פראָסטע לייט,
און טיפסטע געדאַנקען פון די פילאָזאָפן.
די פריי איז באַהעפטונג מיט דיר, און תפיסה איז זינד פון זינד,
און שטראָף פון שטראָפן.

מיין ערשטע תפילה פאַר די, וואָס זענען דרייפערטל וועלט,
וואָס ליגן ביי זיך אַליין אין האָפנונגסלאָזער תפיסה,
און היטן זיך גוט, חלילה זיך אַליין נישט אויסצולייזן —
אויב אמת, אַז רחמים איז אין דיינע הענט,
זיי דאַרפסטו אים באַווייזן.

אָ תפילה פאַר פאַרברעכער, וואָס שטילער פלאָם פון בענקשאַפט
מענטשלעך־זינדיקער האָט אזוי לאַנג אין די הערצער
זייערע דאָס בלוט געזאָטן,
ביז זיי האָבן — אומשולדיק ווי מיר אַלע זענען —
עובר געווען געבאָטן.

טו איך תפילה פאַר זיי, אויך זיי זענען ווערט דיין רחמים,
נידער אַראָפּ צו זיי, קוק אַריין דורך זייערע קליינע פענצטער
פאַרשטעלט פאַר דער וועלט מיט פאַרזשאַווערטע בלעכן.
ווייסטו דען נישט אַליין, אַז מענטשן וואָלטן געטער געווען,
ווען זיי וואָלטן גוטס געקענט טון, צי אפילו באַגיין פאַרברעכן?

און אַ תפילה פאַר פרויען, וואָס שמאַכטן אָפּ לעבנס מיט מענער,
וואָס זענען ווי גרויסע פיש פאַר זיי אין די שוואַרצע וואַסערן פון נעכט,
דאָך היטן זיי די פרויען, ווי די תפיסה־וועכטער.
איך בעט פאַר די פרויען, וואָס דאַרפן גנבענען ברעקלעך פון גליק,
וואָס איז זייערס, וואָס קומט זיי מיט רעכט פון דער וועלט, דער אומגערעכטער.

און אַ תפילה אויך פאַר מענער, וואָס שמאַכטן אָפּ לעבנס
אין שיפן שיפבראָכיקע, וואָס קענען נישט קומען צו אַ ברעג,
און זיי מוזן מיט אַ שמייכל זיי נאָך רופן: היימען —
מענער, וואָס שלייכן ווי שאָטנס אַרום און ניוכען ווי הינט
ביי פרעמדע פרויען אַ שמייכל אַ געהיימען.

און אַ תפילה פאַר די, וואָס שמאַכטן אַצינד אין די יאָכן
ווי קריגס־געפאַנגענע פון לענדער, איינגעוויקלטע אין רויך און קריג,
וואָס די פנימער קוועטשן דורך שטעכיקע דראָטן,
און שעלטן זיך אין הונגער אויף אַ קול, אַז בעסער וואָלטן זיי
גראַנאַטן צעריסן און ציגל זייערע קעפּ פאַרשאָטן.

מיין תפילה פאַר די, וואָס האָבן דאָס מויל נישט צוגעהאַלטן,
דעם אמת ווי הינט געטרייע געדינט, און זענען אין תפיסות אצינד
פון אַלערליי דיקטאַטאָרן,
און איצט ווינטשן זיי זיך שוין, אַז בעסער וואָלטן זיי ווי הינט
משוגענע אויף דער גאַס דערשאָסן געוואָרן.

און אַ תפילה פאַר די, וואָס זענען ליגן געבליבן
צווישן גרענעצן פון לענדער, הילפלאָז ווי חיות מיט צעהאַקטע פיס,
און מען שיקט זיי אַרום אין פאַרמאַכטע וואַגאָנעס, ווי אין הערינג־פעסער,
ווי מיסט, זיי די גרענעץ אַריבערצווואַרפן.
כאָטש זיי זענען מענטשן מיט דיין צורה, גאָט, נאָר זיי זענען אָן פּעסער.

און מיין תפילה פאַר די יונגע מענער, וואָס ליגן
ווי אין מאַמעס בויך געפרעסט, אין מאַמע־ערדס געפּאַנצערטע אינגעווייד,
שלאָפן אויף האַנט־גראַנאַטן אין אַלערליי טראַנשייען,
און וועלן זייערע כלות און מאַמעס און דיין ערדס ליכטיק פנים
שוין קיינמאָל גאַנצע — און אפשר בכלל מער נישט זען.

און אַ תפילה פאַר די, וואָס בלאָנקען אויף ימים אויבן און אין ימים־טיפן,
ווי האַי־פיש, וואָס זוכן רויב מיט אָפענע מיילער,
אין שטיקעניש פון קאַלטע, קליינע סובמארינען,

און וועלן — פריער אָדער שפּעטער — אין די שווימענדיקע תפיסות
אַלע ווי אײנער דעם טויט געפינען.

און אַ תפילה פאַר די, וואָס זענען פאַרשפּאַרט צווישן פלאַמען און אײַזן,
ווי די בעקערס, וואָס באַקן טויט — אין שווערע מלחמה־טאַנקען,
די אויגן בלינד פון דער היץ, די אויערן טויב פון געקריץ פון די רעדער,
און וועלן אַלע אין דער פײַער־תפיסה, פריער אָדער שפּעטער,
פון אײַזן צעקוועטשט און פון פלאַמען פאַרברענט זײַן אײדער.

און אַ תפילה פאַר די, וואָס איך האָב דאָ יאָ און איך האָב דאָ נישט
באַוויזן מער אויסצוצײלן,
ווער קען זיך דען דער וועלטס אַלע תפיסות דערמאָנען?
ווײַל אויב אַזויפיל תפיסות, איז דען ערגעץ אויף דער וועלט
אַ ווינקל מיט פרײַהייט פאַראַנען?

* * *

און איצט שטיי איך אויף פון דער ערד, די הענט פאַרלייגט, דעם שטערן הויך —
מיך, גאָט, אויב דו ווילסט אויך מיך אין אײנער פון די תפיסות פאַרשפּאַרן,
מיך דאַרפסטו מיט גאָרנישט גענאַרן,
ווײַל איך וועל נישט גלויבן,
פון מיר זאָלסטו באַלד דאָס גאַנצע לעבן,
אײדער אַ רגע פרײַהייט רויבן.

פרײַהייט ביסטו דאָך אַליין —
אויב נישט נאָך העכער.

1939.

פראָסטע רייד מיט גאָט אין ניו־יאָרק — וועגן לעבן, טויט און יידישקייט

דערלאַנג אַ האַנט, מײַנע איז אויסגעשטרעקט,
איך טו עס אָפן, איך מאַך נישט קיין סוד,
לאָמיר זיך איבערבעטן, אַלטער יידישער גאָט —
אייביקער גאָט, מײַן גאָט.

איך האָב געבלאָנדזשעט — פון דיר און צו דיר,
און אָט איצט ערשט באַנומען דײַן יסוד,

איז לאָמיר זיך איבערבעטן, דערלאַנג אַ האַנט —
אַלטער, אײביק יונגער גאָט.

נאָר בײג מיך נישט אײן — איך װעל מיך נישט לאָזן,
מאַך נישט קײן חיה פון מיר, װאָס קריכט אויף אַלע פיר.
אָט אַזוי קום איך, פּראָסט און אויסגעגלײכט,
און אַזוי װעל איך בלײבן בײ דיר — און דו בײ מיר.

און אַזוי װי איך קום נישט אויף אַלע פיר,
נאָר פּראָסט און גלײך און אויפן יסוד
פון אײנפאַרשטײן פון אַ מענטש און זײן גאָט,
װײל אַ װאָרט פון אַ מענטש קען אויך זײן געבאָט.

איז פאַרבעט איך דיך צו מיר, אין מײן פּראָסטער שטוב,
אָט איז מײן שטול — און איך װעל זיצן אויפן ראַנד פון בעט.
צײט צו פאַרשטײן זיך — דו ביסט אוראַלט, איך אויך נישט מער יונג,
און צײט שוין צו טון אַן ערנסטן רעד.

עס איז אמת, אַז איך האָב מיך געװאָרפן קעגן דיר,
געשריגן, געשפּיגן — נאָר נישט װי אַ לץ,
געץ דיך גערופן — און געטראָגן װי אַ באַרג
אויף זיך די משא פון דײן געזעץ.

איך קום װי אַ מאַן מיט מײן װילן צוריק; נעמזשע מיך נישט אַרײן
אין המון פון די װידערגעפינענע זין,
די זאַך איז גאַנץ פּשוט, איך קום צו דיר און בעט דיך צו מיר,
װײל איך האָב איצטער באַנומען דײן זין.

דעם זין פון דער װעלט און דעם שכל פון מענטש,
און דעם שכל פון ייִד, װאָס לײטערונג
ברענגט ער אויף דער װעלט מיט דעם, װאָס ער איז
װי אַ װאַנדער-שטערן אין הימל — אַ װאַנדערפונק

אויף דער זינדיקער ערד.
אָט צינדט ער זי אַן מיט שטורעם און שרעק
און ער לײטערט זי אויס
און פליט װײטער אַװעק.

דײן זין איז באַנײאונג, און אײביק ביסטו נישט דערפאַר, װײל דו ביסט
אײביק אַלט — נאָר װײל דו ביסט אײביק יונג.

דו ביסט דאָך נישט אייביק דערפֿאַר, וואָס ביסט אַש,
נאָר דערפֿאַר וואָס דו ביסט אין אַש דער פֿונק.

און צייט איז שוין, ס'איז הויכע צייט,
איבערצושרייבן דיין אַלט געזעץ,
דו ביסט דאָך דער פֿלאַם, וואָס געצן פֿאַרברענט
און נישט קיין האַלצערנער געץ.

דיין פּנים בייט זיך, ווי דאָס הייליקע פּנים פֿון אַ מענטש,
האָסט פֿאַרבאָטן עס דערפֿאַר צו קריצן אין שטיין,
און אַזוי ווי עס בייט זיך אייביק דיין פּנים,
דאַרף אַזוי דיין וואָרט אויך זיין.

איז נישט גאַנג דיין זין? פֿאַרויס און פֿאַרויס —
און אייביקע פֿאַרענדערונג? —

— — —

איז מיר אָנגעקומען שווער פֿון די רעבעלעכס אַש
אַרויסצושאַרן דיין אמתן פֿונק.

איך בין נישט קיין מסור — אסור, מיין גאָט,
נאָר די רעבעלעך האָבן, ווי אַ פֿליג אַ שפּין,
ווי אַ שפּין מיט שפּינוועבס דיך אַרומגעשפּונען
און אַרויסגעזויגן דיין ליכטיק בלוט, דיין אמתן זין.

נאָר איך האָב אים דאָך מיט ציטערנדיקע הענט
פֿון שטויב פֿון אַש אַרויסגעשאַרט,
און אַז איך האָב אים דערפֿילט האָט אַזאַ מין פֿרייד
פֿון מיין האַרץ אַרויסגעשפּאַרט,

אַז איך האָב אַ געשריי געטון: איבערגעבעטן —
און פֿון איצט און ווייטער צוזאַמען גיין.
איך האָב געליטן און איך האָב דיך פֿאַרשטאַנען,
ווילזשע אויך דו מיך פֿאַרשטיין.

איך האָב מיך פֿאַרבענקט נאָך דיר, ווי דער ים אין ווינט,
האָט זיך מיין האַרץ מיט בענקשאַפֿט צעוויגט,
געענוג דער נאַרישער ברוגז
און זיין צעקריגט.

נישט אין טלית און תפילין קום איך צוריק,
אין אינהאַלט קום איך און נישט אין פאָרם,
איך קום ווי אַ מענטש — נעם מיך אויף ווי אַ מענטש
און נישט ווי אַ וואָרם.

איך טראָג דיר נישט מיינע פלייצעס אונטער
צום שמייסן מיט דיין רוט,
מיין פּנים ברענג איך דיר, און אויך איך בין ווער — און אויך איך
האָב געזען — כּי טוב, אַז דו ביסט גוט.

אָן של יד די האַנט, אָן של ראש דער קאָפּ,
אָן ציצות און וואָכעדיק איז מיין קלייד,
דערלאַנג מיר דיין האַנט, די געטלעכע יד
איצט, היינט און אין אייביקייט.

— — —

און ווייל דו ביסט אַ האַר איבער לעבן און טויט,
און ווייל איך האָב מיך ווידער צו דיר פאַרטרויט,
איז לאָמיר שוין איבעררעדן, אַז מיר רעדן שוין,
חוץ וועגן לעבן — אויך וועגן טויט.

אוודאי איז מיין ליבע צום לעבן, ווי עס איז
אַן ערשטע ליבע פון א יונג צו אַ מויד,
נאָר איך ווייס דאָך, אַז ווי ליבע ענדיקט זיך מיט לעבן,
אַזוי ענדיקט זיך לעבן מיט דעם טויט.

און דאָס לעבן איז פאַרט אין מיינע הענט,
און וועגן טויט מאַכסטו אַלץ נאָך אַ סוד,
ווייל אַזיסט — וואָס וואָלט געווען דער חילוק
צווישן מענטש און גאָט — —

איז וויל איך דיך בעטן, כאָטש איך שטיי נאָך אין מיין לעבן,
ווי אַ שניטער פאַר שניט אין זיין פעלד פון קאָרן,
יאָ — וויל איך דיך בעטן, ווייל עס מאַכט זיך שוין אָפט,
אַז איך דערפיל אין האַרץ דעם דאָרן,

בעטן דיך — גאָט — אַ נישטבלוטיקן טויט,
ווייל נישט־בלוטיק איז געווען מיין זיין,
וויל איך דעריבער נישט־בלוטיק אין
מיין אייביקייט אַריין.

איך וויל שטאַרבן אויף אַ בעט, אויסגיין ווי אַ ליכט,
אין שטילן, אין לעצטן, הייליקן פלאַם,
פאַרייניקן זיך מיט דעם אייביקן לעבן,
ווי אַ פונק מיט אַ פלאַם, ווי אַ טראָפּן מיט ים.

מענטשלעך איז מיין לעבן געווען אויף דער ערד,
זאָל אויך מענטשלעך זיין מיין לעצטע שעה,
איך וויל נישט שטאַרבן ווי די אָקסן שטאַרבן,
מיט פאַרבלוטיקטע פּיסקעס אין די שחיטה־הייזער פון טשיקאַגאָ.

און דער גוף, וואָס אַזויפיל וווּנדערלעכע פרויען,
האָבן געגילדט מיט דעם זיסגאָלד פון זייערע קיש,
זאָל ער זיך וואַלגערן ערגעץ אין גאַס
אין בלוט־און מיסט־געמיש?

פאַרשרייב מיר אַ טויט, ווי מיין לעבן איז געווען,
אומבלוטיק און נישט מיט קיין מעסער אין די ריפּן,
דיין דינער משהן האָסט אַליין דו געקושט,
נאָר דיין דינער מלך וויל בעסער שטאַרבן
מיט אַ קוש פון זיין געליבטערס ליפּן —

דו ביסט דאָך נישט אייפערזיכטיק מיין גאָט,
וואָס פונקט ווי דיך, האָב איך ליב די פרוי.
מיר פאַרשטייען זיך איצט אייביק און גוט,
האָסט נישט דו אַליין מיך באַשאַפן אַזוי?

טויט איז דאָך דעם לעבנס לעצטע ברכה —
איז בענטש מיך מיט אים און נישט שעלט,
און שיק מיר אים אומבלוטיק און שטיל ווי אַ ברכה —
די לעצטע רגע פון מיין וועלט.

איך וויל נישט אינמיטן גאַס ווי אַ חיה,
באַקומען איינגערוימט דיין לעצטן סוד —
איך האָב דיך דאָך ליב — איז ווי אַ סוד פון ליבע,
אין דער שטיל וויל איך דערהערן דעם טויטן־סוד — גאָט.

איך בין נישט זינדיק, איך גיב דיר מיין מענטשלעך וואָרט,
פון דער טיפסטער טיפעניש,
דו וועסט מיר דאָך נישט פאַרעכענען פאַר זינד
אַ ליבע צו אַן אשת איש.

די לידער פון מיינע לידער

ווייל אויב ליבע איז הייליק, איז אָט אַזאַ ליבע
צווייטמאָל הייליק — ווייל צווייטמאָל איז זי פרייד און לייד.
איך בין נישט זינדיק און בין דעריבער
צו קיין שום חרטה נישט גרייט.

— — —

בעט דיך איבער, גאָט, מיין גאָט,
ס'איז נישט פאַר דיין עלטער און אויך נישט פאַר מיין
עלטער פאַסיק, אַז דו זאָלסט מיט דיינעם אַ זון,
וואָס רופט דיך צוריק — ברוגז זיין.

איך בין אַוועק פון דיר אין מיין וועלט — איבער דיין וועלט.
איצט קום איך צוריק — אין מיין אייגענער וועלט־טיף אַריינגעזען
און אין דיינער — גאָט; חוץ אויף דער לבנה און אויף די שטערן
אומעטום געווען.

אוודאי וועט אַ שאָד זיין איבערלאָזן די וועלט,
נאָר איך קום דיך נישט נודיען פאַר קיין לענגערע יאָר.
וויפיל גיסט איז גוט. נאָר איבערבעטן וויל איך מיך
אויף אַן אמת, עס איז נישט קיין שאָטן פון קיין האָר

קיין שאָכער־מאַכער דערביי, מיין גאָט,
מיר איז איינזאַם אָן דיר אויף דעם שיינעם טאָרג,
וואָס רופט זיך לעבן — און איינזאַמער נאָך צווישן צוויי מיליאָנען
יידישע שטיפברידער אין ניו יאָרק.

איז אָפגערעדט אַלץ — וואָזשע שטייסטו נאָך
אָט אזוי אויף דער שוועל — נישט אַהער, נישט אַהין?
קום אַריין, ווי אַ גוטער טאַטע קומט
צו איינעם פון זיינע זין.

קום אַריין און זעץ דיך אויף מיין שטול,
און איך וויל מיך זעצן צו די פיס דיר אַראָפּ,
און אויב דו האָסט מיך ווידער ליב און דו ווילסט מיך פאַרשטיין,
לייג ארויף דיין האַנט אויף מיין קאָפּ.

קומסט טאַקע אַריין? נו קום — נו קום —
ביסטו דאָך מסכים אויך אויף מיין יסוד?
איז וויל איך דיר מיט התפעלות זאָגן,
אַז נישט נאָר דער יידישער גאָט — נאָר דו ביסט טאַקע דער וועלטן־גאָט.

וויי גליקלעך בין איך דיך צו האָבן אין מיין שטוב,
און ווידער אין מיין האַרץ — אַזאַ גאַסט, אַזאַ גאַסט,
און אויב דו ביסט שוין דאָ — וויל אַראָפּרעדן איך
פון האַרצן די לעצטע לאַסט.

— — —

אָט ווען איך וואָלט אַ נביא אין דיין פאָלק,
אָדער וואָלט כאָטש אַ תלמיד חכם זיין,
וואָלט איך ווי משה אויף דעם באַרג אַמאָל,
געקומען צו דיר אין הימל אַריין,

און וואָלט דיר צוריקגעברענגט דיינע לוחות,
מיט אַ האַמער און מיט אַ דלאָט,
און וואָלט דיר געזאָגט, אַז זיי זענען שוין אַלט
און מען דאַרף זיי אויפפרישן — דיינע געבאָט.

אויפפרישן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין,
מיין גרויסער, קלוגער גאַסט,
פאַר נייע פּירטויזנט יאָר — און אפשר
אויף אייביק שוין צוגעפּאַסט.

— — —

אָט דאָס איז אַלץ, מיין גוטער גאָט,
און איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך אויסגעהערט,
האַר פון מיין לעבן און פון מיין טויט,
און פון דיין פאָלק און פון אַלע פעלקער פון דער ערד.

איז איבערגעבעטן? אוודאי גאָט,
מיט ווערטער פשוט און פּראָסט.
איך בין טאַקע אַוועק פון דיר — כ'בין אַ מענטש,
אָבער דו ביסט דאָך מיין גאָט
און האָסט מיך נישט פאַרלאָזט.

1939

אויף דעם טאַטנס טויט

ביי דיין טויטן־בעט, טאַטע, בין איך נישט געשטאַנען,
קיין קריעה־רייסן נישט אָפּגעהיט,

אויף דיין לוויה נישט נאָכגעגאַנגען,
איז זאָל דיר כאָטש נאָכגיין דאָס ליד.

נאָכגיין אין נאָמען פון אַלע דריי ברידער,
אין נאָמען פון דיינע דריי זין,
צוויי זענען אַוועק נייע היימען צו זוכן,
און איינער ליגט באַגראָבן אין ווין.

צוויי האָבן לענדער געזוכט און געפונען,
און איינער האָט געפונען די נאַכט,
האָט ער אין איר מיט זיין אייגענער האַנט
אַ שטאָלצן סוף צו זיין לעבן געמאַכט.

אַט רייס איך אויף מיינע אויגן אין דער פינצטער,
און זע ווי מען טראָגט דיך, טאַטע, אַראָפּ
פון די אַלטע טרעפּ פון אונדזער דירה,
און כ׳הער ווי עס קלאַפּט אין ארון דיין קאָפּ.

און נאָכגיין זע איך די אלמנה, די מאַמע,
און די שאַטנס פון אַלע דריי זין,
וואָס איינער איז אין צפון, און דער צווייטער אין דרום,
און דער דריטער ליגט באַגראָבן אין ווין.

ס׳האָט געטרייסלט זיך איבער גרודעס די עגלה,
און אַז זי האָט זיך נאָר ביים בית־עולם געשטעלט,
האָבן יידן געכאַפּט דעם לייכטן ארון
און גיך אים געטראָגן אויפן הייליקן פעלד.

און ביים אָפענעם קבר איז געשטאַנען,
די אלמנה און די שאַטנס פון די זין, די דריי,
וואָס צוויי זענען גאָט די נשמה נאָך שולדיק,
און דעם חוב באַצאָלט האָט שוין איינער פון זיי.

די קברנים זענען פּאַרטיק, די מאַמע העשעט,
און איצט איז אויף קדיש־זאָגן די ריי,
נאָר שטומע קוקן אויף דער מאַמען, דער אלמנה,
די שאַטנס פון די זין, פון די דריי.

האָט עפּעס אַ ייד באַלד אונטערגעכאַפּט
דעם קדיש און אָפּגעמורמלט אים גיך,

און דער שמש האָט אַרומגעקוועטשט דאָס קבר
מיט זיינע פאַרשטויבטע שיך.

און אַ שלעפּ געטון די אלמנה ביים אַרבל:
— גענוג זיך, הינדזיע, שוין אָנגעוויינט —

(ער האָט עס געזאָגט גלאַט אזוי, ער האָט נישט
קיין בייז מיט דעם געמיינט).

און שטיל איז געבליבן אינעם לעצטן דירהלע,
אונטער דעם בערגעלע ערד,
דאָס הויפּעלע ביינער, וואָס ווי לאַנג איז דען ערשט
אַז מיר האָבן עס ווי אונדזער טאַטן געהערט.

און אזוי גיך די מאַמע איז אַוועק פון קבר,
און דער קברן האָט דאָס טויער פון בית עולם פאַרמאַכט,
איז בית עולם ווידער געוואָרן בית עולם,
און ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט.

און באַלד איז געקומען דאָ עפּעס צו פליען,
די נשמה פון זון, וואָס באַגראָבן איז אין ווין,
און דעם טאַטנס נשמה איז שוין געזעסן
אויף זיין קבר און געוואַרט אויף אים — —

זיי האָבן אַ רגע ביידע געשוויגן,
ווי זיי וואָלטן זיך נישט דערקענט,
נאָר אזוי ווי זיי האָבן דערקענט זיך — האָבן
אַ קלאַפּ געטון ביינער און הענט.

און דער טאַטע האָט אַזש צעלאַכט זיך פון שמחה,
און צוגעדריקט זיין קינד צו זיין קאַלטער הויט:
— משה, מיין זון — טאַקע דו? כ׳מוז דיר זאָגן,
אַז ס׳איז גאָרנישט אזוי שרעקלעך דער טויט.

— אוודאי איז דער טויט נישט שרעקלעך, טאַטע,
און דו האָסט דאָס גאָרנישט געוווּסט?
נאָר דאָס שטאַרבן אַליין איז אַביסל פּריקרע,
און שפּעטער איז אַביסל אומעטיק און פּוסט.

און ס׳זענען אַוועק די ביידע נשמות
אין טהרה־שטיבל אויפן נאַסן טיש,
זיי האָבן זיך אזויפיל געהאַט צו דערציילן
אין דער פינצטערניש.

— אוודאי איז דער טויט נישט שרעקלעך,
האָבן אויך די בית־עולם־ביימער געוויגט זיך און אַ שמועס געפירט
און גנביש דערביי מיט די דינסטע וואָרצלען
דעם טאַטנס ביינער שוין אַנגערירט.

אוודאי איז דער טויט נישט שרעקלעך,
האָט אַ מנין ווערעמלעך אין דער ערד געראַיעט און אַ
שמועס געפירט,
און איינציקווייז דערביי מיט די דינע פיסלעך
איבער דעם טאַטן אַריבערגעשפּאַצירט.

לידער און באַלאַדן

אוודאי איז דער טויט נישט שרעקלעך,
אַז ער איז שוין געשען — —
און כאָטש איך בין נישט קיין בוים, נישט קיין וואָרעם און
נישט טויט,

האָב איך שוין דעם דאָזיקן אמת,
דעם אייביקן איינגעזען.

1939

צ י נ י ש ע פ י ל אָ ז אָ פ י ע

כ'האָב אַנומלט אַ הונט געזען לויפן דורך ניו-יאָרק,
כ'האָב אים טענצלען געזען איבער יוניען־סקווער
אַנטקעגן זיין סוף. — ר'האָט פאַרקוקט זיך עפּעס
און האָט זיך געגעבן אַ פאַלשן קער,

און ס'האָט אים געכאַפּט, וואָס אַלעמאָל כאַפּט
אויף יוניען־סקווער יעדן, וואָס טוט זיך אַ דריי
ווי מען דאַרף זיך נישט דרייען אין אַזאַ מין הו־האַ,
און ס'האָט אים צעשניטן ממש אויף צוויי.

און געוועזן איז פּונקט אַ פאַרנאַכט פון פאַרנעכט,
פון די פענצטער האָט בליאַסק זיך געגאָסן און רויטס —
און דער הונט האָט געכלאַפּעט רויט פון די ציין,
און רויט אויפגעריסן אַן אויג, אַ טויטס.

און איך — — ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר כ'האָב פּלוצלונג דערפילט
דערלייכטערונג רינען פון דער הינטישער וווּנד,
און ווייל קיינער הערט סאַי-ווי נישט קיינעם אין ניו־יאָרק,
האָב איך הויך מיך צערעדט צום טויטן הונט:

הונט — האָב איך געזאָגט מיט גרויסן פּאַטאָס —
און די הענט דערהויבן מיט נביאישן זשעסט —
איך דאַרף נאָך וואַנדערן, יאָגן זיך, לויפן,
דו ביסט אין דער היים שוין אויף אייביקע קעסט.

דו ביסט שוין דורך, ביסט שוין איבערגעקומען,
שוין אָנגעקומען אויף יענער זייט.

שוין אויסגעוואַקסן די קליינע צייט,
און ביסט שוין דאָ אין דער גרויסער צייט — —

ביסט שוין אָנגעקומען און איבערגעקומען,
דיר איז שוין אַנטפּלעקט דער גרויסער סוד,
און מיר דאַרפֿן אַלע דיר נאָכלויפֿן נאָך,
ווי דו נאָך אַ ביין אַמאָל — נאָך דעם סוד פון אונדזער גאָט.

דו וועסט שוין נישט דאַרפֿן פּאַר ביינער מער זאָרגן,
טראָגסט שוין ווייסע פליגלען שטאַט דעם הינטישן יאָך,
האָסט דאָס העכסטע דערגרייכט: דו דאַרפסט מער נישט שטאַרבן,
און מיר דאַרפֿן נאָך, דאַרפֿן נאָך — —

און עס אַרט דיך נישט, וואָס דו האָסט דאָ געלאָזן
סוקעס און הינטלעך, אוודאי אַ טוץ,

דו קענסט שוין נישט מער די וועלטן־בענקשאַפט,
ביסט אויף יענער זייט שוין פון שלעכטס און גוטס.

כ׳בין מקנא דיר, הונט, אויף אַן אמת מקנא,
הערלעכער, גליקלעכער, געפּיגרטער הונט.
אָ, וויפיל וועל איך נאָך דאַרפן אויסשטיין
ביז דער שעה פון אונדזער הייליק־אייביקן בונד — —

דאָך ווייסן חכמים, און גבירים פאַרמאָגן, און מעכטיקע קענען,
דו אָבער ווייסט שוין, פאַרמאָגסט און קענסט מער,
דו איבערגעקומענער, איבערגעפאַרענער,
פאַרלאָשענער הונט אויף יוניען־סקווער.

ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט ס׳בלוט פון די טויטע ציינער,
און ס׳האָט זיך פאַרמאַכט דאָס אָפענע אויג,
און געקומען איז אַ קברן אין אַ פראַק און מיט אַ בעזים,
און פייערלעך געטון זיך צום הונט אַ נויג.

האָב איך פול מיט שטימונג אויף מיין קאָפּ געבויגן,
און אין נאָמען פון דעם גאַנצן מענטשלעכן מין
געמורמלט אַ הספד אויף דעם טויטן הונט
און באַגלייט אים אין גרויסן אַהין —
און מיט טרערן געשעפּטשעט: צום ווידערזען —
אין נאָמען פון גאַנצן מענטשלעכן מין.

1939

מינימום־פּראָגראַם

דו פרעגסט מיך, מיין פריינט, אויף אַ ציל אין מיין לעבן,
צי איז דען היינט מעגלעך אַ ציל?
כ׳האָב אַ שטיקל ווילן נאָך — אמת, מיין פריינט,
נאָר ווייניק איז דאָס, וואָס איך וויל.

כ׳וויל פאַרענדיקן מיינע שטורמישע טעג,
און מיין שווערן קאָפּ אַוועקלייגן גרינג,
ווו עס ליגן די זינגערס פון יידישן ניו־יאָרק,
אויף דעם בית עולם פון אַרבעטער־רינג.

וו ס׳רוען וואָס האָבן געחלומט פונקט ווי איך,
כאָטש בעסער געשריבן, ווי איך — אביון — שרייב, —
וו דער קלוגער זישא ליגט, דער משוגענער דילאָן,
וו עס רוען די ביינער פון ווילדן משה לייב.

דאָרט וויל איך אויך זיין באַגראָבן אין אַ ווינקל,
דאָס אַלץ, וואָס איך וויל: מיין מינימום־פּראָגראַם.
און עס קומט מיר כשר נאָך אַזויפיל זיך וואַלגערן
פון לאַנד צו לאַנד און פון ים אויף ים.

דאָרט וויל איך מיך באַהאַלטן פאַרן צאָן פון דער צייט,
ער זאָל אַזוי גיך נישט צעפרעסן מיין שפור,
דאָרט וו לייוויק און גלאַטשטיין און מאַני לייב וועלן ליגן
איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר.

אַז גאָט האָט מיר אַ היים נישט באַשערט ביים לעבן,
וויל איך דאָרטן מיר מאַכן מיין לעצטע שטוב.
און נישט נאָר פאַר מיר, נאָר איך וועל דאָרט אויך גרינדן
אַ יענעוועלטיקן שרייבער־קלוב.

דאָרט וועט נישט זיין מער קיין קנאה-שנאה,
יעדער וועט פאַרטיק זיין ווי ער איז,
קיין פּרנסה־זאָרגן, קיין זאָרג פאַר נאָטיצן,
און קיין שום קריטיקערס בייזער ביס.

דאָרט וועלן מיר זיך צוזאַמענקומען רויק,
אויסשאָקלען פון האַרצן די ווערעם פון צער,
און ווי ביים לעבן וועלן מיך זיי דאָרטן
מיסתמא באַשטימען פאַר אַ סעקרעטאַר.

דו פרעגסט מיך, מיין פריינט, אויף אַ ציל אין מיין לעבן,
טרויער איז אין מיר און אַרום מיר איז שרעק,
וואַרשע איז געשטאָרבן און די וועלט איז פאַרדאָרבן,
און מיין שטעטל איז מיטן רויך אַוועק.

כ׳בין די גאַנצע וועלט שוין אויסגעפאָרן,
כ׳קען איר יעדן ליגנט, אפילו יעדע וואָר.
און איך וויל שוין נישט מער אין ערגעץ פאָרן
אין דעם אָרימען רעשטל פון מיינע פאַר יאָר.

נאָר טאָמער וועט מיר נאָך זיין פּאַרט באַשערט,
אין אַ בוך מיינע לידער נעמען צונויף,
די גוטע, אַז זיי זאָלן פאַרבלייבן נאָך מיר,
איז גוט. און אַז נישט איז אויך גם זו לטובֿ.

כ׳האָב געשריבן און געשריבן און געשריבן דאָך
אויף טיש און אויף בענק, פאַר קינד און פאַר קייט,
ווילט זיך דאָך האָבן אַ שטיקל שכר דערפאַר,
אַ טיילעפּעלע אומשטערבלעכקייט.

איז דאָס דאָזיקע בוך זאָל מען אויף מיין לוויה
פאַרטיילן אומזיסט, פּונקט ווי אויף אַ קאָנצערט
מען צעטיילט אַ פּראָגראַם. און — למען השם — אָן אַ רעדע
זאָל מען אַריינלייגן מיך אין דער ערד.

דו פרעגסט מיך, מיין פריינט, אויף אַ ציל אין מיין לעבן,
צי איז דען היינט מעגלעך אַ ציל?
כ׳האָב אַ שטיקל ווילן נאָך — אמת, מיין פריינט,
נאָר ווייניק, ווי דו זעסט, איז דאָס, וואָס איך וויל.

1939

דער פּאָעט אויפן טויטן־בעט

און איינמאָל אין אַ טאָג, און אינמיטן דער וועלט,
די זון האָט געפרילינגט און אַלץ האָט געבליט,
האָט דער מידער פּאָעט זיך אַנידערגעלייגט
און פאַר זיך געשעפּטשעט דאָס לעצטע ליד.

נאָך אַ לעבן פון לייד און פון פרייד און פון קאַמף
מיט ווינטמילן פּונקט ווי אַ דאָן־קיכאָט,
האָט דער פּאָעט איצטער שטיל געוואַרט
אויף דער באַשיידונג פון לעצטן סוד.

ס׳האָט געפילט דער פּאָעט פון דעם גרויסן יום־טובֿ
די לעצטע שטראַלן נאָך,
פון דעם יום-טובֿ פון לעבן, וואָס גייט שוין אַוועק
און עס קומט די אומענדלעכע וואָך.

אויפגערוימט ריין איז געווען זיין שטוב,
און שמאָל און נידעריק דאָס איינזאַמע בעט,
גאַנץ שטיל האָט געמורמלט דאָס לעצטע ליד
דער שטאַרבנדיקער פּאָעט.

און נעבן זיין בעט איז געשטאַנען גאָט,
און געקלונגען מיט זיין גרויסן שליסל־בונט.
גרייט צו פאַרשפּאַרן אויף אייביק דעם פּאָעט — —
און אָט איז דעם דיכטערס „וועלט, זיי געזונט!":

זיי געזעגנט וועלט, מיין הערלעכע וועלט,
געזעגנט לבנה און שטערן און זון;
געזעגנט מיינע פריינט — מיינע ווייטע, און
געליבטע טאָכטער און געליבטער זון.

און דו, מוטער פון מיינע קינדער, מיין ווייב,
בלייב מוטיק, דו בלייבסט איצט אַליין.
פאַרגעס מיך מיט פרייד, פאַרגעס מיך ביי טאָג,
נאָר דערמאָן מיך אַמאָל ביי נאַכט מיט געוויין.

און אויך דו, מיין מאַמע, די צייט איז נישט ווייט,
צוזאַמען וועלן מיר זיין צוריק.
דייטלעך הער איך איצט ווידער דאָס ליד,
וואָס דו האָסט געזונגען מיר ביי דער וויג — —

זיי געזעגנט חוה, מיין קינדהייטס ווי,
און ערשטע ליבע און ליבעס שרעק,
וואָס נישט נאָר פון מיר, נאָר וואָס דו ביסט אויך
פון אונדזער פאָלק אַוועק.

זאָל דאָס לעבן, דאָס פרעמדע, גוט זיין צו דיר,
מסתמא האָט געמוזט געשען, וואָס איז געשען,
און זאָלן דיינע זין אין דיין פּנים נאָר אַ מוטער
און קיינמאָל נישט די יידישקע זען — —

און אויך דיר, ווילדע שרה, ווינטש איך נאָר גוטס,
רבנישע פּוילישע טאָכטער, וואָס זיין
רבנישן ייחוס דיין פאָטער ציט
ערגעץ אין דרייסיקסטן דור אַריין.

ביז צו רש״י דיין פּאַטערס ייחוס — דיין אייג׳נער
מסתמא ביז אסתר המלכה גייט...
ביסט שיין פּונקט ווי זי, און ווי זי ביסטו
חוץ צו ליבע פאַר אַ מלך — צו אַלץ געווען גרייט.

און דיר ווינטש איך גוטס, און אַ נאָמען, ווי די זון,
רבקה, געליבטע, געליבטע דו,
וואָס איך האָב דיר אויף די קני און אויף אַ זילבערנער טאַץ
געמקריבט מיינע בעסטע יאָרנס רו.

און אויך דו האָסט אויף די קני און אויף אַ זילבערנער טאַץ,
צען יאָרן, צען לעמער מיר אַ קרבן געבראַכט.
און וואָס איז געבליבן? — צען לידער נאָר,
וואָס איך האָב פאַר דיר און דו פאַר מיר פאַרטראַכט.

און געבליבן זענען ווערטער און טויזנט בריוו,
און אַ טויזנט און ערשטע קלייניקייט,
וואָס איך בין אַלץ נאָך אַזויפיל פאַר דיר
אָוועקצוגעבן גרייט.

און דו אויך, לאה, געליבטע, וואונדערלעכע דו,
פּרינצעסין פון לאָנדאָנס איסט־סאַיד,
נאָכפאָרנדיק דיר האָב דאָך צווייטאָל איך
אַרום אונדזער פּלאַנעט מיך אַרומגעדרייט.

דיך האָב איך, ווי אַן אוצר אין אַ כישוף־לאַנד,
געפונען אין טרייסטלאָזער איינזאַמקייט,
כאָטש איך בין אַזוי מיד — אָבער דיך נאָך צו זען
בין איך נאָך אַ פּאָר זונען צו לעבן גרייט.

איינמאָל דיך פאַרלוירן און געפונען צוריק —
ביז געקומען איז, וואָס עס קומט לרוב
נאָך אַלע ליבעס, וואָס הייליק און גרויס:
פּשוט — דער סוף.

און דיך, גוטע דבורה — פון אַן אַנדערער ווייט,
געזעגן איך איצטער אויף אייביק שוין,
און איך ווינטש דיר נחת פון דיינע שיינע זין,
וואָס פּאַסן דיר צום פּנים, ווי דיין בלאָנדע קרוין.

ווי גוט, וואָלסט אַרויפגעלייגט איצט אויף מיין שטערן
דיינע דינע הענט — נאָר עס איז נישט באַשערט,
און באַשערט איז, אַז אויף מיין שטערן זאָל
פריער ליגן די קילע ערד.

גיב אַ האַנט אויך, תמר, געזונטע מויד
פון די בלאָטעס וואָלינער, ווען דו וואָלסט אַצינד
שטאָט דעם טויט דאָ געוועזן ביי מיר,
וואָלסטו אים אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע געזונט

און געהייסן דעם משפּט אָפּשטעלן אויף אַ צייט,
און געטענהט וואָלסטו מיט פּשוטן שכל אַ סך,
אַז בעסער איז אַ שוועלבעלע פון לעבן אין דער האַנט,
איידער דער אָדלער פון טויט — אויפן דאַך.

אויך דיך — חנה — וועל איך דאָך מער שוין נישט זען,
וואָס כ'האָב אָפּט דיר אין צער מיינע סודות פאַרטרויט,
דו וואַרשעווער קינד אין אַמעריקע-לאַנד,
וואָס דו האָסט דיר פון שפּינוועבס אין ווינט אַ היים געבויט.

איך ווינטש דיר, אַז גאָט זאָל איבער דיין היים
פאַרשטילן דעם ווינט און פאַרשטאַרקן די ווענט,
און דיין יעדער בייזער חלום זאָל זיך
אויסלאָזן מיט אַ גוטער וואָר צום ענד.

און דיך, אסתר, דיך וועל איך אויך מער נישט זען,
זיי געזונט, זיי געזונט — זע, ווי פּלוצלונג פאַלט נאַכט —
אין די אויגן מישן זיך טרערן מיט זון,
און צי דאַכט זיך מיר? — עמיץ וויינט דאָ און לאַכט.

דיר דאַנק איך דער לעצטער. אין קרישטאָלענעם, בראָכיקן כוס
פון מיין לעבן איז דיין ליבע די, וואָס צום ראַנד
האָט דעם בעכער פאַרפילט. זיי געזונט — כ'גיי אַוועק
אין קיינמאָל-ווידערזען-לאַנד.

ביסט מיין לעצטע געוועזן — אין אַש וועט צעפאַלן
מיין לעבן נאָך דיר. האָסט דערברענט עס, האָסט געברענט ווי דער סנה.
אסתר — ווו ביסטו? — ווו ביסטו? שטרעק מיר נאָך איינמאָל כאַטש
אויס די האַנט.

זעסטו דען נישט, ווי איך גיי, ווי איך גיי, ווי — איך — גיי.

און ווי ס׳איז פאַרקלונגען דאָס לעצטע וואָרט
פון דעם דיכטערס לעצטן ליד,
האָבן זיבן פרויען אַ שוועב געטון
אַרום זיין בעט — און אַנידערגעקניט.

און שטיל געקניט און זיך איינגעהערט
צום שווערן אָטעם אויף דעם שמאָלן בעט,
וואָס איז לייכטער געוואָרן, אַלץ שטילער און שטילער —
ווי דאָס שטאַרבן קומט נענטער צו דעם פּאָעט.

און אַזוי ווי זיין אָטעם איז גאַנץ לייכט אַוועק,
אַזוי לייכט ווי דאָס פאַלן פון אַן אָסיען-בלאַט,
האָבן די פרויען אַ זונג געטון:
ער גייט אַוועק, וואָס האָט ליב אונדז געהאַט — —

קודם שטיל, און אַלץ העכער און העכער און העכער:

ער גייט אַוועק, וואָס האָט ליב אונדז געהאַט —

נאָך העכער, ווי ווינט. נאָך העכער, ווי שטורם:

ער גייט אַוועק, וואָס האָט ליב אונדז געהאַט — —
און ער גייט דאָך אַליין
ווידער נע-ונד
צו זיין.

דער וואָס געווען איז פון אונדזערע הערצער דער פּרינץ — — —
און זיבן איינזאַמקייטן בלייבן מיט אונדז.

און ווידער איז שטיל.

אַליין שטייט אין דער נאַכט דאָס בעט
מיט דעם געשטאָרבענעם פּאָעט.

1939.

די וועלט אין שפּיגל פון אַ טראָפּן בלוט

ליגט די וועלט אויף מיין האַרץ ווי אַ שטיין, ווי אַ באַרג,
און איך בין אַזוי מיד —

כ׳מוז אַראָפּרעדן מיר דעם באַרג פון דעם האַרץ,
אין אַט אַ דעם פּראָסטן ליד:

אין אַ פּויליש שטעטל לעבט אַן אַלט פּאָר־פּאָלק,
איינגעשפּאַנט נאָך אין דעם לעבנס־יאָך —
דו ווייסט ווער זיי זענען די אַלטע צוויי לייט?
מיינע טאַטע־מאַמע זענען זיי דאָך.

און איך האָב זיי ליב מיט אַ טיפער ליבע,
און וואָס עלטער אַ יאָר איך ווער,
האָב איך די אַלטע צוויי שטילע לייט
אַלץ ליבער מער.

נאָר ווייסטו — פּונקט ווי זיי זענען מיין, די לייט,
זענען זיי דיין אויך — זענען יעדנס זיי.
און אַז עמיצער טוט זיי ווי — דער גאַנצער
וועלט טוט ער ווי.

ווי מאָדנע דאָס איז:
אַז די פירערס פון דער וועלט וועלן זאָגן: שלום —
וועלן טאַטע־מאַמע דערענדיקן די טעג
אין שלום און אין שטילקייט און וועלן
קומען שטילע צום סוף פון זייער לעבנס־וועג.

און אַז די פירערס פון דער וועלט וועלן זאָגן: קריג —
וועט מיין טאַטע, וואָס שלאָפט אין די לעצטע יאָר
אַלץ וויניקער, דערהערן פּלוצלונג אינמיטן דער נאַכט
אין דער לופטן דאָס הודיען פון אַ מאָטאָר.

און וועט אויפוועקן שטיל די מאַמען, וועט ער,
און זי וועט זיך אַ כאַפּ־טון פאַר איר גרויען קאָפּ:
— שוין? — און זיי וועלן זיך האַלטן ביי די הענט און לויפן
אין אונדזער אַלטן קעלער אַראָפּ.

דאָרט וועלן זיי שוין טרעפן שכנים פאַרזאַמלט,
וועלן ציטערן דאָרטן די אַלטע צוויי לייט —
און צוהערן זיך ווי עס קומען און זשומען
די שטאָלערנע פייגל פון אַ פרעמדער ווייט.

און פלוצלונג אַ קנאַל — וועט די מאַמע נעמען שרייען,
אַזש פירעקעכדיק אויפרייסן וועט זי איר מויל,
און דעם טאַטן וועט די שרעק נעמען קורטשען ביז
זי וועט פון אים מאַכן אַ קנויל.

איז אפשר זענט איר נענטער — פרעגט איר ביי גאָט,
צי האָט ער דאָס נישט אַנדערש מאַכן געקענט —
און דאָס מזל פון מיינע אַלטע טאַטע־מאַמע
זאָל נישט זיין פון פרעמדע רוצחים געווענדט?

מיינע אַלטע זענען דאָך אַלע יאָרן געווען
גאָטס גוטע און געטרייע קנעכט,
אין זיין שול געגאַנגען, אין זיין סידור געדאַוונט,
און גלויבן נאָך היינט, אַז נאָר ער איז גערעכט.

מען זאָגט, אַז אפילו אין אַ טראָפּן וואַסער
קען אַ גאַנצע זון זיך נאָך שפּיגלען גוט,
האָב איך פלוצלונג די גאַנצע וועלט-פירונג אָט
דערזען אין אַן איינציקן טראָפּן בלוט.

אויך האָב איך דעם גאַנצן וויי־טאָג פון וועלטן,
דעם גאַנצן וועלטן־ווי,
פלוצלונג דערהערט אין מיין טאַטע־מאַמעס
איין איינציקן, משוגענעם נאַכט־געשריי.

1938

★

היינט האָבן די נאַצי־חילות

היינט האָבן די נאַצי-חילות דורך מיין שטעטל אין פוילן אַדורכמאַרשירט.
און איך בין פון וייטן און וויל איז צו מיר —
אומשטיינס־מיר־געזאָגט,
באַהאַלטן זיך אויף דעם זיכערסטן פּלאַץ
פון דער ערד
און אַ לידל שרייב איך נאָך אויך, איך — פּאַיאַץ,
און גראַמען צום בלוטיקן לידל
האָב איך מיר צוגעקלערט.

די לידער פון מיינע לידער

עס פעלט נאָר צום רומל — ס'זאָל זיין אַ סאָנעט —
און פאַרוואָס טאָקע נישט ?

כ'בין היינט אויפגעשטאַנען פון אַ קלאָרן בעט,
און געגעסן ברויט, און געטרונקען מילך.
און — מיין מאַמע איז אין קעלער געלעגן אין אונדזער אַלטן הויז,
און אַ סקאָרינקע געגריזשעט אזוי ווי אַ מויז.

אַז וויי איז צו מיר — כ'האָב דאָך היינט שפּאַצירט אין אַ פרייער גאַס,
וואָלקנס אין הימל געזען, וואָלקנס באַגילדט פון דער זון,
און פריינט געטראָפן און געמאַכט מיט זיי שפּאַס.
און — היינט נאַכט וועט מיין מאַמע קריכן פון קעלער אויף אַלע פיר
אָטעם צו כאַפּן, צו טון אויף דער נאַכטיקער וועלט אַ בליק,
און פלוצלונג וועט זי אַ שאָרך דערהערן,
וועט זי אין קעלער אַריין צוריק
אַנטלויפן און זיך האַלטן האַרט ביי דער מויער,
און אויף אַלע פיר — ווי אַ שפּייכלער־טכויר.

אַז, וויי איז צו מיר, כ'האָב היינט דאָך מיט מענטשן זיך פריינטלעך געגריסט,
גערעדט וועגן קריג, וועגן דייטש און פראַנצויז,
און — מיין מאַמע האָט אַ גאַנצן טאָג געשוויגן
אין קעלער פון אונדזער אַלטן הויז,
אויף אַ סטויגעלע האָלץ געלעגן — זיך איינגעהערט
ווי עס ציטערט דאָס הויז איבער איר, אונטער איר — די ערד.
איר טייער האַרץ האָט כסדר געקלאַפּט, ווי מיט לעצטע קלעפּ,
ווי מען האַקט אין ווענט מיט מענטשלעכע קעפּ,
ווי מיט לעצטע טראָפּנס — רינט אַ וווּנד.

ווי אַ קיילעכל געלעגן איינגעניורעט אין זיך,
ווי אַן אָפּגעשטראָפטער — געשלאָגענער הונט
פון אַ מערדער — אַ באַלעבאָס,
און ווי דער הונט — נישט געוווּסט פאַרוואָס.

און פלוצלונג איז אין ווינקל, אין דעם פולן קעלער,
אָנגעפּאַקט ווי צו כל נדרי אַ שול,
די מאַמע אזוי ווי משוגע געוואָרן
און האָט
אַ ווילדן געשריי געטון: מענטשן —
מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין גאָט — —

לידער און באַלאַדן

דער פולער קעלער האָט דעם אָטעם אינגאַנצן איינגעהאַלטן,
און האָט זיך נאָך טיפער באַהאַלטן,
און זיך נאָך שטאַרקער איינגעהערט,
ווי עס ציטערט פון אויבן דאָס הויז און פון אונטן — די ערד.

1939

איך האָב געוואָלט אַ געשריי טון —

איך האָב געוואָלט אַ געשריי טון צו גאָט פון טיפן האַרצן אין דער
איצטיקער צייט
איז דאָס קול אַרויס פון מיין האַלדז, ווי ס׳קול פון אַ נישט-דערשאָכטענעם
האָן, וואָס קרייט.

איך האָב געוואָלט, ווי תמיד, ברענגען אין אַ ליד מיין צער פון האַרצן אַרויס,
האָבן די ווערטער אויפן פּאַפּיר געמאַכט אַ צוזאַמענגעלויף, ווי דולע אין
אַ משוגעים־הויז.

איך האָב געוואָלט אין אַ תפילה אַנידערפאַלן פאַר גאָט אויף דער ערד,
האָט די ערד מיט מיר אַ וואָרף געטון, ווי ס׳וואַרפט מיט אַ רייטער אַ
קיינמאָל נאָך נישט געריטן פערד.

איך האָב געוואָלט מיך צעוויינען, פּשוט צעוויינען מיך ווי אַ קינד,
זענען די אויגן טרוקן געבליבן און ברענען גענומען, ווי איך וואָלט
געהאַלטן ביי ווערן בלינד.

איך האָב געוואָלט לעסטערן אויף גאָט, ווי אַ שיכור, וואָס קריגט זיך מיטן
שענקער אין שענק,
האָט מיך דער שענקער מיט די פויסטן זאַטשמעליעט, ווי כ׳האָב נאָר אַ
וואָרט אַרויסגעבריענגט.

איך האָב געוואָלט פּשוט אַנטשלאָפן ווערן, פאַרגעסן אין גאָט און אין
מענטשן און אין צייט,
האָט די נאַכט זיך אַוועקגעזעצט וואַכן איבער מיר און געוואָרן אַ
שלאָפלאָזע אייביקייט.

איך האָב געוואָלט אין מיין צער מיך צעלאַכן — און איך האָב מיך טאַקע
אויף אַ קול צעלאַכט.

און מיט מיר די שטוב, דאָס הויז, די וועלט, די גאַנצע נאַכט ——
און מאַמעס פון קינדער־הרוגים,
און קינדער פון מאַמעס, צו קבר אונטער פאַרשאָטענע הייזער געבראַכט,
און דערטרונקענע פון טאָרפּעדאָ־שיפן, מיט מײַלער ווי האַי־פישן
אויפגעמאַכט—
און העכער פון דער גאַנצער כאַליאַסטרע האָב איך אַליין געלאַכט און געלאַכט.

1939

★

אַ ליד פון וואַרשעווער יידן — 1940

זיי געזונט, מיין וואַרשע, געליבטע שטאָט!
האָסט צוגענומען מיינע בעסטע יאָרן,
און איצט מעק איך דיך אויס מיט ווייטיק און צער
און מיט אַ מעסער אויס מיין זכרון!

פון דער ווייטן שיק איך דיר איבערן ים,
דעם געזאַלצענעם טייך, אויך מיין שניִרל טרערן,
און מיט גרויסער ליבע שווער איך ביי גאָט
קיינמאָל צו דיר זיך נישט אומצוקערן.

כ׳האָב דיך ליב געהאַט און כ׳האָב איצטער ליב,
דיינע פלעצער, דיין ווייסל, די גאַסן, די בריקן,
און איך ווינטש דיר, אַז דעם שונא, וואָס שטיקט דיך אַצינד,
זאָלסטו אים בקרוב דערשטיקן.

און איך ווינטש דיִר פרייהייט, ווי דו ווינטשסט דיר אַליין,
נאָר איך וויל זי מער נישט געניסן,
ווייל דו האָסט מיין האַרץ, דאָס געזונטע, אין מיר
אויף שטיקער מיט דיינע שטיק צעריסן.

כ׳בין אַ פּוילישער ייד — מיין נשמה ציט נאָך היינט
אירע שענסטע חלומות פון די פּוילישע לאַנעס,
מײַנע קינדער־יאָרן זענען דורכגעזאַפּט
מיט מעשיות פון קרולעס, קאַזימיעזשעס און יאַנעס.

מיט פּרץ׳עס באַנטשע האָט מיין יידישער גייסט
צום ערשטן מאָל יידיש זיך הייליק געבויגן,

מיט מיצקעוויטשעס אָדע — צום ערשטן מאָל
איז זי אויף פויליש אַרויפגעפלויגן.

אוודאי ווינטש איך פרייהייט דיר, וואַרשע, צוריק,
נאָר איך וויל מער נישט לעבן אונטער אירע שטראַלן.
כ׳האָב גענוג געהאַט — האָסט מיך אויפגעהויבן הויך,
נאָר צענמאָל טיפער געלאָזן פאַלן.

האָסט מיט האַס דורך דער טיר מיך אַרויסגעיאָגט,
כ׳בין אין ליבע דורכן פענצטער צוריקגעקראָכן,
אַזויפיל האָב איך דיך ליב געהאַט,
כאָטש צענמאָל האָסטו מיין האַרץ צעבראָכן.

כ׳גיי אַוועק פון דיר, און אויף אייביק שוין;
דו מאָן נישט פון מיר, און איך וועל נישט מאָנען,
כ׳נעם מיט מיינע לעבעדיקע, די טויטע בלייבן דאָרט,
דער אוהל־פרץ מיט אַנ-סקין, דינעזאָנען.

קומט קינדער מיינע, קומט אַוועק פון דאָ!
איר זעט דאָך, מען וויל אייך נישט און וועט אייך נישט וועלן,
מיר וועלן זיך שוין ערגעץ אויף דער וייטער וועלט
נייע היימען שטעלן.

נאָר כאָטש מען וויל אייך נישט קענען אַט אַ דאָ,
האַלט ליבע צו וואַרשע אין אייער זכרון,
דאָרט האָט איר די קינדער־יאָרן פאַרברענגט,
אומעטיקע יאָרן — אָבער קינדער־יאָרן.

און קומט אויך, איר ברידער, און איר שוועסטערן אויך,
מ׳עט אונדז געבן אַן אָרט פאַר די קעפּ, פאַר די מידע,
קומט דרייהונדערט-טויזנט, קומט, הויבט אייך אויף,
טאַיערע, לאַכטיקע, וואַרשעווער יידן.

פון נאַלעווקעס, סמאַטשע, קומט, הויבט אייך אויף,
נעמט אין דער האַנט אַריין דעם וואַנדערשטעקן,
איר האָט אייערס געטון און טראָגט אייך אָפּ
אין אַלע פיר וועלטן־עקן.

איר, וואָס איר האָט געהאָרעוועט און געררישט
פון זון ביז זון — אַט ווי ס׳ראַיען די בינען.

ר׳האָט נישט איינמאָל שוין וועלטן געהאַט און פאַרשפּילט,
און איר וועט נאָך נייע וועלטן געווינען.

ס׳איז אַ ברייטע וועלט, כ׳האָב אייך אומעטום געזען,
אייערע וואַרשעווער יידישע זין און טעכטער,
אין אַפריקע, אַמעריקע, אַזיע און אויסטראַליע,
ס׳איז נאָך דאָ אַ וועלט אויף דער וועלט און אויף איר אַ גאָט
אַ גערעכטער.

אוי, ווער ס׳איז געבליבן גאַנץ נאָך אַצינד,
זאָל אויפהויבן צו דער ווייטער וועלט זיינע בליקן,
וואַרשעווער יידן וועלן קיינמאָל שוין נישט מער
גלויבן אין וואַרשעווער יידישע גליקן!

★

אַ וויג־ליד פאַר אַמעריקאַנער יידישע קינדער — 1940

שלאָף איין, מיין קינד, מיין יידיש קינד,
שלאָף איין אָן שרעק, שלאָף איין אָן זאָרג.
איאָ — עס שלאָפט זיך רויק, קינד מיינס,
צווישן צוויי מיליאָנען יידן
אין דער שטאָט ניו־יאָרק.

שלאָף, קינד מיינס, שלאָף און דריי זיך איבער
מיטן פּנים צו דער וואַנט.
און איך וועל דיר אַ לידל זינגען
פון ברידערלעך און שוועסטערלעך
דיינע אין אַ ווייטן לאַנד.

שלאָף מיין קינד, דאָס לאַנד הייסט פּוילן,
און ברידערלעך און שוועסטערלעך אָן צאָל
האָסטו דאָרט קינד. בלוט פון דיין בלוט,ביין פון דיין ביין,
כאָטש האָסט זיי קיינמאָל נישט געזען
און וועסט נישט זען קיינמאָל.

אויך פעטערס, מומעס האָסטו דאָרטן,
און זיידעס קרומע מיט גרויע בערד,

און באָבעס מיט פאַרלאָשענע אויגן,
און עלטער־זיידעס אָן אַ שיעור
האָסטו דאָרט אין דער ערד.

שלאָף מיין קינד, אין יענעם לאַנד
גייט אַצינד אַרום די שווערד,
און ס׳קלויבן דיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך,
ווי די פייגעלעך, פון הונגער,
קרישקעלעך פון דר׳ערד.

שלאָף מיין קינד, אין יענעם לאַנד
גייט אין גאַס אַצינד אַרום די פעסט,
שריפות לויפן איבער דעכער,
און אין צעלעכצטע שטיבער גייען
פראַנק און פריי אַריין די פרעסט.

שלאָף מיין קינד, אין יענעם לאַנד
וואַקסן ווי די ווילדע גראָזן קברימלעך אַ סך, אַ סך,
און יתומהלעך אויף גאַסן ליגן
דאָרט אין שניי, אין ווינט, אין רעגן,
און גאָטס הימל איז דער דאַך.

שלאָף קינד מיינס און פאַרטרייב זיי פון דיין חלום,
שלאָף — דיין פאָלקס דו גאָלדן־ציר,
און אויב שוין חלומען — איז זאָלן בעסער
דיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך
חלומען פון דיר.

שלאָף מיין קינד, אַ געזונט אויף דיר,
פון אונדזער יידן־בוים ביסטו, מיין קינד, דער סאַמע שטאַם,
וואָזשע דאַרפסטו אזוי זיך זאָרגן
פאַר די דאַרע צווייגן דאָרטן
אויף יענער זייט פון ים?

שלאָף מיין קינד, ס׳איז נאַכט, און אויבן,
ווייך, אין וואָלקנס איינגעדעקט,
שלאָפט שוין גאָט, דיין גוטער זיידעשי — —
שלאָף אויך דו. אַרום דיר איז דאָך ניו יאָרק,
שלאָף אָן זאָרג — שלאָף אָן שרעק.

שלאָף — —
דאָס ליכט האָב איך שוין אויסגעלאָשן,
און גאָט האָט לאַנג שוין אָפּגעשטעלט אויף איבער נאַכט דעם ווינט.
ס׳איז שאַ — —
און דאָס ליד איז אויך שוין אויס —
און איצטער מעגסטו טאַקע שלאָפן — —
אויב דו קענסט — מיין יידיש קינד.

✶

סימע־לאה, די טאָכטער פון באַראָן

יידיש־אַרגענטינישע באַלאַדע*)

I

איר ווייסט דאָך אוודאי, און טאָמער ווייסט איר נישט,
זאָלט איר עס געוואָר ווערן היינט,
אַז אַמאָל, אַמאָל איז געווען אַ באַראָן,
אַ גרויסער מענטשן־פריינט.

אַ יידישער איז ער געווען דער באַראָן,
פלעגט שבת דאַווענען און עסן פיש,
כ׳מיין דאָך טאַקע אים, דעם חלום פון זיין פאָלק,
באַראָן רב משה הירש.

און מיט די קיסרים פון דער גאַנצער וועלט,
באַראָן מאָריץ דע הירש — וואָס שייך —
ער האָט מיט זיי אָט אַזוי גערעדט,
ווי איך רעד דאָ איצט מיט אייך.

---

*) אין דעם אָפּט קרישטאָל־ריינעם יידיש פון די אַרגענטיניש־יידישע קאָלאָניסטן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט עטלעכע, דער עיקר טעכנישע, שפּאַנישע ווערטער, איך האָב זיי צוליב קאָלאָריט באַנוצט אין דעם דאָזיקן פאָלקסטימ־לעכן ליד. עס זענען: גאַלפּאָן — שייער מיט בלעך גדעקט; סולקי — לייכט וועגעלע אויף צוויי ריזיק גרויסע רעדער; קאָראַל — דראָטפּאַרצוימטער פּלאַץ פאַר די בהמות אויף ביינאַכט; גאַוטשאָס — אַרגענטינער פויערן.

גערעדט פון געשעפט און פון וועלט־פּאָליטיק,
נור אין האַרץ עפּעס אַנדערש געמיינט,
ווייל ווי גרויס ר'איז געווען אַ מענטשן־פריינט,
איז ער הונדערט מאָל מער געווען יידן־פריינט.

עפּעס שייך צו זאָגן אַ יידן־פריינט,
ווי קען עס באַשרייבן אַ פען אויף פּאַפּיר,
מ'איז דאָך עפּעס פון איין פלייש און איין בלוט
דער באַראָן און זיין פאָלק — אַט ווי איר מיט מיר.

און אַ פּנים אַ גוטס האָט געהאַט דער באַראָן,
נור וואָס דאַרף איך אייך מאָלן זיין פּנים דען?
אַז ערשט נישט לאַנג איז אַ בילד פון באַראָן
אין יעדער יידישער שטוב געווען.

און נעבן באַראָן זיין כשרה צנועה
מיט אַ פּנים פון אַ שטילער טויב,
די באַראָנין קלאַראַ, ס'לייכט די גוטסקייט אַליין
אַפּיר פון איר זיידענער שפּיצן־הויב.

און אַ בן יחיד האָט זיי גאָט באַשערט,
זענען טאַקע זיי נור אַזאַ געווען ווערט.
נור — ברוך דיין אמת! — ס'איז געשען,
ס'האָט אים צוגענומען פריצייטיק די ערד.

האָט אַזוי ווי יעדער אבל, דער באַראָן
געריסן קריעה ביז צום סאַמע העמד
און זיך געזעצט אויף אַ פּיס־בענקל אויף דר'ערד
און די ליפּן, די ווייסע, פאַרקלעמט.

די קאָלאָניסטן פון ערשטן דור רופן זיך „דעם באַראָנס קינדער", (גע־מיינט באַראָן מאָריץ הירש) פון צווייטן דור — „דעם באַראָנס איניקלעך".

די באַלאַדע איז נישט פאַרטראַכט אַלס „קדיש" אויף די יידישע קאָלאָ־ניעס אין אַרגענטינע, וואָס בליען און אַנטוויקלען זיך. זי וויל נאָר ברענ־גען צום אויסדרוק די טראַגיק פון דעם הערלעכן, אידעאַליסטישן, ערשטן אַרגענטיניש־יידישן קאָלאָניסטן־דור, וואָס האָלט שוין איצט — נאָך אַ האַלב יאָרהונדערט — אינגאַנצן ביי פאַרלאָשן ווערן. אין ברייטערן זינען וויל די באַלאַדע ברענגען בכלל צום אויסדרוק די טראַגעדיע פון דעם ערשטן דור איבערוואַנדערער אין די גליקלעכע לענדער פון מעבר לים.

און געזאָגט צו די מנחמי-אבל אָט אזוי:
(כ׳גיב עס איבער אייך אות ביי אות)
— ברידער, ס׳האָט מיך טאָקע מיין בן-יחיד פאַרלאָזט,
אָבער מיין יורש האָט מיך נישט פאַרלאָזט.

און מיין יורש ועט זיין — צעוויינט זיך דער באַראָן —
אָט אזוי ווי איר זעט מיך דאָ זיצן אויף דער ערד,
דאָס געמוטשעטע פאָלק מיינס, זיינע זין און טעכטער! —
און ער הויבט אויף זיינע הענט און שווערט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און ווי נאָר דער באַראָן האָט — טעכטער — געזאָגט,
האָט אַ שוועב געטון פאַר זיין אויג אַ בילד
פון אַ מיידעלע, אפשר פון זיבן יאָר,
אין שמאַטעס איינגעהילט.

ער האָט זי געזען, ער דערמאָנט זיך אַצינד —
(איי האָט ער געהאַט אַ קאָפּ, דער באַראָן)
ווען ער איז געפאָרן קיין פעטערבאַרג,
פון דעם פענצטער פון זיין וואַגאָן.

ס׳איז ווינטער געווען, ז׳איז געשטאַנען, געציטערט
אין דער אויסגעריבענער שאַל —
ער געדענקט נור נישט אַקוראַט, דער באַראָן,
אויף וועלכן וואָקזאַל.

צי אין ביאַליסטאָק, צי אין ווילנע, אָדער גאָר אין דווינסק,
און אפשר אין עפּעס אַ שטעטעלע גאָר —
נור געדענקען, געדענקט ער פּונקט ווי היינט,
ס׳איז געווען אין דריי און אַכציקסטן יאָר.

און דאָס מיידעלע האָט געגעבן אַ קוק צו אים,
צום באַראָן אין דער ערשטער קלאַס,
און פאַוואָליע אַרויסגערוקט ס׳הענטל פון דער שאַל
און פלוצלונג געוואָרן בלאַס — —

און פּונקט האָט דער שנעלצוג גערירט פון אָרט
קיין פעטערבאַרג מיטן באַראָן,
און ס׳מיידעלע איז געבליבן מיטן הענטל אויפן ווינט — —
און אַוועק, ווייל ס׳האָט עמיץ אַ הוק געטון: וואָן!

און אַנדרימלט איז געוואָרן דעמאָלט דער באַראָן,
און געחלומט, אַז עס עפּנט זיך דאָס פענצטער פון וואַגאָן,
און דאָס מיידעלע מיטן הענטעלע פליט מיטן צוג —
און ער דערלאַנגט איר אַ גאַנצן מיליאָן — —

און דאָס מיידעלע פלאָנטערט זיך איצט אין זיין קאָפּ,
כאָטש ער האָט זי זינט דעמאָלט מער נישט געזען,
דאָס קינד מוז אוודאי שוין גרויס זיין אצינד,
און אפשר גאָר אַ זווג פאַר זיין קדיש לוסיען —

— — — — — — — — — — — — — — — —

און ווי דער באַראָן גיט אַ טראַכט: לוסיען —
גיט ער זיך באַלד אין אַלץ אַ דערמאָן,
אַז שבעה זיצט ער דאָ איצט און נישט
אויף אַ באַנק אין דער פּעטערבאַרגער באַן.

און עס שטייען די קרובים, די באַנקירן מיט די פּרעק,
די מנחמי־אבל אין אַ רעדל אַרום,
און פּלוצלונג אַ וואָרע, די באַראָנין שוועבט,
ווי אַ טויב אזוי שטיל און פרום.

און באַוואַשט זיך מיט טרערן ווי מיט פּערל: מאָריץ,
כ'האָב געהערט
וואָס דו האָסט געשווירן דאָ זיצנדיק אויף דר'ערד,
און זי הויבט אויף צום הימל אירע הענט
און אויך די באַראָנין שווערט.

און עס צעפּאַלן זיך די שוואַרצע שפּיצן
אַרום אירע ווייסע, געהויבענע הענט,
און פּלוצלונג —

— — — — — — — — — — — — — — — —

גיבן זיך אויך אַ צעפּאַל
און צעפּראַל די פּאַלאַצישע ווענט —

און זיי זענען ביידע אין אַ שטעטל אויף אַ מאַרק,
און אַרום זיי טויזנטער הענט,
אַלטע און יונגע און שוואַרצע און שווערע,
און הענט מיט מאַזאָליעס און לומדישע הענט,

און הענט אָן פינגער, הענט פון פּאַגראָמען,
און הענט מיט ווונדן און הענט און הענט —
און הענט — — פון אַ מיידעלע פון אַ וואָקזאַל —
און דער באַראָן האָט די הענטלעך דערקענט.

און ער הויבט זיך פון שבעה־בענקעלע אויף
גייט אַריין אין דעם וואַלד פון די הענט ווי בלינד,
און ער כאַפּט דאָס הענטעלע פון מיידעלע אָן:
— זאָג מאָל, ווי רופט מען דיך, קינד? —

— סימע-לאהלע הייס איך! — און עס גיבן אַ בליץ
ווי די זאַפּטיקע קאַרשן די אויגן פון קינד,
און ווי זי האָט עס געזאָגט איז זי
אין עולם פאַרשווּנדן געשווינד.

— — — — — — — — — — — — — — — —

נור דער באַראָן איז שוין שטיין געבליבן
און מיט אַ געשעפּטלעכן, טרוקענעם טאָן
האָט ער צו די קרובים אין די פּרעק געזאָגט
אָט אזוי, משה הירש, דער באַראָן:

— געשטאָרבן לוסיען, וואָס זאָל מען טון,
גאָט האָט אזוי געוואָלט,
איז גיב איך אַוועק מיין אוצר צו מיין פאָלק
הונדערט מיליאָנען אין באַרעם גאָלד!

האָבן די קרובים פון באַראָן אויפן אָרט
אָנגעהויבן שרייען און מאַכן מיט די הענט:
— נישט אַנדערש, נור דאָס אומגליק האָט אונדזער באַראָן מאַריץ
דעם קלאָרן שכל פאַרלענדט.

II

און איצטער מיינע ליבע לייט וועלן מיר מאַכן
אַ שפּאַציר אַריין אין דער צייט,
פופציק יאָר וועלמיר אַריין אין דער צייט,
און צענטויזנט מייל אין דער ווייט.

מיר וועלן אייך דערציילן פון די יידישע קאָלאָניעס
אויף דער אַרגענטינישער ערד,

ווו דער באַראָן האָט מיט זיינע מיליאָנען
אַ פּלאַן אַזאַ אויסגעקלערט,

צו ראַטעווען אויף איינמאָל אַלע יידן, וואָס זענען
פאַרשפּרייט אויף דער גאָרער ערד,
ווו ס'האָט געזאָלט זיין און ס'איז נישט געוואָרן
דאָס יידישע גן־עדן אויף דער ערד.

מיר וועלן אייך דערציילן פון די יידישע דערפער,
געשטעלט פאַר הונדערט מיליאָנען אין גאָלד,
און וואָס ס'איז געוואָרן פון אַ גרויסן חלום
ווייל גאָט האָט אַביסל אַנדערש געוואָלט.

און ווי מיר האָבן אָפּגעזונגען סימע־לאהן אויף דער עלטער,
די טאָכטער פון באַראָן,
אויף דער חתונה פון איר ערשטן אייניקל,
אין ענטרע־ריאָס ראַיאָן.

און וואָס ס'איז געוואָרן אויף דער עלטער
סימע-לאהלע דאָס מיידעלע פון רוסישן וואָקזאַל —
נור וואָס זאָלן מיר כאַפּן די מעשה אויף פאַרויס ?
הערטזשע אויס נאָכאַנאַנד ווי געווען איז דער פאַל :

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין דאָך אַ וואַנדערער, ווייסט איר דאָך,
האָט אַמאָל זיך אַזוי געמאַכט,
אַז מען האָט אויף אַ חתונה מיך געבעטן
אין קאָלאָניע נומער אַכט.

וואָזשע זאָל איך מיך יישובן, איז אַ סולקי געשפּאַנט
און טאַקע נישט אַ רגע געטראַכט,
איז מען אָנגעקומען אין דער קאָלאָניע
פּונקט צו דער צייט אין פאַרנאַכט.

און געווען איז מען שוין נישט די ערשטע,
און אויך נישט די לעצטע געסט,
ס'זאָגן עדות דערויף די אויטאָס און סולקיס
און די רייטפערד צו סלופּעס געבונדן פעסט.

און מען פירט מיך צו דער אלמנה־מחותנתטע,
און זי דערלאַנגט מיר צוויי שווערע הענט —

און ווייל כ'האָב אַ גוטן טביעות־עין,
האָב איך באַלד... סימע־לאהן דערקענט.

און איך האָב מיך מיט איר אזוי דערפרייט,
אַזש די אַלטע האָט זיך פאַרשעמט.
— איר דערקענט מיך דען?
— אוודאי דערקען איך!
(כאָטש זי איז שוין געווען אַביסל געלעמט).

און זי זעצט מיך אַוועק און דערציילט מיר באַלד
אַ מעשה אין דער ברייט, אין דער לענג,
פון איר לעבן פון אָנהויב ביזן סאַמע סוף,
ביז צום בראָך מיט דער לעצטער קרענק.

און ווי די קרענק האָט זי געבונדן צום בעט,
און אויפגעשטעלט צוריק אָט אזוי, האַלב-געלעמט,
נור איידער — זאָגט סימע־לאה — איך וועל
איבערבייטן מיין פויעריש העמד

אויף די תכריכים, מוז איך נאָך אַליין
באַקן פלאָדן און קוכן פון קעז
אויף דער חתונה פון מיין ערשטן איניקל,
ווייל טאָמער איז מען נור אַ רגע אַ מת

איז אַלצדינג אויס. זי צעווײנט זיך און ווישט
מיט די הענט, ווי די קלעצער גראָב,
פון די הערשענע אויגן די טרערן אויס,
טרערן גרויס ווי באָב.

— אָט אַדאָ ווי איר זעט מיך אין די דאַזיקע ווענט,
האָב איך שוין געטון אַ צעבייט
קאַרגע פינעף צענערלעך פון מיינע יאָר,
איי זי גייט, זי שטייט נישט, די צייט.

אָט אזוי ווי איר זעט מיך אַצינד געלעמט,
איז אָט פון דעם דאַזיקן בויך,
האָב איך צוועלף זין געשטעלט אויף דער וועלט
און אַ בת יחידקעלע אויך.

און אַ מאַן האָב איך געהאַט, איי אַ מאַן,
אַ ליכטיקער גן עדן אויף זיין קאָפּ,

ער האָט נחת אוודאי ווי ער קוקט אַצינד
פון הימל אויף דער חתונה אַראָפּ.

און סימע־לאהס פּנים פאַרקרימט זיך עפּעס ווילד,
און זי גיט אַ קוויטש און אַ לאַך,
איך — מוז אים נאָכזאָגן — הערט איר, מוז איך אים
מיין עליו־השלום אַ שבח.

צו וואָס יעקב-אבינו האָט אַזש געדאַרפט
ווייבער גאַנצע פיר,
האָט מיין מאַנעלע באַוויזן, אָט ווי ר'איז געווען,
די קונץ אַליין מיט מיר.

אָט אזוי ווי איר קוקט מיך איצטער אָן
איז דאָך שוין נישטאָ וואָס צו זען,
נור אַמאָל, אַמאָל בין אויך איך, אויך איך
אַ קראַסאַוויצע געווען. — — —

נור זי מיינט, אַז איך זע נישט און איך האָב
אַ גוטן טביעות-עין האָב איך,
גיב איך אַ שפּאַציר פופציק יאָר אויף צוריק
אויף מיינע באַפליגלטע דיכטער־שיך —

און איך זע סימע־לאהן — בלוט און מילך,
אַ ברוסטיקע, זאַפטיקע מויד,
די באַקן ווי עפּל, די אויגן ווי קאַרשן,
און אינגאַנצן געשמאַק ווי אַ ראַזעווע ברויט.

און זי רעדט שוין ווייטער, האַלב געוויינט, האַלב געלאַכט:
— ס'איז געווען אין די אַכציקער יאָרן נאָך,
בין איך אַ קיילעכדיקע יתומה ארויס
פון דער גרויסער יידישער בראָך.

צו צוועלף יאָר אַ בוגרות ווי אַ סאָסנע הויך,
האָט אַ שכן מיך מיטגענומען פון רחמנות אַהער,
און אזוי ווי ר'האָט אַ זון, אַ בן תורה געהאַט,
איז טאַקע דער שכן געוואָרן מיין שווער.

נור געשטשירעט האָבן די בחורים אויף מיר
די ציינער, אזוי ווי די וועלף,

כאַטש געווען בין איך קוים אַ בוגרות ערשט,
ערשט אַריבער די צוועלף.

און עס זענען געבליבן די וועלף ביים פּלויט,
און אָט דאָ איז געבליבן דאָס לאָם
מיטן מאַנעלע — אַ ליכטיקער גן עדן אויף אים —
אַ גוטס, נור אַביסעלע אַ תּם.

(איך וואַרף אַ בליק אויף מיין סימע-לאהן,
און עס כאַפּט מיך אַזש אָן אַ ציטער און אַ קעלט;
זי קוקט אויף מיר מיט אַזאַ פּאָר אויגן
ווי פון אַן אנדערער וועלט).

נור איצט מיין איך, איז שוין געקומען די צייט
איך אויסצוזאָגן דעם גרויסן סוד — —
— פאַרוואָזשע פונקט מיר? — און איך זאָג: איך ווייס,
מסתמא ווייל אַ זינגער בין איך ביי גאָט —

נור זי ווייסט נישט, וואָס איך רעד און שאָקלט מיטן קאָפּ
און זי בויגט זיך צו מיין אויער אָן:
— כ'בין דאָך אַ יתומה געווען — נור מיין טאַטע —
איז געווען דער — באַראָן —

טאַקע מיין טאַטע, איך בין נישט משוגע,
סימע־לאה ווייסט וואָס זי רעדט,
אָט אַ דאָרט הענגט זיין בילד, מיט מיין מאַמען דער באַראָנין,
איבער מיין אלמנה־בעט.

און זי גיט אַ האַסטיקן שטיי אויף און גיט
מיך אַ שלעפּ צו דעם גאַלפּאָן,
דאָרטן זענען די געסט פאַרזאַמלט שוין
און די חתונה הויבט זיך אָן.

עס שטייט שוין די חופּה פון אַ בעט־דעק גרייט
אינעם גאַלפּאָן אין דער מיט,
סע באַלייכט דער לאָמפּ די פּנימער פון די געסט
מיט אַ מאָדנעם ליכט פון קאַרביד.

און זי גיט זיך אַ ריס סימע-לאה דורך
אַלע חתונה־געסט

און זי האָלט שוין אין איר געלעמטער האַנט
די האַנט פון דעם אייניקל פעסט.

זי דערשרעקט זיך אַזש, די געפאַרבטע מויד
מיט די ליפּן ווי רויטע טינט,
מיט די דינע ברעמען, מיט אַ בלייער געמאַכט,
און די האָר — ווי פלאַקס אין ווינט.

סימע־לאה גיט אַ געשריי, עס ווערט שטיל,
מ׳הערט צישען דעם קאַרביד און גרילצן אַ גריל,
עס קוקן זיך איבער די אייניקלעך, די זין און די געסט,
און קיינער ווייסט נישט, וואָס די באָבע וויל.

— איך וויל אייך איצט זאָגן דעם גרויסן סוד!
(עס איז שטיל — נור צו זייען מאָן)
סימע־לאה איז נישט אַבי-ווער, סימע־לאה
איז אַ לייבלעכע טאָכטער פון באַראָן,

און אַז סימע־לאה איז אַ טאָכטער פון באַראָן,
איז טאַקע פאַרקאַטשעט דעם אַטלאַס־ראָק,
זענט איר דאָך לייבלעכע אייניקלעך זיינע
איז לאָמיר טאַנצן אַ קאַזאַטשאָק!

און עס גיבן זיך באַלד די געסט אַ צערוק
אין שרעק — וואָס דאָס אַלץ באַטייט.
נור איינער האָט פאַרשטאַנען — דער וואָס דערציילט
אייך איצטער די מעשה.

הערט ווייטער: סימע-לאה שרייט:

— און זאָל די חופּה וואָס גיכער שוין זיין!
און מען פאָלגט זי און מען זאָגט אויף גיך הרי־את —
און דער שוחט, דער מסדר קדושין רופט אויס:
— די מחותנתטע וויל עפּעס זאָגן — שאַט!

— די מחותנתטע וויל גאָרנישט זאָגן, נור זי וויל
אַ טאַנץ טון אַן אמתן קאַזאַטשאָק!
און זי גיט שוין אַ שטעל פאָדבאָקאָם די הענט
און אַ פאַרהויב דעם אַלטפרענקישן ראָק.

און זי טאַנצט און זי טאַנצט מיט די שווערע פיס,
נור אַנטקעגן האָט זיך קיינער נישט געשטעלט — —

און זי גיט אַ געשריי, אַזש די לבנה פון שרעק
איז אַרויסגעפאַלן פון די כמאַרעס אויף דער וועלט.

און באַלד אַ לויף געטון צו אַ שפּאַלט אין גאַלפּאַן
און צעלאַכט זיך, ווייל איר געפעלט.
ווייל זי זעט סימע־לאהן ס׳ערשט מאָל אזוי. און סימע־לאה:
— וואָזשע איז — בין איך איינע שוין אויף דער וועלט?!

און עס שטייען אירע זין ווי אויף אַ פרעמדער חתונה,
דריי זענען געקומען, נור עס פעלן ניין —
און די אייניקלעך, די דאָקטוירים און די סוחרים, גאַפן —
— בין איך אויף דער וועלט טאַקע איינענקע אַליין?!

— — — — — — — — — — — — — — — —

און זי טאַנצט און זי טאַנצט און זי טרעט מיט די פיס
אַנטקעגן דער טיר פון גאַלפאַן,
און מען ווייסט נישט צי זי טאַנצט צו די פעלדער אַרויס,
צי אַנטקעגן ועמען, וואָס קומט דאָרטן אָן —

און פלוצלונג גיבן די גאַוטשאָס אַ צערוק
זיך ביי דער טיר פון גאַלפאַן:
— גיט אַ קוק, עס איז דאָך פון יענער וועלט
געקומען אויף דער חתונה אונדזער פאַטראָן!

— מזל טוב סימע-לאה, מזל־טוב!
און ער גיט איר אַ פאַל אויפן האַלדז.
— מזל טוב מאַנועלע — זי וויינט — נעם מיך מיט,
איך האָב שוין דאָ אָפּגעטון אַלץ.

— גיי רעד נישט קיין טיפּשות סימע־לאה, אָנו
גיב אַ קוק צו דער טיר פון גאַלפּאַן,
כ׳האָב דיר דאָך געבראַכט צו דער חתונה
דיין טאַטן, מיין שווער, דעם באַראָן.

כ׳האָב אים דיר געבראַכט פון יענער וועלט,
און די מאַמע, מיין שוויגער, אויך,
מיטן דרשה־געשאַנק — הונדערט גאַלדענע רענדלעך
אַריין אין דער גאַלדענער יויך.

און אָט גייען זיי טאַקע, סימע־לאה זעט,
און טאַנצענדיק בויגט זי איין דעם קאָפּ

טיפער און טיפער און טיפער און טיפער
ביז צו דער מאַמע-ערד אַראָפּ.

דער באַראָן, איר טאַטע, ווי פון בילד אַראָפּ,
מיטן שמייכל, מיט די וואָנסעס, מיטן שיינעם פראַק,
נור ער שטייט נישט עפּעס גלייך אויף דער ערד,
נור ער שוועבט אַביסל אין די שטיוועלעטן פון לאַק.

און די באַראָנין, אויג אויס אויג פון בילד:
— טאָכטער, נון זע איך דיך צום ערשטן מאָל!
נור אויך זי שוועבט אַביסל, ווי אויף פליגלען שוועבט זי,
אין איר זיידענער שפּיצן־שאַל.

גיט — סימע־לאה — אינגאַנצן — אַ פאַל — צו דער ערד
און נעמט אַרום טאַטע־מאַמעס פיס:
— כאָטש שווער און ביטער איז דאָס לעבן געווען —
נור צום סאַמע שטאַרבן ווערט עס זיס —

און זיי בייגן זיך צו איר און זעצן זיך אַלע
אין די יומטובדיקע מלבושים אויף דער ערד.
— נו דערצייל סימע-לאה, מיין געפונען קינד,
זיווג פון מיין זון, דערצייל דעם טאַטן וואָס ס'הערט

זיך עפּעס ביי מיינע ברידער און שוועסטערן דאָ,
און צי זענען זיי שוין אַלע פון רוסלאַנד אַרויס,
און וואָס מאַכט דער צאַר, דער רומענישער קעניג, דער
טערקישער נאַר?
און דערצייל מיר, דערצייל סימע־לאה, ווי גרויס

עס איז שוין דאָס יידישע לאַנד אָט אַ דאָ,
און צי זענען די אַדמיניסטראַטאָרס נישט מער
שוין אַזעלכע שלעכטע, ווי אַמאָל געווען,
און זאָג מיר, סימע־לאהניו, ווער

איז איצט דער קעניג פון מיין יידישן לאַנד
וואָס איך האָב עס געקויפט פאַר מיליאָנען גאָלד?
זענען יידן שוין גליקלעך? קיין פּאָגראָמען נישטאָ?
איז אַלץ געוואָרן ווי איך האָב געוואָלט?
ווייל דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב פאַר אַלץ באַצאָלט — — — —

און ערשט דאָ האָט זיך סימע־לאה צעוויינט,
צעוויינט אויף איר גאַנצן קול:
— ס'איז נישט דאָס, ס'איז נישט דאָס, וואָס דו,
טאַטע-באַראָן האָסט געחלומט אַמאָל.

איך, טאַטע, בין געטריי דיר געווען,
ווי דאָס געטרייסטע קינד,
כ'האָב דיר מיט מײַן בלוט און מיט מיין לייב
און מיט אַלע יאָרן אָפּגעדינט.

כ'האָב זיי אין דער ערד אַרייַנגעאַקערט,
ווען כ'בין נאָכגעגאַנגען ביים פלוג די פערד,
און די קינדער זענען געוואַקסן אויף מיר,
אָט אזוי ווי די ביימער וואַקסן אויף דער ערד,

און די אייניקלעך האָבן געבליט אויף מיר,
אָט אזוי ווי אויף ביימער בליט די פרוכט,
כ'האָב געלעבט, געלעבט, אַנו זאָג מיר טאַטע,
צי האָב איך כאָטש אַמאָל דאָס לעבן פאַרזוכט?

און זי קוקט אזוי מיט ליבע צום באַראָן,
און פאַריכט אים דעם פאַרדרייטן גאַלאַ־קראַוואַט,
און זי זאָגט אים דערביי אויפן אויער אַ סוד,
אַז איינס פון די אייניקלעך האָט זיך שוין געשמדט — —

דערביי צינדט זיך אָן מיט כעס דער באַראָן,
די באַראָנין דערשרעקט זיך, ס'קלאַפּט איר אַ צאָן אין אַ צאָן,
און זי נעמט אים איין: רעג דיך, מאַריץ, ניכט אויף,
שרייבע איינען שאַרפען בריוו אַן די אַדמיניסטראַציאָן —

און שוין — און סימע־לאה ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס
עס גיט זי פון דער ערד אַ ווילדן ריס —
און די געסט מיט איר — נור זיי פליען אַרויף,
און זי בלייבט נאָך שטיין אויף דער ערד מיט די פיס.

און זיי פליען אזוי ווי גרויסע פייגל
ארום אין דעם חלל פון גאַלפּאָן,
צוערשט פליט איר מאַן, וואָס די געסט האָט געבראַכט,
דערנאָך די באַראָנין, צום סוף דער באַראָן.

און גאָר פלוצלונג ווערט פינצטער, און עס שוידערט סימע־לאהן
ווי מען וואָלט זי אַרומגעלייגט אַ נאַקעטע מיט אייז.
און איר, מאַן, די באַראָנין, און אויך דער באַראָן,
ווערן פלוצלונג גרויסע פלעדערמייז —

און צוויי שיכורע גאַוטשאָס שרייען זיך איבער:
— אַנו באַווייז וואָס דו קענסט, נו באַווייז!
און וואַרפן מיט די גרויסע מעסערס
אויף די גרויסע פלעדערמייז —

און די קי פון קאָראַל רייסן דורך דעם דראָט
און לאָזן זיך אויף די געסט אַרויף,
בלייבט סימע־לאה אַליין אויף דער ערד,
ווייל אַלץ איז אַנטלאָפן אין ווילדן געלויף.

דריקט זי זיך שטאַרקער צו דער מאַמע ערד,
און זי ווייסט נישט פאַרוואָס זי זאָגט — שוועסטער — צו איר,
און זי זאָגט איר, אַז — אם ירצה שם גאָר באַלד
וועל איך, שוועסטער, זיין ביי דיר.

און זי גיט אַ זיפץ און זי קערט זיך איבער,
און זי לייגט זיך אויף אייביק אַוועק,
און מען שטעלט איר באַלד צוויי ליכט צוקאָפּנס
און מען דעקט זי איבער מיט דער —— — חופה־דעק.

און עס גייען זיך פונאַנדער צוערשט
אַלע שכנים, אַלע פרעמדע אַהיים,
און צוויי זין שפּאַנען איין אַ סולקי און פאָרן
צו דער חברה־קדישא אין שטעטל אַריין —

— — — — — — — — — — — — — — — —

און די חתונה אויף דער ערד איז געענדיקט שוין,
און די סעודה הויבט זיך איצט ערשט אין הימל אָן,
דאָרטן ריכט מען זיך איצט אויף אַ גרויסן גאַסט,
דאָרט איז דער מחותן אַליין דער באַראָן.

סימע־לאה וועט ווערן אַ בוגרת צוריק,
אין הימל וועט זי ווערן גאָר,
און דאָס לעבן וועט זיך געבן אַ רוק צוריק
אויף פולע פופציק יאָר,

נישט אַ טאָכטער איז זי, נור אַ כלה ווערט זי דאָרט
פון בן-יחיד פון באַראָן,
איר לעבן אויף דער ערד איז שוין פאַרביי
און דאָס הימלישע הויבט זיך אָן.

— — — — — — — — — — — — — — — — .

נו וואָס זאָגט איר ליבע לייט, די מעשה קלינגט,
ווי איך וואָלט זי אויסגעטראַכט,
שוועער איך אייך אָבער ביי מיין יידיש וואָרט,
אַז זי איז אַן אמתע מעשה פאַרט,

און זי איז געשען אין יענער נאַכט,
ווען איך בין אויף אַ חתונה געווען
אין קאַלאַניע נומער אַכט.

איי קיינער האָט די מעשה אזוי נישט געזען,
איז נאָך נישט קיין סימן, אַז זי איז טאַקע נישט
אויף אַן אמתן געשען.

1938

די באַלאַדע פון דעם זונס צוריקקער

אַ מאַמעס האַרץ איז אַ שוואָם מיט געוויין,
און אַ האַרץ פון אַ זון איז אַמאָל אַ מדבר־שטיין,
און ווען איך בין אַ נביא, וואָלט איך פון דעם שטיין
אַרויסגעשלאָגן אַ שטראָם פון געוויין.
נאָר ס׳איז נישט קיין נביאות מיין אָרים שרייבן,
און דעריבער וועט בלייבן
דער שטיין — אַ שטיין.

ס׳איז אַ מעשה דערביי, ווי אַלעמאָל
איז עס נישט מער ווי אַ מעשהלע פּאַרט,
וואָס איך גיי דאָ דערציילן וואָרט ביי וואָרט,
אַ מעשהלע פון דעם גאַנצן פּראָסטן סאָרט,
איר צייט איז — היינט, און פוילן — דאָס אָרט.

— — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז געווען אַ מאַמע אין אַ שטעטל און געהאַט
האָט זי צוויי איינציקע זין,
איז איינער געשטאָרבן ביי דער ברוסט, און דער צווייטער
האָט געשטודירט אויף פּראָפעסאָר אין ווין.

און פונקט ווי עס וואַקסט אַמאָל פון אונטער אַ שטיין
אַ בוים אַרויס און אין הימל אַריין,
איז דער צווייטער זון, דער פּראָפעסאָר פון ווין,
געוואַקסן אַפּיר פון זיין מאַמען, דעם שטיין.

און געבליבן איז אין שטעטל די מאַמע, ווי דער שטיין,
פאַרוואַקסן אין דער ערד, פאַרגראָבן אין דער טיף,
געקוקט ווי דער זון וואַקסט אין הימל אַריין,
ער האָט עס געשריבן איר אין אַ בריוו.

געווען זענען זײַנע בריוו ווי בלעטער,
וואָס פאַלן צופעליק אַמאָל פון אַ בוים,
און ביי דער מאַמען זענען זיי געווען
דעם לעבנס אמת און דעם לעבנס טרוים.

אַמאָל, אַמאָל און געווען איז עס לאַנג,
פלעגט קומען נאָך אַ בריוו אַיעדע וואָך,
און שפּעטער — אין דער מאַמעס האַרץ אַ לאָך —
אַ וואָך נאָר איבער אַ וואָך, און זעלטענער נאָך.

און שפּעטער פלעגן קומען די בריוו פון ווין
איינמאָל אין אַ גאַנצן חודש נאָר,
און נאָך שפּעטער איינמאָל אין יאָר
און — איינמאָל אין עטלעכע יאָר.

און אויך די בריוו האָט ער געשריבן אזוי
ווי מען וואַרפט אַוועק אַן איבעריקע זאַך,
און געלעזן האָט זיי די מאַמע מיט דעם טראָפּ
פון חומש אין דער הייליקער שפּראַך.

און צענמאָל געטייטשט אַיעדעס וואָרט,
און געדענקט די צורה פון יעדן אות,
ווייל מיט טרערן האָט זי אַיעדעס פון זיי
פאַרפולט — ווי דעם געטלעכן טרערן־כוס.

און צו די שכנים צעטראָגן ווי אַ הייליקע בשורה
די ווערטער, וואָס ווי ווינט געווען זענען פוסט,
און ווי זי האָט אַמאָל דעם זון געזויגן,
אזוי האָבן די בריוו איצט געוואַרעמט איר ברוסט.

און געמוטשעט האָט זיך מיט בריוו קיין ווין
דריימאָל אין יאָר איר אַלטע האַנט,
צוויימאָל פאַר יום־טוב און איינמאָל אין יאָר
האָט זי וועגן טאַטנס יאָרצייט דערמאַנט.

אַליין געציקלט דעם שווערן אַדרעס,
פון קיינעם זיך ניִשט העלפן געלאָזט,
אַליין פאַרקלעפּט און אַריינגעוואָרפן
אין רויטן קעסטל, וואָס הענגט אויף דער פּאָסט.

און אין יעדן בריוו, שוין זינט צוועלעף יאָר,
דיזעלבע מעשׂה דערציילט אין דער ברייט:
אַז דעם טאַטנס ירושהלע איז שוין פאַרקויפט
און פון פּדיון איז געוואָרן אַ פּרנסה-קלייט.

און אַז זי האָט די חתונה־ראָטונדע צוריק
אויף דער ערשטער זייט ווידער איבערגעדרייט,
און אַז זי זעט איצט שענער אויס ווי אַמאָל,
אַלע האָבן געזאָגט, ווען זי האָט זי באַנייט.

און זינט צוועלעף יאָר פאַרענטפערט זי זיך,
וואָס זי האָט זיך אַזוי ווייט דערוועגט,
פאַרענטפערט זיך — און צום הונדערטסטן מאָל
דיזעלבע צוויי פראַגעס האָט זי געפרעגט:

צי האָט ער מיט מזל שוין חתונה געהאַט,
ער איז דאָך שוין, טפו־טפו, איבער פערציק יאָר?
און אפשר, אפשר — כאָטש זי ווייסט עס ניִשט —
איז זי שוין אַ באָבעלע גאָר?

אַז געקומען זענען די בריוו קיין ווין
אויף דעם געציקלטן העט-אַלטן אַדרעס,
האָט מען זיי געשיקט פון גאָס צו גאָס,
ביז זיי האָבן צום זון זיך דערשלאָגן על פּי נס.

זיי האָבן געוואַרט, ווי אומזיסטע פּאַציענטן
אין וואַרט־צימער וואַרטן אָן רויש,
און מען האָט זיי ניִשט אויסגעהערט, ווי יענע פּאַציענטן,
און אַרויסגעוואָרפן — אין קויש.

— — — — — — — — — — — — — — —

און אַמאָל איז געקומען, וואָס געקומען איז
אין ניינצן־הונדערט־דרייסיק־אַכט,
ווען אַוועק איז נאָך איין וועלט־טאָג פון דער וועלט,
און געוואָרן נאָך איינמאָל וועלטנאַכט.

איז דעם פּראָפעסאָרס ווייב מיט די בלויע אויגן
אַוועק און געזעגנט זיך ווייך,
און אויך דעם פּראָפעסאָרס זון איז אַוועק
אויף אייביק אין בלויען דאַנאַו-טייך.

און אויך פון וואַרטצימער איז אַוועק
דער לעצטער פּאַציענט מיט דער בלויער בריל —
און דעמאָלט האָט אויך דער פּראָפעסאָר פאַרמאַכט
צום לעצטן מאָל זיין טיר אין דער שטיל.

— —

און זיין מאַמע אין דער היים האָט אויך נישט גערוט,
און געלאָפן ווי אַ פאַרסמטע מויז
צו הערן עפּעס נייעס וועגן וועלט און וועגן זון,
צו אַ שכן אַריין — פון אַ שכן אַרויס.

נאָר וואָס וויסן די שכנים און וואָס קענען זיי העלפן
אין אַזאַ מין וועלטן־נאַכט —
האָבן זיי זיך טאַקע צו גאָרנישט דערטראַכט,
אָבער טון מוז זי עפּעס, איז זי אַרויס
צו רייסן קברים אינמיטן דער נאַכט.

און קברים האָט זי געהאַט דאָרט אַ סך,
געוועזן ברוך השם ווער עס זאָל זיך דאָ מין,
טאַטע און מאַמע און ברידער און שוועסטער,
דער מאַן און דאָס ברידערל פון דעם זון פון ווין.

זי רייסט די ערד און זי נעמט אַרום
דאָס נאַכטיק־קילע קברים־געשטיין,
ז׳איז צווישן ווינענדיקע סאָוועס
געוואָרן אַ סאָווע אַליין.

און אין יענער נאַכט, ווען זי האָט געריסן
דאָס קבר פון איר מאַן,
האָט זיך צווישן ווין און רעדים דעם האַלדז געריסן
אַ נאַכטיקער פייף פון אַ באַן.

פאַרטאָג האָט מען אויף דער גרענעץ געשטעמפּלט
אַן אַלטן צעפּאַלענעם פּאַס

פון אַ מאַן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָלנער
אין דער דריטער, קאַלטער קלאַס.

און די מאַמע האָט אזוי דאָס קבר געריסן
אַזש אין האַרץ איז געוואָרן אַ ריס,
און געפאַלן, ווי אַ בוים פון זיין פרוכנעם שטאַם,
פון אירע אַלטע פיס.

צו פאַרטאָג האָט זי צו דעם מתים-שטיבל
געטראָגן מיכאַלקע, דער קברים־גוי,
און דערקענט די אַלטע קלייטניצע לאה
און געזאָגט צו איר אזוי:

— טפו זאָל עס ווערן, ווער קען דען פאַרשטיין
דעם דאָזיקן נאַראָד?
דער זון איז אין ווין און אַליין קומט זי שטאַרבן
אויף אַ קבר ביינאַכט אין אַ שמועס מיט גאָט.

און ער לויפט אַוועק און זאָגט אָן דעם רב.
און ווי ער דערציילט נאָך, ווערט אַזאַ מין ווינט
מיט אַ שניי, מיט אַ רעגן; ווער וועט גיין צו אַ לוויה,
אַז מען קען נישט אַרויסלאָזן אין גאָס אפילו הינט.

הייסט דער רב אָבער גיין דעם קברן און דער שמש׳טע,
צום בית עולם, צו מאַכן די לוויה,
— זי וועט זיך דאָך נישט גראָבן אַ קבר אַליין;
און זיך מטהר זיין אַליין — די אַלטע לאה.

שטייען זיי ביידע, דער קברן און די שמש׳טע
און וואַרטן אויף אַ פירל, וואָס דאַרף קומען פון דער באַן.
און עס קומט, און עס ברענגט פון דער עלפער־באַן
עפּעס אַ מאָדנעם, פרעמדן מאַן.

פרעגן אים דער קברן און די שמש׳טע באַלד
צי ער איז נישט אַמאָל אַ ייד,
און אויב ער איז — איז אַ מצווה אים אויפן אָרט באַשערט
צו פאָרן אויף אַ לוויה זאַלבעדריט. — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ מאַמעס האַרץ איז אַ שוואָם מיט געוויין,
און אַ האַרץ פון אַ זון איז אַ מדבר־שטיין;

קוקט זיך איבער די שמש'טע מיט דעם קברן
און ווערן פון שרעק צוויי שטיינער אַליין.

ווייל דעמאָלט איז געשען, וואָס נאָך קיינמאָל איז
אין יענעם שטעטל געשען;
די שמש'טע און דער קברן האָבן עס אַליין
מיט די אייגענע אויגן געזען:

דער פרעמדער מאַן איז צו דער ערד
געגעבן פלוצלונג אַ פאַל,
און דאָס מת פון דער לאה שטייט גאָר נעבן אים,
און וויקלט אים איין אין איר צעלעכערטער שאַל.

און הויבט אים אויף אויף די קאַלטע הענט,
אַזוי ווי מען נעמט אַ קינד,
און פליט אוועק מיט אים צום בית עולם
אַזוי ווי אַ שד מיטן ווינט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און די שמש'טע מיטן קברן האָבן זיך אַ לאָז
געטון מיט דער פור צום הייליקן פעלד,
און דער ווינט האָט אַזוי געדעוועט שטאַרק,
אַז אָט גייט אונטער די וועלט.

און אַז זיי זענען געקומען אויפן פעלד
איז שוין דאָרט די מאַמע מיט איר זון געווען,
און אַזוי ווי געטון האָט זיך אַלצדינגס אַליין —
זענען זיי נאָר געשטאַנען און האָבן געזען:

זיי זעען ווי דאָס מת גייט אין טהרה-שטוב
און קומט אין נאַסע תכריכים אַרויס,
זיי זעען ווי עס גיט מיט דער לאָפּעטע
דעם פאַרגאַפטן פרעמדן אַ שטויס.

— נעם די לאָפּעטע, נעם מיין זון,
נעם און שטיי נישט, פאַרדין אַ מצווה, נעם גראָב,
און ווערסט מיך דערנאָך אויף דיינע הענט
לאָזן אין קבר אַראָפּ.

און אזוי איז געשען און געשען איז נאָך,
אַז ס׳האָט זיך דערהערט אַ קול פון דער טיף:
— ווארף נאָך נישט צו דאָס קבר, מיין זון,
איך האָב פאַרגעסן דאָס בינטל בריוו.

און ווי דער זון האָט דאָס בינטל בריוו
אַראָפּגעוואָרפן צו דער מאַמען אין דער טיף,
איז זיין האַרץ געוואָרן ווי אַ שוואָם מיט געוויין,
און דער מאַמעס ווי אַ שטיין איז געבליבן שטיין.

האָט די שמש׳טע צום קברן געזאָגט אָט אזוי:
— איר פאַרשטייט דאָ עפּעס? איך — נישט אַ וואָרט.
און דער קברן צו דער שמש׳טע האָט געזאָגט אזוי:
— פאַרטיק? איז וואָס גיכער אַוועק פון הייליקן אָרט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אין יענער רגע האָט אַ וואָלקן זיך
אַ ריס געטון און זיין זוים אַ גלאַנץ —
און אַ צעזייטע משפחה איז ווידער
געוואָרן גאַנץ.

און דער זון, דער פּראָפעסאָר פון דער שטאָט, פון ווין,
האָט דערזען אויף דער ערד דאָס טהרה־ברעט,
און געזעצט זיך און געטראַכט, אַז צוריק צו דער מאַמען
איז אפילו צום טהרה־ברעט אַלץ נישט צו שפּעט.

און געטראַכט האָט ער איצט צום ערשטן מאָל
געדאַנקען גאַנצע פון אָנהויב ביז סוף,
געטראַכט וועגן לעבן און וועגן טויט,
און וועגן זיין פאַרברעכן און וועגן זיין שטראָף.

און ס׳זענען געקומען פאַרגאַנגענע יאָרן
און געשטעלט זיך פאַר אים אַ יאָר נאָך אַ יאָר,
און אפילו דער מאָרגן איז פאַר אים געשטאַנען
צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן — קלאָר.

ער האָט שוין געוווּסט, אַז די גרויסע שטראָף
איז געקומען אויף דער וועלט פון איר עק ביז עק,

ווייל מיליאָנען מיט אים, און ער מיט מיליאָנען,
זענען פון דער הייליקער מוטער אָוועק.

און ער האָט פאַרשטאַנען פאַר מיליאָנען און פאַר זיך,
אַז קומען קען ווידער די רו און דאָס גליק,
אַז מיליאָנען מיט אים, און ער מיט מיליאָנען
וועלן קומען צו דער הייליקער מוטער צוריק.

ווייל דאָס לעבן איז זי און די ליבע אין אים,
ווייל אויף איר און אין איר איז די וועלט געבויט,
ווייל דורך איר איז אויף אייביק דאָס לעבן געוואָרן
שטאַרקער פון דעם טויט.

ער גיט אַ קוק און דערזעט אויף דער ערד
דער מאַמעס שאַל — הויבט ער זי אויף,
ער לייגט די שאַל צוקאָפּנס אויף דעם ברעט
און ער לייגט אויף איר זיין קאָפּ אַרויף.

קומט צוריק פון שטאָט דער קברים־גוי,
און ער גיט אַ געשריי: — מענדל, מענדקע גאָר!
ער ווייסט אַליין נישט ווי ער האָט זיך דערמאָנט
דעם פּראָפּעסאָרס נאָמען פון פאַר פערציק יאָר.

און ווי דער פּראָפּעסאָר האָט זיין נאָמען ווידער
נאָך פערציק יאָרן דערהערט,
האָט ער דערפילט, אַז עס רופט אים אויך
צוריק די מאַמע-ערד.

און ער האָט געזאָגט: — און דו ביסט מיכאַל,
מיכאַלקע, דער שבת־גוי,
איז הערזשע מיכאַלקע, פאָלג מיך אַ גאַנג,
גיי ווידער אין שטאָט און זאָג אַן אַזוי:

געקומען איז פון דער שטאָט, פון ווין,
מענדל, דער לעבעדיקער פון לאהס צוויי זין,
נאָר ער איז געקומען אַביסל צו שפּעט
און געשטאָרבן אויף דער מאַמעס טהרה־ברעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

לידער און באַלאַדן

און אַוועק איז באַלד מיט דער שוואַרצער בשורה
צום שטעטל דער קברים־גוי מיכאַל,
און דערווייל האָט מענדל צוריקגעגעבן
זיין לעצטן אָטעם אין דער מאַמעס שאַל.

אַ מאַמעס האַרץ איז אַ שוואָם מיט געוויין,
און אַ האַרץ פון אַ זון איז אַמאָל אַ מדבר-שטיין,
נביא — קום אַראָפּ מיט דיין שטעקן פון שטראָף
און שלאָג אזוי לאַנג און האַרט דעם שטיין,
ביז וואַנעט אַ פלייץ טון עס וועט פון אים
אַ שטראָם געוויין —
נביא — דו ווייסט דאָך, אַז אַנדערש קען די וועלט
קיינמאָל נישט אויסגעלייזט זיין.

1939

★

מלך ראוויטש

67

לירישע, סאטירישע, נאציאָנאלע, סאָציאלע און פילאָזאָפישע

לידער

פון די לעצטע פינף־זעקס יאָר

★

פארלאג דוד לערמאן

בוענאָס איירעס

1946

67 לידער

לירישע, סאַטירישע, נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און פילאָזאָפישע לידער פון די לעצטע פינף-זעקס יאָר. מיט אַ הקדמה. די 67 לידער זענען איינגעטיילט אין 9 ציקלין: 1. דאָס אויסדערוויילטע פאָלק; 2. 1939—1945; 3. דאָס גרויסע זוכן; 4. און דער לעסטערער לעסטערט נאָך אַלץ; 5. מעדיטאַציעס; 6. ליריק; 7. מחשבות וועגן פאַרגיין און נישט זיין; 8. פראָ דאָמאָ; 9. פון האַרץ אַראָפּ. 168 זייטן. פראָנט בילד פון יאָסל בערגנער. אַרויסגעגעבן אין יאָר 1946, אין פאַרלאַג פון דוד לערמאַן. (דוד לערמאַן, אַ טייערער און געטרייער פריינט פון דעם מחבר, בלב ונפש איבערגעגעבן דער ליבע צו דער יידישער מאָדערנער קולטור, איז געבוירן געוואָרן דעם 28טן פעברואַר 1889 און געשטאָרבן דעם 12טן דעצעמבער 1951).

67 לידער

והיה באחרית הימים

אני מאמין — יידיש פֿאָלק, איך גלויב אין דיין שליחות,
פּונקט ווי כ'גלויב, אַז כ'בין אַ זון פֿון הינדע בת בלימע, מיין מאַמען.
אני מאמין — כאָטש צעקריגט בין איך כמעט מיט אַלע דרייצן
אני מאמינס פֿון דעם מוח, דעם אייזערנעם און שפּיציקן פֿון רמב'מען.

יידיש פֿאָלק, איך גלויב אין דיין שליחות,
מעג איך מוזן שטיין און גיין דערפֿאַר ווי אַ מצורע אָפּגעזונדערט
פֿון די פֿרומע, די ציונים, די יאַהודים און אויך אפּיקורסים.
איך גלויב, און גלויבן מוז איך, כאָטש איך בין אַן עכטער זון פֿון
20-טן יאָרהונדערט.

יידיש פֿאָלק, איך גלויב אין דיין שליחות,
מיט ציינער און מיט נעגל האַלט איך אָן דעם גלויבן.
לאַך, לאַך — דו ציניקער, האַלט דיך ביי די זייטן;
לאַכסט אַריין אין אויגן פֿון אַ בלינדן, אויערן פֿון אַ טויבן.

ווייל בלינד און טויב איז מיין אמונה, יידיש פֿאָלק, אין דיין שליחות,
ווי בלינד און טויב עס איז געווען די אַלוועלט־שנאה צו אונדז יידן.
הויך און העכער האָט געהויבן — ביז צום הימל זיך מיין גלויבן,
וואָס נידריקער, שאול תחתיה־הייסער יידן־שנאה יוכעס פֿלעגן זידן.

קיין אויסוועג איז נישטאָ! אין דעם דאָזיקן געבענטשט-געשאָלטענעם גן־גיהנם
איז אונדזער בוים פֿאַרפֿלאַנצט. אַ בוים פֿון אייביק לעבן, אייביק גאָט־דערקענען.
זיינע וואָרצלען שטעקן טיף, זיינע ברייטע פּירות־שווערע צווייגן שפּאַנען
איבער אַלע פֿעלקער זיך. אונדזער גורל איז צו זיין און בלייבן וואָס מיר זענען.

נישטאָ פֿאַר אונדז, אין אַלע פֿיר דימענזיעס, קיין אָרט, קיין צייט קיין אַנדערע,
אונטער קיין לבנות און אונטער קיין שום זונען.
צווישן אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד במזיד האָט אונדז גאָט אַ וואָרף געטון,
פֿאַרלוירן;
צווישן אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד האָט בשוגג אונדזער גורל אונדז געפֿונען.

יידיש פֿאָלק, איך גלויב אין דיין שליחות,
כאָטש מיינע ציינער קריצן שאַרף פֿון ווי און צום הימל בייל זיך די פֿויסטן.
קיין אויסוועג איז נישטאָ. ס'איז מיטן ים. לאָמיר אָנכאַפּן דעם רודער
און פֿירן שטאַרקער אונדזער שיף אין דעם וועלט־שטורעם צעברויזטן.

אָט איז דיין שליחות, יידיש פאָלק; אין אַ וועלט וואָס איז אין שיינקייט און
אין זינד פאַרזונקען,
מיט אויגן: תאווהדיק הייס-בלויע אַפּלען איינגעטונקט אין בלוטיק־רויטע
ווייסלען,
צו שרייען שמע אינאיינעם פאַרט, אינאיינעם פאַרט, אינאיינעם פאַרט;
דיין שליחות, יידיש פאָלק, איז דער וועלטס געוויסן אויפצוטרייסלען.

פונקט ווי גאָט־וואָרט אייביק דיין שליחות — אייביק בלוט־באָד איז געווען
דיין גורל.
נישט אַנדערש נאָר אַזוי צום יובל פון די יובלען
גייט די וועלט. און כאָטש איינמאָל אין אַ יעדן וועלט־יאָרהונדערט
האָט זי זיך געמוזט אין שטראָם פון דיינע בלוטן — פאָלק מיינס — טובלען.

וואָזשע נוצט עס אָט דעם גורל ווי אַ שווערן שטיין אין האַרץ צו טראָגן,
אַ שטיין פון טענה און ניט-גלויבן?
בעסער שוין אים ווי אַ פליגל־פּאָר אויף דער נשמה לאָזן וואַקסן
און אויף זיי צו אַלע העכסטע הייכן — פאָלק מיט זיך און זיך מיט
פאָלק — דערהויבן.

און דער עיקר — אין דער העלפט פון איצטיקן יאָרהונדערט, קעגן וועלכן
ווי אַ קינדער־שפּיל עס זענען, ווי אונדז, אַלטע אינקוויזיציע־פּיינען;
די גזירות ת״ח ות״ט, די אַכציקער פּאָגראָמען, קישיניעוו,
און אויך די כוואַליעס יידיש בלוט אין אַכצן-נײַנצן אין אוקראַינע.

און דעריבער איז אַן אויסוועג נאָר אַן איינציקער פאַרבליבן:
אינעם גאַס פון בלוט, דעם גרעסטן, זאָט פון האַס, דעם הייסטן,
אויפצוהויבן ס׳האַרץ צום הימל, דעם געדאַנק צו אַלדי שטערן
און מיט אָט דעם גלויבן זיך צו טרייסטן:

אַז נאָך יאָרן אַלע, אַלע דריי־פיר טויזנט,
מיט אַ גוואַלדריס מיט אַ שרעקלעכן און אומגעריכטן
האָט אין אַכט־און־פופציקסטן יאָרהונדערט, אונדזער ידישן, במזיד ווידער,
גאָט דערפילט די שליחות און צון אַ סוף דערפירט די יידישע געשיכטע.

צון אַ סוף אַ גוטן אין דעם ים פון בלוטן,
וואָס אונדזער פאָלק האָט איצט פאַרלוירן —
און אַז דאָס בלוט פאַרגיסן האָט געמוזט די וועלטן-מאַמע,
ווייל דעם מענטש דעם נייעם אַנדערש האָט זי נישט געקענט געבוירן.

יידיש פאָלק, געענדיקט האָט דיין לייד זיך און אויך דיין שליחות!
מיינע אויגן זעען שוין ביים פעלקער־טיש דיין בלויע קרוין, דאָס
גאָלדן־בלויע בליצן — —

און מיינע פויסטן עפענען זיך האַפּנונגס־פולע,
און די ציינער הערן אויף צו קריצן.

נאָר נאָך נישט, ייד, טאָרסט נאָך נישט די פויסטן עפענען,
מוזט העלפן נאָך די גוטע פון דער וועלט צו פירן זייערע שאַרפע וואפן,
פאַרוואונדעט איז דער אַנטי־ייד, דער גרעסטער און דער לעצטער,
עפן נאָך די פויסטן נישט — ווייל פאַרוואונדעט איז ער, נאָר זיין האַרץ נאָך
נישט געטראָפן.

אָבער ווען דאָס האַרץ פון אַנטי־ייד, דער לעצטער חיה אין אַ צלם־אדם,
וועט צעריסן זיין, און אין שאול צוריקגעפלאָסן זיינע בלוטן, זיינע סמען;
דעמאָלט וועל׳ מיר אַלע, אַלע אויספירן דעם נביאס ווערטער:
אַקערס קאָוען אויף קאָוואַדלעס, שווערדן שמעלצנדיק אין פלאַמען.

און שטיל, ווי תפילה טיף אין האַרץ, וועט אין אונדז קלינגען: מיט יאָרן
טויזנטער צוריק
האָט אונדז גאָט געשיקט, און געוועזן זענען מיר געטרייער שליח;
געטון איז דאָס שליחות איצט — גאָטס שליח איז מגולגל
אין זיין לעצטן גילגול שוין — ער איז משיח.

* * *

קומט אייך צונויף מיינע חברים, אַלע, אַלע אינאיינעם,
קומט דיכטער יידישע, קומט לעבעדיקע, און פון שטויב און אַש שטייט
אויף, איר טויטע,
קומט אייך צונויף, מיינע חברים, און העלפט מיר אַלע וויינען
טרערן לעצטע נאָך די אַלע יאָרן וויסטע, טרערן בלוטיקע, רובינען רויטע.

קומט אייך צונויף, מיינע חברים, פון אַלע וועלטן־עקן,
איר גרויסע און איר וועלט־באַרימטע און אויך איר, איר אומבאַקאַנטע;
לאָמיר אויסוויינען די טרערן בלוטיקע און רויטע קודם,
און לאָמיר שפּעטער וויינען טרערן ליכטיקע און קלאָרע, ווי פּערל
און בריליאַנטן.

טרערן פול בטחון אין אַ שטוב — דרייפערטל אויסגעשטאָרבן,
טרערן פול מיט שטאָלץ און פרייד פון דערגאַנגענער שליחות,
קומט דיכטערס יידישע — אַלע, אַלע אינאיינעם —
מיט אָט די טרערן וועל׳מיר אויסזעצן ווי מיט בריליאַנטן אַ פּאָר נייע לוחות.

די לידער פון מיינע לידער

און דאָס ערשטע וואָרט אין אָט די נייע לוחות — לעצטע לוחות,
אין בלוט אין יידישן געוואַשן און געלייטערט,
וועט אויך אנכי זיין. נאָר — נישט יהוה —
אדם — וועט דאָרט זיין דאָס וואָרט, דאָס צווייטע.

1944

★

אַ געדענק־ליד נאָך י. י. זינגער און נאָך אַלע פרי־געשטאָרבענע און געשאָכטענע יידישע דיכטער

פאַר וועמען איז אָט אָ דער פרילינג? פאַר וועמען אָט אָ די בלויע הימלען?
פאַר וועמען אָט דאָס זילבער־ווינטל, וואָס קלינגט מיט אַלע האָפענונגען?
פאַר אַלע מענטשן — זאָגסטו? הייסט עס, אַז אויך פאַר מיר? איך דאַרף
עס נישט מער,
אַלע מיינע שעהן האָבן מיר שוין אויסגעקלונגען.

פאַר וועמען בליען אָט אָ די ביימער? פאַר וועמען שפּילן זיך די וואָלקנס,
ווי די קינדער,
לויפן און אַנטלויפן אזוי? פאַר וועמען צוויטשערן אין גרינע צווייגן
אָט אָ די פייגל אַלערליי? און פאַר וועמען זינגען אזוי צווישן ווייסע
בלעטער האָפערדיק
פאָעטן אַלערליי? פאַר וועמען קלאַפּן זיי מיט זייערע געגראַמטע קלאַפּערגעצייגן?

פאַר וועמען אָט דאָס גאַנצע לעבן? און דער טויט אפילו?
וועמען נאַרט ער דאָס, בלאָפט מיט אייביקער רו, די מידע ביינער אויסגעצויגן?
מיך נאַרט ער? מיך אויך? איך דאַרף נישט קיין טויט קיין נאַריש־זיסן
און פאַרחלומטן;
נישטאָ קיין טויט, אַלץ איז לעבן, געשפּאַנטער אָדער אין אַ בויגן.

און חוץ דעם בין איך אַ ייד. מיין גורל גייט אין מיר און אַרום מיר,
ווייסט דען נישט דאָס לעבן און דער טויט, אַז איך בין איינער פון
גאָטס מקורבים?
אויב גאָט איז אייביקער גוף — בין איך אייביקער גוף. איז וואָזשע דאָ
לעבן און טויט?
און אויב גאָט איז געדאַנק בין איך דאָך אויך נישט מער ווי אייביקע מחשבה.

67 לידער

און אויב אזוי בין איך דער גרויסער גלייכגילט, אַלמעכטיקער אַלץ־איינס, ייד!
וואָזשע קען מיך אַרן, וואָס דור אויס, דור איין האָט מען געשאָכטן און
מען וועט מיך שעכטן?
איך לעב און בין טויט פון אייביק ביז אייביק און וועל אזוי טויט זיין און לעבן,
איך בין געוועזן אין קין, דעם ערשטן אומגערעכטן, און וועל זיין אין משיח,
דעם לעצטן גערעכטן.

איז וואָזשע פאַר אַ שייכות האָט מיט מיר דער פרילינג? בלאָז אים אַוועק!
וויקל איין די הימלען,
פאַרפאַק דיביימער! איך האָב נישט קיין געדולד צו זיי. מיינע בעסטע פריינט
זענען טויט — אַ העלפט פון מיין פאָלק איז געקוילעט.
אָט אזוי וויל איך גיין פאָרויס, גלייך, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, קעגן
לעבן, קעגן טויט.
אָט דאָס איז עס. די וועלט. דער ווילן. דער גאַנג. הויב אויף די אויגן און
דערזע — די אייביקייט אַרום מיין קאָפּ, דיין־זילבערן ווי אַ מולד.

1944

★

תפילה ביים בלוט געבן אין צווייטן וועלט־קריג

אנא — איך בעט דיך, נעם דאָס דינע שטראָמל בלוט מיינס,
נעם עס צו מיטן גאַנצן האַרץ, מיין ברודער, אזוי ווי כ׳גיב עס דיר מיט האַרץ!
מיין גוף גיט, מיין נשמה גיט, און איך בין פול מיט געבן,
כאָטש געבן וואָלט איך גענדאַרפט מער — אַלץ,
נאָר אַ זינדיקער נפש וויל לעבן.

אנא — נעם עס, ווער דו זאָלסט נישט זיין,
קוליע דיך, טוליע דיך ווידער מיט דיין מיידל אויף אַ לאָנקע אין גרינע
טיפע גרעזער,
צי באָד דיך אין ים מיט דיין לינקער געליבטער, צי פלי אין לופטן ווידער,
טאַנץ — ס׳איז דיין וועלט, דו האָסט זי געראַטעוועט,
ווייסער דזשאָן, איוואַן, יענקי — אָדער טשאַן, געלער כינעזער.

אנא — נעם, נאָמענלאָזער פון אַ נאָמענלאָזן —
עס פליסט, איך פיל דאָס פליסן, אין מיינע אָדערן ריזלט מיט פליסן,
ווי אין די אינגעוויידן פון אַ קוואַל,

די לידער פון מײַנע לידער

יהי —זאָל עס די ווידערבאַפרוכפּערונג פון אַ לעבן זײַן,
עמיצנס אַ לעבן, אַ יונגגן און אַ זיסן.

דו ווײסט מײַן פּנים קײנמאָל נישט זען, איך וועל דײַן פּנים קײנמאָל נישט זען,
בײדע — נישט באַקענטע אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן,
איך פון ווערטער געגראַמטע און דו — פון צעפּלאַמטע טאַטן.

און כאָטש איך גיב — אנא — נעם אָן מײַן דאַנק
פון מיר און פון דורות פאַר מיר, דורות נאָך מיר,
דו וועלטן־דערלײזער און באַפרײַער,
אָנאָ — באַוויליק אין לײַטזעליקײט מײַן אָרימען צושטײַער.

דו האָסט אײַנגעשטעלט — נישט קײן וואָרט, נאָר טאַט,
איז דעריבער נישטאָ אין מענטשלעכן לשון קײן וואָרט דיך גענוג צו באַוווּנדערן;
נישטאָ אַזאַ אוצר אין אוניווערז, וואָס זאָל דיר באַצאָלן,
ווען אפילו מען זאָל אים דיר דערלאַנגען, ווי אויף טעלערס, אויף אַלע טאָלן,
און אַלע באַרגשפּיצן זאָלן ווי פײַער־בערג דאָס דאַנקען דונערן.
האָסטו דען נישט דאָס לעבן, דײַן גאַנצע וועלט,
פאַר אַלע איבעריקע וועלטן אײַנגעשטעלט?

אנא — נעם מײַן בלוט און ווער געזונט, יעדער טראָפּן זינגט:
זײ געזונט, זײ געזונט —
יחי — זאָלסט ווערן גענעזן!
דו האָסט די וועלט מיט דײַן קרבן — נײַ באַשאַפן,
דו ביזט אַ באַפרײַער פון הונדערט דורות, וואָס וואָלטן געוועזן שקלאַפן!
און אזוי ווי דײַן טאַט איז אַ טאַט, וואָס וועלטן צוויי פאַרבינדט,
אָנאָ — זאָל אָט דאָס דינע שנירל בלוט מײַנס העלפן אָפּצובינדן
די וועלט, וואָס פוילט מיט געוועזן,
פון דער וועלט, וואָס שטראַלט מיט וועט זײַן!

1943

די לעצטע פראַגע

די מעשה איז פּשוט, די מעשה איז פּראָסט,
דערצײלט זיך ווי: צוויי מאָל צוויי — פיר.
אַ מעשה מיט אַ יונגל פון אַכצן יאָר,
אַן ענגלישן לופט־וואָלונטיר.

לידער 67

ס׳איז געווען און געשען אין די ערשטע טעג
פון דעם צווייטן וועלטן־קריג,
ווען עס האָט זיך דער יינגל פון אַכצן יאָר
צו די פליער געמעלדעט פרייוויליק.

— דער שונא איז אונדזער — געטראַכט האָט ער קלאָר —
איז נישט שיין שאָרן פייער מיט פרעמדע הענט,
ס׳איז אַ קריג פאַרן מענטש — איז ער דען נישט קיין מענטש ?
און אוודאי קען מען ווערן אין אַ פייער פאַרברענט.

ר׳האָט מיט קיינעם נישט גערעדט. ס׳האָט אים קיינער נישט
מיט ווערטער דאָס האַרץ צעגליט.
און גלויבט מיר — איך וואָלט בעסער זיין אין זיין הויט,
איידער דאָ, אין דער זיכערקייט, שרייבן דאָס ליד.

און כאָטש ביל, ביל האָט ער געהייסן, איז געווען
אַ בוך־מענטש, פליעגט ער פליען שאַרף ווי דער רויבפויגל פליט,
און געשאַרט אין וועלט־פייער מיט די דינע הענט,
און האָט שוין נישט איינמאָל זיך אָפּגעבריט.

און געטראָפן האָט, וואָס טרעפן מוז
פריער אָדער שפּעטער כמעט יעדן סאָלדאַט:
אין די נאַכט־הימלען איבער זיין אינדזל־לאַנד
האָט ביל אַמאָל אַ שאַרפן קאַמף געהאַט.

און אַראָפּגעפאַלן, ווי אַ שטערן פאַלט,
ערגעץ אויף אַ פעלד אויף דער ענגלישער ערד,
דריי וווּנדן אין אים — ר׳האָט געשריגן, געשריגן,
נאָר עס דויערט ביז מען געפינט און דערהערט.

ר׳האָט זיך לאַנג געוואָרפן אין דער קלעמעניש
פון דראָט און פון בלעך, אַלומיניום,
און דאָס שרייען איז אויסגערונען מיטן בלוט,
און אַלץ איז שפּעטער צוגעגאַנגען שטום.

ביל טראַכט פון פרילינג, וואָס איז ערגעץ דאָ נאָנט,
און ער שמעקט און ער פילט דעם ערד־גערוך,
און ער הערט ווי עס קאַפּעט זיין בלוט צו דער ערד,
דער פרילינג־ערד פון דעם אָפענעם ברוך.

און אַז לײַכטער, נאָך לײַכטער געוואָרן זײַן האַרץ,
האָט ער פֿלוצלונג דערזען זײַן מײדלס בילד,
כאָטש ער שווײַגט צו איר — רעדט זי צו אים —
און פֿלוצלונג זינגט זי — און עמיצער שפּילט.

און פֿאַרשפּילט און פֿאַרוויגט אים אין אַ לאַנגן שלאָף,
און אפֿשר איז עס נאָר אַ רגע געווען,
און אין אָט דער רגע האָט זײַן לעבן ביל,
אַלע אַכצן יאָר צוזאַמען דערזען.

און פֿלוצלונג אויס, ס'איז פֿינצטער, נאָר געדאַנקען
קומען און גײען, געדאַנק נאָך געדאַנק:
אָט שטײט ער און באָט אָן זײַנע אַכצן יאָר,
און ער טראַכט, צי עס טוט אים איצט באַנג —

ס'איז אַ קאַמף און אַ קאַמף האָט דאָך זײַטן צוויי,
נו האָט ער זיך געשטעלט אויף דער אמת־זײַט,
און ער הערט ערגעץ רינען ווי אַ זאַמד־זײגער רינט
און רינט אויס, און ער ווייסט, אַז דאָס איז זײַן צײַט.

און ער טראַכט: מײַן לאַנד איז גערעכט — גערעכט —
מײַן קבר וועט פֿאַרדעקן די גערעכטע פֿאָן,
אַז מען האַקט אַ וואַלד — פֿאַלן שפּענער אָסך — אָסך —
און ביל איז שוין אויך אַ געפֿאַלענער שפּאָן.

און פֿלוצלונג פֿילט ער, אַז ער איז נישט מער ער,
נאָר עמיץ אַנדערש, וואָס זײַן לעבן הויבט אָן,
און ווי די קינדער טראַכטן וועגן זיך
טראַכט ער איצט אויך אין דער דריטער פּערזאָן.

ס'איז נאָך פֿינצטערע נאַכט, נאָר טאָג איז אין אים,
און ווי אין מיטן טאָג איז אַלץ קלאָר,
און קיין חרטה־געדאַנק קומט נישט אויף
איבער נישט דערלעבטע, ווער ווייסט וויפֿל יאָר.

און שוואַכער, זעלטענער גיט אַ קלאַפּ זײַן האַרץ,
ס'קען יעדער קלאַפּ זײַן דער לעצטער — און שוין, און אויס!
אַלץ פֿאַרענטפֿערט! אַלץ? ניין — געבליבן
איז אַן אײנציקע פֿראַגע בלויז:

— פֿאַרוואָס זאָל הרגענען אַ מענטש אַ מענטש?
און די פֿראַגע וואַקסט און פֿילט אויס די נאַכט,
די לעצטע פֿראַגע פֿון ביל, דעם וואָלונטיר,
און ער האָט איבער איר זיינע אויגן פֿאַרמאַכט.

און אַז ער האָט די אויגן פֿאַרמאַכט אין דער נאַכט
און פֿאַרמישט זיך מיט אַלץ און מיט אומעטום,
האָט זיך באַלד דער שרייבער פֿון אָט אַ דעם ליד
געשטעלט ביי זיין טויטן צוקאָפּנס שטום.

און שטיל געשטאַנען ביים טויטן אַ וואַך,
אַ טויטן-וואַך דריי שטילע מינוט.
און שפּעטער די לעצטע פֿראַגע גענומען
פֿון טויטן מויל אַראָפּ — און אויף דער פֿראַגע איז געווען בלוט:

— פֿאַרוואָס זאָל הרגענען אַ מענטש אַ מענטש?
אַ מענטש אַ מענטש — פֿאַרוואָס הרגענען זאָל?
און פֿון אָט דער לעצטער פֿראַגע פֿון ביל
זענען געוואָרן פֿראַגעס אָן אַ צאָל.

און זיי האָבן גענומען ווי די פֿייגל שוועבן,
און זיי האָבן געמאָנט אַ באַשייד,
און זיי האָבן די ערד און די הימלען פֿאַרפֿילט
און זיך דערשלאָגן צו גאָטס הייליקייט.

און גאָט האָט גערופֿן ביל, דעם וואָלונטיר,
און פֿאַר אים פֿאַרענטפֿערט די פֿראַגע, דעם סוד.
און דער ענטפֿער איז ווידער געבליבן אַ סוד — —
צווישן טויטן ביל און לעבעדיקן גאָט — — —

נאָר ניין! דאָסמאָל ניין!! — מיר וועלן עס נישט דערלאָזן,
דאָסמאָל וועט עס נישט אָפּגיין גלאַט,
מיר וועלן דעם ענטפֿער אַרויסקריגן שוין
פֿון ביל, דעם טויטן סאָלדאַט,

און מיר וועלן אים איבערענטפֿערן באַלד
צו אַלע — דעם סוד, וואָס מיר וועלן האָבן געהערט,
און מיר וועלן נעמען אין אונדזערע הענט
די גורלות פֿון אונדזער ערד!

און מיר וועלן שיקן אַ דאַנק־בריוו צו ביל,
וואָס מיר וועלן שרייבן אויף אַ ווייסער פּאַן,
און מיר וועלן אים חתמענען אַט אזוי:
אַלע מענטשן — צוויי טויזנט מיליאָן!

מאַי 1940 — מאַי 1945

אַכטער מאַי, פערצנטער אויגוסט — ניינצן־פינף־און־פערציק

די מלחמה איז געענדיקט — שלום אויסגעבראָכן אויף דער וועלט;
די זון־פאַרפּוצטע הימלען שטייען העל אין זייער שענסטן בלאַסקען,
די שכנים שרייען דורך די פענצטער זיך אַריבער,
די ראַדיאָס פול מיט רעדעס ביז צום פּלאַצן, אויף די העכסטע טענער טראַסקען.

געענדיקט די מלחמה, שלום אויסגעבראָכן אויף דער וועלט!
עס רעדן צו די פעלקער פּרעזידענטן און פּרעמיערן,
בישאָפן פּרעדיקן, רבנים פאַלן אויך אַריין אין כאָר:
זאָלסט אפילו פענקען — מענטש — פריילעך, פריילעך מוזטו ווערן!

קריג געענדיקט, שלום-אויסברוך אין איראָפּע און יאַפּאַניע,
אין זיג־טאָג פונעם צווייטן — גערוקט נישט מער ווי דריי חדשים;
אויס מעשים בלוטיקע, איבערנאַכט האָט זיך די גאַנצע וועלט פאַרוואַנדלט
אין אַ וואָרט אַ ליכטיקס, אַן אומענדלעך ליכטיק־לאַנגער דרשה...

סוף־מלחמה, שלום ביז אין אַלע ווייטסטע ווינקלען וועלט!
די גוים און די גויעס זינגען שאַרף מיט קולי־קולות,
די שקצים און די שיקסעס טאַנצן, און די יידעלעך — אינמיטן
פלעסקען צו מיט חסידיש ברען: אַז וויל איז, און אַז וויל איז — —

געענדיקט די מלחמה? — קברים גיבן זיך אַן עפן, ערדן פראַלן זייערע טויערן אויף.
און עס גיבן זיך אַ לאָז איבער די יבשות, איבער ימען,
קולות — וואָס מען לאָזט אין ראַדיאָ קיינמאָל נישט אַריין, קולות יענע־וועלטיקע;
און זיי צישען ווי די שלאַנגען: — גיט אונדז אייער פרייד — מיר ווילן זי פאַרסמען!

הערט אויף צו שפּרינגען, גוים, ווי די ביקעס, יידן, ווי די ווילדע קאָזעס,
הערט אויף צו בלעקערצן, איר ווילדע נאַרן,
בעסער לייגט אייך אין די רינשטאָקן אַריין און שמירט אייך אויס מיט טרויער,
איידער טאַנצן שדים־טענץ אויף די טראָטואַרן.

האָפּקע ניש, דו יידל נאַרישער, וואָס פּאָכעסטו דאָ מיט דיין פידל ?!
יעדע האָפּקע, יעדער בלעקער איז אַ העסלעך לעסטערן !
רייס בעסער קריעה די מלבושים, רייס איין דאָס קלייד, דאָס העמד, און
אויך די הויט,
און זעץ דיך שבעה זיבניעריקע נאָך זעקס מיליאָנען ברידער־שוועסטערן !

און דו, גויטשיק תמעוועאַטער, הער אויף צו פּאָכען מיט דער פלאַשקע !
קוק אין הימל אין יאַפּאַנישן, זע די שוואַרצע, מיילן-ברייטע־הויכע רויכן,
הימל־שוואָמען.
זע — זיי וואַקסן אויף דיין קאָפּ, אויף דיין נשמה, וואַקסן גיך און גיכער,
אַ וועלטן־פעלד פון שוואָמען רויכיקע פון אויפגעריסענע אַטאָמען.

דו האָסט אַליין דיך אויפגעריסן, און ביזט אפשר טויט שוין — וועלט,
אָט איז דער סוף פון דיינע קין־עשודיקע מאַכט-געיעגן !
דו האָסט מיט בלוט געדעגנט, מיט דעם האַרץ־בלוט פון די בעסטע דיינע
זינס מיליאָנען,
און די שוואָמען דאַרטן אויבן ? זענען טאָקע שוואָמען — ווערט אַזאַ
מין רעגן — —

ווער האָט דיר איינגערעדט, אַז ס׳איז אַ סוף צו דער מלחמה — יידל ?
גיב אַ קוק אויף קלייד אויף דיינעם יום־טובדיקן, זע די געלע לאַטעס — —
פאַרהענג די שפּיגלען אין דיין הויז, דיין יום-טובדיקן, ביזט אַן אבל —
און די שאַרפע פּיסקעס פון די זינגענדיקע ראַדיאָס — פאַרהענג
מיט נאַסע שמאַטעס !

וואָס דאַרפסטו יידל אָט די פאַלשקייטן די פוסטע,
וואָס דאַרפסטו זיך אַליין אין הימל־זעצן, אין פיסקל קושן, אין פּנים לויבן ?
קוק דעם אמת בעסער גלייך אין פּרצוף אין סקעלעטישן :
נישט געענדיקט האָט זיך די מלחמה, די מלחמה פון מלחמות האָט
זיך אָנגעהויבן !

גויטשיק — ווער אַ מענטש, יידל — ווער אַ ייד !
וואָס האָסטו פון די בלעקערצן מיט די נאַראָנים ?
מיט ליבע זאָג איך דיר, אַז דאָך : הינטער דער מאַלפּע־מאַסקע דיינער
איז דאָ אַ צלם-אלהים, אַ געטלעך־מענטשלעך, געטלעך־יידיש פּנים !

די לידער פון מיינע לידער

דערזע דיך מענטש — דערזע דיך ייד!
הויב אויף אין טאָג פון זיג אַ שוואַרצן כוס, פול ווי אַן אויג מיט טרויער!
טרינק אים אויף גליק פון דער מלחמה פון מלחמות, מלחמה אויף מלחמות!
היינט איז זי דערקלערט געוואָרן, זי גייט שוין אָן, ווער ווייסט ווי לאַנג
איר דויער — —

✶

און ווער ביסטו — —

דאָס איז געווען אין אַ פינצטערן דעצעמבערטאָג,
אַ שניי אַן אויפהער ווייסע פעדים שטריקט צווישן הימל און דער ערד,
דער טאַטע זיצט און רעכנט עפּעס, און איך — אַכט יאָר איז מיר,
ביים פענצטער שטיי איך, קוק צום שניי און האָב מיך עפּעס טיף פאַרקלערט.

און פלוצלונג גיי איך צו דעם טאַטן צו און פרעג אים שטיל:
— טאַטע, ווער איז גאָט? — — דער טאַטע הויבט די אויגן אויף און טוט
אַ קלער,
באַנעמט נישט וואָס איך וויל. ענטפער איך אַליין: — טאַטע, גאָט בין איך — — —
דער טאַטע גיט אַ ציטער:—אַבער ווער ביסטו? אַ נאַריש יינגל און נישט מער.

און יאָרן זענען שוין פון יענעם הימל־אויף־דער-ערד דעצעמבער־טאָג
אַוועק אַ סך,
מיין טאַטנס הייסע, שוואַרצע אויגן זענען לאַנג שוין גרודקעס פּרוכנע
אין דער ערד,
און אויף דעם פּנים מיינעם שאָטנט שוין די לעצטע נאַכט — און דאָ אַנומלט
אין אַ הימל־אויף-דער־ערד דעצעמבער־טאָג האָב איך ביי אַ פענצטער מיך
פאַרקלערט

און געפרעגט זיך: — ווער איז גאָט? און געענטפערט: — גאָט איז איך —
גאָט איז איך.
און דערשראָקן זיך פאַר זיך, פון פענצטער אָפּגעקערט, אַרומגעקוקט נאָך
הילף אויף גיך —
און אַלע מיינע ביכער האָבן מיט די קעפּ אויף יאָ געשאָקלט: — זיכער
זיכער —
נישטאָ קיין גאָט חוץ דעם, וואָס איז אין דיר, און ס'איז גאָטס ערשטער
נאָמען: איך —

ווי לאַנג געדויערט אַ דעצעמבערטאָג, זעקס שעה — און אויס. איך האָב
קיין ליכט

נישט אַנגעצונדן נישט צו שטערן די שעה פון דער דערגרייכונג און פון רו.
און אין דער פינצטער זע איך, ווי עס שאָקלען נאָך די קעפּ זיך פון די
ביכער: — זיכער,
גאָט איז איך, איך איז גאָט, דו ביזט גאָט, גאָט ביזט דו.

די זאַך איז לאַנג באַשלאָסן און געחתמעט קלאָר,
און בלייבן בלייבט אין איינציקע פראַגע נאָר,
פון פאַר פּערציק און פאַר פּערציק טויזנט יאָר:
ווער ביזט דו?

פון אַ שכנס הויז פון ערגעץ פאַלט אַ ליכטשטראַל קרום;
אויף די ביכער מיינע טאַנצט אַ שדל אום,
קלאַפּט זיי אין די הויכע, לאַנגע שטערנס — און זיי שווייגן שולדיק, שטום:
— ווער ביסטו? און ווער ביסטו?

1942

★

אַ ליד וועגן שטערן, וועגן גאָטס פּנים זען און זיין שטים דערהערן (פאַר ר. א.)

ווער האָט עס געזאָגט, אַז מען קען גאָטס פּנים קיינמאָל נישט דערזעען?
און ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז מען קען זיין קול נישט הערן?
סיידן דער, וואָס קיינמאָל האָט נישט איינגעטיפט זיך, אויג־און־אויער, אין
די שטערן.

וואָלט ער איינמאָל נאָר אַ בליק־און־הער געטון מיט זיין נשמה,
כאָטש דאָס אויג פון הימל, דעם צפון־שטערן; פון מיליאָסן
איינציק־אומבאַוועגלעכן און שטאַרן,
און אין קרייזן פון זיין אייגן בלוט געפילט דאָס קרייזן פון דעם רינג פון
דעם פּאָלאַרן,

וואָלט ער געוווסט, אַז גאָט איז סובסטאַנץ — און סובסטאַנץ זיך אַליין מוז
דערזען און דערהערן,
אין אַלע אירע מאָדוסן, ווייל מהות פון מאָדוס איז אייביק בייטן זיך, אייביק
שטראָמען —
און די שטערן קווינטיליאָנען זענען גאָטס גוף — זיין גופס אָטאָמען.

גאָט רעדט ביינאַכט — מיט בילדער רעדט ער צו זיינע, נאָך אים
פאַרבענקטע מענטשן־קינדער;

בלעטערט די מזלות-בלעטער צוועלף פון זיין הימל־בוך. אָט איז דער
לייב, שימערט זיין גריווע
מיט שטערן. אָט איז טאורוס, הימל־אָקס מיט ווילדן אויג און הערנער; זעט
קינדער נאַיווע.

און אָט איז אָריאָן, דער יעגער־העלד מיט די דריי בריליאַנטן אין דעם גאַרטל
פון זיין שמאָלער טאַליע, זיין בויגן איז געשפּאַנט, פייל־און־בויגן איז
נאָך אַלץ דעם הימלס וואָפן,
זיינע יאַג־הינט לויפן אים נאָך: פּראָקיאָן און סיריוס, דער ליכטיקסטער
פון הימלס צפון.
ווער האָט געזאָגט, אַז גאָט באַהאַלט זיין פנים? ווער — אַז ער איז פול
מיט סודות?
גאָט איז דאָך אַנטפּלעקונג — נישט סוד! צעעפענונג, אַנטהילונג,
אויפהעלונג, אוודאי, אוודאי —
זע ווי זיין סוד טאַנצט דיר נאַקעט יעדן האַרבסט אַנטקעגן אין דער קליינער
שטערן־פּלעיאַדע.
זיינע ווערטער — פּראָסט, זיין לשון — קלאָר, נישט קיין היעראָגליפן
אומפאַרשטענדלעכע;
ער רעדט מיט פשוטע, געאָמעטרישע און קלאָרע אור־פיגורן.
— קוק אין מיינע אויגן — בעט ער זיך. הער, הערסטו נישט די רעדער
פון מיינע וועגן פאָרן?

אָט דער פּעגאַזוס־קוואַדראַט, אַ בלינדער אפילו וואָלט דערזען אים, אַ
בלינדער — נאָך גיכער.
אָט זע דעם צערטלעך־שטילן טריאַנגולום אין דער לאַנגער אַנדראָמעדע,
ווי אַ שליטן,
דרייעק פון מאזנים־מזל, קרייז פון דער קאָראָנאַ, פּירעק אין דראַקאָ,
שפּיץ־פייל פון סאַגיטאַן.

מענטש, מאַך די אויגן אויף און זע די קליינע וועלט, אויב דו קענסט די
גרויסע נישט דערזען.
אָט איז די קליינע זון־משפחה; דיין משפחה, קליינער הימל-כאָר — פּאָר
דיר זיין זינגען!
שטילער מערקור, העלע ווענוס, ברודער מאַרס, יופּיטער מיט די לבנות,
סאַטורן מיט די רינגען.

און אַז גאָט האָט זיך שוין אַנגערעדט צו דיר און האָסט אים אַלץ נאָך
נישט פאַרשטאַנען,
אויף דעם לשון פון די שטערן, און אפילו נישט אויף דעם פּלאַנעטן־לשון
זוניק־קלאָרן,
הויבט ער אָן צו ווינקען שטאַרקער — מענטש, צו דיר — מיט די
פאַל-בליצן פון מעטעאָרן.

ווײַל גאָט איז אײנזאַם אויך, אײנזאַם איז זײַן סוד, ער וויל פֿאַרשטאַנען
און דערזעען ווערן,
ער איז דײַן גרויסער ברודער־שטערן — יוסף — שיר־דערהרגעטער,
אײביק־נישט-דערקענטער.
דערזע אים ראובן, שמעון, לוי — דערקען אים ווידער, קום נאָענט, מענטש,
נענטער, נאָך נענטער.

ווער האָט עס געזאָגט, אַז מען קען גאָטס פּנים קײנמאָל נישט דערזעען?
אַוועק מיט זײ, די פֿאַלשע נביאים, אָפּנאַרער זענען זײ — מיר דאַרפֿן
פֿילאָזאָפֿן! —
אָט איז דאָס אויג פֿון גאָט, אויג אין אויג מיט אונדזער אויג; פֿאַלאַריס —
דער שטערן פֿון צפֿון.

1942

נאַקעטע תּפֿילה אויף אַ נביא

אַ גאָט פֿון אברהם, דעם ערשטן לעסטערער, וואָס האָט זײַן טאַטנס געטשן,
געבראָכן מיט אַ פֿאַלקע און געטרעטן מיט די טרעפּטשעס הילצערנע פֿון
זײַנע פֿיס,
און גאָט פֿון יצחקן, אברהמס נישט דערקוילעט לעמל, טאַטע פֿון עשו און יעקב,
און גאָט פֿון יעקבן אַליין, דעם טאַטן פֿון צוועלף צעקריגטע בנים, וואָס איז

מיט אַ מלאך אין אַ נאַכט־געשלעג געגאַנגען — פֿאַר גאָט און פֿאַר מענטשן;
און גאָט פֿון יוסף הצדיק, פּרעהס שני למלך, ישׂראלס ערשטע געטרײַע קינד,
גאָט פֿון משה בן עמרם, וואָס אפֿילו דאָס וואַסער פֿון נילוס האָט אים נישט
דערטרענקען געקענט, ווײַל קינדווײז האָט אין אים געברענט שוין שאַרפֿער
מדבר־ווינט.

ווי אַ ביק דאָס רויטס — מיט הערנער האָט דאָס אומרעכט ער געשטויסן,
הערנער פֿון ליכט,
מענטשן געהרגעט, אין מדבר אַנטלאָפֿן, און אַזוי געבענקט נאָך גאָט אַליין,
ביז ער האָט אים אין אַ פֿלאַם
זיך געגעבן צו דערקענען. און שפּעטער האָט ער מיט כּישוף-שטעקנס,
שקלאַפֿן־בײַטשן,
גאָטס פֿאָלק צו פֿרײַהײט געטריבן דורך נאַכט, מכּות, דערטראַנקענע
רײַטוועגן אין ים.

אָ גאָט פון דריי ווילדע מלכים, שאול בן קיש, דוד בן ישי, שלמה בן בת שבע,
מיט הערצער פול מיט תאווה און געוויסן, ווי נעסטן פון אָדלערן,
שטיין־שפּאַלטן מיט שלענג,
מענער מיט קעפּ צעשויבערטע, מוחות פול מיט גלייכער חכמה, נשמות
מיט קרומע געמיטער,
רויטע לעפצן, וואָס בליצן אין שוואַרצע בערד ביז דער ערד — פול מיט
ליבעס־און גאָט-געזענג.

גאָט פון די נביאים ישעיה, ירמיה, עמוס — און ווי זיי אַלע הייסן דאָרט,
די ווערטער־העקער, וואָס האָבן ווערטער ווי פלעקער געהאַקט מיט שווערע העק
אין דער ערד פון דער אייביקייט אַריין. ס׳גייט נאָך היינט דער אָפּהילך
פון די שלעק
אין דער וועלט אַרום, ווי ס׳בת־קול אין אַ וואַלד, און וועט נאָך גיין ביז צו
די צייטנס ברעג.

און גאָט פון אמתן, צי אויסגעטראַכטן רבי ישו, וואָס אפילו דעם ווייב,
דעם זינדיקן
וואָס עובר האָט געווען אויף אַ שווערן עשרת הדיברותדיקן לאוו
האָט ער אויך מוחל געווען מיט דעם שענסטן משל פון דער וועלט. ווייל
גאָט איז גאָט
און מענטש בלייבט מענטש — זינט אדם אבינוס און דער מוטער חווהס
הייליקן באַשאַף.

און גאָט פון דעם ערשטן מאַן פון דער וועלט, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז
גאָט איז נישט אויסער, נאָר אין,

גאָט פון אַמסטערדאַמער געחרמטן ישיבה-בחור ברוך, וואָס איז אין האַאַג
געוואָרן בענעדיקט,
וואָס האָט אין זיך די לײדנשאַפטן אַלע אויסגעוואָרגן, אויסגעשטיקט,
און אַ נייעם גאָט־באַגריף, ווי אַ נייעם וועלטן־שטורעם אויף דער וועלט
פונאַנדערגעוויגט.

אָ גאָט פון אַלע יידן און פון אַלע גוים — זע, וואָס טאַנצן זיי אַרום דיר ווי
אַרום אַ געץ,
די גלחימלעך מיט די טאַנזורן גלאַנציקע און רעבעלעך מיט יאַרמלקעס פון זייד,
זיי ווייסן נישט פון דיר, זענען דיך מטמא מיט מיילער גלאַנצנדיק פון
טשאָלנט און פון חזיר־פּעטס,
זיי חלומען פון דיינע רעטעניש]ן נישט און ס׳אנט זיי נישט דער נאָענטער
באַשייד.

טרײַב זײ אַוועק פון דיר, די ליגנערס מיט דײַן נאָמען! געצענדינער זענען
זײ, דו ביזט גאָט
און באַלאַנגסט צו די, וואָס זוכן דיך מיט לײַדצעריסענע נשמות,
דאָרנצעפּליקטע, בלוטנדיקע פּיס.
אַ גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, משה, אליהו און עמוס, גאָט פון ישו
און פון ברוך,
שרעטעלעך האָבן דיך אַרומגערינגלט — שיק אונדז ווידער אַ ריז — —

שיק אונדז ווידער אַ מאַן פון וואָרט און טאָט און אמת — שיק אונדז אַ מאַן
מיט דער צווייטער בשורה!
און זאָל ער זי טראָגן אַזוי מעכטיק און הויך, ווי משה האָט
זײַן בשורה דער וועלט געבראַכט, זײַן בשורה פון אײנציקן גאָט.
און די צווייטע בשורה זאָל זײַן: יעדער מענטש איז אַ וועלט — יעדע
וועלט איז אַ גאָט —
און הייליק איז יעדער מענטש, יעדער מענטש איז אויך אחד.

1943.

★

היטלער שרײַט אויפֿן ראַדיאָ און אין מײַן האַרץ שרײַט אַ בת־קול:

אין אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט,
און איצט איז דער סוף פון וואָרט,
און פאַרשאָלטן זאָלסטו זײַן — וואָרט,
וואָס האָסט געדאַרפט זײַן אַ היילונג און טרייסט,
און ביזט נישט מער ווי אַ פאַרסמטע שלאַנג אויף דעם פעלד פון אונדזער גייסט.

פאַרשאָלטן זאָלסטו זײַן הכנעהדיקע סוקע, וואָס בילסט
מיט התלהבות גלײַכער פון מויל פון אַ דערלייזער אַרויס, וואָס איז מיט
שײַן באַגאָסן,
און אַזוי פון דעם מויל פון דעם אַרכי־פאַרברעכער, באַגאָסן מיט שוים פון
פרעמדן בלוט, מאָרד,

פאַרשאָלטן זאָלסטו זײַן, וואָרט.

פאַרשאָלטן זאָלסטו זײַן, דו, וואָס ביזט צו אַלעמען אַ תליונטע און אַ קנעכטין,
אַ לאָם מיט ליבע און אַ שלאַנג מיט האַס, אַ מוטער אין שטוב, אַ זונה
אין גאַס — און ביזט
אין דײַן טיפעניש שטיינערן־גלײַכגילטיק צו ייד און אַנטי־ייד, קריסט און
אַנטיקריסט.

פאַרשאָלטן פאַר דיין צווייפּנימדיקייט, טויזנטפּנימדיקייט, אומפּנימדיקייט,
פאַר דייַן אויסזען ווי אַ בלימל אַ בלויס, פאַרגעסן ביים וועג אין גרעזערוואַרק,
און פאַר דיין זיין — אַז מען רייסט דיך — אַ וועלטצעשטערערין, אַ
פייערשפּייענדיקער באַרג.

פאַרשאָלטן — הפקרדיקע אנדרוגינוסטע, נישט־מאַן און נישט־ווייב,
וואָס כאַטש דו גייסט ווי אַ סוקע מיט יעדן גוף און יעדן גייסט; אַליין
ביזטו אָן גייסט און לייב,
אייביק פאַרפּוילנדיקער פּיגר אין אייביקן אויפבלי פון תחית המתים;
פאַרשאָלטן פאַר דיין מאַכטלאָזיקייט אין צדיקס מויל,
פאַר נישט דערגיין ווו מען האָט דיך געשיקט, אַ שליח פאַרעטעריש און פויל.
פאַרשאָלטן, וואָס אין רשעס מויל ביזטו ווי אַ העזל פלינק, ווי אַ הערשין גרינג
און דו רוסט נישט מער אין רשעס מויל ביז דו קומסט נישט צו דיין שאָדן,
ביז דו זעסט די קרבנות דיינע אין בלוט זיך באָדן.

פאַרשאָלטן — וואָרט, שלאַנגענגעסט פון ליגנט, צעשפּאָלטן און גליטשיק אַליין,
ווי אַ שלאַנגען־צונג פון אַ פאַר־מבול־חיה. — מיט דער צונג נאָרסטו
דיין קרבן אַריין,
און באַלד פאַרקלעמען און פאַרשניידן זיך אין קרבן דיינע ציין, און ס'רינט
ווי טוי, קיל אַזוי,
דער סם, וואָס דערגייט גלייך אין סאַמע מיטן האַרץ, און מאַכט דעם קרבן
בראַנדיק, קוילן־שוואַרץ.

אַלץ אין דער וועלט האָט אַ נשמה — אדם, חי, צומח און דומם אפילו,
נאָר דו ביזט נאָך שטילער, ווען דו ווילסט, אפילו ווי די שטיינער, די שטילע,
קענסט דיך אפילו מיט שטיין־נשמות נישט פאַרגלייכן, ביזט אינגאַנצן אָן
נשמה — וואָרט.

ביזט רוח און אַנטי־גאָט. זינט גאָט האָט דאָס ערשטע מאָל גערופן דיך
צו מאַכן ליכטיקייט,
ביזטו באַלד אַרויסגעשפּרונגען פון זיין מויל און זינט יענער רגע שפּרייט
און שפּרייט זיך דיין רוחישע מאַכט —
אין גוף פון דער וועלט איז געוואָרן טאָג, נאָר אין דער נשמה איז שוין
זינט דעמאָלט נאַכט,
אַלץ באַשאַף איז דיין שקלאַף — און גאָט אפילו אַליין, דיין פּאַטער, ליגט
פאַר דיר אויף די קני,
זינט ער האָט זיך מיט דיר געשאַפן און אין בעילה געשריגן עקסטאַטיש:
יהי — יהי —

און אזוי ווי די וועלט איז אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף, אזוי איז אָן אַן אנהויב און סוף
דיין שטיינערן־געמיינער גלייכגילט. אָט איז דאָך פון ווערטער־שטאָף
דאָס דאָזיקע קללה-ליד אויפגעשריבן, און דו, וואָרט אַליין, האָסט ווערטער צוגעקליבן
מיט מיר — געהאָלפן מיר די שאַרפסטע זוכן, דיך אַליין, וואָרט, צו פאַרפלוכן און פאַרשעלטן,
פון אַלע פיזישע טיפן, גייסטיקע הייכן פון אַלע מיינע וועלטן.
וואָרט — — אורקוואַל פון שלעכטס, איך האָב דיך אַנטדעקט,
זינט דו האָסט זיך צוגערירט צו דער וועלט, איז זי מיט ווי און בלוט אַנגעשטעקט און באַפלעקט.
אַז איך טראַכט פון דיר, בליצט פאַר די אויגן און דונערט אין די אויערן — מאָרד, מאָרד —
און אויב, און ווייל דו ביזט דאָ פון זיבן אייביקייטן, זיי פאַרשאָלטן אין זיבן טויזנט —
וואָרט!

סוף 1941

אַ זיפץ

— — און וויסן וואָלט איך וועלן צי שפּילן זיך נאָך קינדער
אויף די וואַרשעווער יידישע געטאָ-גאַסן,
און אויב יאָ — צי באַווייזט זיך אַ שמייכל אַמאָל
אויף אַ הונגעריק פּנימל, אויף אַ טויט־בלאַסן?

— — און וויסן וואָלט איך וועלן דאָס קלערן און דאָס פילן
פון די שוויים־קאַלטע הענט פון די געטאָ־יידן,
וואָס הונגעריק — אַליין פאַר דעם שאַרפסטן שונא
העלפן די וואָפן שמידן?

— — און וויסן וואָלט איך וועלן צי הענט, וואָס גראָבלען
אַן אייגן קבר, חלומען פון בויען,
און וואָס טראַכטן אויגן פון ליכט און פון טאָג,
וואָס אַליין, ווי ווערים, אין דער פינצטער ראָיען?

— — און וויסן וואָלט איך וועלן, ווייל יום כיפור איז היינט,
צי מעגן זיך דאָרט יידן צו אַ מנין קלויבן?

און צי דאַווענען זיי מיט האַרץ, און צי גלויבן זיי אין גאָט?
און אויב יאָ — — פאַרוואָס און פאַרווען זיי גלויבן?

1942

★

די דריטע עקזיסטענץ

און כבוד האָבן טויטע ליב, מער אפילו ווי די לעבעדיקע,
ווייל די, וואָס לעבן, האָבן ליב כבוד און געלט — און טויטע דאַרפן
ניכט מער קיין געלט.
דערפאַר האָבן זיי טאָפּלט אָבער ליב דעם כבוד, די טויטע;
יעדער לעבט ווי ער קען און דאַרף, און אָט אזוי לעבט די טויטע וועלט.

די טויטע זענען נישט אַנדערש אַ סך ווי די לעבעדיקע זענען,
ז'האָבן ליב געזעלשאַפט, און ליב, אַז גוטס מען רעדט וועגן זיי.
און טאָמער אָקאָרשט געשטאָרבן, זענען זיי אפילו מיד נאָך, האָבן
שטילקייט ליב,
ווי מוטערס, וואָס האָבן נאָר וואָס געבוירן, האָבן נישט ליב קיין געשריי.

די טויטע וואַכן אויף ביים באַריר פון אונדזערע געדאַנקען און
אונדזערע ווערטער;
איז לאָמיר זיי טאָקע צוליב טון מיט אונדזער געדאַנק און מיט אונדזער מויל.
די טויטע האָבן ליב מעשיות פון פאַרצייטן, די צוקונפט און איצטיקייט —
דווקא נישט,
פונקט ווי די לעבעדיקע פילן זיי, אַז די איצטיקייט איז אַלעמאָל אַ גרויל.

איז לאָמיר זיי צוליב טון, די טויטע אונדזערע, לאָמיר רעדן וועגן זיי,
לאָמיר איינדרייען די לאָמפּן; די טויטע האָבן פיינט צופיל שיין,
לאָמיר זיצן אין אַ קרייז, קעפּ צונויפגעדריקט, מענער און פרויען,
יונגע און אַלטע,
טויטע און לעבעדיקע, שותפים זענען מיר אַלע, און קענען איינער אָן
צווייטן נישט זיין.

אָט אזוי אָ, אדרבא, אַז מיר זיצן שוין צוזאַמען, לאָמיר־זשע טאַקע קלערן,
וועגן דעם אומהיימלעך־אומבאַקאַנטן עפּעס, דער דריטער — יאָ, דער
דריטער זאַך,
וואָס זי איז נישט לעבן און זי איז ניטש טויט, און איז דאָ ארום אונדז
און איז דאָ אין אונדז,
און האַלט איבער אונדז איר אייביק־אומהיימלעכע וואַך.

וואָס קען עס טאָקע זיין, אַט דאָס דריטע און דאָס אומבאַקאַנטע?
גרויליק שטאַרצט עס הינטער יעדער שטויבקער וואַנט און יעדן
בית-עולם פלויט,
הינטער וועלכן מיר לעבן אָדער ליגן שטיל און טויט, מיר קינדער —
מיר קינדער פון איין טאַטע־מאַמע; די מאַמע הייסט דאָס לעבן און דער
טאַטע הייסט דער טויט.

און פאַרגעסן איז דער כבוד געוואָרן און אַלע אַנדערע טויזנט קלייניקייטן,
ווי נאָר איך האָב דערמאָנט די דריטע זאַך, די דריטע, אומבאַקאַנטע
עקזיסטענץ — — —
די טויטע זענען נאָך שטילער און טויטער געוואָרן פון שרעק,
און די לעבעדיקע? אַ שרעק אַ קוק צו טון — אַלע ווי איין טויט־געשפּענסט...

יאָ יאָ, ברודער, די טויטע זענען נישט אַנדערש אַ סך ווי די לעבעדיקע זענען,
היימלעך איז אין זייער געזעלשאַפט, מ׳רעדט רכילות, מ׳טוט אַ שטיף, אַ לאַך ·
נאָר ווײ — מען בלייבט אָן לשון, ס׳נעמט איינעם אָפּ די הענט, די פיס,
ווי נאָר עס באַווייזט זיך די שרעקלעכע מראה, דאָס געשפּענסטישע פנים
פון דער דריטער זאַך.

1943

וואָס ווילסטו דען נאָך?

וואָס ווילסטו דען נאָך? קומט דיר נאָך עפּעס —
וואָס דו זשומעסט אַרום ווי אַ בין?
געפעלט דיר דאָ נישט? נו, דו קומסט דאָך פון ערגעץ,
קענסט דאָך צוריקגיין אַהין — —

זע, ברודערל, זע, האָסט דאָך שכל אין קאָפּ,
מאַכסט לידער פאַר יידן, ביזט אַ פּאָעט,
פאַרשטייסטו דאָך וואָס דאָס הייסט צו זיין
אויף אַ געטלעך טעאַטער-שפּיל — מיט אַ פריי־בילעט — —

און מען האַלט דיר אין איין ווייזן דאָ וואונדער,
אַ זון, אַ לבנה, און שטערן און וואָס נישט?
זומערן, ווינטערן, פרילינגען, האַרבסטן,
און אויך פרויען שיינע, וואָס מען זעט און מען קישט.

67 לידער

איז וואָזשע ווילסטו? ווילסט אייביק לעבן? אַן אייביק טעאַטער?
מען וויזט דיר אַ פינגער — ווילסטו אַ האַנט?
דו פאַרשעמסט אונדז דעם גאַנצן דיכטער־שטאַנד,
מאַכסט אים צו שפּאָט און צו שאַנד.

נאָך אַלעמען ביזטו ביי גאָט קיין בן יחיד,
אַנדערע וואַרטן, נישטאָ דאָ קיין פלעצער צופיל,
און נישטאָ אויך קיין אייביקע שפּילן אויף דער וועלט,
און קירצער פון אַלע איז דאָס ערדישע לעבנס־שפּיל.

גאָט האָט דיר געוויזן זיין שענסטן טעאַטער,
וואָלסט דען בעסער געוואָלט זיך אַרומדרייען שנעל,
ביז צום קאָפּ־פאַרדרייען און ביז צום ברעכן
אויף די רינגען פון דעם סאַטורן־קאַרוסעל,

איאָ, אַז ניין? ווייל די ערד איז דאָס שענסטע טעאַטער,
גאָט פאַרמאָגט נישט קיין שענערס, דאָס איז אַלץ, וואָס ער קען,
פאַרנעמזשע זיך ברודער; אַוועק! גיי זיך לייגן!
די שפּיל איז געענדיקט פאַר דיר! זיי אַ דזשענטלמען!

זיי אַ דזשענטלמען, הויב דיך אויף און פאַרנייג דיך,
זאָג: אַ שיינעם דאַנק! הויך בקול רם.
און נאָר נאָך איין רגע שטיי שטיל! אָט בינדט מען דיר נאָך אַ שטיין צום האַלדז,
איידער מען טוט דיך אַ שליידער אין תהום.

1942

נישטאָ קיין שטאַרבן

נישטאָ קיין שטאַרבן אויף דער וועלט,
נישטאָ קיין פריער און קיין שפּעטער,
נישטאָ קיין אויפגעענג און קיין אונטערגעענג,
אַלץ איז נאָר: קרייזן — רינגען — רעדער.

נישטאָ געבוירן, נישטאָ קיין טויט,
קיין אָפּשטעלן און קיין איבערייסן,
קיין ליניע האָט קיין אָנהויב נישט, קיין סוף,
אַלץ איז נאָר: רינגען — רעדער — קרייזן.

קענסט פון מיליאָנען רגעס, זאַכן, קלאָר
דעם פּראָסטן שכל אייביק דרינגען:
אויב נישט קיין טויט און קיין געבורט — איז לעבן אַלץ,
און אַלץ נאָר: רעדער, קרייזן, רינגען.

אַלץ איז נאָר: קרייזן, רינגען, רעדער —
און שוין גאָר אין בעסטע פאַלן
זענען די אַראָפּגענג און אַרויפגענג אויך
קרייזן — אָבער קרייזן אין ספּיראַלן...

נישטאָ קיין אלף׳ן און תיו׳ן, אָנהויבן און סופן,
נישטאָ קיין ליניעס מיט צוויי פּונקטן.
אין אַן אייביק, ענדלאָז קרייזן, קרייזן
איז דער אוניווערז פאַרזונקען.

1943

איך האָב מיר געקויפט אַ קליינעם בלומען־טאָפּ

איך האָב מיר געקויפט אַ קליינעם בלומען־טאָפּ
מיט אַ בלום, וואָס איר נאָמען איז מיר נישט באַקענט.
און ווי כ׳האָב זי אויף מיין זונלאָז פענצטער געשטעלט,
האָבן אַלע בלעטלעך אירע צו דער זון זיך געווענדט —

כאָטש די זון איז ווייט איבער דעכער געוועזן.
און איך האָב מיך צערעדט צו מיין בלום: זיי מיין לעצטע טרייסט,
ווייז מיר אַ נייעם לעבנס־וועג,
ווייז בלום — ווייל אַלע אַלטע האָבן געגרייזט.

ל׳ערן מיך גאָט פאַרשטיין — קליינע, געטלעכע בלום,
און דאָס לעבן אויך — פּונקט ווי דו פאַרשטייסט.
לערן מיך פילן בלויז. לערן מיך דאָס וויסן פאַרגעסן.
דער גרעסטער חכם איז דאָך סיי־ווי דער, וואָס ווייסט, אַז גאָרנישט ווייסט.

מיין צימער האָט קיין זון נישט, אָבער גליקלעך איז מיין בלום,
גליקלעך מיט דעם קליינעם פענצטער, ווו כ׳האָב זי געשטעלט.
און אויך מיר איז פּלוצלונג גליקלעך צו געמיט געוואָרן
אין אָט דער צעקריגטער וועלט.

ווייל יעדן פרימאָרגן, ווען כ׳שטיי צעפייניקט אויף פון בעט,
פון סדום-בעט פון חלומות, פלוצלונג אויפגעוואַכט,
זע איך ווי מיין בלום איז לאַנג שוין אויף, קוקט זיך מיט די ווייטע
שטראַלן דורך,
פלאַפלט צו זיי; ביידע לאַכן, די זון לאַכט און מיין בלום לאַכט.

און איך — פאַנטאַזיאָר פאַנטאַזיר וועגן מיין בלום אין מיין בלומען־טאָפּ,
און אָט, וואָס מיין פאַנטאַזיע, די צעהיצטע, זעט:
איך זע מיך קניען פאַר דעם בלומען־טאָפּ און הער מיך שעפּטשען
אַ געבעט — —

און מיין פאַנטאַזיע לייגט צוזאַמען די דינע בלעטלעך פון מיין בלום אָן אַ נאָמען
אין אַ סידורל פאַר מיין נשמה, אַ סידורל מיט בלעטלעך גרין,
אַ סידורל מיט ווערטער, וואָס קענען גיך ווי שטראַלן פליען
גלייך צו גאָט — און זענען ווי די שטראַלן דין.

איך האָב מיר געקויפט אַ קליינעם בלומען־טאָפּ,
און כ׳האָב אים אויף מיין פענצטער, וואָס איז אָן זון און זין געשטעלט:

די לידער פון מיינע לידער

לערן מיך בלום צו קענען פונקט ווי דו
אַן זון און זין — גליקלעך זיין אויף אָט דער וועלט.

אַ שטילער קול קורא

און אפשר וועט דאָס אונדז ראַטעווען, מענטשן,
מענטשן גוטע — אַ סוף מיטן האַס!
לאָמיר גאַנץ פשוט צו דער ליבע צוריקגיין,
לאָמיר זיך טיילן מיט די אָרימע פון גאַס.

לאָמיר רופן מאַמינקע יעדע אַלטינקע פרוי,
די ערשטע באַגעגנט, כאַטש גאַנץ אומבאַקאַנט.
— מאַמעלע — לאָמיר זי רופן מיט פרייד,
און אַ כאַפּ און אַ קוש טון איר פאַרשוואַרצטע האַנט.

און — שוועסטער און ברודער לאָמיר רופן גאַנץ הויך
יעדע קאַליקע ביי יעדן גאַסן-ראָג,
און — טאָג פון דערלייזונג לאָמיר רופן אויך
יעדן ערשטן בעסטן וואָכן־טאָג.

לאָמיר טיילן דאָס ברויט פון אונדזער טיש, אויך דאָס ליכט פון אויג
מיט יעדן, וואָס איז איינזאַם און בלינד,
און — טאָכטער לאָמיר רופן, און — זונעלע מיינס,
יעדעס הפקרדיקע גאַסן און ממזר־קינד.

און מורא לאָמיר האָבן גאַנץ פשוט פאַר גאָט,
ווי פאַר אַ טאַטן, שטרענג אָבער גוט,
אַן אמתן טאַטן, נישט אַ סידורל־טאַטן,
אַ טאַטן, אַ קרוב אין פלייש און אין בלוט.

און לאָמיר נישט רופן — נדבות — די מתנות,
וואָס מיר גיבן צו ברידער, נו, אודאי, ווייל
מיט וואָס פאַר אַ רעכט רופן מיר עס אַן
אַ נדבה — אַ ברודערס אַ ירושה-טייל?

אַ ירושה איז דאָך די גאַנצע וועלט,
און אַלע זענען ברידער — איין בלוט און ביין,

67 לידער

ס׳זענען אַלע פון איין מאַמען געקומען,
וועלן אַלע אין איין מאַמען פאַרגיין.

און אויך דו, טאַקע דו, וואָס דו הערסט איצט דאָס ליד,
אין אַט אָ דעם טאָג, אין אַט אָ דער שעה,
זיי וויסן, ברודער צי שוועסטער דו,
אַז דאָס מלכות־שמים איז שוין דאָ!

און וויסן זיי, ברודער צי שוועסטער דו,
אויב דו האָסט עס ביז אַצינד נישט געהערט,
אויף דיר וואַרט שוין משיח אויפן זיבעטן הימל — —
און דער זיבעטער הימל איז דאָך די ערד.

1942.

עלעגיע אין 1944

איך וויס, איך וויס —די זון וועט נישט אויפהערן צו שיינען —
און פאַרוואָס זאָל זי טאַקע אויפהערן צו שיינען?
גאָלדיק־פלאַמען וועט די זון — זילבריק־קילן די לבנה,
און יונגע מאַמע־קעפּ, פול מיט לעקעלעך, גלעקלען מיט געלעכטער, און
קינדער וועלן וויינען.

ריטשקעס ווי ציגן, באַכן ווי בעק וועלן שפּרינגען פון די הויכע בערג;
און פאַרוואָס זאָלן זיי אויפהערן שפּרינגען אין מיטן דערינען?
גרינגאָלדיקן וועלן די ביימער; זינג־זומען אין בלומען וועלן האָניק־בינען,
מיידלעך וועלן זיך קאַטשען מיט יונגען אין גראָז און די ווייסע קליידלעך
פאַרגרינען.

ווייל ס׳איז דאָ אַ געזעץ, אַז אַלט מוז כסדר ווערן יונג און ניי;
און פאַרוואָס זאָל זיך עס טאַקע אין מיטן דערינען נישט ווידער באַנייען?
רויטע פּענער וועלן ווידער פלאַטערן, באַלעבאַטים וועלן ווידער
עסקספּלואַטאַטערן,
און ווידער וועט רינען בלוט אין די רינשטאָקן פון די ערשטע מאַיען.

גאָט וועט אייביק בלייבן גאָט, מענטש וועט אייביק בלייבן מענטש;
און פאַרוואָס זאָל טאַקע מענטש צו גאָט נישט ווידער בעטן?

אַז מען איז מיד און זאַט פון זינד און זומער — איז דען דאָ עמיץ אַנדערש צו וועם׳
צו געבן אַ דאַוון אַזוי באַקוועם, יום כיפור אין אַן אָסיען־טאָג, אַ שפּעטן?

שלום וועט אייביק זיין דער אידעאַל, און קריג וועט בלייבן קריג,
און גוים-פעלקער וועלן אין דער וועלט־קרעטשמע זיך גאַנץ אָפט די קעפּ צעפּלעטן,
און באַלד דערנאָך זיך אויף די רויט־נאַסע העלדזער פאַלן און זיך צעכליפּען און זיך איבערבעטן.

איך ווייס, איך ווייס, איך נאַר מיך נישט אָפּ;
און פאַרוואָס זאָל איך מיט טאַקע דאָ אינמיטן דרינען נאַרן?
ווי אַן אַלטער בוים מיט יאָרן־רינגען בין איך פול מיט חכמה אינערלעכער;
מיין קאָרע איז צעשמיסן פון ווינטן, רעגנס, שנייען, טעג, נעכט, שמחות און צערן.

מיין טאָג איז שוין אַריבער, איך האָב אים געהאַט צו דער פול און צו דער זעט,
קיין יהושע בן נון, וואָס פאַרהאַלט די זון, בין איך נישט, קען נאַכט אויף טאָג נישט בייטן,
מיין גורל איז זיצן ווי אַן אַלטער סבלן אויף דעם רוקן פון מיין קליאַטשע
און צוזאַמען מיט אַלע סבלנים דעם אונטערגאַנג רויק אַנטקעגן־רייטן.

איך בין אַ דיכטער און אַ ייד און כ׳ווייס, אַז קיינער קען נישט —
אַ ייד אוודאי נישט — פון די הויטן זיינע שפּרינגען.
איז לאָמיר דעריבער — דיכטער, סבלנים און יידן — ווייטער רייטן,
און אין דער טונקלקייט לאָמיר אַ פינצטערן ניגון זיך אונטערזינגען.

אַלע אונדזערע נאָענטע זענען שוין ווייט, אַלע לעבעדיקע שוין האַלב-טויט,
די האָפנונגען, די יידישע, פונקט ווי פאַראַיאָרן, פאַר־צוויי־טויזנט יאָרן,
גאָט איז ווייט און נאָענט, אַנטפּלעקונג און סוד — און אַנטפּלעקונג בלויז
וועט ער שוין קיינמאָל נישט ווערן — אויב ער איז ביז אַצינד נישט געוואָרן.

אומעט פליסט אין אונדזערע אָדערן, אָן אַ ציל איז אַלץ אויף דער ערד,
און טאַקע, ווי אַזוי זאָל צילן אַ נפש פון אַ בידנעם פּלאַנעט, ווי קען מען דאָס מאָנען?
אַז ציללאָז בלאָנדזשען דורך ציטלאָזע ליכט־יאָר־שטראָמען
זון-סיסטעמען קוואַדריליאָנען?

מיר ווייסן! האַ? מיר ווייסן. דעריבער זיצן מיר אָט אַזוי און רייטן ווייטער.
די אויגן אָפן, די אויערן וואַך, די ליפּן עפנט קיינמאָל מער קיין פראַגע־צייכן.

ווי לאַנג עס איז באַשערט צו רייטן — לאָמיר מענלעך טראָגן דעם גורל,
נישט קוקן צוריק, נישט רעכטס, נישט לינקס, נישט אַראָפּ און אפילו נישט
אין די הייכן.

העי — ריר דיך קליאַטשע, גיי פאָרויס — כל זמן עס איז נאָך נישט אויס,
גיי קליאַטשע — עס וואַרט אויף דיר אַ ה׳ אין אַ סידור,
אויף דיר וואַרט אַ ה׳ — און אויף אונדז וואַרט אַן אלף,
די אלף אין דער אייביקייט פון אונדזערע לידער.

דריי שורות אין דער פינצטער

איך האָב מיך פלוצלונג אויפגעכאַפּט אינמיטן נאַכט,
אַ הייסער דורשט געשרפ׳עט האָט מיין אינגעווייד,
נישט פון היץ — נאָר פון ליכט, אַ דורשט — —
עפּעס אַ וווּנדערלעך ליכט האָט אין מיר געברענט.

און פון דעם ליכט האָבן אויף די ליפּן מיינע אין דער פינצטער אויפגעבליט רייד
פון טיפסטן, ליכטיקן אינגעווייד,
אַ ליד.
אַ שטיל ליד —
נאָר אין דער נאַכט־איינזאַמקייט האָט עס געקלונגען, ווי אַ ווילד געזאַנג.
כ׳בין אויפגעשטאַנען
און ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק,
אַז כ׳בין אַ נאַכט־וואַנדלער געוואָרן.
כ׳האָב איבער מיין שטוב אין דער פינצטערניש אַרומגעשפּרייזט
און אַנגעשטויסן זיך אָן טיש און זיך געזעצט אין דער פינצטער צום טיש,
אַ שטיק פּאַפּיר געפונען, אַ פען,
און אין דער פינצטערניש האָט זיך מיין דורשט אין ווערטער אויסגעלייזט;
ווערטער אָן געדאַנק.
און כ׳האָב געוויינט, הייס, מינוטן־לאַנג:
און דאָס ליכט אין מיר האָט אויסגעגליט
און פאַרלאָשן געוואָרן,
און כ׳האָב מיך צוריקגעלייגט,
און אין בעט האָט אויף מיר אַ שטיינערנער שלאָף געוואַרט,
און כ׳בין געשלאָפן לאַנג און האַרט.

די לידער פון מיינע לידער

און אויף צו מאָרגנס האָב איך אויף מיין טיש געזען,
אַז אין דער נאַכט איז דאָ געווען ווער — —
איבער אַן אַנדער ליד, אין דער קוווער
האָט עמיצער, טאָקע דער אַנדערער, דער נאַכט־וואַנדערער, אַן אַנדער ליד
געשריבן:

דריי שורות:
אַ דאַנק דיר, מיין גאָט,
איינמאָל פאַר לעבן, פאַר טאָג, פאַר ברויט,
צווייַמאָל פאַר נאַכט און פאַר טויט.
1943

אַ האַרבסט־לוויה אין מיניאַטור

זום־זום־זום — — קוק דיך מענטש, אַרום.
אַן אָסיענדיק פליגעלע אויף מיין האַרבסטיק פענצטער.
זי זוכט אויף דער שויב די לעצטע שטראַלן אום.
אַך — —אויך אַן אָסיענדיק בלאַט האָט פון ווייטן פאַרבלאַנדזשעט
און אַרויף אויפן פענצטער־ברעט און אַנטשוויגן שטום.

און איך האָב מיך אַרומגעקוקט און פאַרטראַכט אין דעם שטילן
אָקטאָבער-פאַרנאַכט,
און פלוצלונג הויך, אויף אַ קול זיך צערעדט:
(צום פליגעלע אויף דער פענצטער־שויב
און צום בלעטל אויפן פענצטער־פאַראַפעט):

— ברודער בלאַט, דו שטומער און האַלב-טויטער,
וואָס געלעבט האָסט אין ווייסן טאָג אַריין,
צי ווייסטו כאָטש, אַז פון היינט ביז אייביק
וועסטו שוין קיינמאָל מער נישט זיין?

געווען זענען בלעטער מילי־מיליאָסן
און מערער נאָך וועלן זיין,
נאָר דו, דו אַליין — דו ביזט שוין אַרויס,
און וועסט דאָ שוין קיינמאָל מער נישט אַריין.

און אויך דו, שוועסטער־פליגעלע,
זיי שטיל אויף אַ רגעלע, זשומע נישט, הער:

— געווען פון דיין מין שוין מילי־מיליאָסן,
און זיין וועלן מילי-מיליאָסן נאָך מער,
נאָר דו, דו אַליין, מיט די פליגעלעך קליין,
מיט די פיסעלעך דיין, אָבער דיין,
מיט דעם קעפעלע אָן אַ שום זין — אָבער דיין,
דו אַליין, אַליין וועסט שוין קיינמאָל מערער נישט זיין.

קוקט דאָס פליגעלע זיך אום, טוט אַ לעצטן זשום,
און שטעלט זיך אויפן בלעטל און דאָס בלעטל טוט אַ לעצטן רויש;
וויקל איך פון בלעטל אַ טרומנעלע אויס
און מאַך אַ לוויה — פון פענצטער צום קויש.

און פון דער לוויה צו מיין שרייבטיש צוריק,
און ביים שרייבטיש טיפער אַריין אין זיך;
און איך טראַכט, אַז דער פליגעלע־זשום און דער בלעטל־פאַל
איז אַ מעשהלע מיט אַן אַלטער מאָראַל;
אַז די מילי־מיליאָסן איך'ן, וואָס געווען
און די מילי-מיליאָסן, וואָס וועלן זיין,
זענען ווי אַ פעדערל לייכט אויף דער וואָג,
ווען מען לייגט אויף דער אַנדערער זייט אַרויף
אַ פליגן־איך אויף אַ בלעטל פון היינטיקן טאָג.

1942

★

באַלאַדע וועגן דעם טויט פון אַן אַכציק־יעריקן מאַן —

צווישן מענטשן הונדערטער, אין שטעטיש־נאַכטיקן געדראַנג,
אין טומל, געשריי און אין ווילדן געיעג,
גייט אַן אַלטער, בערדיקער, גרויער, לייביקער מאַן,
און טראַכט שווער און לאַנגזאַם וועגן זיינע געשענקטע טעג.

טריט ביי טריט גייט ער, ס'איז ניינצן־צוויי־און-פערציק
זינט יעזוס קריסטוס קומען אויף דער ערד,
און די צייטונגען ליאַרמען, דער פלאַנעט טאַנצט בלוטיק־ווילד פאַרויס,
נאָר נישט וועגן דעם האָט זיך אזוי דער אַלטער מאַן פאַרקלערט.

די לידער פון מיינע לידער

אָפּגעשטאָרבן זענען אַלע נאָענטע ארום אים, ווייב און קינדער, ברידער — אַלע,
און די אייניקלעך, זיי זענען פרעמד און ווייט — דער אַלטער גיט אַ קרעכץ,
זיינע ביינער טראַכטן וועגן זיין שטוב, זיין טיש און זיין בעט,
און אומשולדיק רעדט ער צו זיך: טו איך דען עמיץ עפּעס שלעכטס?

דער אַלטער האָט צו אָט דעם מעמד זיינעם זיך שוין צוגעוווינט,
פאַרגעסן — ווייסט ער — האָט ביי אים די צייט איר מאָס...
אזוי טראַכט ער רויק. נאָר פּלוצלונג גיט ער זיך אַ קוק אַרום
זעט ער דעם טויט אַליין — — ווערט ער בלייך און גיט אַ פרעג: — פאַרוואָס?

פאַרוואָס ווילסטו מיך אָנכאַפּן ביי מיין אַלטן הדרת-פּנימדיקן קאָפּ,
און ווי אַ הונט-פּריטשעפּע מיך אַרויסקאָפּען אין גאָס?
און שפּעטער גאָר אַריינוואַרפן דעם אַלטן, מידן גוף אין גרוב אַריין —
און דאָרט איז ווערעמדיק און שטיקעדיק און האַרט צו ליגן און ס׳איז
קאַלט און נאַס.

דער אַלטער איילט זיך, גייט גיכער צו זיך אין שטוב אַריין,
ער וויל אַנטלויפן און זיין וואָס גיכער מיט זיך אין זיינע איילן פיר,
נאָר אזוי גיך ער האָט אַ צינד געטון דאָס ליכט, אַ קוק געטון אין שפּיגל,
האָט ער שוין געזען,
אַז פאַרטיק איז די בראָך, עמיץ האָט אַריינגעשטופּט זיך דורך דער טיר.

און דער אַלטער מאַן, וואָס האָט אזוי שוין צוגעוווינט צום לעבן זיך,
ווי די זון צום טאָג, און די לבנה צו דער נאַכט,
האָט מורא זיך צו לייגן אין בעט אַריין — שפּאַנט ער אויף און אָפּ,
און אזוי שפּאַנענדיק האָט ער די גאַנצע נאַכט אַדורכגעוואַכט.

און ס׳האָט אַן ווערטער זיך דער טויט מיטן אַלטן מאַן
די גאַנצע נאַכט אין שטוב אַרומגעיאָגט,
און ווי נאָר ר׳האָט זיך צוגעזעצט אַ רגע, האָט ער אים אויף גיך
דערשטיקט,דעם אַלטן;
איצט וואַשט ער זיך אין בעקן שוין די הענט — — און ס׳טאָגט.

★

אין מעמאָריאַם סטעפאַן צווייג

לאָמיר זינגען אַ לויבליד אויפן זעלבסטמערדערס טון,
און טרינקען אַ לחיים אויף זיין הימלישן געדאַנק,

67 לידער

לאָמיר זינגען אַ ליד, אַ ליד צו דער זון
ביי זונענאונטערגאַנג.

לאָמיר זינגען אַ לויבליד אויף אַ שטריק,
און אַ שיר השירים אויף אַ בעכער מיט סם,
און אַ ברכה לאָמיר מאַכן אויף דער הערלעכער בריק,
פון וועלכער מען וואַרפט זיך אַריין אין ים.

און אַ שהחיינו אויף דער קליינער פּיסטויל,
מיטן פּערלמוטער הענטל, געזילבערטן לויף,
און אַ ליבעס-ליד צו דער דינענקער קויל,
און אַ שיר אויף אַ קלינגל, וואָס אַן אָדער שניידט אויף.

און אַ הימנע אויף דעם דורכזיכטיקן גאַז,
וואָס מען אָטעמט עס איין — אָבער אָטעמט נישט אויס.
און אַ ליד אויף אונדזער היינטיקן ליד — — ווייל אַ בלוטיקער שפּאַס
אונדז׳רע לידער ביז היינט, און אמת איז נאָר דאָס היינטיקע בלויז.

לאָמיר זינגען הויך, לאָמיר זינגען העכער, לאָמיר זינגען עס ווי
זיין קו־קע־רע־קו
זינגט דערשראָקן דער האָן אין דער מיטן נאַכט — —
ס׳איז אַ פּוסטע וועלט, ס׳איז שוין קיינער מער, קיינער נישטאָ,
צו זאָגן אים, אַז מיר האָבן זיך בלוטיק נאַריש געמאַכט און מיט
יאַשטשערס געלאַכט.

לאָמיר-זשע־זשע זינגען אַ ליד, אַ ליד אויף דעם גאַנצן אַרסענאַל,
מיט וועלכן מען פאַרענדיקט מיט זיך, מיט זיך, די שלאַכטן־שלאַכט.
לחיים! — גרינגאָלדן און פריש שוימט אין בעכער די גאַל — —
גוט מאָרגן דיר — אמת, און דו ליגנט — גוט׳ נאַכט!

1942

מעדיטירנדיק איבער מיין מעטריקע

נאַכט איז. פאַרטאָג באַלד. כ׳האָב געענדיקט מיין אַרבעט און נישטער
אין אַלטע פּאַפּירן,
אַלטע זכרונות — — און פּלוצלונג האַלט איך אין מיינע הענט
אַ פּאַפּיר אַ פאַרגעלטס, נאָך פון יענעם יאָרהונדערט, מיין נאָמען איז דייטלעך

די לידער פון מיינע לידער

דערויף אות ביי אות, און מיין שטעטל און דאָס יאָר. ס'איז דאָך מיין
געבורטס־דאָקומענט.

כ'גיב אַ קוק אין שויב, ס'איז נאָך טיפע נאַכט, כ'גיב אַ קוק אויף מיר
דורך אַ שפּיגל־שויב — און נאַכט איז אויך אין מיין האַרץ,
טו איך ווידער אַ קוק און איך טו אַ ריר דאָס מאָדנע שטיק פּאַפּיר,
וואָס איז לאַנג שוין נישט ווייס — נישט די טינט דערויף שוואַרץ.

און איך קוק און קוק און וואָס מער איך קוק, אַלץ ווייניקער און ווייניקער
פאַרשטייט מיין שכל, וואָס עס איז דאָ אייגנטלעך געשען — —
כאָטש זעלטן דייטלעך אזוי זאָגט אַ שטיק פּאַפּיר,
וואָס און ווען און ווו די דאָזיקע מאָדנע זאַך, מיין געבורט, איז געווען.

איך לייג די הענט צום שטערן צו און טראַכט און טראַכט און טראַכט:
פון אַלע די מיליאָסן שטובן, לענדער, שטעט און דערפער פון דער ערד
האָט גאָט איין שטעטעלע, מיין שטעטעלע אויסגעקליבן — און דאָרטן
האָט ער מיר, מיר אַליין, דאָס קומען אויף דער וועלט — אָט די מאָדנע
זאַך באַשערט.

און פון מיליאָסן יאָרן, חדשים, טעג און נעכט פון דער גאַנצער, גאַנצער צייט
האָט ער אויסגעקליבן איינע, אַ שפּעט־נאָוועמבער־נאַכט,
און פונקט אין אָט דער נאַכט, אין אַ פאַרטאָגעדיקער, ווינטיק־ווילדער
ווינטער־שעה
האָט ער מיך אויף דער וועלט געבראַכט און געזאָגט: ביזט אַ
מענטשלעכער איינס, ביזט דאָ!

און פאַרוואָס גראַד מיך? איך בין דאָך אוודאי אזוי שטיל ווי אַ רויג פון אַ פיש
ערגעץ דאָרט געלעגן מיט אַלע נשמות מיליאָסן בייננאַנד. —
פונקט ווי אויף דער וועלט האָב איך דאָך אוודאי אויף יענער וועלט אויך
נישט געטשעפּעט קיינמאָל אפילו אַ פליג אויף דער וואַנט.

און איך קוק און איך קוק און וואָס מער איך מעדיטיר איבער דעם פּאַפּיר,
אַלץ מערער רינגלט זיך און רינגלט ווי אַ רויך אַרום מיר די וועלט. און
די ווענט
פון מיין שטוב דרייען זיך שוין טאַנצנדיק אַרום מיר, ווי שליטנס פון
אַ קאַרוסעל,
און ס'קרעכצט און שעפּטשעט ווי אַ לעבעדיקער, דער אַלטער,
פּאַפּירענער דאָקומענט.

נאָך אַמאָל: יעדע זאַך באַזונדערס שטימט, און יעדע באַזונדער איז
לייכט צו פאַרשטיין —
די צייט? ס׳איז קלאָר. דאָס אָרט? אויך קלאָר. הייסט דאָס — ברענגט
אַרויס מיין מויל —
אין איין אָטעם און זייער שטיל: איך? — אויך קלאָר. נאָר אַלץ צוזאַמען, אַלץ,
אין איין אָטעם אַלץ—פון דעם כאַפּט אַזש אָן אַ קאַלטע, נאַסע, משוגענע גרויל.

ווייל טאַקע, טאַקע וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך דען צו יענעם
האַרבסטיקן פאַרטאָג,
אין יענעם ווייטן שטעטל אין מיין אומענדלעך־גאָט-נאָענטער אייביקייט געהאַט?
און אפילו אויך צו מיינע טאַטע־מאַמע? טאַקע, וואָס? ווער זענען זיי?
און מאַכטלאָז פאַלט —
מיין קאָפּ — — און טרערן רינען, רינען מאַכטלאָז, שטיל אויף אַן
אַלט־פאַרגעלטן בלאַט — —

1943

★

אַ זעלבסט־קוש מיט אַ ליד

צו מיין פופציקסטן געבוירן־טאָג

פונקט ווי הערלעך ס׳איז די יוגנט — העסלעך איז די עלטער פון אַ מענטש,
עפּעס ביטערערס איז נישט אויף דער וועלט פאַרהאַן;
אפילו חיות אויף דער עלטער — קיין זאַך איז נישט אַזוי אומעטיק,
ווי אַן אַלטע פרוי, אָדער אַן אַלטער מאַן.

יעדע אַלטע זאַך האָט דאָך אויף דער וועלט איר פּלאַץ,
מעג זי זיין רעאַל, מעג זי זיין אַבסטראַקט;
יעדע זאַך — צי גאָט אַליין האָט שאַפן זי געוואָלט,
צי אַ מענטש גאָר שאַפן זי געוואַגט.

יעדע אַלטע זאַך, יעדע מין באַשעפעניש, דער עיקר אָבער — זאַך,
מעג זי זיין אַבסטראַקט, מעג זי זיין רעאַל:
אָט איז אַן אַלטער בוים, זע זיין מאַיעסטאַט,
כאָטש זיין שטאַם איז פול מיט פרוכנע פון פונאַנדערפאַל.

און אָט ליגט גאָר פאַר מיר אַן אַלטער ספר דאָ,
ווי וווּנדערלעך, פאַרשיכורנדיק איז שוין פון ווייטן אַלטן ספרס חכמה-גערוך;

די לידער פון מיינע לידער

און ערשט, אַז דו פּריוווסט צו עפּענען און לייענען פון די בלעטער גאָר —
איז דען פאַראַנען שענערס ווי מחשבות פון אַן אַלטן בוך?

אָט שטייט אַ הויז אַן אַלטס פאַר מיינע אויגן דאָ,
זיינע פענצטער קוקן פול מיט חכמה שוין אַראָפּ צו דר׳ערד,
אפילו זיינע שטומע שטיינער מורמלען שטיל, געלאַסן,
אין זיך געקערט און טיף פאַרקלערט.

און אזוי מיט יעדער זאַך דאָ אויף דער ערד,
און אזוי מיט יעדן אַלטן שטערן אין דער אַלטער הייך.
אַלטקייט מאַכט אַלץ שיין — אַלטקייט מאַכט אַלץ טיף,
פשטותדיק דערהויבן, מיט נשמהדיקער שיינקייט רייך.

נאָר אַ מענטש אַן אַלטער לאָזט זיך באַלד אויף אַלע פיר יאָמערנדיק אַראָפּ,
און ווי אַ בעטלער נישטערט ער אַביסל לעבן באַלד אין יעדן מיסט,
אָט לאַכט ער און אָט וויינט ער, און ער ווייסט נישט מער אויף וואָסער
וועלט ער איז,
שעה־איין שעה־אויס, ווי אין קדחת, בייט ער זיך פון אָפּטימיסט אויף פעסימיסט.

יאָ, העסלעך איז די עלטער פון דער קרוין פון דער יצירה, פון דעם מענטש,
אוי!
קיין זאַך אויף דער וועלט איז נישט אומעטיק אזוי,
ווי אַן אַלטער מאַן, ווי אַן אַלטע פרוי!

27טן נאָוועמבער, 1943

★

משה, אונדזער ברודער

12טן אָקטאָבער 1892 — 29טן מערץ 1921

ס׳איז יום־טוב היינט אין אונדזער קליינער, טרויריקער משפחה,
ס׳איז געוואָרן פופציק יאָר זינט משה, אונדזער בכור,
איז אין צאַנגען געבוירן געוואָרן. דריי ברידער זענען מיר געוועזן,
צוויי זענען מיר היינט — שוין איבער איין און צוואנציק יאָר.

פאַרנעפּלט לאַנג און ווייט זינט משה איז אַוועק — אַליין נאָך זיך
פאַרקלאָפּנדיק די טיר. און פאַרקלאָפּנדיק, דורך זיין פאַרשלאָסן מויל
קיין געזעגן־וואָרט אפילו נישט ארויסגעזאָגט,
און אַריינגעשאָסן זיך אין האַרץ אַ קויל.

היינט איז ער שוין דער יינגסטער צווישן זיינע ברידער, אַלטע יידן,
אַן אַכט־און־צוואַנציקער, אַ שלאַנקער יונג מיט שטאָלצן בליק.
און לאַנג ווייסט ער די סוד־באַשיידונג שוין. ער האָט זי וויסן שטאַרק געוואָלט;
און אויב נשמות קערן צו דער וועלט זיך אום, איז זיינע לאַנג שוין דאָ צוריק.

ער איז כסדר דאָ מיט אונדז, אין אונדזער קליינער, טרויעריקער משפחה.
אים אַ דאַנק איז אונדזער טאַטע איינגעשטאַרבן אין פאַרטאָג, אַ שטילע טויב,
פיר וואָכן פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה. ער האָט דעם טאַטנס מידן גייסט
אָפּגעוואָרט צו יציאת נשמה. די מאַמע האָט אַליין געזען אים אין דער
פענצטער־שויב.

און אַז די נאַציס האָבן, פיר וואָכן נאָכן טאַטנס טויט, געלאָזט זיך אין
אַ ווילד געיעג
נאָך אַלע מאַמעס יידישע, ווי די רייטערס די אַפּאָקאַליפּטישע, די פיר,
איז אונדזער מאַמע איבער שלאַכטפעלדער אַליין געלאָפן, ווי אַן אַלטע,
מידע הערשין;
איז דעמאָלט אונדזער ברודער משה כסדר נאָכגעפלויגן מיט אַ טרייסט נאָך איר.

ווען אונדזער ברודער משה איז קיין ארץ ישראל אַנטשלאָסן און אַליין אַוועק,
צו ראַטעווען די וועלט דורך אונדזער פאָלק — און אונדזער פאָלק פון
פאָלנדיקע וועלטן-ווענט,
איז אונדזער יינגסטער ברודער הערץ אַ קינד געוועזן נאָך אַ
גאָרנישט־וויסנדיקס.
און אין אונדזער עלטסטן ברודער האָט שוין דעמאָלט די נשמה ווי דער
סנה געברענט.

גאָט אַליין האָט פאַר דעם פלאַם פון דער נשמה זיך דערשראָקן
און געלאָזט זי ברענען
און זי האָט אויסגעברענט. און איר גוף האָט אונדזער ברודער שוין
אַליין צעשטערט — —
און היינט איז יום־טוב אין אונדזער קליינער, טרויעריקער משפחה,
ס׳איז געוואָרן פופציק יאָר זינט אונדזער בכור געקומען איז צוגיין אויף דר׳ערד.

אין אונדזער גאַנצער משפחה געווען איז ער ווי אַ יום-כיפור־ליכט, אַ
ליכט פון טרויער.
מיר זענען יידן פשוטע, יושבי אוהל, שרייבער, און ער — אַ פרינץ פון
גייסט און מוט;
האָט ער געבלאָנדזשעט צווישן אונדז נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, ביז ער
האָט אומגעקערט

די לידער פון מיינע לידער

צום גילגול זיך צוריק אויף זעלבן וועג, ווי ר׳איז געקומען: אייזן, בלוט.

און אויפגערודערט די געבליבענע האָט ער ווי מיט אַ פליגל־ריר פון וועלטן אַנדערע.
אפשר איז משיח ער געווען און איינגעזען, אַז די וועלט איז נאָך נישט גרייט,
און אפשר איז ער ווידער דאָ שוין ערגעץ צווישן אונדז — משהס גילגול אייביקער —
וואָרום אפשר איז שוין איצט זיין גרויסע, צווייטע צייט.

ס׳איז יום־טוב היינט, יובל, אין אונדזער קליינער, טרויריקער משפחה, צעזייט
אויף דער ערד און אונטער דער ערד, אין אַלע וועלט־עקן פיר;
זענען מיר זיך אַלע צונויפגעפלויגן צום יובל; איבער אונדזערע פנימער רינען טרערן,
און מיר טרינקען אַ לחיים פון טרערן און פלאַטערן אַ טאַנץ
אין אָט אָ דעם ליד, אויף אָט אָ דעם ווייסן בויגן פּאַפּיר.

12טן אָקטאָבער, 1942

דרייצן סטראָפן

13טן דעצעמבער 1895 — 13טן יוני 1944

אין דעקעס איינגעהילט — אין אַ בעט בין איך געשלאָפן,
און אפילו אין חלום געלעבט — געוואָרפן זיך און זיך איבערגעקערט.
דו ליגסט גלייך, איינגעהילט אין אייביקער רו און אייביקער ערד.

און אָט בין איך אויפגעשטאַנען,
און עס שפּאַרט אין מיר ענערגיע און טאַט.
דו טוליעסט דיך צו דער ערד — אַן אַראָפּגעפאַלן בלאַט.

ס׳איז פרי. כ׳האָב אָנגעביסן, געגעסן און געטרונקען
פרוכט און מילך און ברויט.
ביי דיין מויל זויגן שרצים פון טויט.

איך האָב צו פריינד גערעדט, געשטיפט אפילו, ס׳האָט אָבער
מיין מויל זיך פלוצלונג פאַרקרימט מיט געוויין.
דו ביזט אפילו מער נישט שטום, ביזט ערד, ביזט שטיין.

מיינע הענט ליגן מאַכטלאָז פאַר מיר אויפן טיש, אין מיין טרויער,
און כ׳זע ווי דאָס בלוט אין זיי פולסירט אזוי גיך ווי אַ שטראַל,
דיין בלוט איז וואַסער ווידער און אַלע וואַסערן גייען צוריק צום קוואַל.

מיין מוח און מיין האַרץ ווערן פול און פולער
מיט גאַטזוכנדיקן געדאַנקען-גאַנג.
דיין מוח און דיין האַרץ זענען ווידער אור־געדאַנק.

איך בין נאָך פאַרם. מאַדוס. מאַדוס איז פול מיט באַוועגונג,
זוכט רוים פאַר באַוועגונג און פאַר טרויער — טרייסט.
דו ביזט ווידער אַנהויב. אַנהויב איז איינס. גוף און גייסט.

כאָטש אין טרויער נאָך דיר, דאָך אין אונטערבאַוווסטזיין
שטרעקט די האַנט זיך שוין ווידער צו נדבה פון גליק.
נאָר עס דאַרף נישט קיין גליק — וואָס ווידער איז דאָס אַבסאָלוטע זיין צוריק.

און כאָטש איך באַנעם מיך דאָ ווי אַ מענטש, וואָס צו טויט איז ער גלייכגילטיק,
דאָך ציטערט אַלץ אין מיר פאַר דער קרום־קלינג פון לעצטן עשאַפאָט.
דו ביזט שוין אינגאַנצן אויף יענער זייט — אינגאַנצן אויף דער זייט פון גאָט.

נאָר דאָס איז דאָך אַלץ פאַרט נאָר פילאָזאָפיע אַביסל
פון אַ קליין מענטשעלע בלויז.
דער אמת איז האַרט, העסלעך און געמיין: איך בין און דו ביזט אויס.

און כאָטש אין דער תורה פון סובסטאַנץ, גלויב איך מיט בענעדיקט דע ספינאָזאָ,
און זי איז דאָ אין מיין גייסט און בלוט,
ווייס איך אָבער, אַז דער ערשטער און צווייטער אַטריבוט

זענען אין דער אמתן נישט אויסשפּרייטונג אייביקע און געדאַנקלעכקייט אייביקע,
נאָר די צוויי אַטריבוטן פון סובסטאַנץ — וואָס איז וועלט —
זענען אייביקע פינצטערניש און אייביקע קעלט.

און דו — מיין געשטאָרבענע געליבטע —
ביזט ווידער אַ שטיק הפקר, פון קיינעם נישט באַוואַכט,
אין אייביקן ווינטער און אין אייביקער נאַכט.

מיין קדיש צום יאָרצייט פון מיין טאַטן:

און אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן און די שבעה-טעג זענען שוין אַוועק,
האָט זיך די מאַמע אונדזערע פון שבעה־בענקעלע אויפגעשטעלט
צו שרייבן דריי בריוו צו די זין; איינעם קיין צפון, איינעם קיין דרום
און איינעם אויף יענער וועלט.

צו אַלע דריי האָט זי אין זעלבן נוסח פשוט און פראָסט ווי אַ ליד געשריבן:
— און וויאַזוי דער קראַנקער טאַטע האָט זי אַ רוף געטון אין מיטן דער נאַכט,
און וויאַזוי ער האָט דעם טויט-קראַנקן קאָפּ אויף אירע אַקסלען אָנגעשפּאַרט,
און שטיל, ווי אַ קראַנקער, געפאַלענער פויגל די שוואַרצע אויגן אויף
אייביק פאַרמאַכט.

און נאָך האָט זי געשריבן: — — און וויאַזוי זי האָט דעם טאַטנס קאָפּ
פון אַקסל אירן
אַראָפּגענומען און אויפן קישן געלייגט, און ווי וואַרעם ס׳איז געווען זיין
טויטע הויט,
און די געקרייזלטע האָר אויפן קאָפּ, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט, נאָך
נישט אינגאַנצן גרוי.
און ווי זיי האָבן אַלץ זיך נאָך געקרייזלט דין ווי זייד, אפילו נאָכן טויט.

די מאַמע אונדזערע איז אַ שווייגנדיקע, גרויסע דיכטערין,
און ווייסט אפילו נישט, אַז זי פאַרמאָגט אַזאַ מין הימלישן טאַלענט.
און גרויס איז זי, ווייל נאָר אין דער נשמה און אין האַרץ איז זי אַ דיכטערין,
און מיר — די זין אירע — זענען שרייבער נאָר מיט פעדערן אין הענט —

אָבער צוריק צו די בריוו: און נישט אין זעלבן נוסח האָט די מאַמע די
בריוו געענדיקט;
אונדז, די אויף דער ערד, דעם איינעם אין צפון און דעם איינעם אין
דרום, אונדז צוויי
האָט זי געהייסן אייביק דעם טאַטנס נאָמען האַלטן הייליק און שיין,
און דעם אויף יענער וועלט: און איצט מיין זון, נעם אים אויף ווי ס׳פּאַסט
אַ זון, וואָס איז געטריי.

אָט אַזוי האָט די מאַמע צעשיקט נאָכן טאַטנס טויט דריי בריוו צו אירע דריי זין,
קיין צפון איינעם, און דעם צווייטן קיין דרום פון דעם שטיק אומעט, וואָס
רופט זיך ערד.
און דעם דריטן בריוו אויף דער אמתער וועלט. און פּינקטלעך האָבן די זין
די בריוו באַקומען.

67 לידער

די קעפּ געבויגן און לאַנג אין דער וועלט־נאַכט פון זייער געליבטן טאַטן געקלערט.

1941

★

ב ר י ו ו

...און אַ דאַנק דיר, וואָס דו ביזט בכלל געבוירן געוואָרן,
און אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט פאַרבלאָנדזשעט צו מיר,
און ערשט אין מיין לעבנס טיפן נאָכמיטאָג,
און נישט פרי׳ר.

און אַ דאַנק, וואָס כאָטש גלויבן אין וועלט און אין מענטשן
פילט — גוטע — דיך אויס ווי אַן אומענדלעך ליד,
ביזטו אָבער פשוט פון אָט אַ דעם גלויבן
שוין אַביסל מיד.

און סע פעלט דיר אַן אַקסל דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן אָן אים,
ווען פלוצלונג באַפאַלט דיך אַ כוואַליע געוויין;
און אויך מיר פעלט אַ קאָפּ אַזאַ, אויגן אַזעלכע,
וואָס זעען און ווילן פאַרשטיין.

איז אַ דאַנק דיר — ווייל ליבע — וואָס איז דען די ליבע?
איר נאָמען, דער ריינסטער איז דאַנקבאַרקייט.
אַ דאַנק דיר פאַר דער סעודה, דער שטילער, וואָס דו האָסט
אין מיין לעבנס פאַרנאַכט מיר פאַרגרייט.

אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק — דריימאָל און דרייטויזנט,
פאַר קומען צו מיר, פאַר בלאָנדזשען אַ סך, פאַר בענקען — נאָך מער.
שפּאַר אָן דעם קאָפּ אָן מיין אַקסל און קוק מיר טיף אין די אויגן,
זיי וועלן דיר אויסשווייגן אַלץ, וואָס איך קלער.

און קלערן, קלער איך אַ סך, אַ סך; פון דיר און פון מיר, לעבן און טויט —
פאַרנאַכט איז שוין, דרימלען די גראָזן, דער ווינט האָט זיי איינגעוויגט
שוין, און קריאת-שמע זאָגט שוין דער בוים,
שוין טוליען אין הימל זיך שטערנדלעך נענטער און נענטער,
דיין נשמהס שוועסטערלעך, גוטע, אין טיפן, אומענדלעכן רוים.

אַ דאַנק דיר, דו בעסטע, אַ דאַנק דיר, וואָס דו ביזט דאָ אויף דער וועלט,
און אוודאי אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט פאַרבלאָנדזשעט צו מיר,

און גיי נישט אַוועק מער, אַז דו ביזט שוין דאָ. סיידן — נאָך מיר,
און נישט פריי׳ר.

★

פאַר דיין שטילער ליבע, אַ ליבע אָן טענות,
און גוט, און פשוט — ווי ברויט,
וואָס קען איך דיר געבן, איצט, אין מיינע יאָרן?
עס איז מיר דאָך מער נישט געבליבן ווי טויט.

מיין לעבן פאַרביי שוין פאַר מיר, אַ ווייטע קאַראַוואַנע;
די גליק־יאָרן — שיפן, געזונקען צום דנאָ פון מיין ים;
שוין לעבן מיינע דורות זייער אייגן לעבן,
מיינע צווייגן זענען שוין ביימער אַליין — אַוועק פון שטאַם.

פאַר דיין שטילער ליבע, שטיל, פשוט, אָן טענות,
ווי אַ פאָלקס־ליד אין אָט דער איינזאַמער שפּראַך,
וואָלט איך געבן געדאַרפט אַ לעבן — יאָ, אַ לעבן.
אָבער נישטאָ שוין. איך האָב שוין געגעבן לעבנס אַ סך.

אָט דאָס איז דער חשבון. אויך דער חשבון איז פשוט,
ווי איינס און איינס — צוויי, צוויי און צוויי — פיר.

זי האָט אויפגעהויבן צו מיר אירע אויגן.
זי האָט אַלץ געוווּסט פריער — און געבליבן מיט מיר.

1941

★

אַ ליד — שלעכט אָדער גוט — אַ זאַך — מיט איין אַטריבוט: פלאַך

(אַ ליד פאַר מענטשן פון לידער־פאַך — — און אויך זיי וועלן
נישט אַלע פאַרשטיין!)

וואָס איז דען אַ ליד? אַ פלאַך שטיק פּאַפּיר
באַפּינטלט מיט אותיות אָן אַ שיעור,
און אָפט נעמט מען אַזעלכענע לידער אַ סך
און מען בינדט זיי אין אַ בוך — און אַ בוך איז אויך פלאַך.

און דאָס לעבן, וואָס ליד באַזינגט, איז בולט און האָט פאַרמען אָן אַ שיעור,
האָט קלאַנג און באַוועגונג, און עס איז אין דיר און עס איז אויסער דיר,

אַמאָל קאָנקלאַוו, ווי אַ טיפער טאָל, און אַמאָל קאָנוועקס ווי אַ פעלזן-שפּיץ,
און עס שטראָמט ווי ניאַגאַראַ, און עס קלינגט ווי דונער, און עס שפּריצט
מיט ליכט ווי בליץ.

און דאָך איז די וועלט — אויף איר אַ שוואַרץ יאָר,
אַזוי שוין געמאַכט, אַז פאַרגעננגלעך און נאָכאַמאָל פאַרגעננגלעך איז די
לעבעדיקע וואָר,
און אַ ליד — בלויז אַ שטיקל פּאַפּיר, אַזוי ביינערלאָז ווייך און דערצו אַזוי פלאַך,
איז דווקא אַן אייביקע און אַ דויערנדיקע זאַך.

און אַלץ, וואָס איז בולט, האָט באַוועגונג אין זיך און אַרום זיך פיזיק,
קען נאָר דעמאָלט ווערן אייביק, ווען עס ווערט אויף אַ שטיק
פון אַ פלאַך-ווייך פּאַפּיר „פאַראייביקט" אין אַ ליד — —
איז עס נישט צום פלאַצן? — — און די בולטקייט, אַרום וועלכער דו
האָסט דיין לעבן אָפּגעמיט,

ווערט אויסגעגלייכט, אויסגעווייכט, אויסגעפּלאַכט אויף פּאַפּיר — —
און ערשט דעמאָלט קען עס שוין לעבן יאָרן אַן אַ שיעור.
משמעות, אַז גאָט-וועלט-מענטש, אָט א די אַ דריי-אייניקע זאַך
האָט ליב אין דער פלאַך צו פאַרגיין. און וואָס קען שוין זיין פלאַכער, ווי
אַ ליד איז פלאַך?!

1944,

זיי ליגן אויפן טיש — מיינע לידער — —

זיי ליגן אויף מיין טיש, מיינע לידער,
סאָרטירט און פאַרבונדן אין פּעק,
און זיי דרימלען אויך אין די ווינקלען
פון נישט איין ביבליאָטעק.

און איך האָב זיי — — פיינט, מיינע לידער,
און נישט נאָר מיינע, נאָר בכלל.
און אַז איך ריר זיי אָן מיט די ליפּן,
איז ווי איך וואָלט געלעקט אַ גאַל.

ווייל אַז זיי קומען אויף מיינע ליפּן,
פיל איך ערשט די ביטערניש

די לידער פון מיינע לידער

פון דער מאַכטלאָזיקייט פון די לידער —
אָט — פעק פאַפּיר אויף אַ טיש.

איך בין גאָרנישט, נאָר ווען איך וואָלט אפילו געווען
דער פּאָעט פון פּאָעטן פון דער ערד,
און געשריבן די לידער, די בעסטע,
לידער מיט אַ הימלישן ווערט,

וואָלט דאָס נישט נאָר די וועלט נישט געביטן,
נאָר אפילו נישט קיין איין געמיט;
ווי אַ פּישטש פון אַ פויגל אין דער לופטן,
אַזאַ מאַכט האָט דעם דיכטערס ליד.

נו, קוקט מען זיך אום אויף אַ פויגל?
סיידן ער לאָזט אויפן קאָפּ דיר אַ פלעק;
דעמאָלט — שעלט מען אים אין זיין פויגלישן טאַטן
און מען ווישט דעם פלעק אַוועק.

און אַלץ בלייבט ווידער ביים אַלטן,
און דאָס אַלטע איז שלעכט ווי סם,
און דו פּאַראַדירסט אין דיין לעטניק,
באַפּוצט מיט דיין גראַם און שטראַם.

נו שטעל דיר שוין פאָר ביזט ישעיה, ביזט דאַנטע,
ביזט שעקספּיר, ביזט פּרץ; ווער נישט — —
האָט זיך דען זייער וואָרט, זייער ליכט, זייער זון
אין דער וועלט-פינצטערניש אַריינגעמישט?

האָט עס די וועלט-נאַכט צעטריבן?
צי דעם מענטש געמילדערט אויף אַ האָר?
איז וואָזשע ווילסטו מיט דיין פּישטשען
צון אַלדי שוואַרצע יאָר?

איז ליגן זיי אויפן טיש — אונדזערע לידער,
סאָרטירטע אין ביכער, געבונדענע אין פּעק,
און מיר ווילט זיך שפּייען אויף אַלע זיי — קלעק,
און ציִשן דורך די ציינער איין וואָרט: — — —

1942

67 לידער

באַלאַדע וועגן אַ דערפּאָלגרייכן פּאָגראָם־דיכטער

כדי אויסצומיידן מיספאַרשטענדעניש,
ווידמע איך דאָס ליד — זיך אַליין.

און געשען איז אזוי:

דעקלאַמירט האָט דער דיכטער זיין ליד וועגן שחיטה,
און מ'האָט אים שטאַרק און מיט האַרץ אַפּלאָדירט,
האָט אַ זיסער שמייכל — אַ זון נאָך אַ רעגן —
דאָס הדרת־פּנים פון דיכטער באַצירט.

אַזוי ווי איין מאַן דריקט דער זאַל אויס די ביטע:
— נאָך איינמאָל לעז, דיכטער, דיין ליד „יידיש בלוט"! —
און געפאָלגט האָט דער דיכטער, און געטראַכט אין זיין האַרצן
ווי וועלט־שאַפער גאָט: — כי טוב, עס איז וויל, עס איז גוט! — — —

און ס'איז ווידער געשען:

אַז געמאָלדן זיך האָבן די שותפים, די דריטע:
די מתים אַליין מיט געקלאַפּער פון הענט,
וואָס געקלאַפּט אַקוראַט האָט, ווי אַן אַרבעס אָן ווענט,
ווייל דאָס פלייש ביזן ביין איז ביי זיי פאַרברענט.

און ווייניק נאָך דאָס — ס'האָט די מתים־סוויטע
אַרומגעשטעלט דעם דיכטער פון דעם שחיטה-וואָרט,
און פאַרקלאַפּט אים מיט די הענט, און באַלד מיט די פיס
גענומען טאַנצן אויף זיין פּליך און זיין באָרד.

און דעמאָלט איז געשען:

אַזש דאָס פאָלק אין זאַל האָט פאַר שרעק די שליטה
פאַרלוירן און צעלאָפן און געלאָזט די גאַרדעראָב,
און לויפנדיק האָבן ווייבער צו מענער געשריגן:
— שוין איינמאָל אַן אָונט, אַ בראָך אויף דיין קאָפּ!

— נאָך ווייניק פון גוישע היטלערס געליטן,
דאַרף מען ליידן פון די יידישע פּאָעטן אַחוץ,
וואָס שלעפּן זיך אַרום מיט לידער פון שחיטות
און מיט פאַרשיווע מתים אַ טוץ!?

און צום סוף איז געשען:

די לידער פון מיינע לידער

אַז דער דיכטער איז געבליבן אַליין און אין מיטן
דער פינצטערער בינע; און אַ דרימל געכאַפּט,
און גומל געבענטשט צום גראָם און צום שטראָם,
וואָס מען האָט אים נישט צום טויט פאַרקלאַפּט.

נאָר אזוי ווי לויט די אַלטע, גוטע זיטן
איז טויט ביים סוף פון באַלאַדעס — אַ מוז,
טאָ לאָמיר שוין אויך אונדזער דיכטער הרגענען
און אים צעטרעטן מיט אַ פערזן־פוס.

1943

*

יידן אַלע — פליטים אַלע

אַ ווידוי פון אַ יידישן פליט אין אַמעריקע
אין איינעם פון די יאָרן 1939—1945

דו אַליין, אַליין, שדי, האָסט אונדז ווייטער אין ספר החיים פאַרשריבן.
זענען מיר דען שולדיק, גאָט, וואָס מיר זענען אַנטלאָפן און לעבן געבליבן?

דו אַליין, דו, דו, וואָס דיין עובדא איז מישן כסדר שוואַרץ און ווייס,
מצוות, עוונות.
דו אַליין, אייביק־פאַרנומענער מיט השגחות און מילי־מיליאַסיקע
הימל־חשבונות.

נישט שולדיק מיר, וואָס אונדז גראָד האָסטו אַריינגעשטופּט אין זאַק
פון שארית הפליטה,
און טראָגסט, ווי אַ רוח אַ מלמד, ווייטער, ווייטער אין דורות ווייטע,
לענדער ברייטע.

נישט שולדיק מיר, וואָס פראַנטעווען ווי מענטשן, ווען זיי זענען מתים
אין שמאַטעס,
און מיר וואַשן זיך די הענט אין אומשולד — מיר יידישער פּאָנציוס־פּילאַטוס.

אַלע גלייך זענען מיר געלאָפן, צי לויפן געוואָלט, און אונדז איז עס געלונגען.
אַלע זענען געשפּרונגען, נאָר איינע זענען אין תהום אַריין — און מיר
אַריבערגעשפּרונגען.

67 לידער

און דאָך זענען מיר שולדיק און פאַרבלוטיקט איז אונדזער בלאָטיק געוויסן,
און אויב דו ביזט אַ גערעכטער גאָט, וואָלסטו יעדן פון אונדז ווי אַ
הערינג צעריסן,

ווייל ווי די געיאָגטע בהמות — אויף דער ערשטער לאָנקע געשטעלט
האָבן מיר זיך פאַשען,
און אין ערשטן טייכל זיך אָנגעזשלאָקעט און די הינטנס זיך אויף
זיבער אָרומגעוואַשן,

און אין דער ערשטער שטאָל זיך אַריינגעשטעלט מיט אַלע בהמות מיטצופרעסן
און, ווי יענע בהמות, אונדזער אייגן פלייש און בלוט אין שחיטה-הויז פאַרגעסן.

1942

אַ 1944 זומער־לעב־ליד פון אונדזער יידיש וועלט־פאָלק

ציי‍טונגס־באַריכטן:
13 יידן אין מינסק און 3 יידן אין ווילנע האָט
געטראָפן די רויטע אַרמיי ביי איר זיגרייכן
אַריינמאַרש. (זומער 1944).

די רויטע אַרמיי האָט געגומען מינסק —
הוראַ, הוראַ — האָט גענומען מינסק —
און עס גייט איר ווייטער, עס גייט איר צום גראַם,
אין אַ ליאַדע שעה וועט זי זיין אין פינסק.

איז וואָזשע מאַכן די יידן אינעם געטאָ דאָרט,
אין מינסק — דער אַלט־יידישער שטאָט?
זיי מאַכן שוין גאָרנישט — זיי זענען נישטאָ שוין —
און געבליבן איז פון זיי נאָר שטעכיקער דראָט — —

נאָר לאָמיר נישט זיין פאַרצווייפלט אזוי,
ווייל דער אמת איז דאָך אַביסל אַנדערש געווען,
ווייל געבליבן זענען פאָרט אַ פּאָר יידן נאָך דאָרט;
אַ מזומן און אַ מנין — אַ דריי און אַ צען.

און די איבעריקע יידן, אַלע יידן פון מינסק?
זיי זענען שוין שטויב און רויך און גאַז.

פון וואָרעם צעפּרעסן — אונטער דער ערד,
און איבער דער ערד פון נאַצישן האַס.

— איז ווזשע זענען די יידן פון ניו־יאָרק,
אין זייער טרויער נאָך מינסק — דער יידישער שטאָט ?
— אויף דער פרישער לופט זענען זיי ארויס,
צו קלאָגן זייער קלאָג גלייך אין פּנים פון גאָט...

און אַז גאָט זאָל גיכער דערהערן זייער קלאָג
נאָך די מינסקער יידן — זייער קדיש־געבעט,
האָבן זיי שבעה זיך אינאיינעם געזעצט
צו אַ נאַציאָנאַלן ריזן־באַנקעט...

איז גוט, איז גוט. איצט ווייס איך שוין וועגן די יידן פון מינסק,
און וועגן זייערע ברידער פון דער שטאָט ניו־יאָרק.
איז וואָזשע הערט זיך מיט די יידן פון ווילנע,
דער שטאָט פון אונדזער טרייסט און שטאָלץ און זאָרג ?

און וואָס מאַכן די יידן פון בוענאָס איירעס,
און פון מאָנטרעאָל און פון מעקסיקאָ,
ווו ציטערן זיי איבער די ווילנער נייעס
אין אָט דער יידישער גורל־שעה ?

על ראשון ראשון — די יידן פון ווילנע :
אַז די רויטע זען' אַריין אין אָט דער עיר ואם,
האָבן זיי אַ יידישן מזומן געטראָפן
דאָרט זיצן בענטשענדיק אויף אַ בערגל פון ליים...

בענטשענדיק ? — יאָ, זיי האָבן געבענטשט און געקוקט
אויף די זעלנער־באַפרייער משוגענערהייט,
געלאַכט און געקוקט אויף די הענט, די באַפרייטע,
און נישט געוווסט, אַז זיי זענען באַפרייט.

זאָגט צו די דריי יידן אַ יידישער רויטער אַרמייער :
— וואָזשע לאַכט איר און בענטשט איר, וואָס איז דאָס פאַר אַ שטות ?
האָבן די יידן געענטפערט דעם יידישן אַרמייער :
— אין דעם בענטשן שיקן מיר אונדזער וועלט־פאָלק אַ גרוס...

צו די יידן פון ניו־יאָרק און פון מעקסיקאָ,
און בוענאָס איירעס און אויך ווינּיפּעג,

זיי זיצן דאָרט נעבעך און וואַרטן און וויינען
די אויגן זיך אויס אין אַזעלכע טעג.

זאָגט דער רויטער סאָלדאַט: — פּראַווילנאָ און רעכט,
מייַנע טייערע יידן, מייַנע ברידער — איר ווייסט —
ב'וועל אייך געבן אַן עצה, לאָמיר נעמען, לאָמיר שיקן
צו אונדזערע וועלט-ברידער מיטן ראַדיאָ אַ טרייסט.

געזאָגט און געטון, ער איז שוין אויף דער פעלד־פּאָסט,
צו שיקן אַ גרוס מיט דעם ראַדיאָ אַוועק — — — —
נאָר אין איין פערטל שעה — ר'איז צוריק שוין דאָ,
אין זיין שרעקלאָז פּנים — ברענט אַ ווילדע שרעק...

— יידן, יידן ס'איז דאָך גאָר שוין קיין יידן נישטאָ,
נישט אין מעקסיקאָ, ניו־יאָרק, נישט אין וויניפּעג,
ס'איז די ראַדיאָ־דעפּעשע געקומען צוריק
צען מינוט נאָך דעם, ווי זי איז אַוועק.

יידן — ווייסט איר, וואָס מען האָט מיר געענטפערט
אויף אונדזער אַרמייאישער ראַדיאָ-פּאָסט?
אַז די יידן זענען אַלע אויף דאַטשעס אַוועק
און האָבן דעם דאַטשע־אַדרעס נישט געלאָזט...

און אזוי גיך דער סאָלדאַט איז מיט זיין בשורה געקומען,
האָבן די דריי ווילנער פון דעם לעצטן מזומן
גענומען עפּעס מורמלען אָן אַ זין, אָן אַ טאָלק
און געזידלט מיט מזומן זייער אייגן פאָלק.



די קרוינונג

די קרויזונג פון אַ יונגן יידישן דיכטער אין אַמעריקע — פּאָעמע — — מאָטאָ: אויב איר ווילט איז עס נישט קיין מעשהלע... הערצל. די פּאָעמע באַשטייט פון 13 קאַפּיטלען. א. דער דיכטער-יורש און זיין יחוס. ב. קינדער־יאָרן אין האַרלעם. ג. פריע יוגנט, ערשטע ליבע, חומש לערנען. ד. סוף פון דער ליבע. אָן אָנשפּאַר. באַגעגעניש. ה. ערשטע מלחמה־יאָרן. ביכער און ספרים און דאָס אָפּענע בוך פון לעבן. ו. דער מוטערס וואַרטן. דער פּרץ־אָוונט. דער פרעג־צייכן. די פייערדיקע שלאַנג. ז. דער לעצטער תוהו ובוהו, די אייביקע ווונד.

ח. די גאָלדענע פּאַווע. דער הילצערנער יאָך. ט. די אייביקע יידישע צוויי-אייניקייט. עמוס. עדעלשטאַדט. י. קרוינונגס־רעדע און צווישנרופן. יא. וועלט־ייד, אַמעריקע, אל און אדם, ענד פון דער קרוינונג. יב. גאַנג צו דער געקרוינ־טער וואָך. וואַרשעווער וויזיע. יג. דריי חברים פון אַמאָל, דריי וועלטן פון היינט. די טויב פון שליחות. — — — הקדמה פון 4 זייטן, נאָכבאַמערקונגען פון 1 זייט. די ווידמונג אויף דער פּאָעמע: פאַר מיין טאָכטער, דער טענצערין רות בערגנער, פאַר מיין זון, דעם מאָלער יאָסל בערגנער, פאַר מיין שנור, דער מאָלערין אָדרי בערגנער — — מיט וואָס האָב איך זוכה געווען, וואָס איר זענט דער המשך פון אַלעם דעם, פאַר וועלכן איך האָב מיין לייב און לעבן אָוועקגעגעבן — — 72 זייטן. ארויסגעגעבן פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור פאָנד. ניו־יאָרק — יאָר 1953.

פינאַל פון דער פּאָעמע „די קרוינונג״; קאַפּיטל י״ג

דריי חברים פון אַמאָל — דריי וועלטן פון היינט
די טויב פון שליחות

איך טראַכט אין חלום נאָך, ווי כ׳וואָלט אויף פליגלען גאָר געפלויגן,
און זע: פון נעפּל פינצטערן עס קומען מענער צוויי — אַ יעדער פון אַן
[אַנדער זייט,
און כ׳הער: זיי רעדן עפּעס צו מיין חבר־זון, מיין יוסף בן ישראל,
און אויפגערעגטערהייט ער ענטפערט עפּעס די צוויי פרעמדע, אים נאָך
[אומבאַקאַנטע לייט.

אַט שטייען זיי אין ליכט פון אַ לאַמטערן און איך זע זיי גוט. צוויי הויכע,
[גרויע שוין אַביסל;
זעט איינער אויס, ווי אויף דער עלטער עס וואָלט אויסגעזען אַפּאָללאָ, יונס
[שענסטער גאָט;
דער צווייטער, ווייל ס׳איז אַלץ אין אים אזוי פאַרדאַרט און אויסגעצויגן,
זעט אויס, ווי אויף דער עלטער עס האָט אויסגעזען דער איידלער
[ריטער־טרוימער דאָן קיכאָט.

אַ רגע נאָר, און מיר דערקענען זיך דורך אָפּגרונטן פון יאָרן, ימען בלוט
[און טרערן, תהומען
פון וועלטן פון געדאַנק, וואָס טיילן אונדז; מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט.
ס׳האָט אורי צבי, ווי אַלעמאָל, די הענט, די אָדערדיקע, צו מיר אויסגעצויגן,
און פּרץ מאַרקיש האָט גוטברודעריש אין פּלייצע מיר געקלאַפּט.

נאָר מאַרקיש דער פּאַטעטישער, האָט עפּעס שטיל געשוויגן און גערעדט
[האָט אורי צבי פאַרביידן:
— דו בלאָנדזשעסט נאָך? דו ביזט אין ערגעץ נאָך נישט אָנגעקומען,
[אַלטער פריינט!?
איך האָב אַרומגענומען די חברים און אַנטשלאָסן שאַרף געזאָגט: — ווי קען
[איך קומען,
אַז איך בין קיינמאָל נישט אַוועק? מיין לאַנד איז ייִד, מיין נעכטן־מאָרגן
[אייביק אין מיין היינט.

די גרענעצן פון לאַנד פון מיינעם זענען דאָרט, ווו ס׳איז דער ווייטסטער
[שטורעם־לייכט־טורם
פון ייִד אין וועלט, ווו ס׳טראָגט אַ ייִד, אַ לעצטער נאָך דעם וואָכעדיקן סיני־יאָך:

און נישט קײן שבת־יום טובדיקע ייִדן זענען מײַנע, נישט קײן תהילים און
[קײן תפילה־ייִדן,
נישט רו־און שבת איז מײַן װעלט און נײַערט אומרו אײביקע און װאָך.

עס שרומפּט און װאַקסט מײַן װעלט צוזאַמען מיט דעם שרומפּן און דעם װאַקסן
פון מספר ייִד אין װעלט. איך טו אַ ציטער און איך זאָג: — מײַן גרעניץ
[הײסט אַצינדערט עלף —
דער מספר פון מײַן פֿאָלקס מיליאָנען — װײַל דעם מספר טו״ב, די װײַטסטע
[גרעניץ אונדזערע,
צעריסן האָבן, הױלנדיק װי די היענעס, װײַנענדיק מיט קראָקאָדילן־טרערן—
[װילדע װעלטן־װעלף.

טריומף בליצט אױף אין גרינבערגס גרינע אױגן; פֿול מיט טרױער שװײַגט
[איצט מאַרקיש,
און איך — איך האָב פֿאַרשטעלט מײַן פּנים און האָב דאָך געזאָגט, כאָטש
[ס׳איז װי זאַלץ אױף װונד:
— װאָס לאַנד! נישטאָ קײן זיכער לאַנד בכלל, װײַל נישט אַ מענטש אַזאַ
[דערװײַל בנמצא;
אָט האָסטו, מאַרקיש, אױף אַ פֿעלדז געלעבט — און אָטאָ שװעבסטו שױן:
[קאָסמאָפּאָליט און װאַגאַבונד.

און װי מיר רעדן — איז פון טונקלען הימל־אינדזל אינעם װאָלקנהײזער־ים
[אַראָפּ אַ ספר.
אַ ספר אָן אָן אָנהױב, אָן אַ סוף, װאָס װי די צײַט אַלײן איז קײנמאָל נישט
[געװעזן יונג און קײנמאָל װעט נישט װערן אַלט.
דאָס ספר, װאָס איז פֿײַערזײַל, װען ס׳דאַרף זײַן פֿאָלק אַ פֿײַער־זײַל אין נאַכט,
[און איז בײַטאָג אַ זײַל פון װאָלקן,
דאָס ספר, װאָס בײַט קײנמאָל זײַן נשמה נישט, כאָטש אײביק גײט פֿאַרװיס אין
[פֿאָרם און אינהאַלט עס, און בײַט אפילו זײַן געשטאַלט.

און איך, איך בלעטער גיך צוריק די דפים אין דעם ספר, אין דעם גאַנג פון
[ייִדישער געשיכטע,
װי קלאָר איך װײס איצט, װאָס איך װיל, איך פּלאָנטער נישט אין
[פּאַרמעט־בלעטערװאַרק,
אָט האַלט איך בײַ די שופטים שױן, אָט משהס טױט, אָט יאָרן אין דער מדבר,
און אָט איז דער פּרימאָרגן, ערשטער ייִדישער, זינט װעלט־באַשאַף: איך
[האַלט בײַם סיני־באַרג.

— אַט זעט, געוואַנדערט אונדזער פאָלק אין מדבר און געזוכט האָט עס
[אַ שטיקל ערד צום רוען,
געקומען צו דעם סיני־באַרג, געהאַפט, אַז פאַלן וועט פון מילכוועג אים
[אַ מילך־און האָניג־לאַנד,
געפאַלן אָבער איז אַ יאָך פון גאָט און מענטש און ייד ארויף ישראלס
[איינגעשפאַרטן נאַקן,
און אויף אַן אייביקייט דאָס פאָלק, וואָס האָט ווי אַלע פעלקער זיין
[געוואָלט, אין אים אַריינגעשפאַנט.

עס איז געווען די גרויסע רגע, וואָס איז איינמאָל נאָר און נאָר איין פאָלק
[באַשערט געווען,
צו זאָגן נעשה קודם און צו זאָגן נשמע שפּעטער, און נאָך איצטער שטוינט
די גאַנצע וועלט פון יענער רגע, און זי וועט אזוי ביז צייטנס סוף שוין שטוינען,
נאָר סאי ווי סאי שוין בלייבט דאָס פאָלק און נישט קיין אַנדער פאָלק
[אויף אייביק יאָך־געקרוינט.

מען קען, חברים מיינע, פון דעם גורל, אָט ווי שווער ער איז, שוין
[קיינמאָל נישט אַנטרינען,
דו, אורי צבי, דו מיינסט, אַז קרוין אויף בוים איז אַלץ, און פון אַ פייער
[איז דער עיקר פלאַם;
דו מאַרקיש האָסט געמיינט, אַז צווייג קען מער זיין ווי די קרוין, ווי שטאַם,
[קען האָבן מערער ממש,
ווייל פּירות בעסטע וואַקסן אויף די צווייגן; נאָר איך האָב אַלע מאָל געוווּסט,
[אַז סוד־יסוד איז שטאַם.

און זע, ווי אין דיין גורל־רגע, מאַרקיש, האָסטו דיך אַליין געפירט צום שטאַם
[צו דער עקידה, יצחק דו אַליין, אַליין אברהם,
פון ווערטער-שטורעמדיקסטן פּייטן אונדזערן, ארי בחבורה, שווייגסטו איצטער
[ווי אַ קרבן־לאַם.
יאָ, פּרץ, ביזט אַ צווייג, אַ טייער־פּרוכפּערדיקע, נאָר מיט גוואַלט פון שטאַם
[אַראָפּגעבראָכן,
ישראל־ארץ — אורי צבי — ביזטו! נאָר איך, איך לעצטער; איך בין איינגע-
וואקסן אין דער רויער קאָרע פון דעם שטאַם, און בין
[די אייביקייט: ישראל עם!

יאָ, עם ישראל דאָס בין איך. און נייגט אַן אויער צו דער ערד, וועט איר
[דערהערן

דעם גאַנג, דעם יידישן, דעם אמתן, דורך שטח, צייט און אייביקייט;
דאָס איז דער וועג: צו אים איז יידישע נשמה מיט גאָלד'נער קייט געבונדן,
צו אים דער גוף פון ייד איז צוגעשמידט מיט רינגען זיבעציק פון אייזן־קייט.

יאָ, עם ישראל, דאָס בין איך, און שפּיזט דעם בליק אַריין אין אָט דער נאַכט,
[אין דער ניו־יאָרקער,
און איר וועט אויגן יידישע פאַרבענקטע — איין מיליאָן און נאָך אַמאָל מיליאָן—
דערזעהן. אַ שטערן־הימל פול מיט אויגן יידישע און וואַרטנדיקע,
און אָט פאַר זיי און פאַר אונדז אַלע, האָב איך היינט צעלאָזט אין ווינט אַ
[בלויע האָפנונגס־פאָן.

צוויי־אייניקייט איז אונדזער גורל, און אויב פעלן פעלט זי אין דער וועלט,
[דער יידישער אַ רגע,
שטייגט אונדזער איינקייט באַלד אַראָפּ, ווי גאָט צו אדמען אין שלאָף, און
[שניידט צוויי־אייניקייט ארויס פון אונדזער ריפּ.
די צוויי־צעריסנקייט ביים אָפּגרונט אייביקן פון פּאָטום טראַגישן — דער
[וועג, וואָס אייביק גויש,
צוויי־אייניקייט — ווי מאַן און ווייב, וואָס זייער קינד איז אייביק לעבן —
[יידישער פּרינציפּ.

אַ גרויסע איבערקערעניש גייט אום אין אַלע וועלטן פון די שבעים־גוים,
דער מזרח און דער מערב צאַפּלען בלוטיק אויף די שאָלן צוויי פון וועלטן־וואָג,
און אויך אין וועלט אין אונדזערער גייט נייע גאָט-מענטש-איבערווערטונג
[אויף און נייע קאָנסטעלאַציע;
די זעקסטע נאַכט פאַרשווינדט אין דער געשיכטעס כף הקלע און אויפן ראַנד
[פון תהום דאָס ליכט דאָס זיבעטע פון נייעם וואָכנטאָג.

די שיף פון כמות יידישן, וואָס אָן אַ רודער איז געווען, דער מאַסט וואָס אָן אַ
[פאָן אויף ראַנד פון הימל האָט געאיינזאַמט,
דאָס אַלץ געהערט צום עבר, וואָס וועט קיינמאָל מער נישט ווידערקומען שוין.
קוקט אָט דעם בחור אָן! דערקענט איר נישט? איז אויכעט אייער זון
[און המשך,
רירט אָן זיין האַלדז, דערפילט סימנים פון אַ יאָך! און יוסף קוקט דערשטוינט:
[יאָך איז מיין קרוין.

און יוסף בן ישראל איז דער נאָמען זיינער, פול מיט התלהבות זיין מהות איז
[פונקט ווי דיינער, פרץ מאַרקיש,
און פול אויך מיט קנאות איז ער פונקט ווי דו — דו גרינבערג אורי צבי,

ער איז דאָס פאָלק אַליין, דאָס פאָלק אין אַלע פעלקער, אַקס אין אַלע רינגען,
[ליניע אין די קרייזן,
ער איז דער היינט, דער אייביק יידישער און אומעטום איז פאַר אים דאָרטן,
[פונקט ווי אומעטום איז פאַר אים הי.

און ס׳האָבן מיינע פריינט ביי אָט די רייד פאַרשטאַנען סוף כל סוף מיך און
[אַרומגענומען
און אויך מיין זון זיי האָבןביידע הענט געדריקט און ס׳האָט אים זייער
[האַרץ געלויבט.
— זאָל זיין מיט מזל! רופט אויס מאַרקיש. טרערן שטיקן אים און ער
[פאַרשווינדט. און אורי צבי ווערט נעפּל,
פאַנאַטיש שעפּטשענדיק: — אַז וויל איז דעם, וואָס קיינמאָל אין מעפּיסטאָ
[ער האָט נישט געגלויבט.

אַ שטילער בת קול און אַ בלויער אָפּשיין נאָך אַ רגע און די וויזיע איז אַוועק.
[מיר גייען וואָכעדיק און וואָכעדיק און ניכטער,
און זע אויף אַקסל פון מיין זון, דער רעכטער — פליגל־פלאַטערדיק די ווייסע
[שליחות־טויב,
און זי פאַרשווינדט נישט, כאָטש שוין טאָג שאַריעט אויף דער הימל־ליניע.
[טאָג. מיין שטוב. כ׳דערלאַנג די האַנט מיין גרויסן חבר
און פרעג אים מיט הכנעה שטיל: — דו גלויבסט? ער ענטפערט פעסט און
[הויך: איך גלויב!

כ׳בין גיך אַרויף צו זיך און האָב דאָס פענצטער אין מיין שטיבל אויף דעם
[צוועלפטן שטאָק געעפנט,
איך האָב געזען ווי ס׳וועקט זיך לאַנגזאַם פונעם שלאָף דער
[פילמיליאָנענדיקער ריז,
און ווי עס שטרעקן זיך עמפּאַיער־סטעיט און קרייזלער־טורעם ווי צוויי
[אויפגעוואָכטע אָרעמס,
און ווי די וואָל־סטריט־וואָלקנקראַצערס זעען אויס ווי ריז־מאַנהעטנס פינגער
[פון די פיס.

און אונטן האָב געזען איך, ווי עס איז מיין יונגער חבר יוסף בן ישראל
געבליבן שטיין אין זיך פאַרטיפט, און ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין,
און אָט אָ גייט אין שטילקייט אין פאַרטאָגיקער אויף שפּיצן פינגער אַ געשטאַלט
[צו אים אַריבער,
אַ טונקעלע, אַן איינגעהילטע אין אַ מאַמע־שאַל פון ליבע און פון איינגעהאַל־
[טענעם געוויין.

נאָר ווי עס האָט די טונקעלע געשטאַלט דערזעען יוספן און האָט דערקענט אים,
איז ווי זי וואָלט אַ קלונג געטון מיט ליד און אויפגעשטראַלט מיט בלויעם ליכט,

און זון און מוטער, יתום און אלמנה, האָבן ווידער שטוינענדיקע זיך געקוקט
[אין פנים,
ווי אין לוויה־טאָג פון פאָטער, ווען זיי האָבן ווי צום ערשטן מאָל דערזען זיך,
[גרויס און אומגעריכט.

און ווי די מוטער האָט דערזען די טויב אויף יוספס אַקסל, הויבנדיק כסדר
[פליגלען ווי צום פליען,
האָט זי פאַרמאַכט די אויגן און דערפילט די רגע ווידער פון איר זונס
[געבוירן. אומגעפרעגט
האָט זי געזאָגט: — מיין גאָט, גראָד ווען געטראַכט האָב איך, אַז ביזט אינגאַנצן
[שוין פאַרלוירן,
ביזטו געוואָרן מיר און דער נאָך שלאָפנדיקער וועלט אין ערשטן ליכט פון
[נייעם טאָג אַנטפּלעקט.

— אַנטפּלעקט! — האָט פון דער ווייטער טיף, ווי בת קול ביז צו מיר דאָס
[וואָרט געקלונגען,
און רויק האָב מיין פענצטער איך, דאָס הויכע, זעעוודיקע, זאָרגעוודיקע,
[שטיל פאַרמאַכט.
און האָב דערפילט: — איצט ביזטו ווידער דו אַליין, צו נייע יאָרן, נייע
[ווערטער, אפשר נייע וועלטן ווידער,
און ווי מיין מאַמעס טרערן־קוואַל, וואָס אויפגעמאַכט זיך האָט נאָך מיין געבוירן,
[האָט אין מיר זיך אויך אַ קוואַל פון טרערן אויפגעמאַכט.

און ס'האָבן פליגלען פון דעם מלאך פון דעם שלאָף געגלעט מיין מידן שטערן
[און געשעפּטשעט האָט דער מלאך:

ס'איז נאַכט
געענ־
דיקט שוין.
מיט איר
דער ח-
לום פון
פרינצע־
סין ש־
בת אויך.
אַ ליכט,

אַ נייס
גייט אויף,
דאָס ליכט
פון דער
פרינצע־
סין וואָך.
איר קאָפּ
געקרוינט
מיט יאָך.

נייע לידער און פּאָעמעס

געשריבן אין די יאָרן 1946 ביז 1954. נישט צונויפגענומען אין אַ זאַמלונג. דער גרעסטער טייל פון די זאַכן זענען שוין געדרוקט געווען אין די צייט-שריפטן: די גאָלדענע קייט, די צוקונפט, דער יידישער קעמפער, טינט און פעדער, פרייע אַרבעטער שטימע, אויפן שוועל, דער שפיגל, אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער — און אויך אין טאָגצייטונגען. עטלעכע פון די זאַכן — דאָ אַריינגעגעבן — זענען נאָך אין ערגעץ נישט געווען געדרוקט

טעג מיט דיר

טעג מיט דיר מיין לעבנס לעצטע גוטע חברטע און שוועסטער,
זענען ווי בענקשאַפטן — סוף כל סוף באַוויליקט און געשטילט.
אפילו די זון, וואָס שיינט איבער די טעג מיט דיר, איז זוניקער;
נאָר נישט מיט פייער זוניקער, נייערט מיט מערער ליכט און מילד'.

טעג מיט דיר זענען ווי קרוגן קוואַל־וואַסער ביז צום דנאָ אויסגעטרונקענע,
זיי ריזלען לאַנג אין האַרץ אַריין און דורך דעם האַרץ אין גאַנצן בלוט.
יעדע שעה מיט דיר לייגט זיך ווי אַ שיכט פון ליכט אויף דער נשמה.
יעדע שעה מיט דיר איז לאַנג, ווי דער לענגסטער זומער־טאָג, און ציילט
[טויזנט און איין מינוט.

טעג מיט דיר זענען טעג טיפע, יידישע און מענטשלעכע. זייערע שעהן
שעפּן זיך — שעה נאָך שעה — ווי מיט אַן עמער פון אַ טיפן ברונעמס דנאָ.
אַז דו ביזט מיט מיר — מישט זיך אויס דער היינט מיט אַלע נעכטנס
[און מאָרגנס.
פליגלען האָבן שעהן מיט דיר. אַ שעה איז אַן אייביקייט און אַן אייביקייט —
[אַ שעה.

טעג מיט דיר — זענען טעג מיט ספרים, אייביק קלוגע; אַז מיר לייענען
[זיי צוזאַמען,
קומען די משוררים און חכמים ארויס פון די סאַרקאָפאַגן פון פּאַפּיר
צו חברן זיך מיט אונדז. זיי זעצן זיך היימיש צו אויף די ראַנדן פון זייערע ספרים
און הערן זיך צו, ווי מיר לייענען — אַמאָל דו פאַר מיר, און אַמאָל איך פאַר דיר.

טעג מיט דיר זענען, ווי מילגרוימען צייטיקע, אָנגעפילט מיט קערנדלעך פון
[גלויבן,
אַז נישט געענדיקט איז די וועלט, נאָר זי הויבט ערשט איצטער אָן צו
[גיין אַרויף.
אין טעג מיט דיר ווערן די סוף'ן מגולגל ווידער און באַווייזן זייער אמת פנים,
און זינגען בראשית צוזאַמען — און בראשית זינגט באַזונדער יעדער סוף.
1947

★

אַ האָפערדיק ליד

עס איז געווען אַ פאַרנאַכט אַזאַ מין, אַזאַ מאָדנער,
דער הימל איז געפלויגן ערגעץ מיט די וואָלקנס בלוי און שוואַרץ און רויט,

איילנדיק און ווינטיק אויף אַ פרילינג־חתונה געפלויגן;
און אויף אַלע מיסטקאַסטנס ביי אַלע הייזער איז געלעגן שוין דער ווינטער טויט.

הענט אויף האַרץ געקרייצט, קאָפּ צום הימל הויך פאַריסן, בין געשטאַנען [פאַר מיין שטוב איך
און באַוואונדערט הימלס פאַרבן־טענץ; זיין שוואַרץ, זיין רויטס, זיין בלויס.
און פּלוצלונג פאַר מיר האָט אַ טאַנץ געטון אַ יינגל מיט אַ לאָפּעטע
פון אַ שכנס הויז אַרויס.

און ווי אַ ווילדער האָט גענומען גראָבן ער — אַ שריט פון שטוב. אָבער גראָבן!
פול פרילינגס־תאווה האָט די ערד געלאָזט אים אַלדינגס טון מיט זיך, מיט [גאַנצן האַרץ,
און אויך אין הימל האָט גענומען גראָבן וועד די בייטן פון די וואָלקנס,
און אויך דער הימל איז געוואָרן פעט ווי פרילינג־ערד און שוואַרץ.

און דער יונג דאָ נעבן מיר, ער גראָבט און גראָבט מיט אַלע כוחות — —
בין איך צו צו אים און אַ פרעג געטון פאַרוואונדערט און פאַרקלערט:
— צי האָסטו דיר דען פירגענומען אונדזער גאַנצע וועלט צעאַקערן אויפסניי,
וואָס דאָ גראָבסטו אזוי ווילד די ערד?!

— איך האָב! האָט ער געענטפערט טראַציק און נישט אומגעקוקט זיך, און [געגראָבן ווייטער.
און דאַן האָב איך אַ זאָג געטון שוין ערנסט: — אויב אזוי,
איז אַ מצווה דיר צו העלפן, יונגער ברודער. — העלף! — האָט ער זיך [איצטער אומגעקוקט,
און אין לאָמטערן־ליכט אַ בליץ געטון די אויגן זיינע האָבן גרין און בלוי.

בין איך באַלד אַריין צו זיך אין שטוב און מיין ריסקאל און מיין אייזערנעם
האָב איך אויפן אַקסל מיינעם אויך אַהער אַרויסגעבראַכט,
די אַרבל אויף אַרויף פאַרשאַרצט און גענומען גראָבן שווייגנדיק
מיט דעם בחור אין איין ריי, אין דעם פרילינג־פאַרנאַכט.

מיד געוואָרן, אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט זיך, האָב איך אָנגעשפּאַרט זיך [אויפן ריסקאל
און אזוי גערעדט: — דו ביזט גערעכט, מען דאַרף די ערד צעגראָבן ביזן גרונט,
ביז צו די יסודות אירע, צו זען פון וואַנעט — חבר מיינער —
עס אייטערט און עס ווייטיקט איר באַהאַלטענע ווונד.

און היידא! לאָמיר טאַקע ווייטער גראָבן, חבר, לאָמיר נישט קיין צייט פאַרלירן,
לאָמיר גראָבן! ביזן לעצטן ווינקל, זי צעגראָבן, ביזן טיפסטן דנאָ!

מיט גרויסע טראָפּנס בליצן אונדז׳רע שטערנס — און די אויגן לייכטן
[מיט חזיונות
פון אַן אויסטערלישער שעה.

און אַז דער פרילינג איז אַנטשלאָפן אין די אָרעמס פון דער נאַכט, און ס׳האָט
[די מאַמע
איר זון אַ רוף געטון; האָב׳ מיר אויף צו מאָרגנס ווידער זיך אַדאָ באַשטעלט.
מיין יונגער חבר האָט די האַנט געדריקט מיר און געזאָגט מיט שווערן ערנסט:
— יאָ, עס איז קיין אַנדער עצה מער נישטאָ, ווי איבערגראָבן ביזן גרונט
[די וועלט!

און איך — צי בין אַ קינד געוואָרן ווידער איך? צי אפשר גאָר מיט לעצטער
[חכמה קלוג?
איך האָב אַ גאַנצע נאַכט נאָך דער באַגעגעניש געחלומט און געקלערט,
אַז דאָס, וואָס האָט געזאָלט די ערשטע עצה זיין איז איצט די לעצטע:
איבעראַקערן ביזן דנאָ דאָס נפש פונעם מענטש, און שענער ווערן וועט דאָס
[פּנים פון דער ערד.

1946

מחשבות וועגן קבר ישראל

אַ פריינט האָט אַנומלט אַ נישטער געטון
אין די פּאַפּירן פון מיין אַרכיוו,
ער נישטערט, און פּלוצלונג געפינט ער
דריי ווערטער: מיין לעצטער בריוו — —

עס האָבן אַזש אַ ציטער געטון
פון אויפרעגונג זיינע הענט:
— גיב מיר צו לעזן דיין לעצטן בריוו!
— עפן און לעז, עס איז מיין טעסטאַמענט.

נאָר ביים ערשטן זאַץ האָט באַלד מיין פריינט
פּאַטעטיש געהויבן די הענט:
— דאָס איז נישט יידיש, מיין פריינט, אַזאַ זאַך
„מיין גוף דאַרף תיכף ווערן פאַרברענט!״

און איך האָב געענטפערט: — ווייזט אויס, דו לעבסט
נאָך אין אַ וועלט פון אַמאָל, אַמאָל,

ווייל פון איצט און אויף אייביק דאַרף פייער זיין
הייליקער קבר־ישראל.

ווי קענען מיר אפילו אונדזער טויטן גוף
אויף אייביק פאַרטרויען אָט אָ דער ערד,
וואָס האָט נישט געעפנט איר מויל ווי אַ תהום,
און נישט אין איר פייער־בויך פאַרצערט

דעם שונא, וואָס רבוא רבבות פון ייד
האָט געקאָסעט אין זונליכט, ווי מען קאָסעט היי?!
ווי קען מען איר ס'טיפסטע שווייגן געטרויען,
ווען זי האָט נישט געהערט דאָס העכסטע געשריי?!

דעריבער זאָל דאָס פייער, וואָס געברענט האָט אין
טרעבלינקע, בעלזשעץ און אָשפּיצין,
פון איצט און אויף אייביק אזוי שוין זיין
קבר ישראל פון לעצטן מין.

און דאָ הויבט ערשט אויף זיינע הענט מיין פריינט:
— און ווי קען מען געטרויען דעם רויך פון גוף
דעם הימל? איז דען דער הימל נישט געבליבן טויב,
פונקט ווי די ערד צו אונדזער לעצטן רוף?

און אַן אימה איז באַפאַלן אונדז ביידע ביי די רייד
ביי דעם תהום פון אָט אָ דער רעטעניש,
צוויי יידישע פּנימער קוקן אָן זיך און עס קוקט
אויף זיי ביידע אַ לעצטער בריוו אויף אַ טיש.

און ס'האָבן צוויי יידן ביז אין טיפער נאַכט גערעדט
מחשבות אָן אַ זין, שעהן אָן אַ צאָל,
וועגן אַ נייעם, גאָר נייעם מין
פון קבר ישראל.

1946

אַ שעה אין דער ליכטיקער זון

כ'בין געגאַנגען אַ שעה אין דער ליכטיקער זון,
און די זון האָט פאַרפילט מיך אינגאַנצן,

זומערלעב איז, ויידעס און באָבעס שפּאַצירן זיך שטיל,
און אייניקלעך שפּרינגען און טאַנצן.

כ׳בין שפּעטער געזעסן אַ שעה אין דער זון,
איר ליכט האָט זיך טיף אין מיר אַריינגעריסן,
ווי אַ שטראָם, וואָס פאַרפלייצט און דאַמבעס צערייסט,
אזוי האָט זי מיט ליבע פאַרפלייצט מיין געוויסן.

כ׳בין שפּעטער געלעגן אַ שעה אין דער זון,
אָט אזוי ווי מען ליגט מיט אַ ליכטיק־באַשערטער,
כ׳האָב שווייגן געוואָלט, נאָר ווי וואָלקנדלעך, פון זיך אַליין,
זענען אויפגעשווומען ווערטער.

און האָבן אַלץ העכער, געדיכטער געזעדט,
אויף מיין ליכטיקן הימל ארויפגעגאַנגען,
ביז זיי האָבן מיינע שעהן אין דער זון
מיט וואָלקענעס שווערע אינגאַנצן פאַרהאַנגען.

און געשריגן האָב איך דאָן פון געוויסן אַרויס:
זון, זאָג מיר, פאַרוואָס דאַרפן העליש ברענען
די געוויסן מיינע — אפילו אין דיין שעה —
מיט טויזנט פאַרוואָסן און אזויפיל פאַרוועגען?

פאַרוואָס — אויב דו ביזט אַ ליכט פאַר דער וועלט —
דאַרפן שמאַכטן אזויפיל אין פינצטערע תפיסות?
פאַרוועגן — אויב דו ביזט אַ לעבן פאַר דער וועלט —
דאַרף אַ מענטש קוילען מענטש מיט אַלערליי מיתות?

צי האָסטו דען ליכט נישט גענוג אין דיין קרויז,
צי לעבן גענוג נישט אין האַרץ אין דיין הייסן?
וואָזשע דאַרפן זיך אַלע, ווי הינט אויף דער גאַס,
איבער אַן אָרט אונטער דיר צו רייסן?

כ׳בין אַהיים אַנטלאָפן — און מיט מיר די זון —
מיין פּנים און מיין האַרץ מיט איר חסד פאַרגאָסן,
כ׳האָב געפרעגט און געפרעגט און אַליין האָב איך אויך
די תשובות פון דער זון אין מיין האַרץ באַשלאָסן:

פון היינט אָן צו רעדן און צו פּרעדיקן פּראָסט
דעם אמת, ווי די זון — ניין — ווי די זונען זיבן:

— נעם, מענטש, פון דער וועלט—נעם, נעם, נאָר געדענק,
אַז טויזנט מאָל מערער איז נאָך פאַרבליבן!

פאַר דיין לעבן געגוג ביז דיין לעצטער שעה,
פאַר דיר און פאַר זיבן מאָל זיבן שכנים,
פאַר די שונאים אפילו, און אוודאי פאַר די פריינט,
פאַר נעכטן, פאַר היינט און פאַר מאָרגן אינאיינעם.

און דער פּראָסטער אמת האָט אזוי מיך פאַרפּילט,
אַז איך האָב באַשלאָסן אַ ליד פון אים צו מאַכן,
ווי אַ ליד פאַר די קינדער, און געשריבן פון אַ תם,
אַז אַלע פּאָעטן זאָלן פון מיר לאַכן.

און אָט ליגט עס, דאָס ליד, ווי אַ שעפּעלע ערשט פון דער מאַמעס טראַכט,
כ׳האָב מיין פענצטער פאַר פריד וווייט און ברייט אויפגעשלאָסן.
די זון איז נאָך דאָ — זי האָט מיט ליבע אינדרויסן געוואַרט,
און האָט מיך מיט דאַנק מיט איר ליכט באַגאָסן.

1946

אַ ליד וועגן מלחמות און וועגן אַ בריוו פון מיין טאָכטער

יאָר נייַנצן-הונדערט-פופציק און איינס,
כ׳האָב פון לאָנדאָן אַ בריוו, פון מיין גייסט און מיין בלוט,
פון מיין טאָכטער, און זי שרייבט מיר אומעטיק און שווער:
מלחמות קומען ווידער, טאַטע, ס׳איז נישט גוט.

נישט גוט, מיין טאַטע, מיין פאָטער, נישט גוט,
ווער איז עס, וואָס אַלע די בייזקייטן טוט?
פאַרוואָס מוז ער די שיינע, די אומעטיקע וועלט
אַלעמאָל טרענקען אין ימים פון בלוט?

און ווי איך האָב באַקומען דעם אומעטיקן בריוו,
גיט עס מיך אַ ריס פון מיין טיש און מיין ליד,
כ׳האָב גענומען שפּאַנען דורך מיין שטוב, וואָס איז בוך,
און זכרונות־צעבליט פלאַטערט אויף מיין געמיט.

און טרערן זיך האָבן אין מיין אויג צעגליט,
און איינע — ווי אין ליד פון היינע — פאַרשטעלט מיין בליק,

און אויף פליגלען פליט אַוועק מיין געמיט,
אויף שוואַרצע פליגלען קיין וואַרשע צוריק.

קיין וואַרשע אויף דער נאַוואָליפּקי־גאַס,
און מיין טעכטערל איז נאָך אַ קינד, אַ יאָר ניין,
און זי קומט פון דער שולע אַהיים און מיט שרעק
ציטערט זי אַרויס: פּאַטער, מען זאָגט, אַז מלחמה וועט זיין — —

כ׳האָב אַ ריס געטון זיך פון מיין טיש און מיין ליד,
און אַ כאַפּ דאָס קינד, וויפיל קראַפט כ׳האָב פאַרמאָגט,
און דאָס ציטערדיקע קינד מיינס קושענדיק געפרעגט:
— ווער האָט דיר די נאַרישקייט — רות׳עניו — געזאָגט?

און ווי איצטער פון אַט אַ דעם לאַנדאַנער בריוו,
האָט דעמאָלט פון קעפּעלע, וואָס כ׳האָב געגלעט,
אַ שפּרונג געטון אויף מיר, ווי אַ ווילדע קאַץ,
דער משוגע־לאַכעדיקער מלחמה-שד.

און ווי דעמאָלט אין מיין וואַרשעווער בוידעם־שטוב,
לויף איך היינט אין מאַנטרעאָלער פון וואַנט צו וואַנט,
און ווי דעמאָלט מיט אַ פראַגע: פאַרוואָס, אָ, פאַרוואָס?!
שטרעק איך אויס צום סופית מיין צעפרעגטע האַנט.

און ווי דעמאָלט איז דער טאָג היינט אַ זומער־טאָג,
און דיביימער זענען גרין און דער הימל איז בלוי,
און ווי דעמאָלט נישט געענטפערט דעם דערשראָקענעם קינד,
האָב איך היינט נישט וואָס צו ענטפערן דער דערשראָקענער פרוי.

דעמאָלט האָב איך אין די אָרעמס געשלאָסן מיין קינד,
און געוויגט זי מיט אַ ליד, ביז אַנטשלאָפן ז׳איז טיף,
און היינט לויף איך אַרום אין מיין שטוב, וואָס איז בוך,
פון טאָוול ביז טאָוול — און איך וויג אַ בריוו.

און איך זינג, ווי דעמאָלט, כאָטש איך ווייס, אַז פון דאַן
איז וואַרשע, מיין וואַרשע, באַרג אַש און טייך בלוט,
און איך לויף און איך זינג: נישט גוט, אוי נישט גוט,
אוי, ווער איז עס, וואָס אַלע די בייזקייטן טוט?

ווער איז עס און ווער גיט אים די שד׳ישע רעכט,
זיך אַריינצורייסן צווישן פאָטער און קינד,

און אין שטובן וואַרפן פאַקלען פון בראַנד און פון מאָרד,
און אויף בליענדיקע פעלדער שיקן פייערווינד?!

אזוי האָב איך געוויגט די זכרונות אין געמיט,
און געוויגט דעם טייערן בריוו אויף די הענט,
ביז די זון פון פאַרנאַכט איז מיט פייער־ציין
באַפאַלן דעם בריוו און אים פאַרצוקט און פאַרברענט.

★

אונטער דעם עץ האמת

דעם שאָטן פון רויך
פון מיין פאַרברענטער מאַמען
אויפן הימל איבער בעלזשעץ
אין צענטן יאָרצייט.

די שאָטנס קומען — און וועלן קומען ערשט און קומען —
פון די איטשע־מאירס פון די זעקס מיליאָנען,
זיי וועלן אזוי קומען, אייביק קומען, אייביק שטומען,
און שטומערהייט מאָנען, מאָנען.

זיי וועלן אזוי מאָנען ביי אַלע וועלטן,
און ביי אַלע וועלטנס צייטן,
און וועלן אַלע יידן, און אויך אַלע גוים,
נעכטן, היינט און מאָרגן און אייביק באַגלייטן.

זיי וועלן קומען אין גרוי־גרויסע מאַסן,
און ווי שאַרפע ליכטער, ווי העלע יחידים,
זייער שטומענס צו טאַנצן אויף אונדזערע שמחות,
זייער שטילעניש צו טומלען אויף אונדזערע ירידים.

און זיצן אויף די ראַנדן פון אונדזערע מיטאָג־טישן,
אויף די פולע לעפל קוקן און שטוינען,
ווייל זיצן אויף שטולן, ווי מיר אַלע, וועלן זיי זיך
אין דער אייביקייט מער שוין נישט צוגעוווינען.

טיף אין אונדזער גאָרגל וועלן ציינערנע בליקן
באַגלייטן דעם ביסן, וואָס מיר צעבייסן,

און שפּעטער מיט הענט דינע זשאַווער-דראָטן,
וועלן זיי דעם ביסן פון אונדזער גאָרגל רייסן.

— וואָס מאָנט איר, וואָס מאָנט איר, פאַרברענטע מיליאָנען?!
וואָס ווילסטו, שרה־רבקה, און דו, איטשע־מאיר?!
— נאָר קרישקעס פון דיין טיש, נאָר שאָלעכץ פון דיין בולבע,
חלילה, נישט קיין ברויט — ווייל אַ ברויט קאָסט אַ טויט אין פּייער!

און צו אונדזערע בעטן קומען זיי, וועלן קומען,
נאָר זיך לייגן, ווי געקאָסעט גראָז, אויף די דילן.
— קומט, ברידער, אין בעט אַריין, איז אין בעט דען נישט בעסער?
— אַ דאַנק! מיר ווייסן בעסער אַליין, וואָס מיר ווילן.

און אַזוי וועט אויך זיין ביי מסיבות מיט חברים:
— זאָג, ברודער, אַ געדאַנק, וואַרף אַ וואָרט אַריין אין מיטן!
— וואָס האָב איך דען צו זאָגן? און האָסטו וואָס צו זאָגן —
כאָטש דו זאָגסט — — און אַש וועט פון ווענט זיך און ווערטער נעמען שיטן.

און אַזוי זומערלעב אויף דאַטשע. דו וועסט אַ בוך מיט לידער
אַרויסנעמען פון אַלמער און זיך רוען אונטער צווייגן:
— קום, זעץ דיך אויף דער וויגשטול, ביזט דאָך מיד פון אַרומשטיין!
— חלילה! — — און ער שמייכלט און עס גליווערן די בלעטער פון זיין שווייגן.

און אַזוי ביים מידן לייענען די צייטונג פאַרן שלאָפן:
— קוק, ברודער, אַריין, ווייס אויך פון אונדזער וויסן!
— אפשר יאָ, נאָר צוריקגעשמועסט, איז דען דאָ וואָס צו וויסן?
און די צייטונג וועט זיין פלוצלונג אויף ברעקעלעך צעריסן.

און אַזוי ביז דיין טויט. ס׳איז שוין טאַקע נאָך דיין טהרה,
און דו ליגסט שוין תכריכים־געהילט, לעצט-געוואַשן.
דעמאָלט וועט ער אויפשטיין, וועט באַווערטערן זיין שווייגן,
באַהויטיקן זיין געביין, אָפּשטויבן זיינע אַשן.

און קלאָר וועט ער רעדן, מעסער־שאַרף, דייטלעך:
— איך גיי מיך איצט, ברודער, אין דיין קבר לייגן,
ווייל ליגן אין אַ קבר — מיט אַ תפילה־ניגון זאָגט ער —
איז אַ גרויסע, איז אַ ליכטיקע גן-עדן מדרגה!

און ער גייט אויף דיין לויה. נאָר דריי שריט ביז׳ן קבר
טוט ער, ווי אַ יאַשטשער, אויף אַלע פיר, דערקריכן.

און ער וועט, ווי אַ יאַשטשער זיך לאַשטשענדיק, ארונטער
צו וואַרעמען דיין מת־לייב אונטער דיינע תכריכים.

און אַז מען וועט דיך פאַרשיטן, וועט מען הערן זיין לאַכן:
— איי וויל! סוף־סוף מיט דיר פאַראייניקט און פאַרשאָטן!
אָט אזוי, אָט אזוי, נישט נאָר דיינע ביינער,
נאָר דיין נשמה איז מיט מיינער אַצינדערט פאַרקנאָטן!

און איצט וועסטו שוין האָבן די געדולד פון די געדולדן,
און די צייט פון צייטן — אַ ברודער אויסצוהערן,
און סוף כל סוף וועט דאָך דער גאַנצער אמת
אַריין אין דיר, ברודער, פאַרשטאַנען צו ווערן!

און טאָן וועט ער איצט מיט דער רואיקייט פון רואיקייטן,
/דו ביזט אין זיינע הענט און נישטאָ זיך וואָס צו איילן/
ער וועט פּאַוואָלעטשקע איצט מיט אַ שערבעלע צעשניידן
די אייביקייט אויף זעקס מיליאָנען טיילן.

און יעדער טיילעכל איז אַ לענג פון אַ לעבן,
און ער וועט פּאַוואָלעטשקע אין יעדן פון די טיילן,
דאָס לעבן און דעם טויט פון יעדן איטשע־מאיר
און יעדער שרה-רבקה פּאדראָבנע דערציילן.

אָט אזוי איז זיין דרך זיך און זיי אויסצולייזן,
ער איז איינער פאַר אַלע — אַלע זעקס מיליאָנען,
און ער וויל דאָך נאָר דערציילן — וויל ער עפּעס מערער?
ס'איז אַ בלבול אויף אים, אַז ער וויל עפּעס מאָנען.

— איז פאַרוואָזשע האָסטו, ברודער, אזוי לאַנג שוין געוואַרט דען?
און אויפן עולם השקר אזוי לאַנג דאָרט געשוויגן?
— ווייל, ברודער, צו באַנעמען אָט די אַלע זאַכן,
מוז מען צוזאַמען אין איין קבר ליגן.

— און אַז מען ליגט שוין צוזאַמען אין איין קבר,
און איין מת וועט דעם צווייטן אינגאַנצן אויסהערן,
וועט דאָרט אויבן כאָטש אַ יחיד, אָדער כאָטש אַן אבר
פון איינעם, אַ יחיד, געהאָלפן ווערן?

און כאָטש ער איז נישט גליטשיק שוין מער ווי אַ יאַשטשער,
האָט ער גענומען מיט דריבנע יאַשטשערקעס לאַכן:

— דאָרט אויבן, ברודער, דו ווייסט עס דאָך בעסער,
וואָס דאָרט קומט ארויס פון מענטשן־איבערמאַכן!

* * *

און איצט, ליבע לייענערס, שרה־רבקה, איטשע־מאיר
פון די עלף מיליאָנען, וואָס לעבן געבליבן,
איר שאָקלט מיט די קעפּ און איר וווּנדערט אייך זייער,
למאי איך האָב דאָס אויסטערלישע ליד געשריבן?

וואָס זאָל איך אייך דאָ דערציילן, און לייקענען וואָס זאָל איך?
אַז איך הויב עס — אסור — אַליין נישט אָן צו וויסן.
אפשר — ווייל ביי זיי סמאַליען אַלץ נאָך די גופים,
און ביי אונדז גענומען סמאַליען האָבן שטאַרק די געוויסן.

און איך קען אייך גאָרנישט טרייסטן, איך קען אייך נאָר גרייטן,
אויב עס אָנט אייך נישט, ר'האָט עס נאָך נישט באַגריפן,
אַז חיבוט-הקבר איז אַ שפּיל אין קליינִיקייטן
אַנטקעגן דעם, וואָס אונדז וואַרט אין אונדזער קברס טיפן.

נאָר אזוי ווי אַלץ אויף דער וועלט איז אַ דמיון,
און איינס פונעם צווייטן נאָר אַ זרע און אַ רמז,
לאָמיר אַלע גלויבן, אַז אויף אונדזער אַלעמענס קבר
וועלן מיר אַלע אויפבליען ווי דער עץ האמת.

און יעדער פון אונדז וועט נייגעבוירן פלאַטערן,
און אין דער זון ווידער גאָלדיק גרינען,
ווייל דער גרעסטער אַש־בלוטיקער אומזין האָט גאָר ערגעץ,
כאָטש דעם אומפאַרשטענדלעכסטן, דאָך דעם גרעסטן זינען.

דאָס איז אַלץ, ליבע לייענערס, איטשע־מאירס, שרה־רבקהס,
מיט וואָס איך קען און וויל אייך, ברידער-שוועסטער טרייסטן,
דאָס איז אַלץ, איר בלעטעלעך פון מיליאָנען בלעטלעך,
פון יענעם עץ האמת, יענעם אויסגעלייזטן

בוים פון משיחס־צייטן.

1946 — 1953

אַ ליד לית ברירה, אַ גרינג ליד פון אַ פּוילישן ייד — אויף אַ שיף קיין ארץ ישראל

ליגן זיי זיך, ליגן בנעימות אויף בית עולמלעך פאַרוואַקסענע די זיידעס מיינע,
און ס'איז גרינג זיי לעצטנס, אַ מחיה גרינג געוואָרן ס'ליגן אין דער ערד,
ווייל ס'האָט אויסברוקירט ימח שמו די וועגן פוילישע מיט זייערע מצבהלעך;
ליינען איצט די שטערן די נוסחאות אין די נעכט, און בייטאָג די פויערישע,
[קליינע פערד.

נאָר נאָך גרינגער ווי די זיידעס איז דעם טאַטן מיינעם אויף בית עולמל אין
[שטעטל רעדים,
מחמת אים האָט מען שוין קיינמאָל קיין מצבה אויף דעם קבר זיינעם נישט
[געשטעלט,
ר'איז אַ שטאַרקער רודף שלום־ייד געוועזן, און דעריבער איז צוויי וואָכן ער
[פאַר גרויסער זאָווערוכע
אָפּגעשטאָרבן פונעם עמק יאָמער, פונעם טאָל הבכא, וואָס מען רופט,
[אומשטיינסגעזאָגט, אים: וועלט.

ליגט ער זיך, נאַפּאַלעאָן ממש, קיינער טשעפּעט נישט זיין דאָרן־באַבליטן
[קבר אָן אַ סימן,
פייגל זינגען אים אין קוסטעס, פאַסטוכער פון ווייטן פייפן, און ס'פאַרבלאָנקעט
[זיך אַמאָל אַ מו
פון אַ בענקענדיקער, אַ געוועז'נער יידן־קו, וואָס געקומען איז אויף קבר־אבות
[פון די אַלטע
באַלעבאַטים, און זי זאָגט דאָ אָפּ מיט שטילע זיפצן און אויף לשון־מו אַ קדיש
[פון אַ קו.

נאָר הערט איר, קינדערלעך, איז גאָר שוין גרינג דער מאַמען מיינער, אַלטינ־
[קער און הייליקער,
קיין מצבה דאַרף זי גאָר אינגאַנצן נישט, ווייל זי האָט דאָך נישט קיין
[קבר אויך. —
פלאַטערט פויגל־גרינג זי מיט אַסך, אַסך נשמות פון איר ס'גאַל אַרום דער
[בעלזשעץ־קרעמאַטאָריע,
איר גוף איז זיך אַ מעסטל אַש, און איר נשמה איז אין בלויען הימל זיך —
[אַ בלעזל רויך.

גאָר שבגרינג־ צום גרינגסטן איז דעם אייניקל פון יענע דורות אַלע,
[שרייבער פון די שורות,

אור־אור־אייניקל פון טויזנט פוילן-יאָר, מעזינעק פון דעם לעצטן-שבלעצטן
[פוילן-יידן-דור.
ער האָט נאָכגעטון אַ גרויסן זינגער; האָט אַ שיף געדונגען, און צום קאַפּיטאַן
[אזוי געזונגען:
פיר, קצין, מיך קיין ירושלים, ווו איך בין שוין נישט געווען אַ קימא לן
[צווייטויזנט יאָר.

יאָ, ער האָט אַ שיף געדונגען, דער לידלער פון אָט דעם פאַרשייטן ליד, ווי
[דען אַנדערש?
אַז רינג איז ער אין גורלס קייט, און שליסן האָט זיך איינמאָל דאָך געמוזט
[דאָס גורל־ראָד. —
עס איז אמת, אמת טאַקע, אַז כביכול צוגעזאָגט האָט טעג גאָר אַנדערע אין
[די משיחס צייטן;
אָבער גיי, האָב אַ דין תורה מיט דעם ווינט פון אַלע ווינטן, וואָס זיין נאָמען
[איז דאָך גאָט.

שטייט דער פּייטן פון דעם פּיוט אויף דעם דעק, און קוקט זיך צו צום שטיפן
[פון די כוואַליעס,
הערט זיך צו צום שריי פון וואָגל־גייסטער פון זיין דור אין ווילדן שוימען
[פון דער שרויב,
וואָס רודערט מיט דער שיף. ער הערט, נאָר וויל נישט הערן, ווייל ער זעט
[אין הימל די זיגזאַקן
ליכטיקע פון ווייסער, שטראַלנדיקער, הימלען-ווירענדיקער בשורות של
[משיח־טויב.

און ער דאַרף זי גאָר נישט פרעגן, יענע טויב, אויף מיין פון הימל־ווירעס
[און צירופים,
ווייל אברים רמ״ח און גידין די שס״ה, יעדערער באַזונדער, און אויך זיין
[גאַנצער נפש זינגט
סאַי ווי דאָס ליד! וואָס דאַרף ער פרעגן? אַלעסדינג אין אים איז איצטער
[ענפער, ענפער, ענפער!
יעדע קשיא — וואָלקנדל אין הימל, יעדע בעיה תשבי־אליהודיק פאַרענפערט
איז געוואָרן גרינג.

1950



צוויי יידישע ברידער

מיט ליבע און אַ גרעניץ
פאַר מיין ברודער, דעם פּראָזאַאיקער הערץ בערגנער

אין אַן אָוונט, אין אַ מיטוואָך איינעם, אין קאַנאַדעס מעטראָפּאָלע מאָנטרעאָל,
זענען ברידער צוויי געשטאַנען, יידן צוויי פאַרלוירענע אין טומל פון וואָקזאַל.

טיף אין אומעט איינגעטונקען, אויג אין אויג פאַרזונקען, האָבן זיי
[געשוויגן שווער :

אײנעמס אויג איז פײכט געװאָרן; האָבן ליכטער פון װאָקזאַל אַ בליץ געטון אין טרער.

בײדע זענען שרײבער ײדישע, זײ האָבן מעשה-ביכער, שירים־ביכער אײנזאַמע פאַרפאַסט;
איז צום אַלטן ברודער — מיטליעריקער געקומען נאָך דעם דריטן חורבן ײדישן צו גאַסט.

און ער פאָרט שוין איצט צוריק, עק־װעלט צוריק, װו ער האָט זיין הײם געבױט;
און ער קוקט זיין אַלטן ברודער אָן, און ער זעט װי הינטער אים געדולדיק שטײט דער טויט.

ערגעץ אין אַ װײטער אורװעלט, פאַר איין גרויזאַמען און נאָך אַ גרויזאַמערן קריג,
איז געשטאַנען אין אַ שטעטל ,אַ גאַליציש־ײדישן, אײנעמס און דעם אַנדערנס װיג.

אויך אַ דריטער ברודער איז געװען, האָט ער דערפילט, אַז נאָך איז נישט זיין דור,
האָט ער אָפגעזעגנט זיך, און הינטער זיך פאַרקלאַפּט דעם לעבנס טיר צו אַכט און צװאַנציק יאָר.

און די מאַמע פון די דרײ — ערגעץ ציטערט נאָך אַ בת-קול פון די חבלי־לידה צװישן װענט;
ערגעץ שטומט איר אַש אין בעלזשעץ, װו מען האָט די מאַמע פון די דרײ פאַרברענט.

לויפן טומלערס טויזנטער פאַרבײ אין דעם װאָקזאַל פון גלאָז און שטײן און שטאָל;
קײנער אַנט פון זײ אפילו נישט, אַז ברידער צװײ דאָ זעען זיך, װער װײסט, צום לעצטן מאָל.

פאַלן די מינוטן, װי די שטײנער פון אַ באַרג אין תהום פון צײט, װאָס אָן אַ דנאָ;
ברידער זעען װי עס קרישלט זיך און איז שוין באַלד נישטאָ די לעצטע שותפות־שעה.

ערגעץ האָט אַ הילכער עפּעס הויך גערופן און אַ זײגער האָט געטון אַ שאַרפן קלונג,
האָט דער עלטערער זיין מויל געעפנט; נאָר צום גומען צוגעקלעפּט געבליבן איז זיין צונג.

האָט דער ייִנגערער דערזען, ווי ווייזערס פון אַ זייגער קומען נענטער צו און צו—
און צעפּאַלן ווידער זיך — און האָט געשעפּטשעט פאַר זיך איין וואָרט: דו —

האָט דער עלטערער מיט ווערטער פּלוצלונגדיק געפונענע דעם טרויער
[אויסגעלייזט:

— וועלן ווידער זיך צוזאַמענקומען אין אַ שעה... האָט ער געשמייכלט און
[געטרייסט.

טרייסטנדיקע רייד געערדט און טיף אין האַרצן שאַרף געפילט די איבעריקייט
פון יעדן וואָרט אַצינד, און פון אַלע וועלטנס, אַלע צייטנס רייד.

עמיץ האָט אַ רוף געטון, אַ לעצטער קלאַמער האָט צוויי ברידער
[האַרץ־צו־האַרץ פאַראייניקט.

פּראַלט אַ טיר פון אייזן אויף, ווי פון אַ תּפיסה, האָבן מענער צוויי ווי קינדער
[זיך צעוויינט.

ייִנגערער, ווי שטורעם, איז גיך געלאָפן צו אַ צוג, עלטערער, געבליבן איז
[צו שטיינער צוגעשמידט.

ביידע האָבן זיי געהערט אַצינד אַ וויגן־ליד — — און ס'איז געווען דאָס
[זעלבע ליד,

וואָס זיי'ר מאַמע, ווען מען האָט צום שייטער זי געפירט, געזונגען האָט, צו
[אירע זין פאַרבענקט.

כוואַליע אייזן האָט אַ ברום געטון און כוואַליע מענטש האָט זיך אַ וויג געטון
[און אַלץ אַוועקגעשווענקט.

1951

★

אַ שיר פון קינה און נחמה

אויפן נפטר ווערן פון מאַני לייב, דוד איגנאַטאָוו, י. י. סיגאַל

חברים שטאַרבן —
איינער נאָך דעם אַנדערן;
די אויגן ברענען ווי די שטיינער אין דער מדבר,
און ווי אַ שטומער גולם דרייט אין מויל זיך אום די צונג.

חברים שטאַרבן —
נעמען זיך אָן, ווי קינדער, ביי די הענט
און אין פּאָרן
וואַנדערן זיי אַוועק, אַוועק מיט זייערע נישט אויסגעלעבטע יאָרן.

זי רייסט זיך און צעפּאַלט אין שטיקער,
די גאָלדענע קייט. — זי גייט אַוועק אין דער אייביקייט...
זאָגט איינער סודותדיק און שטילערהייט. —
אָבער קיינער ווייסט נישט, וואָס דאָס איז.

און אפילו פון די שטיקער פון דער קייט—
אַ רינג נאָך אַ רינג, אַ קאָפּ נאָך אַ קאָפּ, רייסט זיך אָפּ,
טוט אַ שטומען, אַ קלאַנגלאָזן פאַל
און קוילערט זיך אַוועק, אַ נישט פאַרזינדיקטער, אין כף הקלע.

חברים שטאַרבן —
און די, וואָס בלייבן נאָך איבער
רעדן ווייניק וועגן דעם איינער מיט דעם אַנדערן,
און נאָר די שטומע בליקן, פרעגנדיקע וואַנדערן, וואנדערן —

און אין די אינגעווײדן איז אַ טענה און אַ ביטערן,
מען פילט זיך ווי שאָף נישט־דערקוילעטע,
וואָס שטייען אויף די גרינע גראָזן פון אַ שעכטהויז־הויף,
און די ווייסע קעפּ, ווי די ווייסע לעמער־פעלן, ציטערן.

חברים שטאַרבן —
אַ דור פון בעלי חזיון, אַ דור פון גייער, פון גלויבער פון דיכטער,
די נאַכט איז לאַנג שוין געפאַלן,
זי גליווערט, פינצטערט, און עס דאַכט זיך, אַז זי ווערט אַלץ געדיכטער,
[געדיכטער.

און פּלוצלונג —
נעמט עס בליצן פון אַלע זייטן מיט דימענטענע שטראַלן,
ליכטער פון יענער וועלט, דער וועלט פון אַלע ליכטער;
עס ברעכט זיך די נאַכט, עס הויבן אָן צו גליען זוימען פון הייזער אוןביימער.

און די דינע ליכט-פּאַסן וואַקסן פון שעה צו שעה, ווי ס׳וואַקסט דער מולד,
ווערן ליכטיקער און ליכטיקער אויף אַלע פּנימער און זאַכנס זוימען.
ווידערקלאַנג פון ווייטע שופרות שאַלן, תחית המתים
שטייען אויף געשטאַלטן און זאַכן און אמתן און טרוימען.

און פון מזרח, מערב, צפון און דרום,
וו עס זענען זיך אָט דאָ נישט לאַנג, אין אַלע פיר דרכים

די לידער פון מײַנע לידער

פון דער וועלט צעגאַנגען אונטער ערד די שטאַרבנדיקע חברים,
פליט זיך צונויף אַ כאָר פון מלאכים —

דער כאָר פון גאָטס אייביקע טרוימער.

1954

★

דיאַלאָג אין אַ יידישער דיכטער־שטוב אין אַמעריקע

— איז ווערזשע וועט זינגען דײַנע שיינע לידער,
טאַטע מײַנער, טאַטע, וועט זיי זינגען דער ווינד?
— קען זײַן, אַז דער ווינד, נאָר דער ווינד איז אייביק,
ווי מײַנע לידער — דו מײַן אייביק קינד.

— און ווער וועט אויסהערן דײַנע וווּנדערלעכע מעשיות,
וואָס אַז מען האָט זיי נאָר איינמאָל געהערט,
וויל מען שוין אייביק — דו מײַן טרויער, מײַן פאָטער —
אפשר די וואָלקנס פון הימל, די גראָז פון דער ערד?

— קען זײַן, אַז די וואָלקנס, די ווייסע, די גראָז — די גרינע,
און אויך דער פאַסטוך פון די וואָלקנס — דער ווינד,
און אויך דו וועסט קומען, וועסט קומען, אוודאי,
ווי אייביק ס׳קומען ווידער די וואָלקנס — מײַן קינד.

— און ווער וועט פאַרזינקען אין דײַנע געדאַנקען,
וואָס אין נעכט אַזויפיל האָסטו זיי דערטראַכט?
— נעכט און שטערן וועלן זיך פאַרטיפן אין מײַנע געדאַנקען —
און קינדער, ווי דו, אין יעדער אַזאַ נאַכט.

און ווײַטער צו זײַן קינד האָט גערעדט דער פאָטער,
און אַ יענע־וועלט־ליכט האָט פון אים געשײַנט:
— עס איז אמת, אַז עס וועט נישט מײַנע לידער זינגען
און מײַנע מעשיות הערן דער דאָזיקער הײַנט,

ווײַל דער הײַנט איז אַ מדבר און זײַן הײַנט איז אַ פעלדזן.
קען אַ שטיין הערן לידער? אַ שטיין איז דאָך טויב,
און אין מײַנע איינזאַמע קול דממה דקה־לידער
יעדעס איינציקע אות איז אַ ליד פון לויב.

נייע לידער

און דעריבער — קינד מיינס — זאָרג נישט פאַר דיין פּאַטער,
זיינע לידער, זיינע מעשיות — דו מיין וואונדערלעך קינד,
אים איז גוט סאַי ווי סאַי מיט די וואָלקנס, מיט די גראָזן,
מיט דעם רייטוואָגן צו דער אייביקייט — דעם ווינד.

עס איז אַלעמאָל אזוי — מיין יידיש קינד — געווען,
יידיש ליד האָט קיינמאָל צום דאָ און היינט קיין גליק —
פון דעם מאָרגן זינגט עס און אין מאָרגן לעבט עס,
און אין היינט איז עס דמיון און פּאַפּירענע בריק.

און וואונדערלעך איז, וואָס אויך דו טאַקע, קינד מיינס,
וואָס דו זאָרגסט זיך אזוי היינט אין מיין מאָרגן אַריין,
טאַקע דו וועסט אויך מיינע לידער זינגען,
ווען דו וועסט אין יענעם גרויסן מאָרגן זיין.

און — חלילה — וועסט אַליין נישט זיין אין יענעם מאָרגן,
וועט זיין דיין קינד, צי דאָס קינד פון דיין קינד — —
און דערפאַר זיך איך רואיק דערווייל אין דער מדבר,
און איך חבר מיך מיט די וואָלקנס—און זייער פּאַסטוך, דעם ווינד.

1953

פ ר ץ

טורעם פון שלאָס, אין ערד־ציטער צעפאַלן —
פון חורבות־פאַרשאָטנקייט גראָב׳ מיר דיך אויס,
צו הייכן דיך ווידער, דאָרט ווו דו באַלאַנגסט!

פאָן פון אַ חייל, פאַרקוילטן פון פיינט טויזנטפאַכן,
מיר הויבן דיך ווידער צום הימל ארויף,
פלאַטער צו וועלט-קאַמפן נייע, פלאַטער נצחון אונדז צו!

מאַסט פון אַ שיף, געזונקען אין שטורעם פון שטורעמס,
שווים ווידער פון כוואַליעס אַרויס און ארויף,
זיי ווידער פון וועלט־שיף דער שפיץ און דער תוך!

ניגון, דערוואָרגן אין שטראָמען יללה,
כאַפּ אויף זיך, צינד אָן זיך אין יעדערנס האַרץ,
און קנויט זיי אין ליכט פון דעם ליד פון דיין פאָלק!

קלינגוואָרט דו, פונק־וואָרט אין אַשן פון יאוש,
ברען אויף און צעוויג זיך, זיי פייער־רוף, שטורם-גלאָק,
פלאַקער און קלינג אונדז און וועק אונדז און פיר!

כותל מזרחי פון דריטן בית המקדש,
געמויערט פון פעלדזן פון אייביקע ווערק,
זאַפּ איין אַלע טרערן און אָטעם אויס טרייסט!

רינג לעצטער, רינג ערשטער פון קייט פון דער גאָלדנער,
גורט אָן אונדז! צום נעכטן באַלאַנגט שוין דער איין שריט צוריק—
מיר זענען אינמיטן פון צוויי שריט פאָראויס!

לייבוש בן רבקה פון זאַמאָשץ, יאל פרץ, וואָרט־נשיא פון וואַרשע,
מיר דאַרפן דיך, ווילן דיך, רופן ביים ברעג פון אַ תהום,
דיך און נאָר דיך, ווייל נאָך דיר איז — לא קם!

1952

זוכצעטל

אויף דער שוועל . . .

זייט

17 פּיעטאַ
17 טריט אין שניי
18 מיינע לאַכנדיקע אויגן
18 מיין האַרץ איז אין מיין לעבן
19 צו א. מ. פ.
19 איך האָב אייך אַלע ליב
20 דיכטער מיר

אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט

23 תּפילה פון אַ נייַנצניעריקן
23 איין טאָג אָן דיר
23 ליד
24 אַ נאַכט ביי אַ פענצטער אין ווין
24 אינערלעכע שטימען
25 בלוט
26 גלויבן און ליבע
26 שופטים ח׳ — יח — כא
28 מוטער
28 טעאָדאָר הערצל

רואינענגראָז

33 שער פון שיר
33 אויפזינגט דער גייסט
34 אַלוועלט־ליד
35 פאַרברידערונג
36 איסיים
37 דאָס ליד פון ווערן
38 שטומע איינוויליקונג
38 שטומע הסכּמה
39 אָ, ווו זאָל איך גיין...
40 נאָר זעלטן, זעלטן און נאָר פאַרנאַכט
40 פון די: לידער פון די קנעכט

זייט

41 די קאַלירן פון דער שנאה
42 קצבים, שוחטים און אַ מאַדאַנע /אילוסטרירט/
46 איוואַן

ספּינאָזאַ

51 1632, 24/11 — 1677, 22/2
51 ליד פון זיין יוגנט
53 דער חרם
54 די ווערטער פון חרם /אילוסטרירט/
56 ריינסבורג
57 וויזיע
59 דער טויט
60 וויזיע פון זיין לעצטן טאָג
61 טעאָלאָגיש פּאָליטישער טראַקטאַט
62 די בריוו
63 די געאָמעטרישע פאָרם פון דער עטיק
65 די איינטיילונג פון דער עטיק
66 די עטיק — ערשטער טייל
67 ספּינאָזאַ און דו
68 פאַרצווייפלונג און פאַל
69 הונדערטער יאָרן, אויטאָ-דאַ־פעען —
70 רו
71 אין ליכט
72 קאַטעגאָריש ליד
73 באַשערט איז מיר אפשר

פרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן

77 דער אדם און זיין יאַהווע
77 דעם אמדס מאַמע
78 דער מאַמעס טויט און אדמס ליבע
79 דער אדם און זיין שכן /אילוסטרירט/
81 דעם אדמס געבעט
82 דעם אדמס טויט
83 וואַסערשלאַנגען

זייט

84 וואַלד ברענט
85 שטאַרבנדיקער הערש /אילוסטרירט/

נאַקעטע לידער

89 וואָס איז דער דיכטער?
91 שטיל רויזנליד
92 דאָס לעצטע ליבעסליד
93 קינד /אילוסטרירט/
94 טרערן
96 אַקעגנאיבער פון מיין פענצטער
97 איך האָב געזען אַ פרוי /אילוסטרירט/
98 ווען שוואַנגערע פרויען וויינען ביינאַכט
99 די פאַרשטויסענע צו די אָרעמע
100 פראָלאָג צום וועגעטאַרישן עוואַנגעליום
101 פערד /אילוסטרירט/
103 טויטע קינדער
104 די משפחה ראַוויטש
106 שוין פראַוועט דער לעצטער וואָרעם זיין סעודה
107 דער עגאָצענטריקער
108 געוויסן
109 חלף
110 מאַניפעסט צו די גראַפאָמאַנען
111 דאָס איינזאַמע ליד פון מיין לעבן
112 איראָנישער אָפּנויג, אָדער טאָלסטאָישע אידיליע
113 אַ חשבון פון אַ 25־יעריקן
114 יידיש!
114 דער לעסטערער פייפט זיך אַ ליד
115 אַ רעוואָלוציאָנער דאַוונט צו דער וועלט
116 די אידעאַליסטן
118 לעצטע נאַכט אין די קאַזאַרמעס
119 דער פרייהייט געניוס
120 פאָלקס־פירער — —
122 — — און דאָס פאָלק
124 וואַסער־טרינק־ליד

זייט

125 געזאַנג וועגן תיקון
126 מאַמע ערד

די פיר זייטן פון מיין וועלט

133 פראַגמענטן פון: געזאַנג צום מענטשלעכן גוף — פראָלאָג און אַנהויב
135 געזאַנג צום מענטשלעכן גוף — פינאַל
137 פיוטים צו דער זון /אילוסטרירט/
150 פראַגמענטן פון: געזאַנג פון האַס און ליבע צום יידישן פאָלק
159 משפט איבערן טויט — דער אַנהויב
162 משפט איבערן טויט — פינאַל

בלוט אויף דער פאַן

167 עלפטער עטאַפ /אילוסטרירט/

קאָנטינענטן און אָקעאַנען

183 טראָפּישער קאַשמאַר אין סינגאַפּור /צוויי אילוסטראַציעס/
187 לאָרד ליטאַן פון גענף און דער קולי מעי וואַן פו
190 כונכוזן־ליד אויף די וואַסערן פון יאַנג־טסע טייך /אילוסטרירט/
193 האַ-נעי־וואַן און ליי־קוואַן־יו
197 בודאַ קויפט זיך אַ זונה פון אַ סאמפּאַן
201 טראַנס־קאַנאַדע
203 אין דער ניו יאָרקער פּרייהייטס־סטאַטוע
205 אַ שאָטן פון אַ וויזיע פון אַ ליד פון ניו יאָרק
209 אַ יידן־ליד אויף דער עמפּאיר-סטעיט /אילוסטרירט/
214 דזשים און דזשין /אילוסטרירט/
219 וועגן שוואַרצער ליבע, שוואַרצן טויט און גאָלדענעם גאָלד
223 שוואַרץ־ווייס־רויטע באַלאַדע /אילוסטרירט/
226 גיטעלע /אילוסטרירט/
230 ווינטער-באַלאַדע אין לענין־מאַוזאָלעאום
235 פרילינג איבער אייראָפּע — 1937
237 אַבאָרידזשין
240 דער בת יחידהס נדן
245 פאַר יידישע פּאָעטן — אַ פאַרטאָג־תפילה אויפן ים
249 דעם סטאַלאַרס טאָכטער

זייט

252 באַלאַדע וועגן דער מוטער פון נומער 1603
258 און גיב אונדז אונדזער טעגלעכע . . . צייטונג
262 אַ ליד וועגן אַ בלינדן רייטער /אילוסטרירט/
265 זיבן־קי־באַלאַדע
268 געזאַנג אויף ימים צו מאַמע לשון
270 וועלטפאָלק: יידן
274 בערלינער קדיש 1934
276 אַ יידישער דיכטער פון פוילן
277 ביי די וואַסערן פון דער ווייסל /אילוסטרירט/
279 רעדים, מיין שטעטעלע
280 אויף קבר אבות איבער דער וועלט /אילוסטרירט/
284 דער מאַן פון דרייסיק יאָר
287 מיין טאָכטער פון זעכצן יאָר
289 דער מאַן פון פערציק יאָר
293 אַ ליד וועגן אַ דריטן
293 אַ ליד אָן ליבע
294 אַ דאַנק-בריוו אינמיטן ים

לידער און באַלאַדן פון די לעצטע דריי־פיר יאָר

299 אַ די, וואָס ווערטער האָסט —
301 פּראָסטע רייד מיט גאָט אין ניו־יאָרק
307 אויף דעם טאָטנס טויט /אילוסטרירט/
311 ציניִשע פילאָזאָפיע /אילוסטרירט/
313 מינימום פּראָגראַם
315 דער פּאָעט אויפן טויטן־בעט
319 די וועלט אין שפּיגל פון אַ טראָפּן בלוט
321 היינט האָבן די נאַצי־חילות
323 איך האָב געוואָלט אַ געשריי טון
324 אַ ליד פון וואַרשעווער יידן
326 אַ וויג-ליד פאַר אַמעריקאַנער יידישע קינדער
328 סימע־לאַה די טאָכטער פון באַראָן /אילוסטרירט/
343 די באַלאַדע פון דעם זונס צוריקקער

67 לידער פון די לעצטע פינף־זעקס יאָר

זייט

355 והיה באחרית הימים
358 אַ געדענק־ליד נאָך י. י. זינגער
359 תפילהביים בלוט-געבן
360 די לעצטע פראַגע
364 אַכטער מאַי — פערצנטער אויגוסט 1945
366 און ווער ביסטו — —
367 אַ ליד וועגן שטערן, גאָטס פנים זען — און זיין שטים דערהערן /אילוסטרירט/
370 נאַקעטע תפילה אויף אַ נביא
372 היטלער שרייט אויפן ראַדיאָ — —
374 אַ זיפץ
375 די דריטע עקזיסטענץ
376 וואָס ווילסטו דען נאָך?
377 נישטאָ קיין שטאַרבן
378 איך האָב מיר געקויפט אַ קליינעם בלומענטאָפּ /אילוסטרירט/
380 אַ שטילער קול קורא
381 עלעגיע אין 1944
383 דריי שורות אין דער פינצטער
384 אַ האַרבסט־לוויה אין מיטיאַטור
385 באַלאַדע וועגן דעם טויט פון אַכציק-יעריקן מאַן
386 אין מעמאַריאַם סטעפאַן צווייג
387 מעדיטירנדיק איבער מיין מעטריקע
389 אַ זעלבסט־קוש מיט אַ ליד
390 משה, אונדזער ברודער
392 דרייצן סטראָפן
394 מיין קדיש צום יאָרצייט פון מיין טאַטן
395 בריוו
396 אַ ליד — אַ זאַך מיט איין אַטריבוט: פלאַך
397 זיי ליגן אויפן טיש — מיינע לידער
399 באַלאַדע וועגן אַ דערפאַלגרייכן פאַגראַם־דיכטער
400 יידן אַלע — פליטים אַלע
401 אַ 1944 זומער־לעב־ליד פון אונדזער יידיש וועלט־פאָלק

די קרוינונג

זייט

407 פינאַל פון דער פּאָעמע, קאַפּיטל י״ג /אילוסטרירט/

נייע לידער און פּאָעמעס

417 טעג מיט דיר
417 אַ האָפּערדיק ליד
419 מחשבות וועגן קבר ישראל
420 אַ שעה אין דער ליכטיקער זון
422 אַ ליד וועגן מלחמות און אַ בריוו פון מיין טאַכטער
424 אונטער דעם עץ האמת
428 אַ ליד לית ברירה — פון אַ פּוילישן ייד
430 צוויי יידישע ברידער /אילוסטרירט/
432 אַ שיר פון קינה און נחמה
434 דיאַלאָג אין אַ יידישער דיכטער־שטוב אין אַמעריקע
436 פּרץ

דאנקווערטער

אַ האַרציקער יישר כוח:

דער פריינדין מאשא ראָסקעס, אַ ווילנערין מיט ווילנער טראַדיציע, פאַר דער איניציאַטיווע אַרויסצוגעבן אָט דאָס, לאַנג דורך דעם מחבר אויסגע־חלומטע, בוך. און אוודאי פאַר שטאַרקער מיטהילף ביי דער פאַרווירקלעכונג.

דער גאַנצער פאַרוואַלטונג פון דער יידישער פאָלקס ביבליאָטעק אין מאָנט־רעאָל פאַר איר נאָמינירן אַ בוך־קאָמיטעט און געבן אים רשות צו טון זיין אַרבעט אין איר נאָמען.

דער פאָרזיצערין פון בוך־קאָמיטעט, פריינדין גיטל גערשאָנאָוויטש, פאַר פּאַקטיש אָרגאַניזירן די גאַנצע אַרבעט; און דער פריינדין חיה ווייסמאַן, וואָס האָט איר שטאַרק צוגעהאָלפן.

דעם קאַסירער פון קאָמיטעט, פריינד לייזער צוקער, וועמען דאָס וועלטלעך־קולטורעלע יידישע מאָנטרעאָל האָט צו פאַרדאַנקען אַ גאַר גרויסן טייל פון זיין בליאונג.

דער פריינדין רבקה גראָסמאַן פאַר האַרציק־ענערגישער מיטאַרבעט ביי דער דורכפירונג פון דעם פּראָיעקט.

דער פריינדין שבע אָרטענבערג, מיטגליד פון קאָמיטעט, און דעם פריינד שלמה אַבראַמסאָן, אַ פריינד פון גוטע, אַמאָליקע, וואַרשעווער יאָרן.

אַ דאַנק דעם קאַנאַדישן יידישן קאָנגרעס פאַר זיין אָנזעעוודיקן ביישטייער פון ספּעציעלן פאָנד.

אַ דאַנק אַלע, אַלע, וואָס האָבן ביי געטראָגן — צוויי הונדערט איז זייער צאָל — און זיי וועט געדאַנקט ווערן אינדיווידועל אויף די עקזעמפּלאַרן פון דעם בוך, וואָס יעדער פון זיי וועט באַקומען.

אַ דאַנק דעם חבר זעצער, וואָס וויל בלייבן אַנאָנים, פאַר זיין איבערגעגעבנ־קייט און ליבשאַפט ביים דורכפירן די אַרבעט, אָן זיין ענערגיע וואָלט דאָס בוך בשום אופן נישט דערשינען צום טערמין.

און אחרון, אחרון — אַ דאַנק מיין זון יאָסל בערגנער פאַר אילוסטרירן דאָס בוך.

מ. ר.